STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10736

PROLETPEN

Alexander Pomerantz

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אלוקראיִנישע וויסנשאפטלעכע אקאדעמיע
איִנסטיטוט פאר יִדישער פּראָלעטארישער קולטור
סעקציע פאר ליטעראטור אונ קריטיק

אלעקסאנדער פּאָמעראנצ

פּראָלעטפּענ

עטיודנ אונ מאטעריאלנ צו דער געשיכטע פונ דעמ קאמפּ
פאר פּראָלעטארישער ליטעראטור אינ אמעריקע (פ.ש.א.)

פארלאג פונ דער אלוקראיִנישער וויסנשאפטלעכער אקאדעמיע
קיִעוו ■ 1935

פאראנטוו. רעדאקטער — מ. ל ע ו י ט א נ.
טעכנישער רעדאקטער — ב א ָ ג א י ע װ-
ס ק י. קאָרעקטער — כ. ל ײ ב אָ װ י ט ש.
פאפיר 94×62 — 1/10—38 קג. 8 דרוק-
בויגנ. אינ 1 פאפיר-בויגנ 96 000 צייכנס.
טיראזש 1 500 עקז. פארלאג ש—47 №.
2-טע אינטערנאציאָנאלע דרוקערײ, ארפ״ט.
קיעוו, רויטער פלאצ 2-a. באשט. 1127.
באפולמ. פונ קיעווער געגנטליט № 779.
אָפגעגעבנ אינ זאצ 16/VII—1934, אונ-
טערגעשריבנ צומ דרוק 27/XII—1934.

דערלויבט ארויסצולאָזנ פונ דרוק. באשטענדיקער
סעקרעטאר פונ דער אלוקראינישער וויסנשאפט-
לעכער אקאדעמיע אקאדעמיקער י. י. א ג אָ ל.

„פּראָלעטפּענ"—דער פאַרבאַנד פונ פּראָלעטאַרישע שרײַבער אינ אַמעריקע—איז די גרעסטע אָרגאַניזאַציע פונ דער ייִדישער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור אינ די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. דער „פּראָלעטפּענ" ציילט אַרומ 80 מיטגלידער.

דער „פּראָלעטפּענ", וואָס איז געגרינדעט געוואָרנ צומ סאָפּ 1929־טנ יאָר, איז, פאַרשטייט זיכ, ניט אַרויסגעשפּרונגענ פונ העלער הויט. ביזנ „פּראָלעטפּענ" האָבנ אינ אַמעריקע עקזיסטירט דרײַ אָרגאַניזאַציעס פונ ייִדישער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור: דער „יונגער אַרבעטער־שרײַבער־פאַריינ" (1924), די פּראָלעטאַרישע שרײַבער־גרופּע „יוניאָנ סקווער" (1928), דער „פרײַהײַט"־שרײַבער־פאַריינ" (1929).

די ערשטע שרײַבער־אָרגאַניזאַציעס, די פאָרגייער פונעמ „פּראָלעטפּענ", האָבנ אַפילע געהאַט אַרויסגעגעבנ אייגענע אָרגאַנענ: די זשורנאַלנ „יונג־קוזניע", „יוגנט" אונ „ספּאַרטאַק".

אייגנטלעכ גערעדט, הייבט זיכ אָנ די פאָרגעשיכטע פונ „פּראָלעטפּענ" מיטנ דערשײַנענ פונ דער „פרײַהײַט". ווי מיר ווייסנ, האָט זיכ אינ 1919־טנ יאָר געגרינדעט די אַמעריקאַנישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי. ס'האָבנ זיכ אינ דער אַמעריקאַנישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אונ אינ אַלע אַנדערע פּאָליטישע, עקאָנאָמישע אונ קולטורעלע רעפאָרמיסטישע אָרגאַניזאַציעס אָנגעהויבנ שפּאַלטונגענ לויט דער ליניע פונ קאָמוניזמ אונ אַנטי־קאָמוניזמ. נײַע רעוואָליוציאָנערע קרײַזעס זײַנענ געקומענ צומ וואָרט אינ דער אַמעריקאַנישער אַרבעטער־באַוועגונג. דער זעלביקער פּראָצעס קומט פאָר, נאַטירלעכ, אויכ צווישנ די ייִדישע אַרבעטער פונ אַמעריקע, אונ אינ פאַרבינדונג דערמיט ווערט געשאַפנ „די פרײַהײַט", וועלכע האָט אָנגעהויבנ דערשײַנענ אינ אַפּרעל 1922.

אינ דער זעלביקער צײַט קומט אויפ צווישנ די ייִדישע אַרבעטער אַ רײַ מאַסעווע רעוואָליוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס: רעוואָליוציאָנערע פּראָפאַריינענ, אַרבעטער־קלובנ, קאָאָפּעראַטיוונ, „קעמפּס" (זומער־אָפּרו־פּלעצער), „פרײַהײַט"־געזאַנג־פאַריינענ, דראַמאַטישע גרופּעס, פּאַרטיי־שולנ, קינדער־שולנ. מיט אָט דעמ אויפברויז צווישנ די ייִדישע אַרבעטער איז טאַקע ענג פאַרבונדנ די גרינדונג פונעמ ערשטנ יונגנ אַרבעטער־שרײַבער־פאַריינ, פונ דער ערשטער פּראָלעטאַרישער שרײַבער־אָרגאַניזאַציע אינ אַמעריקע.

די צוועלפ יאָר, וואָס „די פרײַהײַט" עקזיסטירט, זײַנענ אויכ יאָרנ פונ קאַמפּ פאַר אַ פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור אינ אַמעריקע. דאָס דערשײַנענ פונ דער „פרײַהײַט" האָט אויפגערודערט די ייִדישע אַרבעטער־מאַסנ. נײַע, יונגע אַרבעטער־שרײַבער האָבנ זיכ אָנגעהויבנ דרוקנ אינ דער צײַטונג פונעמ ערשטנ טאָג פונ איר דערשײַנענ. זיי האָבנ דורכ דער צײַטונג אַרײַנגעבראַכט אינ דער

ליטעראַטור נײַע טעמעס, אַ נײַע באַלויכטונג פון דערשײַנונגען, מיט אײן וואָרט — אַ פּראָלעטאַרישן צוגאַנג. דאָס באַטײַט אָבער ניט, אַז ווי נאָר „די פרײַהײט“ איז געוואָרן געגרינדעט, האָט מען דאָרט באַלד אָנגעהויבן דרוקן אויסגעהאַלטענע פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור, אָדער מע האָט כאָטש גערעדט וועגן דער נייטיקײַט פון אַ פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור.

ס'איז אַ פאַקט, אַז ביז דער גרינדונג פונעם „פּראָלעטפּען“ האָבן דאָס אָנגעזעענסטע אָרט אין דער „פרײַהײַט“ געהאַט פאַרנומען די שרײַבער, וואָס זײַנען אַריבערגעקומען פון דער דעקאַדענטיש־נאַציאָנאַליסטישער ליטעראַרישער גרופּע „יונגע“, וועלכע איז געווען קאָנצענטרירט אַרום די זאַמלביכער „שריפטן“.

שווער, זייער שווער איז דער יונגער יִדישער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור אין אַמעריקע אָנגעקומען אירע ערשטע טריט. עס האָט די ערשטע צײַט געפעלט די סיסטעמאַטישע אָנפירונג מיט דער ליטעראַטור מיצאַד דער פּאַרטיי. עס האָט געפעלט די מאַרקסיסטישע קריטיק, וואָס זאָל העלפן אויסשטעלן ריכטיק און קאָנקרעט די פּראָבלעמען פון דער אַמעריקאַנישער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור.

דער יונגער אַרבעטער־שרײַבער האָט אין אַ געוויסער מאָס אַליין געדאַרפט זוכן און געפינען דעם וועג. ער האָט אָפטמאָל מיט די אייגענע קויכעס געדאַרפט פירן אַ קאַמף קעגן די אָנגעהויבטע קלאַסנפײַנטלעכע טראַדיציעס, קעגן די בורזשואַזע אײַנפלוסן. די יונגע אַרבעטער־שרײַבער איז אויסגעקומען אויסצושיידן זייער אידעאָלאָגיע אינעם פּראָצעס פון אָפּשטויסן זיך פון פרעמדע קלאַסן־ווירקונגען און פון גויוער זײַן זיי, אינעם קאַמף פאַר באַפרײַען זיך פונעם בורזשואַזן עסטעטיזם, וואָס די אַמעריקאַנער „יונגע“ האָבן אַרײַנגעבראַכט אין זייער אָפּגאַנג־ליטעראַטור.

די דירעקטע אָנפירונג מיצאַד דער קאָמפּאַרטיי, וועלכע האָט אין די שפּעטערדיקע יאָרן באַקומען אַ מער סיסטעמאַטישן כאַראַקטער, די פּראָלעטאַרישע קלאַסן־באַוועגונג, דער אײַנפלוס פון דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע און פון דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור אין ראַטנפאַרבאַנד העלפן דעם אַמעריקאַנישן אַרבעטער־שרײַבער גויוער צו זײַן אַלע סוביעקטיווע און אָביעקטיווע שטערונגען. זיי העלפן אים צו באַפרײַען זיך פון די אינדיווידואַליסטישע טענדענצן. זיי העלפן אים צו געפינען זײַן אָנשפּאַר אין דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציאָנערער ווירקלעכקײַט. זיי ברענגען אים צום „פּראָלעטפּען“!

I. אפן וועג צום „פראָלעטפען"

אין דער צײַט פון דער צווייטער עמיגראַציע־כוואַליע קיין אמעריקע, אין די רעאַקציע־יאָרן נאָך דער רעוואָלוציע פונעם 1905, באַווײַזן זיך אויפן אמעריקאַניש־ייִדישן ליטעראַרישן האָריזאָנט די שרײַבער פון דער שפּעטערדיקער גרופּע „יונגע": איגנאַטאָוו, לייוויק, האַלפּערן, מאַני לייב, אָפּאַטאָשו, אײַזלאַנד, זישע לאַנדוי, לעיעלעס, ראָלניק, כאַימאָוויטש, הירשביין און נאָך אַ גאַנצע רײ שטערן און שטערנדלעך. אַסאַך פון זיי זײַנען אַליין געקומען מיט דער צווייטער עמיגראַציע־כוואַליע און האָבן געבראַכט מיט זיך פון רוסלאַנד די ייִעש־ און יערידע־שטימונגען, דעם גײַסט פון אָפּגאַנג, רעאַקציע און דעקאַדענץ, וואָס זיי האָבן שפּעטער פאַרקערפּערט אין זייערע ווערק. אין אַמעריקע איז די סאָציאַלע באַזע פאַר זייער רעאַקציאָנערער אידעאָלאָגיע געווען דאָס ייִדישע קליינבירגערטום: קרעמערס, „פּעדלער" (קליינע הענדלער), לערער, דאַנטיסטן, דאָקטוירים, די ייִדישיסטישע אינטעליגענץ, די מיטגלידער פון די פאַרשיידענע קליינבירגערלעכע „סאָציאַליסטישע" פּאַרטייען, ווי ס. ר., סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן, פּויאַלעציאָניסטן, בונדיסטן א. אז. וו.

די גרופּע „יונגע" האָט זיך געהאַט קאָנצענטרירט אַרום די זאַמלביכער „שריפטן", וועלכע זײַנען אין 1926—1912 דערשינען 8 בענדער. די גרופּע האָט דערקלערט אַ בונט קעגן סאָציאַלע אידייעס, קעגן רעוואָלוציאָנערע מאָטיוון, קעגן מאָלן דאָס אַרבעטער־לעבן. דער בונט איז געגאַנגען אונטער דער פאָן פון עסטעטיזם, סימבאָליזם און מיסטיציזם; דאָס איז געווען אַ בונט אין נאָמען פון פאָרמאַליזם, פון קונסט אַלס זעלבסטצוועק, פון קונסט צוליב קונסט. דער קאַמף קעגן סאָציאַלע מאָטיוון האָט בײַ זיי ניט באַטײַט קאַמף קעגן טענדענציעזער קונסט בכלל. זיי האָבן בלויז געוואָלט פאַרבײַטן רעוואָלוציאָנערע און אינטערנאַציאָנאַליסטישע טענדענצן אויף רעאַקציאָנערע, אויף ייִדישיסטישע, אויף נאַץ־דעמאָקראַטישע. די נאַציאָנאַליסטישע און רעליגיעזע טענדענצן האָבן זיי קוואַליפיצירט אַלס די העכסטע שטופע פון „עמעסער קונסט"; „אינעם ייִדישן וואָרט געוואָלט זען דעם ריטם, די געהיימניספולקײַט פון רעליגיעזיטעט" (ה. לייוויק). דער ייִדישער אַרבעטער געפינט, פאַרשטייט זיך, קיין אָרט ניט אין זייער ליטעראַטור. איבער דער גאַנצער ליטעראַטור צעלייגט זיך אַ שטעמפּל פון אומקום, פון פּעסימיזם, פון מאָשיעך־זוכעניש. דעם אויבנאָן אין דער ליטעראַטור פאַרנעמט די פאַרגאַנגענהײַט, דער אַמאָל, די לעגענדע. די פּאָעטן שליסן זיך אײַן אין זייער אייגענעם קרײַז. מע זונדערט זיך אָפּ פון דער „גאַס". מע אַנטלויפט פון דעם ברייטשטראָמיקן לעבן.

„געפאַנגענע זײַנען מיר אַלע,
און זיצן אין איינצלנע צעלן". (י. ראָלניק)

ערגעץ איז דאָ א לעבן, ערגעץ ברענט דער קאמף—א גאנצע מענטשהײַט גייט אָפּ מיט בלוט. רעוואָליוציע און בירגערקריג אין רוסלאנד. מענטשן שטאַרבן, האָפן, קעמפן, נאָר אונדזערע פּאָעטן האָבן צו דעם קיין שײַכעס ניט.

„און יעדערער שלאָגט זיך באזונדער
דעם קאָפּ אין דער וואנט פון זײַן טפיסע,
ווען טויזנטער נאָענטע כאָרכלען
אין לעצטע מינוטן פון גסיסע". (י. ראָלניק)

אָבער ניט אלע ווילן זיך שלאָגן קאָפּ אין וואנט אפילע פון אן אייגע־נער טפיסע. אָט איז אויך א „יונגער", וואָס האָט גאָר ליב צו זיצן אפּ דער ווערענדע, טרינקען הייסע מילך און עסן צוויבאק, קוקן אפּ א נאָגל אין דער וואנט, שפּײַען אפּן באלקן, אָדער גאָר כאפּן פליגן:

„אָוונט־שײַן, לעוואָנע־שײַן,
זיץ איך מיר אפּ דער ווערענדע,
אָוונט־שײַן, לעוואָנע־שײַן,
הייס איך מיר זישע לאנדע".

דער זעלביקער לאנדוי דערציילט אין די „שריפטן" פון 1919, וויאזוי ער פארברענגט א „טאָג" פון זײַן לעבן:

„צוויי הייסע גלעזער טיי מיט מילך האָב איך מיר
אויסגעטרונקען, א דרײַ־פיר צוויבאק אופגעגעסן;
דערנאָך בין איך א לאנגע צײַט באם טיש געזעסן,
געריכערט און געקוקט מיר אפּ א נאָגל אין דער וואנט.
פיר לידער איבערגעזעצט פון דײַטש,
א מידער אפּ דער סאָפע זיך אנידערגעלייגט,
ארום דעם קאָפּ די הענט פארלייגט
און דרײַ מאָל צו דעם באלקן אויסגעשפּיגן.
מיר איז געוואָרן שווער, פארוואָס דער זומער איז פארגאנגען,
איך וואָלט דאָך איצט שפּאצירן מיר אין פארק געגאנגען,
צי גאָר אין שטוב געכאפּט מיר פליגן,
און נאָך אמאָל האָב איך צום באלקן דרײַ מאָל אויסגעשפּיגן,
און אלע דרײַ מאָל ניט געטראָפן,
דערנאָך בין איך מיר אײַנגעשלאָפן".

און וואָס פאר א פּאָנעם עס האָט אזא „זינגען" — דערציילט אונדז דעם ביטערן עמעס משה־לייב:

„יונגע פישער־יונגען זינגען, ווי דער יאם דער פרײַער,
יונגע קאָוואליעס זינגען — ווי דאָס פײַער.
מיר, געגליכענע צו כוררוועס אין א וויסטער געגנט,
זינגען, ווי די וויסטקײַט דאָרטן, ווען עס פלייצט און רעגנט.
זינגען מיר שלימאזלדיקע גלאט אזוי געזאנגען,
עפּשער ווי פּאָפּוגײַעס אפּ די שטײַגן־שטאנגען,
אָדער עפּשער ווי סטראשידלעס, וואָס מע האָט פארגעסן
אפּן פעלד, ווען ס'האָט דער הארבסט אלץ שוין אופגעפרעסן".
(מ. ל. האלפּערן)

איז מוישע־לייב האלפערנ׳ס טאַקע גיט געוועז צופרידנ מיט זײַנ גורל צו זײַנ געגליכנ צו די „כורוועס״ פונעם קלײנבירגערטום, וואָס איז פאַרורטיילט צעריבנ צו ווערנ אונ אונטערצוגײנ. ווי מיר ווייסנ, האָט ער אפילע געמאכט א פרווו זיך ארויסצורײַסנ פונ זײַנ סוויווע אונ פונ זײַנ קלאַס, א פרווו, וועלכער האָט זיך פארענדיקט מיט א טראגעדיע. מוישע־לייב האלפערנ האָט כאָטש מוט צו זאָגנ דעם עמעס וועגנ זיך אונ וועגנ די „געגליכענע״ צו אים. לײ־וויק האָט אָבער ניט אזא מוט. לייוויק ווארט נאָך אלץ אפ מאָשיִעכנ, אפ א וואונדער:

„אײַנגעשמידטע זײַנענ מיר,
יעדער אינ א קאמער זיצט באזונדער;
אָנגעשפּארטערהייט באַם טיר
שטייענ מיר אונ ווארטנ אפ א וואונדער״. (ה. לײוויק)

דער וואונדער קומט אָבער ניט. אונ די דיכטער בלײַבנ יעדערער באזונדער בא זיך אינ קאמער. עס איז פאראנ א דרויסנדיקע וועלט, ס׳איז פאראנ אנ ארבעטער־קלאַס, עס זײַנענ פאראנ נאָך אנדערע מענטשנ אויך, נאָר זיי אלע עקזיסטירנ אפ אזויפיל, אפ וויפל זיי האָבנ א שײַכעס צום אויסדערוויילטנ דיכטער, אפ וויפל זיי גייענ אים אָנ, אפ וויפל ער דארפ זיי אָדער ער דארפ זיי ניט. אינ אָט דער עגאָצענטרישקײַט דערגייט מענ ביז קרענקלעכקײַט. מע הייבט אָנ זינגענ לידער צו זיך — צו דעם האר, צו דעם איינציקנ, צו דער קרוינ פונ דער וועלט, אונ ניט בלויז איינ ליד, נאָר צענדליקער לידער, גאנצע ביכער מיט לידער.

אונ אויב ס׳איז ניט מעגלעך, אז „יעדער אינ א קאמער״, טאָ זאָל כאָטש זײַנ א „ליטעראַרישע סעקטע״. אינ דעם ארטיקל „יונגע״, וואָס איז אָפּגעדרוקט אינ די „שריפטנ״ פונ 1919 יאָר, דערקלערט לייוויק, אז די „יונגע״ זײַנענ פונ אָנהייב געוועזנ „א ליטעראַרישע סעקטע מיט א טיפנ רעליגיעזנ הינטערגרונט״. גישט מער אונ נישט ווייניקער. דעריבער האלט ער, אז „דער פעריאָד מוז אונ וועט פארעכנט ווערנ פאר דעם אינטערעסאנטסטנ אונ אייגנארטיקסטנ אינ דעם אמעריקאנער יידישנ לעבנ״. די „יונגע״ כאראקטעריזירט ער, ווי „דעקאדענטנ, אינדיווידואַליסטנ, אנאַרכיִאָנאליסטנ, אסאָציִאַליסטנ, עסטעטנ״ א. אז. וו. ער גיט אָבער צו, אז כאָטש זיי זײַנענ „אויסערלעך ניט נאציִאָנאל אונ ניט סאָציִאַל״, זײַנענ זיי אינדערעמעסנ „נאציִאָנאל אונ יידיש אינ טיפסטנ זינ פונ וואָרט״, דאָס הייסט, לויט לייוויקנ, אינ רעליגיעזנ זינענ, ווײַל לויט אים האָבנ „זיי אינ יידישנ וואָרט געוואָלט זענ דעם ריטעמ, די געהיימניספול־קײַט פונ רעליגיעזיטעט״.

לייוויק דערקלערט, אז די סעקטאנטישקײַט אונ „קאנאָישקײַט״ איז געקומענ צו די יונגע מאכמעס די „שרײַענדיקע קאָנטראסטנ, אומגעלומפערט־קײַטנ פונעם יידישנ לעבנ אינ אמעריקע, ניו־יאָרקער, דער נאָך אלץ ניט אײַנגעאָרדנטער, ניט אײַנגעשטעלטער, ניט פארטיפטער אונ ניט צופרידנ־שטעלנדער״. ער רעדט וועגנ די ניט סימפּאטישע „פּאָרמענ פונ יידישקײַט, לי־טעראטור, פרעסע אונ געזעלשאפטלעכקײַט״. ער דערציילט, אז די „יונגע״

האָבן אָנגעהויבן מיט א קאַמף קעגן די „אַלטע רעדאַקטערס און פּאַטענטירטע פאַרשטייער פון ליטעראַטור". ער קלאָגט אָבער אַף דעם, וואָס די „סעקטע" צעפאַלט זיך: „אַנדערע, פאַרטיפנדיק זיך אין די גרויסע קאָנטראַסטן פון יידישן לעבן, אַנטלויפן, פאַראַכטן, פאַרשווינדן. אַנדערע ווערן ראַדיקאַלן (אַף דעם קלאָגט ער אויך — א. פּ.), מאַכן קאָמפּראָמיסן, א געמיש פון יידיש, העברייִש און ענגליש". מע ווערט אָפּגעריסן און אָפּגעפרעמדט ניט בלויז פון דער אַרבעטער־וועלט און פונעם מאַסן־לעבן, נאָר אויך איינער פון דעם אַנדערן. לייוויק פאַרענדיקט דעם אַרטיקל אין דעם עכט לייוויקישן סימבאָליסטישן סטיל:

„מיר זיינען אַלע פאַרלאָרן, און איינער פון די אַנדערע פאַרלאָרן. און אונדזער דערוויטערונג איינע פון די אַנדערע שרייט אַרויס פון אונדז, רינגלט אונדז אַרום האַלדז אַלץ ענגערע און ענגערע שטריק — ווילן מיר אַ ריס טאָן די שטריק פון זיך, ווילן זיך אַ לאָז טאָן נעענטער איינער צו די אַנדערע— צינדן זיך אָן אין אונדזערע אויגן אַזעלכע מאָדנע פייערלעך, און מיר ווייסן ניט, וואָס זיי באַטייטן, צי פיינטשאַפט, צי פאַרגעבונג". דאָס בינדט זיך אַגעוו מיט זיינע שפּעטערדיקע „אומקום־לידער", כאָטש אין דעם פאָרוואָרט צו זיין לעצטן בוך לידער וויל ער פשטלען, אַז אינדערעמעסן האָט ער געמיינט „אופקום".

לייוויק רעדט וועגן „מאָדנע פייערלעך". ער וואַרט נאָך אַלץ אַף אַ „וואונדער". דאָס איז אָבער אַ שוואַכע טרייסט. ער גיט צו, אַז זיי זיינען „איינע פון די אַנדערע פאַרלאָרן". און אַנדערש האָט עס ניט געקענט זיין, ווען מע איז אידעאָלאָגישע אויסדריקער פון א קלאַס, וואָס איז פאַרורטיילט צום „פאַרלאָרן" גיין.

א גלענצנדיקע כאַראַקטעריסטיק און סאַטירע אַף דער „ליטעראַרישער זשיראַנדע" געפינען מיר אין מוישע נאַדירס נייסטער פּאָעמע „א וועלט מיט אַרבעט", געדרוקט אינעם ניו־יאָרקער כוידעש־זשורנאַל „דער האַמער" פאַר פעברואַל 1933. דאָרט איז געגעבן דאָס ריכטיקע בילד פון די „רעליגיעזע סעקטאַנטן", ווי זיי הייסן בא לייוויקן, און פון דער יידישער שונד־און שאַנד־פרעסע אין אַמעריקע.

„דאָרט קיין ברויט נישטאָ,
דאָ וואַרגט זאַטקייט מ'האַלדז,
ווערן די יידישע שרייבערלעך
פאַרגאָסן מיט שמאַלץ.

קריכן פּאָעטישע אייגלעך
טיפער אין מויזנלאָכן,
הערן זיי נישט אין אייגן גליק
גרויסן קאַטאַסטראָפע־גלאָק.

צעלייגט מען די סטראָפן געצוקערטע
אַף שיינעם קוידערנצ,
פאָרעט זיך לייוויק אין מיסטיקע —
אין אומקום־קאַדענצ.

פאָגראָמען אין פּאַסטאָוו — א טאַשמע
אַף טשעמבערליינס ווירדיקן פּראַק;
קייקלען אַהער זיך די זיפצן
און בלוטיקע טרערן א זאַק.

צעביייטן די יידישע בלעטער
די טרערן אַף פענעס־טיראַזש;
אַף בייגל רינט כאַזער־שמאַלץ הייסע
הינטער דעם אָוועלישן אַש.

און אַנדערע גייען פון זינען,
אַנדערע גייען אויס שטום.
איינער פעדלט [1]) אום מיט ווונדן
באַם רייכערן בירגערשטאַנד.

[1]) האַנדלט.

טייל שטעלן די ווונדן אין ראמען,
אנדערע (ווי לאמעד שאפירע) —
זיי ריטשען מיט ציין און מיט נעגל
אף יעדער פארבלוטיקטער שורע...

מ׳וואשט זיך די ווונדן מיט עסיק,
מ׳באָדט זיך אין אייגענע טרערן,
מ׳שרייט צום פאָגראָמשטשיק אין הימל,
ער זאָל אונדזער טפילע דערהערן.

און קרומ און פארווירט איז דער אויסוועג,
פאריגלט, פארזיגלט אף בלינד...
שפּייט מוישע־לייב אויס צוויי מאָל
„אף ייִדישע מיידלעך, וואָס שלאָפן מיט גויִישע הינט״.

זאמלט זיך סינע אין פאלשן קאַנאַל,
גיסט זיך אין מויל קריק דער טרעריקער קוואַל,
קרײַזלען זיך קלאָלעס, ווי רויכעלעך דארע,
צעקריכן אין לופטן און ווערן ניט כמארעס.

קא — קא, זינגט קוקאווקע,
קווא—קווא, זינגט דער פּיאַש;
איז פערשינג א פאָטער,
א טאטע איז פאָש.

אין שאָלעמס קאפּיינע —
דאָרט קרײַזלט מען סוואָרעס,
און פראזן מעלאמדישע
פון דר. גינזבורגס געמאָרע...

— „א מענטש, אז ער טרינקט זיך
איז נישט אונדזער זאך.
מיר קערן נישט צום גראָבן
רעטונגס־פאך״.

פון טיי־גלעזער רויכערט
א מוטניקע פארע,
אין וואָרט־רויך א גיפטיקע
גרינלעכע כמארע.

און רעדער פון שפּינוועבס —
א פלאסט אף א פלאסט,
עס שפּינט זיך א דולער
שאָוויניסטישער האס...

ראָזענפעלדס שארפער
פארניכטנדער גראמ;
האלפּערנס הייסער
סליניקער סאמ...

מאני לייב ווי א קעצל,
זיך פעסטעט אין שויס;
י. י. שוואַרץ — פון די טהאָמען
געקרײַזלט וואקסט אויס.

פראדל שטאָק — א גערויטלטע,
געפוצט אין טימיאן,
מאכט קניקסן אין שפּיגל
און לייענט דעם קאָראן.

(די וועלט ווייקט אין בלוט,
מיר שפּילן מיט יאמבן,
און מעסטן דעם ריטמ
פון פלאצנדע דאמבעס...)

לאנדוי שפּרייט פּיאַלקעס,
צעקבייטשט נײַע הויזן,
און גיסט אָפּ מיט כיילעוו
יונג־בלוטיקע רויזן.

נאָך אנדערע פּרוּוון
דעם פּאָרעם, א צווייטן, —
א שטאָך אין א קאָרע
און זאפט ווע̇ט שוין פלייצן.

די פאָרעם איז קערן,
דער קערן — איז גאָרנישט,
מע שפּאנט טויטע שקאפעס
אין גאָלדענעם הארניש...

דער „טאָג״ — א יארידל,
א מין וואָלוואָרט [1]) געשעפט,
די מאָטאָ: „א קאָסטימער [2])
קאָן נישט זײַן אומגערעכט״.

איז גוט שאָלעמ־אלייכעמ,
הערמאָלין [3])—נאָך בעסער,
אף אויג הענגען רענדלעך,
אף צונגען — שלעסער.

א מיסער, א וויסטער
ליטערארישער סוועטשאָפּ,
א ווײַדל זיצט אויבן —
ווו ס׳דארף זײַן א קאָפּ.

ווי קען מען דאָ לעבן? —
אין וויסטער רעאקציע, —
„כ׳האָב געמיינט דער שאפ איז שלעכט,
נאָר ערגער די רעדאקציע״.

---

1) פירמע פון אמעריקאנישע „אוניווערמאגן״. 2) א קויפער. 3) א שונד־שרײַבער אין דער אמעריקאנער ייִדישער בורזשואזער פּרעסע.

די ייִדישע בורזשואזע פרעסע אינ אמעריקע

די ייִדישע בורזשואזע פרעסע אינ אמעריקע איז באוווסט. זי דינט אויסגעצייכנט דער ייִדישער בורזשואזיִע צו העלפנ פארסאמענ די מויכעס פונ די ארבעטער מיט בורזשואזער אידעאָלאָגיע, צו פארטונקלענ זייער פּראָלעטארישנ באוווסטזייַנ אונ אָפּצורייַסנ זיי פונעמ קלאסנקאמפ.

די ייִדישע בורזשואזע פרעסע פירט דורכ איר פארפינצטערונג־ארבעט דורכ אפעלירנ צו די נידעריקסטע אינסטינקטנ, דורכ שטאָפּנ דעמ לייענער מיט פּאָרנאָגראפישנ מאטעריאל, מיט איבערגעטריבנ־עראָטישער בעלעטריסטיק, דורכ פארשיקערנ אימ מיט שונד. צו דעמ צוועק האָט זי אָפּגעקויפט א באנדע שרייַבער מיט קאָרעספּאָנדענטנ, וואָס שטעלנ צו טאָג־איינ, טאָג־אויס דעמ געפאָדערטנ מאטעריאל.

דער גרעסטער צענגאָרנדיקער שונד־מייַסטער אינ דער ייִדישער בורזשואזער פרעסע איז דער „סאָציאליסטישער" „פאָרווערטס" מיט זייַנ רעדאקטער, דעמ פאָטער פונ סענסאציאָנאליזמ, פונ געלנ סאָציאליזמ—אב. קאהאנ. דאָס אזויגערופענע „דריטע געשלעכט", די צייַטונג פונ דעמ באוווסטנ לאָמפּנ־פּאבליקאנט, דער „אומפּארטייִשער", ציִעניסטישער, קולטוריסטישער, פייַנשמעקערישער, ליכטברענגענדיקער „טאָג", וואָס אטאקירט קלוימערשט די שונד פונעמ „פאָרווערטס", האָט אינ הינזיכט פונ שונד אימ שוינ לאנג „דעריאָגט אונ אריבערגעיאָגט".

פּאָרנאָגראפישע ראָמאנענ פונ דעמ מינ, ווי לעאָנ גאָטליבס אינ „פאָרווערטס", שטעלנ צו אינ „טאָג" די לעאָנ קאָברינס. די עראָטישע דערציילונגענ פונ דעמ סאָרט, וואָס עלא בוירלינס אינ „פאָרווערטס", שטעלנ צו אינ „טאָג" די סארא סמיטס. די פעפערדיקע קאָרעספּאָנדענצנ פונ די פוקסנ אונ זינגערס אינ „פאָרווערטס" שטעלנ צו אינ „טאָג" די נייַמאנס אונ סמאָליארס. א „בינטל בריוו" אינ „פאָרווערטס"—„מענער־אונ פרויענ"־בריוו אינ „טאָג". בילדער פונ הולטייַסקע כאָריסטקעס ווערנ געדרוקט אלע טאָג אינ „טאָג", ווי אינ „פאָרווערטס". אונ אזוי איז קעסיידער איבערנ גאנצנ פראָנט. עס גייט אָנ א שונד־אונ שאנד־געוועט צווישנ דעמ „פאָרווערטס" מיט דעמ „טאָג", א געוועט וועגנ וואָס מער פינטעלעכ .... וואָס מער פאסיקלעכ — — —

די „יארמעלקע־צייַטונג",—דער „מאָרגנ־זשורנאל" שטייט אויכ נישט אָפּ. אויכ זי גיט, צומ בייַשפּיל, א פעפערדיקנ ראָמאנ „ריוועקעלע פונ יאָרק"—„א מייַסע פונ ייִדישנ לעבנ אינ 12־טנ יאָרהונדערט", ווו עס ווערנ געשילדערט די אָרגיעס אונ וואקכאנאליעס אינ די פאלאצנ פונ די מאָנאכנ, אונ נאָכ פודנ

פּאָרנאָגראַפיע אין די דערציילונגען און „סקיצן". און דאָס זעלביקע געפינט איר אין די קלענערע צײַטונגען און זשורנאַלן.

אַכוץ פּאָרנאָגראַפיע, גיט מען אַסאַך שאָוויניסטישע, ווײַסגוואַרדייִשע און פאַשיסטישע ליטעראַטור. אַ ביז גאָר גרויס אָרט פאַרנעמען ליגנס וועגן דעם ראַטנפאַרבאַנד. איך וועל דאָ ברענגען בלויז איין בײַשפּיל פון דער „פּאָרווערטס"־פּאָעזיע.

אונטער דעם אַכט־שפּאַלטנדיקן קאָפּ „באַשרײַבט דעם לעבן פון די סאָציאַליסטן און ציִעניסטן אין די באָלשעוויסטישע טורמעס אין סיביר" און די פיר שורעס אונטערקאָפּ „די שרײַבערן, אַ סאָציאַליסטקע, דערציילט, וואָס זי און צענדליקער אַנדערע האָבן דורכגעלעבט אין די שרעקלעכע טורמעס אין סיבירער פּריזאָן־קעמפּ (קאָנצלאַגער) פון דער „טשעקאַ" — די שוידערלעכע פּײַניקונגען פון די פּאָליטישע אַרעסטירטע — זייער לעבן צווישן די האַלבווילדע באַם אײַז־מער — די לידער, וואָס די אַרעסטירטע זינגען דאָרטן", דערציילט די „סאָציאַליסטישע" שרײַבערן צ. בוקטשינאַ, אַז —

„באַזונדערס באַליבט זײַנען געווען די פּאַראָדיעס, די הומאָריסטישע נאָכמאַכונגען, וואָס פלעגן געשאַפן ווערן נאָך אַ באַוווּסטער מעלאָדיע. אין די פּאַראָדיעס האָט זיך אַרויסגעוויזן דער הומאָר פון דער טרויעריקער צײַט. פאַראַן פּאַראָדיעס, וואָס זײַנען זייער טאַלאַנטפול אָנגעשריבן געוואָרן, ווי, לעמאָשל, די פּאַראָדיע אַף דער מעלאָדיע פון דעם „אינטערנאַציאָנאַל". די פּאַראָדיע איז אַ מישמאַש פון אַ שלעכטן רוסיש מיט ייִדיש.

אָט איז זי".

„דער פּאָרווערטס" גיט נאָכדעם איבער די גאַנצע פּאַראָדיע, וואָס פאַרענדיקט זיך מיט דעם פאָלגנדיקן פּערז־רעפרען:

„עטאָ, זאָגט ער, בודיעט אָקאָנטשאַטיעלני,
אוי ווײ, זאָגט ער, בוי,
ס'אינטערנאַציאָנאַלאָם
זאָל פּייגערן דער לעצטער גוי.
(אַלע כאַפּן אונטער: „וועט שוין זײַן גוט")".

אָט דאָס איז די „זייער טאַלאַנטפולע פּאַראָדיע" אַף דעם „אינטערנאַציאָנאַל", אַף דעם הייליקסטן ליד פון דעם אַרבעטער־קלאַס, מיט וועלכן טויזנטער אַרבעטער־מאַרטירער זײַנען געגאַנגען און גייען צו די טליִעס, אין שלאַכט מיט די צאַרישע און קאַפּיטאַליסטישע הענקערס, דאָס ליד מיט וועלכן צענדליקער מיליאָנען אַרבעטער און אַרבעטנדיקע אין ססרר בויען דעם סאָציאַליזם. ווי כיינעוודיק עס קלינגען די לעצטע שורעס, וואָס עס האָבן געזונגען די „סאָציאַליסטישע" און ציִעניסטישע „מאַרטירער" אין די באָלשעוויסטישע „טורמעס":

„מיט דעם אינטערנאַציאָנאַל
זאָל פּייגערן דער לעצטער גוי.
(אַלע כאַפּן אונטער: „וועט שוין זײַן גוט")".

וועגן דער שאַנד־און שונד־„ליטעראַטור" אין „פּאָרווערטס" האָט מען שוין פיל געשריבן. דער גאַנצער „פּאָרווערטס" איז ווירקלעך איין שטיק שונד און

רעאקציע. דער „טאָג" אָבער פּרעטענדירט קלוימערשט צו זײַן א „ריינע", א „קולטורעלע" צײַטונג. דער „טאָג" שרײַט, אז „די מאָרגן־פרײַהײַט" זידלט זיך אונ באנוצט גראָבע רייד. אינ דעמ „טאָג" שרײַבט ש. ניגער, „דער גרעסטער יידישער ליטעראטור־קריטיקער". טאָ לאָמיר זענ, וואָס עס טוט זיך אינ ניגערס צײַטונג.

איך האָב אמאָל איבערגעקוקט דעמ „טאָג" פאר א וואָך צײַט. בלויז די נעמענ אלײנ פונ די קאָרעספּאָנדענצנ אונ דערציילונגענ וועלנ שוינ געבנ א בילד פונ דעמ שונד־כאראקטער פונ דער צײַטונג.

22־טער נאָיאבער (1927).

„דאָס לעבנ פונ א מאָדערנער מיידל" (ראָמאנ); „מענער אונ פרויענ" (בינטל־בריװ); „צווישנ צווי פײַערנ" (א צווייטער ראָמאנ); „סקאנדאלנ אונ מילכאָמעס אינ דער װארשעװער אונטערװעלט" (וויאזוי א ייִנגל פונ 15 יאָר דערמאָרדעט דעמ פארפירער פונ זײַנ מוטער); „לילי" (דערציילונג); „די מונקאטשער רעבעצנ אונ איר טעכטערל".

23־טער נאָיאבער.

„צווישנ צווי פײַערנ"; „זעלבסטמאָרד פונ א יידישער מיידל אינ כארבינ דעקט אופ די יידישע נויט אונ שאנד אינ ווײַטנ מיזרעכ"; „מענער אונ פרויענ"; „דאָס לעבנ פונ א מאָדערנער מיידל"; „וואָס הערט זיך אינ דער מאָדערוועלט".

25־טער נאָיאבער.

„מענער אונ פרויענ"; „דאָס לעבנ פונ א מאָדערנער מיידל"; „דאָרטנ וווינענ נאָר פרויענ"; „צווישנ צווי פײַערנ"; „פארוואָס מאנ אונ ווײַב קריגנ זיך".

26־טער נאָיאבער.

„מענער אונ פרויענ"; „דאָס לעבנ פונ א מאָדערנער מיידל"; „אפּנ מארק פונ געגעטע פרויענ"; „דער גרעפס[1])־סקאנדאל אינ פרויענ־געריכט"; „צווישנ צווי פײַערנ".

אכוצ דעמ, ווערט אפ דער לעצטער זײַט געגעבנ יעדנ טאָג א בילד פונ א דעגענערירטער פרוי.

ס'איז שווער איבערצוגעבנ דעמ עקלדיקנ אינהאלט פונ די צווי טעגלעכע ראָמאנענ אונ פונ די דערציילונגענ אינ „טאָג". ס'איז דאָס שענדלעכסטע, וואָס קאָנ נאָר זײַנ. ביכלאל איז אינ אָט דעמ הינזיכט ניטאָ קיינ אונטערשייד צווישנ דעמ רעפּובליקאנישנ „מאָרגנ־זשורנאל", דעמ דעמאָקראטישנ „טאָג" אונ דעמ „סאָציאליסטישנ" „פאָרווערטס". זיי זײַנענ אלע קינדער פונ איינ מאמע, זיי זײַנענ אלע מעשאָרסימ באמ זעלביקנ באלעבאָס — באמ קאַפּיטאליסטנ־קלאס. לאָמיר זענ די גערעטעניש פונ א צווייטער וואָך אינ דער יידישער בורזשואזער פּרעסע. מיר כאפּנ אָנ צופעליק א וואָך שוינ פאר דער לעצטער צײַט, פונ אווגוסט 1933 י. מיר געפינענ דאָרטנ אָט וואָס:

---

1) כאבאר.

יִדישקײַט:

„דער באַקאַווער רעבע האָט ענדלעך געפֿונען אַ מיטל צו דעם קריזיס — און דאָס איז בּיטאָכן"; „כאַזאָנים און כאַזאָנעס אין אַמעריקע"; „מוישע און יעשײַע זינגען צוזאַמען אַ הערלעכן צוויבערלעכן דועט הײַנטיקן שאַבעס"; „פֿאַרוואָס זיי שאָקלען זיך אין דאַווענען"; „מע האָט געפֿונען אַ באַווײַז, אַז פֿאַרע מעלעך מיצראַיִם איז געווען אַ ייִד".

פֿאַמיליען־אָנגעלעגנהײַטן:

„אַ לעבן אָן ליבע קאָן אויך זײַן אינטערעסאַנט פֿאַר דער פֿרוי"; אַ מיידל וויל וויסן, וווּ וואַקסן די בעסטע מענער,—פּוילן, פּאַלעסטינע צי אַמעריקע"; „טײַנעס פֿון קינדער צו עלטערן"; „ער וויל ניט, זי זאָל פֿאָרן אין קאָנטרי [1]"; „אַ זעלבסטמאָרד אָפּן יאַם"; אָפּגעגנאַרטע ליבע" (ראָמאַן); „דער קאַמף פֿאַר אַ מאַמע" (ראָמאַן); „די אַלמאָנע מיט די גרינע אויגן" (דערציילונג); „רוס" (ראָמאַן); „סעלף־סוירוויס [2]־שאַדכאָנים — אַ קאָמבינאַציע פֿון ליבע און שאַדכאָנעס פֿאַר דער הײַנטיקער יוגנט".

וויסנשאַפֿט:

„פֿון יעדע צוויי מענטשן, וועלכע פֿאַרזוכן צו באַגיין זעלבסטמאָרד, דערגרייכט בלויז איינער זײַן ציל"; „מיט 50 יאָר צוריק האָט מען געקענט טעלעפֿאָנירן בלויז קיין ברוקלין"; „די טויב־שטומע פֿון אַמעריקע"; „דאָקטוירים האָבן הײַנט וועגן פּיבער אַן אַנדער מיינונג, ווי צוריק מיט יאָרן"; „יונגע קינדער — קאָרבאָנעס פֿון געמבלינג [3]־מאַגייפֿע, וואָס בושעוועט אין ניו־יאָרק"; „דער סעזאָן, ווען פֿאַרליבטע פּאָרלעך באַגייען זעלבסטמאָרד אין יאַפּאַן".

יִדיש לעבן: „ייִדיש לעבן און שאַפֿן אין ערעץ־ייִסראָעל"; „אַרום און־דזער אוניווערסיטעט אין פּאַלעסטינע"; „אַמעריקאַנער ייִדן טוען ביזנעס אין פּאַלעסטינע"; „וואָס קען ראַטעווען די ייִדישע האָטעל־קיפּערס [4] אין די קעטסקילס [5] ?".

געשיכטע:

„אַ באַרימטער ווילדער וואַלד אין פּוילן, וווּ צאַר ניקאָלײַ פֿלעגט גיין אָפּ יאַגד"; „גאָלדענער טיי־סעט [6] פֿון געוועזענעם רוסישן צאַר איז איצט אייגנטום פֿון אַ ניו־יאָרקער ייִדן"; „ערשט איצט דערוויסט מען זיך, וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן אין טערקישן האַרעם".

פּאָליטיק:

„רעכילעס און פּליאָטקעס וועגן פֿאַרשפּרייט אין פּרעזידענט־קאַמפּיינס" [7].

---

1) אָפּ דאַטשע.
2) זעלבסטבאַדינונג.
3) אַזאַרט־שפּילן.
4) אייגנטימער.
5) דאַטשע־געגנט.
6) סערוויז.
7) פּרעזידענט־וואַלן.

קונסט:

„די טראגעדיע פון האָליוווד [1]"; „שלימאזלדיקער פּראָפעסער שפּילט א זינדיקע ליבע מיט א פארשײַטער טענצערן"; „ער פאנגט פרויען־הערצער מיט זײַן קרעכצנדיק שטימעלע".

פּאָעזיע:

„אויב עס איז א זינד צו ליבן
און א שקלאַפ צו שײנקײט זײַן,
דאן בין איך געווען א זינדער
און א זינדער וועל איך זײַן.

ווער קען זײַן לעבן דיר און בלײַבן
קאלט ווי שניי און אָן א זינד,
ווער קען טראכטן פון אווײרעס,
ווען מע קושט דיך, טײַער קינד?.."

האָט ווער פון די „עסטעסן" אמאָל געפּרוּווט עפּנטלעך אטאקירן די שונד־ און שאנד־ליטעראטור אין דער ייִדישער פּרעסע? האָט ש. ניגער אמאָל קריטיקירט די פּאָרנאָגראַפישע ראָמאנען און דערציילונגען אין „טאָג"? האָבן די „עסטעטן", וואָס שרײַבן אין „ייִדיש" וועגן דער „טאלאנטלאָזיקײַט" פון דער ליטעראטור אין „האמער", געפּרוּווט אמאָל עפּנטלעך אטאקירן דיווירקלעך טאלאנטלאָזיקע, גראַפאָמאנישע לידער אין „טאָג"?

ניין, זיי האָבן עס ניט געטאָן! זיי ווייסן, אז דאָס וואָלט געשאט זייערע „ביזנעס". זיי פירן דורך געטרײַ די סאָציאַלע באשטעלונג פון דער ייִדישער בורזשואַזיע, זיי האָבן זיך אײַנגעשפּארט אין דעם שונד־און שאנד־וואָגן פון דער בורזשואזער פּרעסע און באזאָרגן דעם פארלאנגטן מאטעריאַל.

אָט אזא ייִדישע פּרעסע און אזעלכע פּען־קנעכט האָט „די פרײַהײַט" געטראָפן, ווען זי איז געקומען צום לעבן. קיין אנדער פּרעסע איז ניט געווען. און די ייִדישע ארבעטער האָבן זיך געמוזט שפּײַזן מיט אָט דעם שונד און שאנד.

בא אָט דער פּרעסע איז דער ייִדישער ארבעטער געווען פארעכנט פאר א „מוישע", וואָס ווייסט גאָרניט, וואָס דארף, אז מע זאָל אים קיצלען און כאַנפענען. דער ייִדישער ארבעטער איז באטראכט געוואָרן פאר א „מוישע", צו וועלכן מע דארף שמייכלען און אים אונטערטראָגן אביסעלע וואסערדיקן, ראַזעווען „ציציליזם" אין א טיי־לעפעלע. ער איז באטראכט געוואָרן פאר אן אומקולטורעלן מענטשן, וועלכער וויל ניט און קען ניט פארשטיין די העכערע קולטור־ווערטן, וועלכן מע דארף ניט געבן קיין ערנסטע, עמעסע קונסט־ווערק, וועלכער קען קוים פארדייען פּאָפּוליאַריזאציעס און צעקײַטע און איבערגעקײַטע פראזעס.

בענעגייע צום קאמף האָט מען דעם ארבעטער געהאלטן פייק בלויז אפּ טומל. מע האָט אים ביכלאַל געהאלטן פאר אן אומוויסנדיקער און טעמפּער

[1]) צענטער פון דער אמעריקאנישער פילם־אינדוסטריע.

באשעפעניש. דאָס פלעגט מענ אָפנ ניט ארויסזאָגנ. אָט די צינישע באַציִונג האָט מענ, פארשטייט זיכ, באהאלטנ פונ דער עפנטלעכקייט. אָבער די שפּיז פונ שונד אונ שאנד, מיט וועלכער מע פלעגט שפּייזנ דעם ארבעטער, איז דער בעסטער באווייז, אינ וואָס פאר א שייַנ מע האָט באטראכט דעם ייִדישנ אר־בעטער.

אָט די ביטל־באַציִונג צום ארבעטער, ווי צו א באשעפעניש אָנ טי־פע אונ ערנסטע אינטערעסנ, אָט די באַציִונג פונ די בורזשואזע פענ־קנעכט, פונ די געלע „סאָציִאליסטנ" אונ פונ די פּראָפּארײנישע ביוראָקראטנ איז אויכ פארקערפּערט אינ די ווערק פונ ליבינ, קאָברינ אונ אנדערע, וועלכע האָבנ שוינ יאָ קלוימערשט געשריבנ וועגנ ארבעטער. די זעלבע באַציִונג צום ארבעטער האָט אויכ ארויסגעוויזנ דער ייִדישער בורזשואזער שונד־טעאטער אינ אמעריקע. אָט די ביטל־באַציִונג איז אויכ געווענ אײַנגעוואָרצלט בא די „יונגע". פאר דער „פרײַהײַט" איז געשטאנענ די אויפגאבע צו מאכנ א סאָפּ צו אָט דער באַציִונג, צו אָט דעם בילבל אפ די ייִדישע ארבעטער.

„די פרײַהײַט" האָט געהאָלפנ ארויסרופנ בא די ייִדישע ארבעטער אינ אמע־ריקע זייערע גרויסע שעפערישע קויכעס, וועלכע זײַנענ געווענ קינסטלעכ פארשלעפּערט, וועלכע זײַנענ דערשטיקט געוואָרנ בעקיוונ, אינ וועלכע מע האָט פריִער ניט געגלייבט, אפ וועלכע מע האָט פריִער געקוקט פונ אויבנ אראָפּ.

מיט דער דריטער עמיגראציִע־כוואליע האָט זיכ אינ אמעריקע אויכ אריַינ־געגאָסנ א נײַער שטראָם ייִדישע ארבעטער פונ פּוילנ, פונ ליטע אונ פונ אנדערע לענדער. די נײַע ארבעטער־אימיגראנטנ, וועלכע האָבנ אינ דער אל־טער היימ שוינ געהאט דורכגעמאכט די מילכאָמע, רעוואָליוציעס, אָקופּאציעס, וועלכע האָבנ שוינ אָנטייל גענומענ אינעם פּאָליטישנ קאמפ, האָבנ געשטעלט גרעסערע פאָדערונגענ צו דער ליטעראטור אונ פּרעסע.

„די פרײַהײַט" — „מאָרגן־פרײַהײַט"

„אין „מאָרגן־פרײַהײַט" שלאָגט דאָס בלוט פון אונדזער האַרץ,
דורך „מאָרגן־פרײַהײַט" רופט דאָס וואָרט פון אונדזער ווילן".
(ב. פרידמאַן)

פאָרמעל גענומען, הייבט זיך אָן דער פעריאָד פון דער יידישער פראָלעטאַרישער ליטעראַטור אין אמעריקע מיט דער גרינדונג פונעם „פראָלעטפען" אין 1929 יאָר, ווען די אַזויגערופענע „מיטלויפער", ווי ליוויק, ווייזען און מעניאַכעם, זײַנען אַנטלאָפן פון דער „פרײַהײַט" (דעמאָלט שוין „מאָרגן־פרײַהײַט"). מיר האָבן שוין אָבער געזאָגט, אַז די יידישע פראָלעטאַרישע ליטעראַטור אין אמעריקע איז ניט אָפּצוטיילן פון דער „פרײַהײַט", אַז די יאָרן פון דער עקזיסטענץ פון דער „פרײַהײַט" זײַנען גלײַכצײַטיק אויך יאָרן פון קאַמף פאַר א יידישער פראָלעטאַרישער ליטעראַטור אין אמעריקע.

ווי ס'איז באַוווסט, גיבן אָפּ די יידישע צײַטונגען אין אמעריקע אומגעהייער פיל פּלאַץ פאַר בעלעטריסטישן שטאָף. יעדן טאָג געפינט זיך אין אן אמעריקאַנישער יידישער צײַטונג א באַדײַטנדיקע ליטעראַרישע אָפּטיילונג. „די פרײַהײַט" איז אין דעם פראַט ניט קיין אויסנאַם.

דער ווichטיקסטער אָרגאַן פון די יידישע פראָלעטאַרישע שרײַבער אין אמעריקע איז אַלעמאָל „די פרײַהײַט". דאָרטן ווערט געדרוקט עפּשער נײַנציק פּראָצענט פון זייערע שאַפונגען. „די פרײַהײַט" איז ניט בלויז די וואָרטפירערן פון צענדליקער טויזנטער יידישע אַרבעטער אין אמעריקע, נאָר זי באַאײַנפלוסט און זי ווערט געלייענט פון טויזנטער רעוואָליוציאָנערע יידישע אַרבעטער אין אַלע אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע לענדער: קאַנאַדע, פוילן, אַרגענטינע, פראַנקרײַך א. אז. וו.

דאָס דערשײַנען פון דער „פרײַהײַט" פאַלט צוזאַמען מיט דער דריטער עמיגראַציע־כוואַליע קיין אמעריקע, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן באַלד נאָך דער מילכאָמע, אַנערעך אין 1920־טן יאָר, און האָט געדויערט ביזן 1924 יאָר, ווען עס זײַנען אײַנגעפירט געוואָרן די באַגרענעצונג־געזעצן פאַר אימיגראַנטן פון אַנדערע לענדער. מיט אָט דער עמיגראַציע־כוואַליע זײַנען עס געקומען די יונגע אַרבעטער, וועלכע זײַנען איצט דער קערן פון די פראָלעטאַרישע שרײַבער אין אמעריקע, פון „פראָלעטפען".

„די מאָרגן־פרײַהײַט" (פריער „פרײַהײַט") איז דער יידישער אָרגאַן פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי פון די פאַרייניקטע שטאַטן. די צײַטונג עקזיסטירט אַדאַנק דער איבערגעבנקײַט, אַקשאָנעסדיקײַט און מאַמעש מעסירעסנע-

פעשדיקייט פון דער יידישער רעוואָליוציאָנערער ארבעטערשאפט. דער פאקט, וואָס „די פרייהייט" ווערט אזוי ביטער באקעמפט און פארהאסט פון דער בורזשואזיע און בא אירע אגענטן אין די רייען פונעם ארבעטער־קלאס ווייזט, ווי צילטרעפיק זי איז מיט איר אָנראכמאָנעסדיקן קאמף קעגן זיי. זי איז אומקאָמפּראָמיסדיק און אומדערשראָקן.

„די פרייהייט" האָט פונעם סאמע ערשטן טאָג אָן פון איר עקזיסטענץ געשטעלט פאר זיך די אויפגאבע אויפצוקלערן די יידישע ארבעטער־מאסן דעם באטייט פונעם ראטנפארבאנד פאר דעם אינטערנאציאָנאלן פּראָלעטאריאט, באקאנט צו מאכן זיי מיט די ריזיקע סאָציאַליסטישע דערגרייכונגען פון די סאָוועטישע ארבעטער און פויערים. פונעם ערשטן טאָג אָן האָט „די פרייהייט" געפירט אן אומקאָמפּראָמיסדיקן קאמף קעגן דעם „פאָרווערטס", דעם יידישן אָרגאן פון דער אמעריקאנישער „סאָציאַליסטישער" פארטיי, קעגן דער ציוניסטישער פרעסע און קעגן דער יידישער שונד־און שאנד־פרעסע ביכלאל. „די פרייהייט" האָט די גאנצע צייט ניט אויפגעהערט אויפדעקן די פאראטן און די פארקויפטקייט פון דער רעפאָרמיסטישער פראָפפאריינישער ביוראָקראטיע און פון דער ביוראָקראטישער קליקע אינעם ארבעטער־רינג. „די פרייהייט" האָט געהאָלפן אויסצוקריסטאליזירן א לינקן פליגל צווישן די יידישע ארבעטער. זי האָט געהאָלפן גרינדן אזוינע מעכטיקע קולטורעלע מאסן־אָרגאניזאציעס פון די יידישע רעוואָליוציאָנערע ארבעטער, ווי דער אינטערנאציאָנאלער ארבעטער־אָרדן, די ארבעטער־קלובן, די פרויען־„קאונסילס" (אָרגאניזאציעס), די „פרייהייט"־געזאנג־פאריינען, די גרויסע נעץ פּראָלעטארישע קינדער־שולן באם ארבעטער־אָרדן, דעם יידישן ארבעטער־אוניווערסיטעט א. אז. וו. אלץ, וואָס עס איז נאָר פאראן געזונטס צווישן די יידישע ארבעטער אין אמעריקע, קאָנצענטרירט זיך ארום דער „פרייהייט". אלע בעעמעס שעפערישע קולטור־קרעפטן צווישן די יידישע ארבעטנדיקע מאסן אנטוויקלען זיך אונטער דעם איינפלוס און אָנפירערשאפט פון דער „פרייהייט".

ס'פארשטייט זיך, אז ניט פון איר ערשטן טאָג אָן איז „די פרייהייט" געוואָרן אן אויסגעהאלטענע קאָמוניסטישע צייטונג. די ערשטע דריי־פיר יאָר פון איר עקזיסטענץ איז זי נאָך געווען זייער ווייט פון דעם, וואָס עס דארף זיין א קאָמוניסטישע צייטונג.

ווען מע בלעטערט בא היינטיקן טאָג אלטע נומערן „פרייהייט", פרעגט מען זיך אָפט: צי איז עס מעגלעך, אז די דאָזיקע שורעס זיינען געווען געדרוקט אין דער „פרייהייט"? צי איז עס מעגלעך, אז אזעלכע גדאנקען און טעאָריעס זאָלן האָבן געפונען פלאַץ אין א קאָמוניסטישער צייטונג? די געבונדענע קאָמפּלעקטן פון „פרייהייט" דערציילן א געשיכטע, פון איין זייט, וועגן בורזשואזע איינפלוסן, וועגן זוכעניש אין דער פינצטער, וועגן זיגזאַג־וועגן, וועגן אָפּנויגן, וועגן גרויסע פעלערן, און פון דער אנדערער זייט, וועגן העלדישע קאמפן און—שפעטער—וועגן שטרעבונג צו גיין אפ דעם קלאָרן וועג פונעם מארקסיזם־לעניניזם.

געוויס טאָר מען ניט באטראכטן די „פרייהייט" אָפּגעריסן פון איר באוועג.

און איר באזע איז אלעמאל געווען די רעוואָליוציאָנערע ארבעטערשאפט און איר אוואנגארד, די קאָמוניסטישע פארטיי פון די פאראייניקטע שטאטן. די פעלערן, וואקלעניש און זוכעניש פון דער „פרײַהײַט״ זײַנען אָבער ניט אלעמאל געווען די פעלערן פון דער פארטיי. אָפט האָט זיך „די פרײַ־הײַט״ נאָכגעשלעפט ווײַט, ווײַט פון הינטן. אָפט איז „די פרײַהײַט״ גע־ווען אָפגעשטאנען אפילו לעגאבע דער דעמלטיקער רעוואָליוציאָנערער יידישער ארבעטערשאפט. אינגאנצן גענומען איז אָבער די אנטוויקלונג־ליניע פון דער „מאָרגן־פרײַהײַט״ געווען די אנטוויקלונג־ליניע פון דער אמעריקאנישער רעוואָליוציאָנערער ארבעטער־באוועגונג און פון דער קאָמוניס־טישער פארטיי פאר די לעצטע 12 יאָר. פאר אָט די 12 יאָר האָט זיך געענדערט דאָס פּאָנעם פון דעם אמעריקאנישן קאפיטאליזם, האָט זיך פיל געענדערט אין די שטימונגען פון די ארבעטער־מאסן, עס איז שטארק באַל־שעוויזירט געוואָרן די אמעריקאנישע קאָמפארטיי און — ס׳האָט זיך אויך געענדערט דער כאראקטער פון דער „פרײַהײַט״ און איר באציונג צו אלע פראגעס, און בעמיילע אויך צו די פראגעס פון קולטור, ליטעראטור און טעאטער.

„ע ס א י ז ד אָ א נ ג ע פ א ר ב י נ ד ו נ ג צ ו י ש ן ד ע ם כ א ר א ק ט ע ר פ ו ן ד ע ר ר ע וו אָ ל י ו צ י אָ נ ע ר ־ אָ ר י ע נ ט י ר ט ע ר י י ד י ש ע ר ל י ט ע ר א ־ ט ו ר א י ן א מ ע ר י ק ע פ א ר ד ע ם ל ע צ ט ן צ ע נ ד ל י ק י אָ ר א ו ן ד ע ם ג ר א ד פ ו ן ב אָ ל ש ע וו י ז א צ י ע א י ן ד ע ר ק אָ מ פ א ר ט י י ב י כ ל ל, א ו ן א י ר א י צ ט י ק ע ר (י י ד י ש ע ר) ס ע ק צ י ע ב י פ ר א ט״ — האָט זייער ריכטיק געשריבן כ׳ אָלגין.

אָט דער פּראָצעס פון באָלשעוויזאציע איז פאָרגעקומען אפן באָדן און אין די ראמען פון דעם צווייטן פעריאָד פון דעם נאָכמילכאָמעדיקן קאפיטאליזם.

וואָס זײַנען די כאראקטער־שטריכן פון אָט דעם פעריאָד?

„דער קאפיטאליזם איז טיילווײַז גיווער זײַן נאָכמילכאָמעדיקן קריזיס און הייבט אָן די באהאדראָגעדיקע און טיילווײַזע סטאביליזאציע פון דער קאפי־טאליסטישער סיסטעם, דעם „אופשטעל״־פראָצעס פון דער קאפיטאליסטישער עקאָנאָמיק, די אנטוויקלונג און פארברייטערונג פונעם קאפיטאליסטישן אָנגריף און די פאָרזעצונג פון די פארטיידיקונג־שלאכטן פון דער פּראָלעטארישער ארמיי, וועלכע איז אָפגעשוואכט מאכמעס אירע שווערע מאפּאָלעס. פון דער אנדערער זײַט, איז דער דאָזיקער פעריאָד געווען א פעריאָד פון שנעלן אופבוי פונעם ראטנפארבאנד, פון אויסערגעוויינלעך ריזיקע דערפאָלגן אין דער ארבעט פון בויען דעם סאָציאַליזם, און אויך פונעם וווקס פון דעם פּאָליטישן אײַנפלוס פון די קאָמוניסטישע פארטייען אף די ברייטע מאסן פונעם פּראָלעטאריאט״ (רעזאָליוציע פונעם זעקסטן קאָנגרעס פונעם קאָמינטערן).

דער אמעריקאנישער קאפיטאליזם איז געווען דער פּאָרויסגייער אין אָט דעם „אופשטעל״־פּראָצעס, אין אָט דער טיילווײַזער סטאביליזאציע פונעם קאפיטאליזם. ער הייבט אָן שנעל מארשירן אפן וועג פון „פּראָספּעריטי״, עס הייבט זיך אָן אין א ברייטן מאסשטאב דער פּראָצעס פון דער נאָכמיל־כאָמעדיקער קאָנצענטראציע פון קאפיטאל, פון טרעסטיפיקאציע און ראציאָ־

נאַליזאַציע. די רעוואָכים און די ראַשיקע אַנטוויקלונג פון דעם נאָכמילכאָמעדיקן אַמעריקאַנישן קאַפּיטאַליזם ווערן דער אויסגאַנג־פּונקט פאַר די טעאָריעס פון אַלע מינים אָפּאָר־טוניסטן.

די אַמעריקאַנישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי פּאַרענדיקט צום אָנהייב פון אָט דעם פּעריאָד איר אויספאָרמירונג־פּראָצעס. לויט די דירעקטיוון און אונטער דער דירעקטער אָנפירונג פונעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל האָבן די צעשפּליטערטע קאָמוניסטישע פראַקציעס זיך פאַראייניקט אין איין פּאַרטיי. די פּאַרטיי נעמט זיך ערנסט פאַרווירקלעכן איר אויפגאַבע צו ווערן די פירערן פון די טאָגטעגלעכע קאַמפן פון די אַרבעטער־מאַסן. זי שאַפט איר לעגאַלן אַפּאַראַט — די „וואָרקערס"־פּאַרטיי (דעקאַבער 1921). זי הייבט אָן פירן סיסטעמאַטישע אַרבעט אין די יוניאָנס (פּראָפּאַריינען) פון דער „אַמעריקען פעדעריישאָן אָוו לייבאָר" (אַמעריקאַנישער אַרבעטער־פעדעראַציע), זי אָרגאַניזירט דעם לינקן פליגל אין די יוניאָנס („טרייד יוניאָן עדיוקיישאָנעל ליג"), זי הייבט זיך אָן באַטייליקן אין פּאָליטישע קאַמפן ספּעציעל אין וואַל־קאַמ־פּאַניעס.

די אַמעריקאַנישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז אָבער אין מעשעך פון אָט דעם גאַנצן פּעריאָד (1921—1927) וויַט נאָך קיין צענטראַליזירטע פּראָלעטאַרישע פּאַרטיי, ווי אַ קאָמוניסטישע פּאַרטיי באַדאַרף זײַן. די פּאַרטיי שטעלט מיט זיך פאָר, אין דעם גרעסטן טייל פון אָט דעם פּעריאָד, אַ מין פעדעראַציע פון שפּראַך־פּאַרטייען. יעדע שפּראַך־גרופּע איז פאַקטיש אַ פּאַרטיי פאַר זיך, וועלכע ווערט זייער שוואַך קאָנטראָלירט פון דער גאַנצער פּאַרטיי. אין די ראַמען פון דער פּאַרטיי, אײַנגאַנצן גענומען, און פון יעדער שפּראַך־פעדעראַציע באַזונדער אַנטוויקלט זיך אַ פראַקציאָנעלער קאַמף, וואָס לייגט אַרויף זײַן שטעמפּל אויף יעדן טייל פון דער באַוועגונג.

אָט די אָביעקטיווע און סוביעקטיווע באַדינגונגען פון דעם דאָזיקן פּעריאָד האָבן זיך, נאַטירלעך, אָפּגעשפּיגלט אויך אין דער „פרייהייט". דערצו דאַרף נאָך גענומען ווערן אין באַטראַכט פאָלגנדיקער מאָמענט. די לאַגע אין דער יוניאָן־באַוועגונג צווישן דער ייִדישער אַרבעטערשאַפט און אין די ייִדישע קולטורעלע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס האָט געשאַפן אין דער ייִדישער סעקציע פון דער פּאַרטיי אַ ספּעציעל גינסטיקן באָדן פאַר רעכט־אָפּאָרטוניסטישע טענ־דענצן, וואָס האָבן זיך אויסגעדריקט אין פאַרשיידענע פּרוּוון פון נאָכשלעפּן זיך נאָך די ביוראָקראַטן פון די נאָדלפאַך־פּאַריינען, נאָך די „סאָציאַליסטן" פונעם אַרבעטער־רינג און נאָך די „ראַדיקאַלע" קליינבירגערלעכע אינטעליגענטן אין די קולטורעלע אָרגאַניזאַציעס. ס'איז אַ פאַקט, אַז „די פרייהייט" מאַכט נאָך קיין ערנסטע דערווידערונגען קעגן דער טעאָריע און פּראַקטיק פון די פאַלשע „מיטלויפער" א. אז. וו.

אַ שאַרפע ווענדונג אין דער אַנטוויקלונג פון דער „פרייהייט" איז פאָר־געקומען אין פאַרבינדונג מיט צוויי היסטאָרישע געשעענישן: די ווענדונג פונעם אויספירקאַמף פונעם קאָמינטערן צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון די

פאַרייניקטע שטאַטן און די געשעענישן אין פּאַלעסטינע. ביידע זאַכן קומען פאָר אינעם זומער פונעם יאָר 1929.

שוין צום סאָף 1927 האָט מען געקענט מערקן אַלע סימפּטאָמען פון אַן אָנקומענדיקן קריזיס. דער זעקסטער קאָנגרעס פון קאָמינטערן, וואָס איז פאָרגעקומען זומער 1928, האָט אָנגעוויזן, אַז דער פּעריאָד פון צייטווייליקער סטאַביליזאַציע קומט צו אַ סאָף, און אַז דער קאַפּיטאַליזם טרעט אַריין אין אַ פּעריאָד פון פאַרשאַרפטע קריזיסן, פון קאָלאָניאַלע קאַמפן, פון רעוואָלוציעס און אימפּעריאַליסטישע מילכאָמעס. היינט־צו־טאָג קאָן שוין יעדערער זען די ריכטיקייט פון דער דאָזיקער אָפּשאַצונג פונעם קאָמינטערן.

דער נייער, דער דריטער פּעריאָד פון דער נאָכמילכאָמעדיקער אַנטוויקלונג פונעם קאַפּיטאַליזם האָט אַרופגעלייגט אויף די קאָמוניסטישע פּאַרטייען די אויפגאַבע, וואָס גיכער צו פאַרוואַנדלט ווערן אין באָלשעוויסטישע מאַסן־פּאַרטייען, וואָס מאָביליזירן און פירן די אַרבעטער. די רעכט־לאַוואַטאָניסטישע פירערשאַפט פון דער אַמעריקאַנישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי האָט אָבער אַנטוויקלט אַ טעאָריע, וואָס איז אַ קעגנזאַץ צו דער אָפּשאַצונג פונעם קאָמינטערן. לויט דער לאַוואָסטאָן־טעאָריע איז דער אַמעריקאַנישער קאַפּיטאַליזם ניט בלויז ניט אַריינגעטראָטן אין דעם פּעריאָד פון קריזיס און צעפוילונג, נאָר פאַרקערט, ער הייבט ערשט אָן אַ פּעריאָד פון שנעלן וווּקס און פאַרברייטערונג: דאָס איז די טרויעריק־באַרימטע טעאָריע וועגן דער „אויסנאַם־לאַגע פונעם אַמעריקאַנישן קאַפּיטאַליזם".

די ווענדונג פונעם קאָמינטערן צו דער אַמעריקאַנישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי (יוני 1929) האָט געפירט צום אויסרייניקן דעם לאַוואָסטאָניזם פון דער פּאַרטיי און צו דער ענדגילטיקער ליקווידירונג פון פראַקציאָנערישקייט אין דער פּאַרטיי. די מאַקע פון פראַקציאָנערישקייט איז ליקווידירט געוואָרן אויך אין דער יידישער סעקציע פון דער פּאַרטיי. די אָפּאָרטוניסטישע טענדענצן אין דער יידישער סעקציע פון דער פּאַרטיי, וועלכע פירט אָן דירעקט מיט דער „מאָרגן־פרייהייט", זיינען עפּשער געווען נאָך שטאַרקער ווי אין דער פּאַרטיי איינגאַנצן גענומען. דאָס האָבן באַוויזן די געשעענישן אין פּאַלעסטינע צום סאָף אויגוסט פונעם יאָר 1929, די געשעענישן, וואָס זיינען באַקאַנט אין אַמעריקע אונטערן נאָמען „פּאַלעסטינע־וואַקכאַנאַליע".

מיטן מויל האָט „די פרייהייט" געהאַט אָנגענומען דעם טעזיס פונעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל וועגן דעם דריטן פּעריאָד אַלס אַ פּעריאָד פון רעוואָלוציאָנערע אויפברויזן און אַנטי־אימפּעריאַליסטישע אויפשטאַנדן אין די קאָלאָניאַלע לענדער. ווען מע האָט זיך אָבער באַגעגנט פּאָנעם צו פּאָנעם מיט אַן אויפשטאַנד קעגן דעם ציוניזם, אַלס אַגענטור פונעם ענגלישן אימפּעריאַליזם, איז „די פרייהייט" אַריינגעפאַלן אין טאָגן פון דער יידישער בורזשואַזיע און איר פּרעסע, וועלכע האָט באַטראַכט דעם אויפשטאַנד פון די אונטערדריקטע אַראַבישע פּויערים, אַלס אַ פּאָגראָם אויף יידן, און האָט געפּאָדערט פונעם ענגלישן אימפּעריאַליזם צו דערשטיקן דעם אויפשטאַנד פון די אַראַבער אין פּאַלעסטינע.

די ארויסטרעטונג פונ דער פארטיי, וועלכע האָט אופמערקזאמ געמאכט דער „פרײַהײַט" אפ דעמ פעלער, די ווײַטערדיקע געשעענישנ אינ פארבינדונג מיט דער ציִענ־וואקכאנאליע האָבנ געהאָלפנ צו ענדערנ דאָס פּאָנעמ פונ דעמ גאנצנ געזעלשאפטלעכנ לעבנ פונ די ייִדישע ארבעטער אינ אמעריקע אונ אויכ פונ דער „מאָרגנ־פרײַהײַט". די קלאסנ־ליניע איז שארפ געצויגנ געוואָרנ. די דיפערענציִאציע פונ די קלאסנ־קויכעס איז געוואָרנ מער קלאָר אונ בולעט. הײַנט־צו־טאָג איז זיכ גאָר שווער פאָרצושטעלנ, אז א מעדעמס טויט זאָל פאר־צייכנט ווערנ אינ דער „מאָרגנ־פרײַהײַט" אינ א שווארצער ראמ אונ מיט א נעקראָלאָג פול מיט לויבגעזאנגענ; אז די רייזענס, לייוויקס אונ מענאכעמס זאָלנ זײַנ די טאָנגעבער אינ פראגעס פונ פראָלעטארישער קולטור אונ ליטעראטור. אויכ אינ אלע אנדערע געביטנ האָט זיכ ראדיקאל געענדערט די לאגע. זינט 1929 שטרעבט „די מאָרגנ־פרײַהײַט" צו ווערנ אנ עמעס קאָמוניסטישע צײַטונג, וואָס פארדינט דעמ נאָמענ: אָרגאנ פונ דער קאָמוניסטישער פארטיי פונ אמעריקע.

פארטיייִשקײַט אפנ קולטור־געביט איז, ווי אפ אלע אנדערע געביטנ, א לע־ניִנישער גרונט־פרינציפ. דעמ דאָזיקנ פרינציפ הייבט אָנ „די פרײַהײַט" אָנווענדנ פראקטיש, אונ וואָס ווײַטער מיט אלצ א גרעסערער קאָנקרעטקײַט אונ ווירק־זאמקײַט. דאָס קענ מענ זענ פונ די גרויסע דערגרייכונגענ, וואָס די פארטיי, „די מאָרגנ־פרײַהײַט" אונ דער „פראָלעטפענ" האָבנ צו פארצייכענענ אינ דער קולטור־טעטיקײַט צווישנ די ייִדישע ארבעטער אינ אמעריקע. אָבער ערנסטע אָפאָרטוניסטישע געפארנ לויערנ אינ אמעריקע אפ אָט דעמ געביט אויכ איצט.

כאווער סטאלינס בריוו אינ דער „פראָלעטארסקאיא רעוואָליוציִא" קעגנ די קאָנטראבאנדיסטנ פונעמ קאָנטררעוואָליוציִאָנערנ טראָצקיזמ, קעגנ דעמ פוילנ ליבעראליזמ אונ וועגנ דעמ קאמפ אפ צוויי פראָנטנ האָט מיט דער נייטיקער שארפקײַט נאָכאמאָל אוועקגעשטעלט פאר די קאָמוניסטישע פארטייענ פונ דער גאנצער וועלט די פראגע וועגנ אידעאָלאָגישער אויסגעהאלטנקײַט אונ באָל־שעוויסטישער פרינציפּיִעלקײַט בענוגייע צו טעאָריע ביכלאל אונ אינ פראגעס פונ קולטור, ליטעראטור אונ קונסט ביפראט. באזונדערס איז נייטיק א באָל־שעוויסטישע וואכזאמקײַט אפנ געביט פונ קולטור אונ ליטעראטור, ווו אָפנויגנ קענענ זיכ לײַכט פוצנ אינ פארשיידענע „רעוואָליוציִאָנערע" פעדערנ. דער קאמפ, וועלכנ עס פירט די באָלשעוויסטישע פארטיי אינעמ ראטנפארבאנד פאר דער ריינקײַט פונ דער מארקס־לעניִנישער אידעאָלאָגיע אונ מעטאָדאָלאָ־גיע, קענ אונ דארפ דינענ אלס וועגווײַזער אויכ פאר די קאמפנ אינ די פא־רייניקטע שטאטנ. „די מאָרגנ־פרײַהײַט", דוכט זיכ מיר, האָט נאָכ נישט גענוג געלערנט פונ די דערפארונגענ אונ דערגרייכונגענ פונ דער באָלשעוויסטישער פארטיי אינעמ ראטנפארבאנד פאר דער ארבעט אפנ קולטורעלנ געביט אינ די פארייניקטע שטאטנ. דאָס דארפ אונ מוז פאריכט ווערנ.

בלויז אינעמ שטענדיקנ קאמפ אפ ביידע פראָנטנ, קעגנ די רעכטע אונ „לינקע" אָפנויגנ פונ דער באָלשעוויסטישער ליניע, ווי אויכ קעגנ טאָלעראנט־

לערן צו זיי, וועט זיך „די פרײַהײַט״ קענען דערשלאָגן צו גרויסע דערפאָלגן אויך אפן געביט פון פראָלעטאַרישער קולטור און ליטעראַטור.

איצט לאָמיר א קוק טאָן אפ צוריק און אפ קאָנקרעטע בײַשפּילן זען, וואָסערע פעלערן „די פרײַהײַט״ איז באַגאַנגען אפן געביט פון קולטור און ליטעראַטור.

די באַציִונג פון דער „פרײַהײַט״ צו קולטור־פראַגעס קען אײַנגעטײלט ווערן אין דרײַ עטאַפּן. צוערשט דער עטאַפּ, ווען „די פרײַהײַט״ האָט אַרויס־געריקט דעם דורכויס פאַלשן, שעדלעכן לאָזונג וועגן „גוטער", „ריינער", „בעסערער", מאָדערנער", „אַנדערשדיקער" ליטעראַטור — דאָס זעלביקע וועגן טעאַטער — אין קעגנזאַץ צו שונד און צו „שלעכטער" ליטעראַטור, וואָס פאַר־דאַרבט דעם אַרבעטערס געשמאַק. דער קלאַסן־בונט פון די אַרבעטער קעגן דער קלאַיסראָעל־קולטור און ליטעראַטור איז פאַרביטן געוואָרן אפ קאַמף קעגן שונד און וואולגאַרקײַט. מע האָט זיך ניט אָפּגעגעבן קיין רעכענונג, אז ליטע־ראַטור מיט א קלאַסן־פרעמדן אידעאָלאָגישן אינהאַלט קען ניט זײַן גוט און ריין, ווען אפילע זי איז אײַנגעוויקלט אין א שלייער פון אויסערלעכער ליג־קײַט און איז פרײַ פון שונד און פּאָרנאָגראַפיע; אז אזא ליטעראַטור קען ניט הייבן דעם געשמאַק, ווײַל הייבן דעם געשמאַק הייסט, פון קאָמוניסטישן שטאַנדפּונקט, אַנטוויקלען דעם קלאַסן־באַוווסטזײַן פון די אַרבעטער; און אז ליטעראַטור, וועלכע דריקט אויס באַהעמישע אָדער „באָסיאַקישע" שטימונגען, איז בורזשואַזע ליטעראַטור, וועלכע קען נאָר פאַרמיסטיקן די מוחעס פון די אַרבעטנדיקע מאַסן.

שפּעטער קומט דער עטאַפּ, ווען ס׳ווערט אַרויסגערוקט די פאָדערונג פון „סאָציאַלע מאָטיוון" אין קולטור, ליטעראַטור, טעאַטער. די דאָזיקע פאָדערונג איז געווען, אזוי צו זאָגן, דער ערשטער אָנזאָג אפ אן אייגענעם פראָלעטאַרישן קולטור־פראָנט. אין אָט דעם פעריאָד האָבן אינעם ליטעראַרישן אָפּטייל פון דער „פרײַהײַט״ פאַרגעבן דעם טאָן די טרויעריק־באַוווסטע מיטלויפער־אַנט־לויפער.

און צום סאָף, דער עטאַפּ זינט 1929 ביז איצט, ווען „די פרײַהײַט״ שטרעבט דורכצופירן די מאַרקס־לענין־סטאַלינישע פּרינציפּן אויך אפן קולטור־פראָנט.

אָט וואָס עס ווערט געזאָגט וועגן קולטור אינעם לייטאַרטיקל פונעם ער־שטן נומער „פרײַהײַט", וואָס איז דער פּראָגראַם־אַרטיקל פון דער צײַטונג:

„א נײַער קוק — — — אפ קולטור, — אַרבעטער־מאַסן ניט צופרידן — מיט דער אַלטער גײַסטיקער שפּײַז. „די פרײַהײַט" וויל אויך רעוואָליוציאָניזירן זייער קוק אפ פראַגן פון קולטור — — — אין דער יוניאָן, אין אַרבעטער־רינג, אין פּריוואַטן לעבן, ווו דער אַרבעטער שטרעבט צו פאַרפײַנערן זײַן גײַסט און אויסצוביידלען זײַן געשמאַק".

„פאַרפײַנערן זײַן גײַסט און אויסיידלען דעם אַרבעטערס געשמאַק" — דאָס האָט בא דער „פרײַהײַט" דעמלט געהייסן „רעוואָליוציאָניזירן" דעם אַרבעטערס קוק אפ פראַגעס פון קולטור.

אינ א באשרײַבונג „דער ארבעטער לײענט" (א ניו־יאָרקער בילד) געפינען מיר פאָלגנדיקס:

„אינ די ביכער זײַנען אלע געדאנקען, זעונגען, װוּנטשנ, אלע טרוימען, אלע כאלוימעס, אלע זוכענישנ, אלע פכאָדימ, אלע טרײסטונגען, אלע װיסנ. ביכער זײַנען — די װעגװײַזער, זײ זײַנען די בױער פונ דער מענטשהײַט".

סטאם ביכער, סטאם װעגװײַזער, סטאם בױער, סטאם מענטשהײַט אונ סטאם זײ לײענען — דאָס איז דאָך יענע סטאם־אופקלערונג, װאָס איז כאראקטעריסטיש פארנ קלײנבירגערטומ אונ באטײַט אָביעקטיװ אָריענטאציע אפ בורזשואזער ליטעראטור אונ קולטור.

אָדער לאָמיר נעמענ אזא שאָװיניסטישנ קװיטש, װי עס שטעלט מיט זיך פאָר דער ארטיקל: מע האָט ניט ליב די ייִדנ.

א פאָר אויסצוגנ װעלנ זײַנ גענוג:

„מע האָט אונדז ניט ליב, לאָמיר צוגעבנ דעמ פאקט, לאָמיר אימ קוקנ גלײַכ אינ די אויגנ. מע האָט די ייִדנ ניט ליב. מע האָט אונדז ניט ליב אינ פוילנ, אונטער דער הערשאפט פונ פריצימ אונ גאלאָכימ. מע האָט אונדז ניט ליב אינ דײַטשלאנד, אונטער דער הערשאפט פונ „סאָציאל־דעמאָקראטנ" אונ באנקירנ. מע האָט אונדז ניט ליב אינ רוסלאנד, אונטער דער הערשאפט פונ סאָװעטנ. מע האָט אונדז ניט ליב אינ אמעריקע, אונטער דער הערשאפט פונ קאפיטאל.

„מע האָט אונדז ניט ליב. דאָס איז א פאקט. מע טאָר ניט אװעקמאכנ דעמ פאקט אונטער דער האנט. װאָס קלאָרער מיר זעענ אימ, אלצ שטארקער טוט װײ, אָבער אלצ געזינטער פאר אונדז.

„מיר װילנ בלײַבנ געטרײַ זיכ אלײן. מיר װילנ ניט אָנװערנ אונדזער געשטאלט. די מאסנ פונ ייִדישנ פאָלק, סײַ אינ אײראָפע אונ סײַ אינ אמעריקע, װילנ ניט אָנװערנ זײער נאציאָנאלנ געשטאלט. עס איז ניט קײנ „אטאָבעכארטאָנו", עס איז א געזונטער פארלאנג פונ יעדנ מענטשנ, פונ יעדער גרופע צו האָבנ איר פערזענלעכקײַט".

„די פרײַהײַט" האָט אויכ געדרוקט װארעמע ארטיקלענ צו יובילײענ פונ בורזשואזע שרײַבער אונ דערבײַ הויכ פראָקלאמירט:

„איצט רוקנ מיר ארויס ניט די פונקטנ, װאָס אונדז צעטײלט, נאָר די, װעלכע רופנ ארויס אונדזער פולסטע אכטונג אונ באגײַסטערונג פאר אימ".

אײנ רעדאקטער פונ דער „פרײַהײַט" האָט אָפגעדרוקט א לויבגעזאנג־ארטיקל צו „מײַנ ביאליק". א צװײטער רעדאקטער האָט געלאָזט אָפדרוקנ אינ דער „פרײַהײַט" א לויבגעזאנג דעמ הײליקנ „שאבעס", אונ װענ ארבעטער האָבנ קעגנ דעמ פראָטעסטירט, האָט ער זיכ פארענטפערט, אז דעמ „שאבעס" דארפ מענ פארשטײנ אלס א סימבאָל פונ דער סאָציאלער רעװאָליוציע. די רעדאקטערס פונ דער קאָמוניסטישער „פרײַהײַט" האָבנ זיכ צעזונגענ װעגנ דעמ שפילנ פונ דער העברײיִשער „האבימאָ", װענ זי איז געקומענ קײנ אמעריקע. „די פרײַהײַט" האָט ניט בלויז ניט כאראקטעריזירט דעמ דאָזיקנ בורזשואז־העברײיִשנ טעאטער אלס א טיפ־רעאקציאָנערע דערשײַנונג, נאָר זי האָט נאָכ אופגעפאָדערט

די ייִדישע אַרבעטער צו גיין זען „שאַבסע צווי“ און ענלעכע שאָוויניסטישע פּיעסעס.

די ערשטע פּאָר יאָר פון איר עקזיסטענץ האָט „די פרייהייט“ ביכלאַל ניט געהאַט קיין אייגענע באַציִונג צו טעאַטער, וואָס זאָל זי אונטערשיידן פון די בורזשואַזע און קליינבירגערלעכע צייטונגען. אין בעסטן פאַל איז בא איר געווען א לאָזונג וועגן שטיצן דעם „ריינעם“ טעאַטער אין קעגנזאַץ צום שונד־טעאַטער (אַנאַלאָגיש צום לאָזונג וועגן „ריינער“ ליטעראַטור).

אין דער מאָס, ווי דער קלאַסן־צוגאַנג האָט זיך אָנגעהויבן מערקן אין דער באַציִונג פון דער „פרייהייט“ צו ליטעראַטור און קולטור ביכלאַל, האָט זיך אויך געענדערט די שטעלונג פון דער „פרייהייט“ צו טעאַטער. ווי עס דערציילט אין אן אַרטיקל דער כ׳ נ. בוכוואַלד, האָט זיך צום סאָף 1924 יאָר שוין געהאַט אויסגעקריסטאַליזירט דער געדאַנק, אַז „די פרייהייט“ דאַרף אין „גרויסן און גאַנצן“ האָבן א נעגאַטיווע שטעלונג צום ייִדישן בורזשואַזן טעאַטער. קיין קלאָרער קלאַסן־צוגאַנג צו טעאַטער איז נאָך אפילו דעמלט ווייט ניט געווען. אין בעסטן פאַל האָט עס געהייסן, אַז „די פרייהייט“ איז געוואָרן א מין אָפּאָזיציע, וואָס האָט געשטעלט פאָדערונגען און געהאַט טייַנעס. און געפאָדערט האָט זי קוים „סאָציאַלע מאָטיוון“ אין טעאַטער. זי האָט געפאָדערט פּיעסעס מיט „רעוואָליוציאָנערע שטורעמס“ אָדער כאָטש מיט „מאַסן־געדודערס“. מעמיילע האָט „די פרייהייט“ באַגריסט און געשטיצט אַזינע פּיעסעס, ווי טאָלערס „הינקעמאַן“ מיט איר גאַנצן ייִעש, אָדער זי איז אַנט־ציקט געוואָרן פון ראָלאַנס קליינבירגערלעכער פּיעסע „וועלף“ אין מאָריס שוואַרצס אויפירונג.

„די פרייהייט“ האָט געהאַט צום ייִדישן טעאַטער נאָך א טייַנע, וואָס איז געשטיצט געוואָרן אויך פון א טייל בורזשואַזער אינטעליגענץ: זי איז אַרויס־געטראָטן קעגן דער אַלטמאָדישקייט פונעם טעאַטער פון דער פאָרמעלער זייט, זי איז געווען קעגן ר ע א ל י ז ם און פאַר מ אָ ד ע ר נ י ז ם. זי האָט אַזויאַרום אַרויסגערוקט אין פאָדערגרונט די פאָרמעלע זייט פונעם טעאַטער, דעם „וויִאַ־זוי“. דורך דער דאָזיקער שטעלונג האָט מען צווישן די ייִדישע אַרבעטער גע־שאַפן דעם איינדרוק, אַז פּראָלעטאַרישער טעאַטער איז א פראַגע הויפּטזאַכלעך פון פאָרם און אַז „מאָדערניזם“ אין דער רעזשי, אין די קאָסטיומען און אין די דעקאָראַציעס באַרעכטיקט שוין יעטווידן אינהאַלט. מע האָט באַרעכטיקט דעם „דיבעק“ פון דער „האַבימאָ“ דערפאַר, ווייל די פאָרם איז געווען „מאָדערן“ און „רעוואָליוציאָנער“, מע האָט באַרעכטיקט און געלויבט דעם דיבעק נומער 2 — אַנ־סקיס „צווישן טאָג און נאַכט“ מאַכמעס די זעלביקע טייַמים.

די גרינדונג פון דעם אַרבעטער־טעאַטער־פאַרבאַנד („אַרטעפ“) אין אָנהייב 1926 י. פאַלט צונויף מיט דעם פּעריאָד, ווען אין דער „פרייהייט“ האָט זיך אָנגעהויבן מערקן א טענדענץ אויסצוגלייכן די קלאַסן־ליניע אויפן קולטור־געביט. אין יענעם יאָר הייבט אויך אָן דערשיינען דער קאָמוניסטישער כוידעש־זשורנאַל „דער האַמער“. דער „אַרטעפ“ האָט צום ערשטן מאָל פּראָקלאַמירט דעם לאָזונג פון א פּראָלעטאַרישן טעאַטער פאַר די אַרבעטער. די אַר־

בעטער האָט מען אָבער נאָך אַלץ ניט געקענט צו באַקעמפן דעם בורזשואַזן טעאַטער.

די פּאַלעסטינע־וואַקכאַנאַליע האָט געמאַכט אַ סאָף צו דעם אָפּאָרטוניזם. די פּראָווערסיסטישע טעאַטער־יוניאָן האָט זיך געשטעלט אין דער שפּיץ פון דער בויקאָט־און פּאָגראָם־באַוועגונג קעגן דער „פרײַהײַט" און קעגן די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער. ענדלעך האָט מען איבערגעריסן אַלע פאַרבינדונגען מיט דעם בורזשואַזן טעאַטער און אָנגעהויבן פאַרפעסטיקן דעם יידישן אַרבעטער־טעאַטער „אַרטעף", וואָס פאַרנעמט שוין איצט אַן אָנגעזעענע אָרט אין דער פּראָלעטאַרישער קולטור־באַוועגונג אין אַמעריקע.

דער „יונגער אַרבעטער־שרײַבער פּאַריין"

„די דאָזיקע יוגנט האָט זיך געריסן צום רעוואָליוציאָנערן אויסדרוק. זי האָט געפילט דעם קלאַסן־אימפּולס פון די אַרבעטער אין פאַבריק. זי האָט געזען דאָס שאַרפע ליכט פון די קאַמפן אין ססרר. זי האָט געדאַרפט באַקרמען די גײַסטיקע הילף, וואָס וואָלט איר לײַכטער געמאַכט געפינען איר וועג. זי האָט געדאַרפט קוידעמקאָל געבראַכט ווערן צו דער איבערצײַגונג, אַז די סימבאָליסטיש — אינדיווידואַליסטיש — נאַציאָנאַליסטישע הערשנדיקע ליטעראַרישע גרופּע איז איר נאָענטסטער און געפערלעכסטער סוינע, פון וועמען זי דאַרף זיך אָפּטיילן סײַ אידעאָלאָגיש, סײַ אין פּראַט פון ליטעראַרישע פּאָרמען. אָבער קומענדיק אין דער פּראָלעטאַרישער געזעלשאַפטלעכקײַט, האָט די רעוואָליוציאָנערע יוגנט געפונען די זעלביקע „קאָריפייען" אין בעקאָוועדיקסטע ערטער, אַרומגערינגלט מיט אומגעזונטן, דערצו אָפּט מיט אומופריכטיקן ליב (עס האָט געהייסן, אַז טאַקע ווײַל די מענטשן זײַנען פרעמדע, דאַרף מען זיך מיט זיי באַגיין טאָפּלט־ווייך)" (מ. אָלגין אין „האַמער", נאָיאַבער 1930).

איך האָב שוין געזאָגט, אַז פונעם ערשטן טאָג אָן, ווי „די פרײַהײַט" איז דערשינען, האָבן יונגע אַרבעטער אָנגעהויבן שיקן אַהין לידער און דערציילונגען. ניט אַלע זאַכן פלעגט מען דרוקן. כאָטש מע איז דעמלט ניט געווען גוואַלדיק איבערקלײַבעריש (פון אידעאָלאָגישן שטאַנדפּונקט געוויס ניט), דאָך פלעגט מען, פאַרשטייט זיך, אַסאַך פאַרבראַקעווען פון די צוגעשיקטע זאַכן, הויפּטזאַכלעך איבער פּאָרמעלע טײַמים, ווי „שוואַך קינסטלעריש", „פאַרעלטערטע פּאָרמעס" א. אז. וו. אין משך פון די ערשטע פּאָר יאָר האָבן זיך פון די „אָפּטע געסט" אין דער „פרײַהײַט" ביסלעכווײַז אָנגעהויבן אויסטיילן די נעמען פון אַ גאַנצער ריי פּאָעטן און פּראָזאַיקער, וואָס האָבן רעגולער דעביוטירט אין דער צײַטונג. זייער צאָל האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן. ס'איז אַזוי ווי סטיכייש פאָרגעקומען אַן עמעסער אַרבעטער־פּריזיוו אין דער ליטעראַטור. דער שרײַבערישער „יונגוואַלד" איז באַשטאַנען אַמייניסטן פון יונגע אַרבעטער, וואָס האָבן ערשט אײַנגעוואַנדערט קיין אַמעריקע פון יענער זײַט יאַם. קימאַט אַלע פון זיי האָבן דעמלט געאַרבעט אין פאַבריקן. ניט געקוקט אַף די טראַדיציאָנעל־בורזשואַזע ליטעראַרישע אײַנפלוסן, האָבן זיי באַלד פון אָנהייב אַרײַנגעבראַכט אַ נײַעם פּראָלעטאַרישן טאָן אין דער ליטעראַטור פון דער „פרײַהײַט", זיי האָבן די ערשטע אַרײַנגעבראַכט פאַבריקטעמאַטיק, בילדער פון אַרבעטער־שטייגער, לידער פון אַרבעטער־לעבן און קאַמף.

אין אָנהייב פון 1924 י. איז אין דער „פרײַהײַט" דערשינען א בריוול פון איינעם פון די דעמלטיקע פּראָדוקטיוויסטע יונגע מיטארבעטער פון דער צײַטונג — שלוימע דאווידמאן. אין דעם בריוול האָט ער גערופן אלע יונגע אַר־בעטער־שרײַבער פון דער „פרײַהײַט" צו קומען אף א פארזאמלונג צו גרינדן אן אָרגאניזאציע פון ארבעטער־שרײַבער.

צו דער פארזאמלונג איז געקומען העכער דרײַסיק מאן. דאווידמאן און נאָך עטלעכע איניציאַטערס פון דער פארזאמלונג האָבן געפּרוּווט אָנווײַזן אף דער גייטיקייט פון אזא שרײַבער־אָרגאניזאציע צוליב אנטוויקלען קאָלעקטיוו די שרײַבערישע פייִקייטן פון די ארבעטער־שרײַבער. דאָס איז דעמלט פאר־שטאנען געוואָרן בלויז אין פאָרמעלן זינען. וועגן אידעאָלאָגישער דערציִונג האָט מען נאָך ניט גערעדט. אָבער שוין אף דער גרינדונג־פארזאמלונג פון שרײַבער־פאריין איז אויסגעקומען צו פירן א קאמף פאר דעם פונקט אינעם פאריין־סטאטוט, אין וועלכן ס'ווערט געזאָגט, אז א מיטגליד קען זײַן נאָר אזעלכער, וואָס אנערקענט דעם קלאסנקאמף.

די מערהײַט איז געווען פאר דעם פונקט וועגן קלאסנקאמף, א טייל ציִוניסטיש־געשטימטע אָנטיילנעמער איז אָבער געווען קעגן דעם. דער דאָ־זיקער טייל האָט זיך באלד פון אָנהייב אָפּגעזונדערט און זיך ניט אָנגעשלאָסן אינעם פאריין.

אלזאָ, איז אויך די ערשטע פּראָלעטארישע שרײַבער־אָרגא־ניזאציע אין אמעריקע געבוירן געוואָרן אין קלאסנקאמף.

אין די אויפגאבעס פון דער אָרגאניזאציע האָט מען אָנגעצייכנט: אײַנ־אָרדענען ליטעראַרישע פארזאמלונגען, ווו מע קריטיקירט פּאָרגעלייענטע שאפונגען פון די מיטגלידער, אָרגאניזירן לעקציעס איבער ליטעראטור־פרא־געס און ארויסגעבן געדרוקטע צײַטשריפטן. אָט די אויפגאבעס, ווי אויך דעם פונקט וועגן קלאסנקאמף, איז באשלאָסן געוואָרן צו פארקערפערן אין א סטאטוט. ס'איז באשלאָסן געוואָרן אָנצורופן די אָרגאניזאציע „יונגער ארבע־טער־שרײַבער־פאריין". ס'איז אויך אויסגעקליבן געוואָרן א פארוואלטונג אף אָנצופירן מיט דער ארבעט פונעם פאריין.

דער פאריין האָט יעדע וואָך רעגולער אָפּגעהאלטן פארזאמלונגען. די פארוואלטונג האָט אין עטלעכע כאדאָשים ארום באשלאָסן אָפּצודרוקן א רוף אין דער פרעסע, אין וועלכן אלע יונגע שרײַבער ווערן אויפגעפאָדערט צו ווערן מיטגלידער פונעם פאריין. די פארוואלטונג האָט געוואָלט אָרגאניזירן די יונגע ארבעטער־שרײַבער אף אלע הונדערט פּראָצענט. אָט איז דער פולער טעקסט פונעם אויפרוף, וואָס איז דערשינען אין דער „פרײַהײַט":

„צו אלע יונגע שרײַבער־ארבעטער!

פון צײַט צו צײַט באווײַזן זיך אין דער טעגלעכער און פעריאָדישער פרעסע שאַ־פונגען פון יונגע אומבאקאנטע טאלאנטן. די שרײַבער זײַנען אמערסטן ארבעטער, וועמענס נעשאָמע־פײַער איז נאָך ניט אויסגעלאָשן געוואָרן פון דער גרויער מעגושעמדיקער שאפּ־ווירקלעכקײַט און זוכן צו זעטיקן זייער גײַסטיקן הונגער, זייער שאפונגס־דראנג דורכן געשריבענעם וואָרט.

געוויינטלעך זײַנען זיי נאָך יונג, ניט רײַף, ניט אלע זאכן זייערע זײַנען דרוקבאר און ווערן אָפט צוריקגעשיקט מיט דער איינציקער באמערקונג: „ניט געלונגען". אסאך זײַנען אָבער נאָך ניט פייִק אויסצוגעפינען זייערע פעלערן, זיי ווייסן ניט וואָס אויסצובעסערן און קענען זיך דעריבער ניט אנטוויקלען. דער רעזולטאט איז אנטמוטיקונג און אנטוישונג פאר די שרײַבער און אָפטמאָל א פארלוסט פון צוקונפטיקע קינסטלער.

עס איז דעריבער די אויפגאבע פון אונדז אליין, יונגע שרײַבער־ארבעטער, צו זאָרגן פאר אונדזער ווײַטערדיקער אנטוויקלונג.

צוליב דעם צוועק האָט זיך געגרינדעט דער יונגער ארבעטער־שרײַבער-פאריין.

די עטלעכע מאָנאטן פון אונדזער עקזיסטענץ האָבן באוויזן, אז די נוצן פון אזא פארייניקונג זײַנען זייער גרויס.

דערווײַל האָבן מיר זיך געשטעלט און פירן דורך די פאָלגנדיקע אויפגאבעס:

א) ליטעראַרישע פארזאמלונגען, ווו מע קריטיקירט פאָרגעלעזענע אייגענע שאַפונגען.

ב) לעקציעס וועגן ליטעראַטור און קונסט.

ג) לעבעדיקע צײַטונגען.

ד) געדרוקטע צײַטשריפטן

און אנדערע קולטורעלע טעטיקייטן.

כאַווײרים! יעדער יונגער טאלאַנט מוז זיך פארינטערעסירן און דארף זיך אָנשליסן אָן אונדזער פאריין. מיר רופן אײַך צו קומען און העלפן אין דער וויכטיקער געמיינזאַמער ארבעט.

די עקזעקוטיווע פונעם יונגן ארבעטער־שרײַבער פאריין".

ווי איר זעט, איז אין דעם אויפרוף נאָך ווײַט נישט פאראַן קיין אידעאָלאָגישע קלאָרקייט. דער אקצענט ווערט געשטעלט אַף דער פאָרמעל־קינסטלערישער אנטוויקלונג. ס'ווערט דערבײַ ארויסגעבראַכט אביסל מעליצע וועגן „זעטיקן דעם גײַסטיקן הונגער, זייער שאפונגס־דראַנג". ס'פילט זיך אָבער אינעם אויפרוף א נעגאטיווע באציִונג צו דער קאפּיטאליסטישער „שאַף־ווירקלעכקייט". ס'ווערט שטארק אונטערגעשטרײַכט דאָס שטרעבן צו „קאָלעקטיווער" אנטוויקלונג און שאפן. ס'ווערט אויך אָנגעוויזן, אז די איניציאַטיוו צו אָרגאניזירן זיך קומט פון די ארבעטער־שרײַבער גופא, אז קיינער האָט ביז איצט גאָרניט געטאָן אַף אָט דעם געביט, און אז די יונגע ארבעטער־שרײַבער מוזן דעריבער אליין זאָרגן פאר זייער ווײַטערדיקער אנטוויקלונג. אין דער ווענדונג ווערט אויך באטאָנט דער פאקט, וואָס די יונגע שרײַבער זײַנען ארבעטער. אין דעם אויפרוף ווערט אויך דערמאָנט וועגן אנדערע „קולטורעלע טעטיקייטן" פונעם פאריין. דאָס באווײַזט, אז די אָרגאניזאַציע זוכט פארברייטערן אירע טעטיקייטן אין צילן.

די אידייע וועגן גרינדן א באזונדערן פּראָלעטאַרישן שרײַבער־פאריין אין אמעריקע איז שוין אַן און פאר זיך געווען א געוואגטע און רעוואָלוציאָנערע. ס'איז גענוג צו דערמאָנען זיך, אז ביז 1929־טן יאָר, ביז דער פּאלעסטינע־וואקכאנאליע, האָבן זיך נאָך די קאָמוניסטישע רעדאקציע־מיטגלידער פון דער „פרײַהייט" גערעכנט פאר מיטגלידער פונעם אמעריקאנישן ייִדישיסטישן י. ל. פּערעץ־שרײַבער־פאריין.

די מיטגלידער פונעם נײַעם שרײַבער־פאריין האָבן אָנגעהויבן ארויסטרעטן מיט פאָרלעזונגען פון זייערע שאפונגען אַף ארבעטער־פארזאמלונגען, אין

אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס אונ קלובנ. מע האָט אויכ אָנגעהויבנ דורכפֿירנ ליטעראַרישע אָוונטנ מיט אייגענע קויכעס. אַפֿ די ליטעראַרישע פֿאַרזאַמלונגענ פֿונעם פֿאַרייִנ ווערנ שוינ געפֿירט דיסקוסיעס איבער אידעאָלאָגישע פֿראַגעס. עס ווערנ אַרויסגערוקט אידעאָלאָגישע פּראָבלעמעס, ווי אויכ פֿראַגעס פֿונ פֿאָרמ. מע שלינגט יעדעס בוכ, אַרטיקל, ליד אונ גרוס פֿונעמ ראַטנפֿאַרבאַנד. די צופֿעליקע קליינבירגערלעכע עלעמענטנ פֿאַלנ אַרויס. נײַע אַרבעטער־שרײַבער שליסנ זיכ אָנ. דער פֿאַרייִנ אינ אַלגעמיינ ווערט גרעסער אונ פֿעסטער. ער ווערט אַלצ מער פֿאַרוואַנדלט אינ אַ „לאַבאָראַטאָריע פֿאַר פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור".

דער פֿאַרייִנ נעמט זיכ דעמלט דורכצופֿירנ איינע פֿונ די וויכטיקסטע אויפֿגאַבעס, וואָס זײַנענ אָנגעמערקט געוואָרנ בײַ זײַנ גרינדונג, נעמלעכ, דאָס אַרויסגעבנ געדרוקטע צײַטשריפֿטנ.

די צוגרייט־אַרבעט האָט אַרײַנגעטראָגנ גרויס אימפּעט אינ דער טעטיקייט פֿונעם פֿאַרייִנ. מע האָט אָנגעהויבנ גרייטנ מאַטעריאַלנ, מע האָט דיסקוטירט דעמ אינהאַלט פֿונ דעמ זשורנאַל, מע האָט באַשטימט אַ רעדאַקציע פֿאַרנ זשורנאַל, אָדער ריכטיקער פֿאַר די ליטעראַרישע זאַמלונגענ, וואָס דער פֿאַרייִנ וועט אַרויסגעבנ פֿונ צײַט צו צײַט, הויפּטזאַכלעכ לויט די פֿינאַנציעלע מעגלעכקייטנ.

ס'זײַנענ נאָכ ביז איצט פּאַקטיש ניט פֿאַראַנ קיינשומ פֿאַרלאַגנ, וואָס זאָלנ אַרויסגעבנ אונ פֿינאַנסירנ פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור. אַלע ביכער, וואָס די פּראָלעטאַרישע שרײַבער אינ אַמעריקע גיבנ אַרויס, מוזנ פֿונ זיי אַליינ פֿינאַנסירט ווערנ. די האַכנאָסע פֿונ דעמ ביכער־אָפּזאַצ איז געוויינלעכ זייער אַ קליינע אונ זי דעקט גאָר אַ קליינעמ טייל פֿונ די הוצאָעס. מיט זשורנאַלנ איז אויכ די זעלביקע געשיכטע. מע האָט דעריבער אַליינ געמוזט שאַפֿנ די געלט־מיטלענ אַפֿ אַרויסצוגעבנ די ליטעראַרישע זאַמלונג, וועלכע מע האָט באַשלאָסנ אָנצורופֿנ „יונג־קוזניע". דער דרוקערײַ האָט מענ געמוזט אָפּריִער אָפּצאָלנ קימאַט די גאַנצע קאָסט־סומע. דאָס געלט איז דעריבער אויסגענוצט געוואָרנ דורכ די מיטגלידער פֿונעמ פֿאַרייִנ. יעדער האָט עס געטאָנ מיט ליבע, כאָטש ווי אַרבעטער פֿונ פֿאַבריקנ האָבנ זיי קיינ באַדײַטנדיקע סומעס ניט געקאָנט געבנ צושטײַער.

דער זשורנאַל „יונג־קוזניע"

אין אויגוסט 1924 איז דערשינען דער ערשטער נומער פון די ליטעראַרי־שע זאַמלונגען „יונג־קוזניע", אַרויסגעגעבן פונעם יונגן אַרבעטער־שרײַבער־פאַריין מיט (א.) י. פּאָמעראַנץ אַלס רעדאַקטער און מיט די מיטגלידער פון רעדאַקציע: שלוימע דאַווידמאַן און כאַיִם פּעט. דער ערשטער נומער איז אַרויס אין 20 זײַטן פון גרויסן זשורנאַל־פאָרמאַט.

אינעם פּראָגראַם־אַרטיקל פונעם ערשטן נומער „יונג־קוזניע" רעדט זיך שוין וועגן די באַזונדערע „קלאַסן־אינטערעסן" פון די אַרבעטער בענעגײַע ליטעראַטור, וועגן א ליטעראַטור מיט א נײַער „לעבן־עמפּינדונג", וועגן א „נײַעם טאָן", וואָס מיינט א נײַע פאָרם, וועגן „קאָלעקטיווער שאַפונג", וועגן שאַפונגען, וואָס זײַנען „אַסאַך מער ווי ליטעראַטור — דאָקומענטן פון לעבן און קאַמף" פון די יידישע אַרבעטער אין אַמעריקע, ד. ה., אַז זיי זײַנען מער ווי בלויז פאָרמעלע דערגרייכונגען, אַז דער איקער איז אידעאָלאָגישע אינ־האַלטלעכקײַט, דער פּרימאַט פון אינהאַלט איבער דער פאָרם. אָט דאָס איז געווען גאָר א נײַע שפּראַך וועגן ליטעראַטור פאַר יענער צײַט, פאַר יענעם עטאַפּ פון דער „פרײַהײַט" מיט נאַדירס „דעלוזיעס־פּאָעזיע און מיטן לאָזונג: „ריינע", „מאָדערנע" ליטעראַטור. דער אַרטיקל איז אין אידעאָלאָגישן הינזיכט שוין מײַלנווײַט פון דעם ליטעראַטור־צוגאַנג אינעם ערשטן אויפרוף פונעם יונגן אַרבעטער־שרײַבער־פאַריין. דאָס שטרײַכט אונטער די רײַכע פּרוכטן, וואָס די קאָלעקטיווע צוזאַמענאַרבעט פון די שרײַבער האָט געגעבן אין הינ־זיכט פון אידעאָלאָגישער אויספאָרמירונג, די גרויסע נוצן פון אָרגאַניזאַציע.

אינעם פּראָגראַם־אַרטיקל איז שוין געזאָגט געוואָרן, אַז די אַרבעטער דאַרפן האָבן אן אייגענע ליטעראַטור, כאָטש דאָס וואָרט פּראָלעטאַרישע לי־טעראַטור ווערט נאָך ניט דערמאָנט.

שוין די אינהאַלט־פאַרצייכעניש אַליין גיט א פאָרשטעלונג וועגן דאָס נײַע, וואָס עס האָט געבראַכט מיט זיך „יונג־קוזניע". דאָס דערציילן אײַך קימאַט אַלע נעמען, ווי „די מאַשינען", „שאַפּ־עכאָס", „אין דער רויטער אַרמײ", „סטרײַקער", דאָס שאַפּ־מיידל", „שענדעליערס", „אַרבעטסלאָז", „קונסט, קינסט־לער און רעוואָליוציע" א. אַז. וו. איר באַגעגנט שוין אינעם נומער אַזעלכע אַרויסזאָגונגען, ווי

„קונסט און פּאָליטיק איז ענג צונויפגעבונדן, ווײַל יעדער פּאָליטישער רעזשים לייגט אַרויף זײַן שטעמפּל ניט בלויז אויפן עקאָנאָמישן, נאָר אויך אויפן גײַסטיק־קולטורעלן לעבן פון לאַנד"; ווי „די יעדיִעס, וואָס מיר באַקומען פון

סאָוועט־רוסלאַנד, באַווײַזן אונדז טאַקע, אַז דאָרטן איז ניט בלויז פּאַרגעקומען א פּאָליטישע, נאָר אויך א גײַסטיקע רעוואָלוציע אפ אַלע געביטן פון מענטש־לעכן שאַפן. פאַר אונדז, פּראָלעטאַריער, איז דאָס באַזונדערס וויכטיק צו וויסן, ווײַל דאָרט איז, אַדאַנק דער רעוואָלוציע, געלייגט געוואָרן דער ערשטער גרונטשטיין פאַר דער צוקונפטיקער פּראָלעטאַרישער קונסט".

אָדער נעמט די געבראַכטע ציטאַטע פונעם דײַטשישן דיכטער רודאָלף לעאָנאַרד:

„מיר לעבן אין א צײַט פון סאָציאַלער רעוואָלוציע. ווער ס'קעמפט הײַנט ניט מיטן פּראָלעטאַריאַט, דער פאַרדינט ניט דעם נאָמען קינסטלער — ער גע־הערט צו דער פאַרגאַנגענהײַט. די קונסט וויל אָבער זײַן אין דער צוקונפט! ווער ס'דינט דער בורזשואַזער געזעלשאַפט, איז עפּשער א גוטער אַמוזירער, אָבער ניט קיין קינסטלער. הײַנט־צו־טאָג איז יעדנס געדיכט א קאַמפּס־רוף!".

מיר געפינען אין דער זאַמלונג „דאָס ליד" פון ל. טור:

„ס'איז דער טאָן, ניט די האַרפ,
וואָס עס קלינגט אַזוי זיס;
ניט דער שטאָל, נאָר דער שאַרף
מאַכט דעם שווערד, וואָס ער איז.

ס'איז דער ווינט, ניט דער מאַסט,
וואָס אין יאַם טרײַבט די שיף;
ניט דער גראַם מאַכט דאָס ליד,
נאָר דאָס וואָרט פון דער טיף..."

דאָ האָט איר שוין א דערנעענטערונג צו דער מאַרקסיסטישער ליטעראַטור־אײַנשטעלונג. דאָ ווערט אַטאַקירט דער גראַם, דער הוילער פאָרמאַליזם, אָן דעם „וואָרט פון דער טיף", אָן דעם פּראָלעטאַרישן אינהאַלט.

די „יונג־קוזניע" איז פאַר יענער צײַט און אין די אַמעריקאַנישע אומ־שטאַנדן אינדערעמעסן געוועזן א גרויסע דערגרייכונג. האָט דאָך דער כאַוווער ליטוואַקאָוו ערשט אין דעקאַבער כוידעש פון 1924 יאָר פאַררעגיסטרירט „דעם אָנהייב פון א נײַעם קאָנקרעט־רעוואָלוציאָנערן כאָן אין דער ייִדישער דיכ־טונג" פונעם ראַטנפאַרבאַנד. זײַנען דאָך ערשט אינעם יאָר 1925 דערשינען אין פּסרר די זאַמלביכער „אָקטיאַבער", „נײַ־ערד" א. א. פון די פּראָלעטאַרי־שע שרײַבער און פון די מיטלויפער.

אַכוץ געווויסע אַרטיקלען און נאָטיצן אין דער „פרײַהײַט", האָבן מיר דעמלט אין אַמעריקע אײַנגאַנצן ניט געוווּסט וועגן דער אַנטוויקלונג פון דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור אין פּסרר. ס'איז געוועזן איינע פון די שווערס־טע זאַכן צו קריגן א סאָוועטישן זשורנאַל אָדער בוך. אומדירעקט איז אָבער דער סאָוועטישער אײַנפלוס געוועזן גרויס. „דאָס שאַרפע ליכט פון די קאַמפן אין פּסרר" איז דערגאַנגען אויך צו אונדז. דער סאָוועטישער אײַנפלוס איז גוויוועער אַלע מעניעס. ער שפּרײַזט אַריבער קאָנטינענטן און אַפילו אָקעאַנען.

די ערשטע זאַמלונג איז מאַמעש צעכאַפּט געוואָרן פון די אַמעריקאַנישע ייִדישע אַרבעטער. מע האָט אויסגעפאַרקויפט 1 500 עקזעמפּלאַרן. דאָס איז

אַן און פֿאַר זיך געװען אַן אופּטו. קײן פּריִערדיקע ליטעראַרישע גרופּע (און עס איז שױן געװען אַסאַך אױך אין אַמעריקע) האָט קײנמאָל ניט באַװיזן צו פֿאַרשפּרײטן אירן אַ זשורנאַל אין אַזאַ גרױסער צאָל עקזעמפּליאַרן. די אַרבעטער האָבן זײער װאַרעם אױפֿגענומען די זאַמלונג.

איצט לאָמיר זען, װיאַזױ האָט די קריטיק אױפֿגענומען די זאַמלונג.

דער קריטישער אַרטיקל אין דער „פֿרײַהײַט" „אַ געזונט קערנדל", װעלכן עס האָט געשריבן כ' שאַכנע עפּשטײן װעגן דעם ערשטן נומער „יונג־קוזניע", הײבט זיך אָן מיט די װערטער:

„אַ גײטיקער, געלונגענער פּרוּװ, אָן פּרעטענזיעס, אָן מאַניפֿעסטן, אַז מע גײט ראַטעװען די ייִדישע קונסט".

„פּאָשעט: יונגע ייִדישע אַרבעטער, צום גרעסטן טײל אַריבערגעקומענע ניט לאַנג אַהער פֿון יענער זײַט יאַם, האָבן געגרינדעט אַן אײגענעם ליטעראַרישן פֿאַרײן. זײער ציל איז צו אַנטװיקלען זײערע אײגענע שרײַבערישע פֿײִקײטן, צו זאָרגן פֿאַר דער אײגענער זעלבסטבילדונג".

דאָס איז שױן, זאָל מיר כ' שאַכנע מוחל זײַן, צו פּאָשעט. דאָס האָט דעמלט באַטײַט אַסאַך מער, װי פּאָשעט „געגרינדעט אַן אײגענעם ליטעראַרישן פֿאַרײן". ס'איז געװען די גרינדונג פֿון דער ערשטער פּראָלעטאַרישער שרײַבער־אָרגאַניזאַציע און דער אָנהײב פֿון אַ פּראָלעטאַרישן ליטעראַטור־פֿראָנט אין אַמעריקע. אָט װאָס דאָס האָט באַטײַט.

אין אַלגעמײן האָט כ' שאַכנע עפּשטײן זײער װאַרעם אױפֿגענומען די ערשטע זאַמלונג. ער האָט אין דעם אַרטיקל געשריבן:

„...זי (די „יונג־קוזניע" — א. פּ.) זוכט הױפּטזאַכלעך אױסצופֿילן אַ כאָלעל אין אונדזער היגער ליטעראַטור, אָפּצושפּיגלען אַ װינקל פֿון לעבן, אױף װאָס אונדזערע גדולים, די פּאַטענטירטע דיכטער, דערצײלער, קריטיקער און פּובליציסטן װענדן ניט קײן שום אױפֿמערקזאַמקײט. אין דעם פּראָט קלינגט בעטעמעס אַרױס פֿון „יונג־קוזניע" אַ פֿרישער טאָן. גוט, צי שלעכט, אַלע אָנטײלנעמער באַשעפֿטיקן זיך ניט מיט דער גרױער פֿאַרגאַנגענהײַט, מיט דער בענקשאַפֿט נאָך דעם אַלטן פֿאַרכאָלעמטן שטעטל, נאָר מיט דער פֿריש־צאַפּלדיקער װירקלעכקײַט, װאָס פֿאַרבינדט זײ בעעמעס אין אַ קאָלעקטיװ דורך דעם שאַף, דורך באַשטימטע אידײעס, דורך דער שטרעבונג צו אַן אַנדער לעבן".

און װײַטער: „די גאַנצע זאַמלונג איז בעעמעס דורכגעדרונגען מיט אײן גײַסט, מיט דעם גײַסט פֿון דער „נײַער לעבנס־עמפּפֿינדונג", מעגן אַפֿילע די מערסטע זאַכן זײַן פּרוּװן פֿון אָנפֿאַנגער, גאַנץ אָפֿט הילפֿלאָז אין פֿאָרם, ניט אָריגינעל אין אינהאַלט. אַ כוש פֿאַרן נײַעם, פֿאַר דער עמעסער אָפּשפּיגלונג פֿון ברױזיק, שטורמיש, אומרויִק לעבן איז אָבער בײַ אַלעמען דאָ. פֿריִער פֿון אַלץ דער אױסװאַל פֿון די טעמעס גופֿע. ס'איז דאָך ניט קײן צופֿאַל, װאָס אַלע האָבן זײ צו טאָן מיט גרױסשטאָט, מיט דער פֿאַבריק, מיט מילכאָמע, מיט רעװאָליוציע".

און װײַטער זאָגט כ' עפּשטײן:

„כ׳לעבן, וואָס אנבאַלאַנגט געוואגטקייט, נייעם גייסט מעגן אפילע פיל פון אונדזערע גדולים זיך לערנען בא אייניקע פון דעם יונגן ארבעטער־שרייבער־פאריין״.

די ערשטע זאמלונג „יונג־קוזניע״ איז פון דער „פרייהייט״ באגריסט געוואָרן, ווי א „געזונט קערנדל״ פון א נייער ל י נ ק ע ר ר י כ ט ו נ ג אין דער יידישער ליטעראטור. דער קריטיקער האָט נאָך מירדע געהאט ארויסצובריינגען פון מויל די ווערטער „פראָלעטארישע ליטעראטור״. אפילע וועגן א „קערנדל״ פון א פראָלעטארישער ליטעראטור האָט מען נאָך דעמלט אין דער „פרייהייט״ ניט געוואגט צו טראכטן. און נאָך אפילע דעם 26־טן אווגוסט פון 1928 יאָר באגעגענען מיר אין דעם ארטיקל „פראָלעטארישע פאָעטן און באַלעבאטישער איינפלוס״ פון כ׳ מ. אָלגין די פאָרמולירונג „עס איז שוין דאָ א לינקער (ליטעראַרישער) פליגל — און ער ווערט גרעסער״.

און ס׳איז אויך ניט קיין צופאַל, ווי עס דערציילט דער כאווער שאכנע עפשטיין אין אן ארטיקל, וואָס איז געווען געדרוקט אין דער „פרייהייט״ דעם 14־טן אפרעל 1930, זיינען געווען אזעלכע קריטיקער אויך אין ראטנפארבאנד. זיי האָבן ניט געגלייבט אין דער מעגלעכקייט פון א פראָלעטארישער ליטעראטור און „האָבן בלויז גערעדט וועגן א ל י נ ק ע ר ר י כ ט ו נ ג אין דער יידישער ליטעראטור״.

וועגן אמעריקע אין אָט דער צייט שרייבט כ׳ אָלגין פאָלגנדיקס אין „האמער״ פון דעקאבער 1930:

„נעמט מען די יידישע סעקציע פונעם פראָלעטארישן אוואנגארד אין אמעריקע, מוז מען געדענקען, אז אין די ערשטע יאָרן נאָך דער גרינדונג פון דער קאָמפארטיי האָט אָט די סעקציע געקוקט אפ זיך, ווי אפ דעם לינקן פליגל פון עפעס אזוינס, וואָס רופט זיך „ארבעטער־באוועגונג״. ס׳האָט געהייסן, אז מיר זיינען אן אָפּאָזיציע צו עפעס א פראָלעטארישער געזעלשאפטלעכקייט, וואָס האָט אן עקזיסטענץ־בארעכטיקונג און וואָס מיר דארפן רעפאָרמירן. אפן ליטעראַרישן געביט האָט עס געהייסן, אז מיר זיינען קעגן וווּלגאַריטעט, פאר בעסערע קולטורעלע ווערטן, פאר „היינטוועלטיקייט״ אין טעמאטיק און פאָרם. אזוי האָט געקענט פאסירן, אז דעם „סטאר״־פלאַץ אין דער „פרייהייט״ פון די ערשטע יאָרן זאָל פארנעמען מ. ל. האלפּערן — א טיפּישער „לינקער פליגל״־פּאָעט, מיט אן אומבאשטימטן, האגאם שטארקן געפיל פון סאָציאַלער אומצופרידנקייט, אָבער אין דער זעלביקער צייט א אינטעגראַלער טייל פון דער בורזשואזער גרופּע „יונגע״. אזוי האָט געקענט פאסירן, אז אפן געביט פון פראָזע זאָל „די פרייהייט״ מיט פארגעניגן איבערדרוקן אלטע דערציילונגען פון אווראָם רייזען, וועלכע ער פלעגט צושטעלן, ווי נייע, פאר זיין וואָכנטלעכער קוואָטע. זאָל מען ניט פארגעסן, אז וואָרטפירער און טוער פון דער וואָרקערס־פארטיי האָבן זיך אקטיוו באטייליקט אין דער ארבעט פון דער ערשטער יידישער קולטור־געזעלשאפט צוריק מיט א יאָר זיבן״.

אין בעסטן פאל האָט מען דעמלט אין דער „פרייהייט״ פראַקטיקירט ספּעציעל בענוגייע ליטעראטור די מענשעוויסטישע טעאָריע פון „קלענערן

בייז״: די געדרוקטע ליטעראטור זאָל כאָטש זײַן „הײַנטוועלטיק״. מאקסימום— „סאָציאַל״. פּראָלעטאריש? — פון דעם האָט מען נאָך אפילו ניט געטראכט.

וויאַזוי האָט דער בורזשואזער לאגער אופגענומען דעם זשורנאַל?

אין אַלגעמיין האָט די באַלעבאטישע פּרעסע אונדז אופגענומען פײַנטלעך. אנדערש האָט עס ניט געקאָנט זײַן. מיר האָבן עס דערוואַרט. דאָרטן האָט מען מער פאר אַלץ ניט געקאָנט לײַדן אונדזער פּראָלעטארישע טענדענץ. די פּאטענטירטע בורזשואזע קריטיקער האָבן פאַרדרייט די נעזער: וואָס האָט צו טאָן ליטעראטור, פּאָעזיע, טאַלאַנט מיט ארבעט, מיטן שאַפ, מיט דער רעוואָ־ליוציע? „פאַרוואָס עפּעס דאַפקע „ארבעטער־שרײַבער״, און אַז ניט קיין ארבעטער, וואָס האָט אָבער טאַלאַנט, וועט קומען צו זיי — וועלן זיי אים ניט ארײַננעמען אין דער כעוורע?״ — האָט איינער פון זיי געפרעגט. אַף דער לעצטער פראגע איז אַזוי געענטפערט געוואָרן אין דעם ארײַנפיר־ארטיקל פון דער צווייטער זאמלונג:

„...ט'איז ניט קיין מוז, ער זאָל זײַן א פיזישער ארבעטער, נאָר מיר פאָ־דערן בלויז, ער זאָל האָבן א פּראָלעטארישן צוגאנג צו דער וועלט און זאָל האָבן א רעוואָליוציאָנערע נעשאָמע״.

כאָטש דאָרטן ווערט פונדעסטוועגן אָנגעוויזן, אַז די אָנטיילנעמער פון ד זאמלונגען „ארבעטן אין שעפער פאר לאנגע יאָרן״.

א צווייטער קריטיקער האָט געטײַנעט, אַז פּראָלעטארישקײַט פאר דיכ־טער איז א פּריוואט־זאך. לאָמיר ברענגען דעם פולן טעקסט פון אָט דעם טשיקאַווען אָפּרוף:

„אין זער גאָר לעצטער צײַט פאָדערט אופמערקזאמקײַט נאָך א גרופּע שרײַבער. זייערע ערשטע טריט זײַנען געמאכט געוואָרן אין צוויי זאמלונגען „יונג־קוזניע״. דער לאָזונג פון אָט דער נײַסטער גרופּע איז פּראָלעטאריש־קײַט, באהעפטונג מיט דעם קלאַל אין א באשטימטער פאָרם, מיט דעם קלאַל, וואָס זוכט דורך דעם וועג פון רעוואָליוציאָנערן קאמף די באשאפונג פון א נײַער אָרדענונג.

די באטייליקטע אין די זאמלונגען לאָזן נאָך גאָרניט באשטימטס זאָגן וועגן זיך. עס זײַנען ערשטע פּרוּוון... אַף וויפל פון די ערשטע פּרוּוון וועלן זיך אויסטיילן קינסטלער, בעלעטריסטן און דיכטער, וועט דאָס זיך ניט ווענדן אָן זייער פּראָלעטארישקײַט. פּראָלעטארישקײַט — פון א דיכטערס שטאנד־פּונקט, פאר דיכטער — איז פּריוואט־זאך, ווי רעליגיע, פרײַע ליבע אָדער טעכנאָלאָגיע. זײַנען דאָ קינסטלערישע צוזאָגן אין דער „יונג־קוזניע״? איך האַלט זיך ניט אָפּ צו ענטפערן מיט יאָ. איך בין זיכער, אַז פון די באטיי־ליקטע אין דער „יונג־קוזניע״ וועלן צוקומען עטלעכע נײַע נעמען צו דער נײַער ליטעראטור.

אלנפאלס איז די „יונג־קוזניע״ א באווײַז, אַז די נײַע ליטעראטור אין אמעריקע האָט פאַרזייט זאָמען, און אַז עס קומען צו מענטשן צו באטייליקן זיך אין דעם שניט. פון דער „יונג־קוזניע״ טראָגן זיך אויב ניט קיין פלאַ־מען, איז איינצלנע פונקען פון אָפּטימיזם בענעגייע דער צוקונפט פון דער

ייִדישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, און פון אָט דעם שטאַנדפּונקט אַליין איז זי ווערט באַגריסט צו ווערן" (דאָס האָט, דוכט זיך, געשריבן לעיעלעס).

אין דעם דאָזיקן אָפּרוף איז געווען אויסגעדריקט די ייִדישיסטישע, פאַר־מאַליסטישע און „אומפּאַרטייִישע" שטעלונג צו פראַגעס פון ליטעראַטור. דאָ לאָזט זיך אויך פילן דער מענשעוויסטישער צוגאַנג, וועלכער האַלט, אַז פּראָ־לעטאַרישקייט, ווי רעליגיע, איז אַ פּריוואַט־זאַך.

און אָט איז נאָך אַ טשיקאַווע רעצענזיע אין דעם קלעריקאַלן „מאָרגן־זשורנאַל":

„עס ליגט פאַר מיר דער ערשטער און דריטער נומער „יונג־קוזניע". אַ ליטעראַרישע זאַמלונג, אַרויסגעגעבן פון יונגן אַרבעטער־שרייַבער־פאַריין. דער ערשטער נומער איז דאַטירט ניו־יאָרק, אויגוסט 1924, מיט יעהושוע פּאָ־מעראַנצ אַלס רעדאַקטער און שלומע דאַווידמאַן און כאַים פּעט אַלס מיט־גלידער פון דער רעדאַקציִאָן. ער איז געשריבן אין געוויינלעכן ייִדיש. דאָס הייסט, די ווערטער זייַנען אויסגעלייגט אַזוי, ווי בא אונדז. דער דריטער נומער איז דאַטירט יאַנוואַר 1925, און עס איז שוין אָפּ אים ניטאָ קיין רעדאַקטער און קיינע מיטגלידער פון דער רעדאַקציִאָן, וואָס ווייַזט, אַז מ׳האָט ניט געקענט פאַרטראָגן צו לאַנג די הערשאַפט פון אַזעלכע טיראַנען אין אָפּיס פון אַ רעוואָליוציִאָנערער צייַטשריפט: אָנשטאָט זיי דערשייַנט די „באָלשעוויסטישע ספּעלונג", אָנהייבנדיק מיט אַן אופרוף צו די „כאַווירים", און מיר באַגעגענען „מאָשיִעכ" אין די פּאָעזיע. דאָך וועלן דיזע יונגע שרייַבער פאַרדינען מער אופמערקזאַמקייַט, אויב זיי וועלן זיך האַלטן לאַנג גענוג, אַז די קוזניע זאָל גענומען ווערן ערנסט".

די מייַסע מיט דער „רעדאַקציִאָן" איז ניט געשטויגן און נישט געפלויגן: דער זעלביקער פּאָמעראַנצ, וואָס איז אַגעוו דער שרייַבער פון אָט די שורעס, איז געווען רעדאַקטער פון אַלע דערשינענע 5 נומערן „יונג־קוזניע". מע האָט בלויז ניט געהאַלטן פאַר נייטיק עס איבערצוכאַזערן אין יעדן נומער. דעם „מאָרגן־זשורנאַל" געפעלט ניט, פאַרשטייט זיך, דער פאַקט, וואָס פונעם דריטן נומער אָן האָבן מיר שוין דעהעברייִזירט דעם ייִדישן אויסלייג.

די מערהייַט בורזשואַזע קריטיקער האָט פונדעסטוועגן דערפילט עפּעס נייַס, אַ נייַעם פאַרמעסט אין דער „יונג־קוזניע" און האָט זיך אָפּ דעם גע־מוזט אָפּרופן. מע האָט ניט געקענט בלייַבן גלייַכגילטיק צו דער דאָזיקער דערשייַנונג. מע האָט וועגן איר שטאַרק דיסקוטירט אין די ליטעראַרישע קרייַזן, און פאַרבונדן דאָס מיט דער פראַגע פון פּראָלעטאַרישער ליטע־ראַטור.

אין אָקטיאַבער 1924 איז שוין דערשינען אַ צווייטע טאָפּלט־פּאַרגרעסער־טע זאַמלונג „יונג־קוזניע", און אין מעשעכ פון דעם יאָר 1925 — נאָך דריי זאַמלונגען.

אין דעם אַרייַנפיר־אַרטיקל פון דער צווייטער „יונג־קוזניע" ווערט דערציילט, אַז „פאַר דער צווייטער זאַמלונג האָבן מיר געקראָגן צוויי רעפּראָדוקציעס פון באַרימטן רוסיש־פּראָלעטאַרישן דיכטער און מאָלער דאַוויד בורליוק, און זיך

געמיט ניט נאָר אויסבעסערן דעם אינהאַלט, נאָר אויך, ווי ווײַט מעגלעך, קינסטלעריש אויסשטאַטן איר אויסערלעכקייט".

די צווייטע זאַמלונג האָט שוין דערקלערט, אַז

„די פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור איז נאָך דערווײַל זייער יונג. אָבער זי לעבט און אַנטוויקלט זיך. אין רוסלאַנד דערשײַנען אַסאַך יידישע פּראָלעטאַריש־ליטעראַרישע זשורנאַלן, וואָס שפּיגלען אָפּ דעם גײַסט פון דער אַרבעטער־יוגנט. פּרוּוון זײַנען אויך געמאַכט געוואָרן אין אַמעריקע אין רוסיש און ענגליש. קיין יידישע זײַנען נאָך לעסאַטע ניט געווען פון דעם מין. אַזעלכע זשורנאַלן פּרעטענדירן צו ווערן די זאַמלונגען „יונג־קוזניע" פון יונגע אַרבעטער־שרײַבער־פאַריין.

די אַלטע קויהאַנים פון דער יידישער ליטעראַטור געפעלט ניט די פּראָלעטאַרישע קונסט, ווײַל ס'איז איינזײַטיק, טענדענציעז, קוקט אָפּ פון אַלץ פון אַ קלאַסן־שטאַנדפּונקט. עמעס, מיר האָבן אַ שטאַנדפּונקט. דאָס איז דער פּראָלעטאַרישער וועלט־באַנעם, וואָס דאַרף, ווי אַ לײַכטטורעם, באַלײַכטן אַלע דערשײַנונגען פון לעבן. מיר זאָגן אָבער, אַז ס'קען ניט זײַן קיין ריכטיקע קולטור, ביזוואַנען ס'וועט ניט פאַרשווינדן די עקספּלואַטאַציע פון מענטש דורך מענטש, און אַז אויך די קונסט אין איצטיקער צײַט מוזן מיר אויסנוצן אַלס מיטל פאַר דער אָפּשאַפונג פון מענטשן־שקלאַפערײַ, און דעריבער קען בײַ אונדז קיין רייד ניט זײַן פון „קונסט לעשעם קונסט". ס'איז פאַראַן בלויז איין קולטור און קונסט, און דאָס איז די פּראָלעטאַרישע, וואָס איז אידענטיש מיט דער קולטור פון באַפרײַטן און פרײַען מענטש.

מיר זײַנען שטאָלץ, וואָס אונדזער זשורנאַל ווערט אויסגעפילט פון דער ערשטער שורע ביז דער לעצטער פון יונגע יידישע אַרבעטער. מיר זײַנען שטאָלץ, וואָס מיר זײַנען די פּיאָנערן, די ערשטע שפּראָצונגען פון דער נײַער פּראָלעטאַרישער קונסט אָפּ דער יידישער גאַס אין אַמעריקע".

אויב אין דעם לייטאַרטיקל פון דער ערשטער זאַמלונג ווערט נאָך גערעדט אין אַלגעמיינע ווערטער וועגן אַ קלאַסן־ליטעראַטור, רעדט זיך שוין אין דער צווייטער זאַמלונג „יונג־קוזניע" גאָר קלאָר וועגן אַ „פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור", וועגן „איין קולטור און קונסט, און דאָס איז די פּראָלעטאַרישע" און עס ווערן אַטאַקירט די בורזשואַזע „קונסט־צוליב־קונסט"־טעאָריעס. דאָ רעדט זיך שוין וועגן אַ „פּראָלעטאַרישן וועלט־באַנעם", דאָ ווערט שוין געזאָגט, אַז די „פּראָלעטאַרישע קולטור" איז די איינציקע „ריכטיקע" קולטור. דאָ ווערט שוין אויך אויסגעדריקט שטאָלץ דערמיט, „וואָס מיר זײַנען די פּיאָנערן, די ערשטע שפּראָצונגען פון דער נײַער פּראָלעטאַרישער קונסט". „די ערשטע שפּראָצונגען" — דוכט זיך, גאַנץ באַשיידן. אָבער נישט גענוג פאַרן כאַווער ש. עפּשטיין. ער האָט אָפּ דעם געענטפערט אין דער „פרײַהײַט" מיט אַן אַרטיקל „צוימענברעכערײַ". ער שרײַבט:

„די ערשטע זאַמלונג „יונג־קוזניע" האָט „די פרײַהײַט" באַגריסט, ווי אַ געזונט קערנדל פון אַ נ ײַ ע ר ריכטונג אין דער יידישער ליטעראַטור (מײַן אונטערשטרײַכונג — אַ. פּ.) אין אַמעריקע. שוין דער פאַקט

אליינ, וואָס די יונגע ייִדישע ארבעטער פילנ א דראנג צו קומענ מיט זייער ווארט פונ קאָלעקטיווער פראָלעטארישער שאפונג, איז א דערפרייענדיקע דערשיינונג. דאָס באווייזט, אז צווישנ די באוווסטזיניקע ייִדישע ארבעטער גייט אָנ א פראָצעס פונ זעלבסטפארטיפונג, פונ זעלבסטבאשטימונג. פיל פונ זיי זעענ איינ, אז די מאָטיוונ פונ ייִעש, פונ מאָרעשכוירע, פונ בענקשאפט נאָכנ אלטנ פארשטופנ אונדזער ליטעראטור אינ א טעמפנ ווינקל, מאכנ זי פארגליוועט, אָפגעשטאנענ פונעמ לעבנ; זיי פארמעסטנ זיכ דעריבער א שטויס צו טאָנ די ייִדישע ליטעראטור אינ אמעריקע פאָרווערטס (מיינ אונטערשטרייכונג. דאָ איז אינ א פארמאסקירטער פאָרמ געוואָרפנ דער לאָזונג פונ „ראטעווענ די ייִדישע ליטעראטור" — א. פ.), אריינצוהויכנ אינ איר דעמ גייסט פונ גרויסע שטרעבונגענ צומ „ליכטיקנ מאָרגנ", פונ שטרייט אונ קאָנפליקט צווישנ דער אלטער אָפשטארבנדיקער וועלט אונ דער נייער אופגייענדיקער וועלט.

זייער א וויכטיקע, נייטיקע אופגאבע. אורטיילנדיק אָבער לויט דער צווייטער זאמלונג, דוכט זיכ, אז אָט די אופגאבע איז ווייט ניט פאר די קויכעס פונ אונדזערע יונגע פיאָנערנ (מיינ אונטערשטרייכונג — א. פ.); זייערע פרעטענזיעס שטייגנ אריבער זייערע מעגלעכקייטנ. ס'מאכט דעמ איינדרוק, אז דער דערפאָלג פונ דער ערשטער זאמלונג האָט זיי אביסל פארטשאדעט: זיי נעמענ אפ זיכ ערנסט קוקנ, ווי אפ צוימענבערעכער. דאָס טויג ניט, דאָס איז אנ איבערגעטריבענע איבערשאצונג פונ די אייגענע קרעפטנ".

„אונ וואָלט די „יונג־קוזניע" בלויז געזוכט „אויסצופילנ א כאָלעל אינ אונדזער היגער ליטעראטור, אָפצושפיגלענ א ווינקל פונ לעבנ, אפ וואָס אונדזערע פאטענטירטע גדוילימ, די פאטענטירטע דערציילער, קריטיקער אונ פובליציסטנ ווענדנ ניט אָנ קיינ שומ אופמערקזאמקייט", וואָלט מענ געקענט האָבנ פאר איר בלויז א גוט וואָרט".

אונ ווייטער:

„א פארדראָס איז, וואָס די אלע דערמאָנטע שרייבער ווייזנ ארויס פייִקייטנ, אינטעליגענצ, האָבנ גוטע קאוואָנעס, נאָר זיי ווענדנ דאָס אָנ אפ א ניט ריכטיקנ אופנ; זיי ווילנ אנדערש ניט זיינ צוימענברעכער. א גאנצ גוטע זאכ. דערצו דארפ מענ אָבער אסאכ ארבעטנ איבער זיכ, לערנענ אונ שטודירנ, ניט אוועקמאכנ מיט דער האנט די דערפארונג פונ פאָרגענגער" (מיינ אונטערשטרייכונג—א. פ.).

דער איקער איז „ניט אוועקמאכנ מיט דער האנט די דערפארונג פונ פאָרגענגער". וועגנ קריטיש איבערנעמענ די יערושע פונ די פאָרגייער רעדט ניט כ' עפשטיינ. דער איקער איז בא־אימ „א שטויס צו טאָנ די ייִדישע ליטעראטור אינ אמעריקע פאָרווערטס", „אריינהויכנ אינ איר דעמ גייסט פונ גרויסע שטרעבונגענ", זי רעפאָרמירנ. וואָלט די „יונג־קוזניע" זיכ בלויז פארמאָסטנ „אויספילנ א כאָלעל", „אָפשפיגלענ א ווינקל", זיינ א „געזונט קערנדל פונ א נייער ריכטונג אינ דער ייִדישער ליטעראטור", וואָלט ער „געקענט האָבנ פאר איר בלויז א גוט וואָרט". זיי ווילנ אָבער גאָר זיינ צוימענברעכער. זיי וואגנ גאָר

צו זאָגן, אז „די פּראָלעטארישע ליטעראטור איז נאָך דערווייל זייער יונג, אָבער זי לעבט און אנטוויקלט זיך". זיי ריידן גאָר וועגן א „קלאסן־שטאנדפּונקט", וועגן א „פּראָלעטארישן וועלט־באנעם", זיי דערקלערן גאָר, אז „עס קען גאָר בא אונדז קיין רייד ניט זיין וועגן קונסט־לעשעם־קונסט", און אז „ס'איז פאראן בלויז איין קולטור און קונסט, און דאָס איז די פּראָלעטארישע", נאָר זי איז די איינציק „ריכטיקע". זיי האלטן זיך גאָר פאר „די ערשטע שפּראָצונגען פון דער נייער פּראָלעטארישער קונסט" אין אמעריקע... און דערפאר — צוימענברעכער!

ס'איז פּאָשעט צום שטוינען, וויאזוי אייניקע אָנפירנדיקע כאוויירים האָבן דאפקע געוואָלט מאכן פון אונדז בלויז א „נייע ריכטונג" אין דער ייִדישער ליטעראטור און האָבן אטאקירט אונדזער שטרעבן צו זיין די „פּיאָנערן" און „ערשטע שפּראָצונגען" פון דער פּראָלעטארישער ליטעראטור אין אמעריקע. ס'איז קלאָר, אז פון אזא קריטיק האָט די שרייבער פון דער „יונג־קוזניע" קיין „אידעאָלאָגישע געזונט" ניט געקענט צוקומען. פון דעם מאנגל אין א מארקסיסטישער ליטעראטור־קריטיק ליידן טאקע נאָך ביז איצט די פּראָלעט. שרייבער אין אמעריקע.

נאָר די „צוימענברעכער" האָבן זיך ניט דערשראָקן און האָבן געבראָכן אלץ מער די צוימען פאר דער פּראָלעטארישער ליטעראטור אין אמעריקע. אין יאנוואר 1925 דערשיינט דער דריטער נומער „יונג־קוזניע". מיט יעדן נומער קומען צו אלץ נייע נעמען אין די זאמלונגען. עס ווערן אויך ארייַנגעצויגן פּראָלעטארישע מאָלער, ווי זעלדין און אָווריך, וואָס צייכענען די שארבלעטער און באצירן די נומערן מיט רעפּראָדוקציעס פון זייערע בילדער.

אָנשטאָט א לייטארטיקל ווערט אין דריטן נומער געגעבן דער „רוף צו די פּראָלעטארישע און רעוואָלוציאָנערע שרייבער פון אלע לענדער" פון דער אינטערנאציאָנאלער פארבינדונג־ביוראָ פון פּראָלעטארישער ליטעראטור. אָט די פארבינדונג־ביוראָ האָט זיך געגרינדעט אין מאָסקווע דעם 10־טן יולי 1924 אף דער בעראטונג פון פּראָלעטארישע שרייבער פונעם סאָוועטן־פארבאנד צוזאמען מיט אויסלענדישע דעלעגאטן צום פינפטן קאָנגרעס פונעם קאָמינטערן. די באַראטונג האָט אנערקענט די וויכטיקייט פון פאראייניקן די פּראָלעטארישע שרייבער פון גאָר דער וועלט אין געשלאָסענע אסאָציאציעס לויט די לענדער, און די לאנד־פארבאנדן אין אן אינטערנאציאָנאל פון פּראָלעטארישער ליטעראטור. די אויסגעקליבענע פארבינדונג־ביוראָ האָט עס געדארפט צוגרייטן אָט די פאַרייניקונג. זי האָט גערופן אלע פּראָלעטארישע און רעוואָלוציאָנערע שרייבער צו גרינדן פּראָלעטאריקשע שרייבער־אָרגאניזאציעס אין יעדן לאנד און זיך אייַנצושליסן אין דעם אינטערנאציאָנאל פון פּראָלעטארישער ליטעראטור. דער־דאָזיקער אינטערנאציאָנאל איז איצט באקאַנט אלס דער אינטערנאציאָנאלער פארבאנד פון רעוואָלוציאָנערע שרייבער, אָן וועלכן ס'איז אויך אָנגעשלאָסן דער „פּראָלעטפּען".

דער אופרוף האָט באשטעטיקט די ריכטיקייט פון אונדזער וועג און די נייטיקייט פון א באזונדערער פּראָלעטארישער שרייבער־אָרגאניזאציע. דער אופרוף איז טאקע געוועזן אונדזער פּראָגראם־ארטיקל פונעם דריטן נומער.

אין יוני 1925 דערשײַנט דער פערטער נומער „יונג־קוזניע". אין דעם אַרײַנ־פיר־אַרטיקל צום נומער ווערט געזאָגט:

„אין שײַכעס מיט דער דערשײַנונג פון דער ערשטער זאַמלונג „יונג־קוזניע" איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן בײַ אונדז אין אַמעריקע אויף דער טאָג־אָרדענונג די פראַגע פון פּראָלעטאַרישער קונסט און פּראָלעטאַרישע קינסטלער. דאָס איז אַ פאַקט".

און ווירקלעך: אַרום אָט דער פראַגע האָט זיך אין דעם אַמעריקאַנישן ליטעראַרישן וועלטל צעפלאַקערט אַ גרויסע וואָרט־מלחמה. די מלחמה האָט זיך אַריבערגעטראָגן פון די שפּאַלטן פון דער ייִדישער פרעסע אין די ליטע־ראַרישע זשורנאַלן.

עס האָבן זיך דיפערענצירט צוויי לאַגערן אַפילו אין די בורזשואַזע ליטע־ראַרישע קרײַזן. פאַרביסענע קעגנער פון פּראָלעטאַרישער קונסט, די אַזויגע־רופענע „עסטעטן", וואָס האָבן זיך גרופּירט אַרום דעם זשורנאַל „אינזל", און די קלוימערשטע סימפּאַטיזירער פון פּראָלעטאַרישער קונסט, וואָס האָבן זיך גרופּירט אַרום דער אויסגאַבע „פון צײַט צו צײַט".

מיר וועלן בלויז איבערעכענען אַ טייל פון די אַרטיקלען, וואָס זײַנען דע־מאָלט דערשינען וועגן דעם איניען אין דער בורזשואַזער און אין דער קאָמוניסטישער פרעסע: ש. ניגער׳ס „נאָטיצן פון אַ לעזער און אַ שרײַבער" אין „טאָג", וווּ ער רעדט וועגן מ. ל. האַלפּערן, וועגן דעם צווייטן נומער „יונג־קוזניע" און וועגן פּראָלעטאַרישער קונסט; שאַכנע עפּשטיינס „פאַר־קאָווער פונעם וואָרט", „עס פאָדערט זיך אַ רעוויזיע" און אַנדערע אַרטיק־לען אין דער „פרײַהײַט"; די אַרטיקלען אין „אינזל"; מ. אָלגינס „דער שרײַבער און דער לעזער" און די גאַנצע פּאָלעמיק אַרום נאַדירס „ברויט מיט פוטער"; מוישע קאַץ׳ס „די ליטעראַרישע זשיראָנדע", „דער שרײַבער, דער לע־זער און די רעוואָלוציע"; די פּאָלעמיק מיט איגנאַטאָוו אין דער „פרײַהײַט"; דאָוויד איינהאָרנס „פּאָעזיע און פּאָליטיק"; ד״ר שאַצקיס „צי איז דאָ אַ פּראָ־לעטאַרישע קונסט?" אין יובילײ־נומער „פרײַנד"; נ. מינקאָווס „פּראָלעטאַ־רישע קולטור" אין זשורנאַל „1925" און נאָך אַנדערע אַרטיקלען.

דער לייטאַרטיקל אינעם פערטן נומער „יונג־קוזניע" פאַרענדיקט זיך מיטן פאָלגנדיקן אַבזאַץ:

„דער ייִדישער אַרבעטער־שרײַבער־פאַריין און די זשורנאַלן „יונג־קוזניע", ווי די געזאַנג־פאַריינען, דראַמאַטישע פאַריינען א. אז. וו., זײַנען טיילן פון דער גרויסער פּאָליטישער און קולטורעלער באַוועגונג, וואָס איז ניט לאַנג אַנטשטאַנען בײַ די ייִדישע אַרבעטער־מאַסן אין אַמעריקע, און זײַנען אַ רע־זולטאַט פון די גרויסע ענדערונגען, וואָס קומען פאָר אין אַמעריקאַנער אַרבע־טער־קלאַס. נײַע קויכעס ווילן קומען צום אויסדרוק. מיר האָבן ערשט אָנגע־הויבן, מיר זײַנען נאָך יונג, אָבער מיר וואַקסן און גלייבן, אַז מיר וועלן נאָך זאָגן אַ נײַ וואָרט, אונדזער וואָרט".

וועגן דעם פערטן נומער איז שוין אין דער „פרײַהײַט" דערשינען אַ זייער פּאָזיטיווע רעצענזיע פונעם כ׳ קאַלמען מאַרמאָר. די דאָזיקע רעצענזיע איז גע־

ווען אָפּגעדרוקט אינעם שטענדיקן רעצענזיע־אָפּטייל „צווישן ביכער און זשור־נאַלן". כ׳ מאַרמאָרס רעצענזיע איז שוין געווען גאַנץ ווײַט פון כ׳ עפּשטײַנס „צוימענברעכער". כ׳ מאַרמאָר שרײַבט דאָרט:

„אַלץ אין דעם נומער (פּערטן), די צייכענונגען, די לידער, די סקיצן און אַרטיקלען זײַנען דורכגעדרונגען פון פּראָלעטאַרישן גײַסט. גלײַך באַם אָנפאַנג די אײַנלייטונג „אונדזער פערטע זאַמלונג" פון י. פּ. איז פול מיט פּראָלעטאַרישן שטאָלץ: „מיר האָבן ערשט אָנגעפאַנגען, מיר זײַנען נאָך יונג, אָבער מיר וואַקסן און גלייבן, אַז מיר וועלן נאָך זאָגן אַ נײַ וואָרט, אונדזער וואָרט".

„די לידער פון י. פּאָמעראַנץ, יאָסל קאָן, ב. פענסטער, אײַזיק פלאַטנער, הײַזלער, פוינץ א. ד. גל. גיסן זיך אַלע צוזאַמען אין איין פּראָלעטאַרישן כאָר און מאַכן קאָלעקטיוו אַ שטאַרקן אײַנדרוק.

„אין פּראָזע איז אין 4־טן נומער „יונג־קוזניע" אַרײַנגעבראַכט געוואָרן אַ גוטע אויספּעסערונג. אָנשטאָט צו געבן שטיקלעך און ברעקלעך — קומען אַרײַן גרעסערע זאַכן"...

און:

„בּיכלאַל מאַכט דער פערטער נומער „יונג־קוזניע" אַ גאָר גוטן אײַנדרוק און באַרעכטיקט דעם שטאָלץ, וואָס י. פּ. ווײַזט אַרויס אין זײַן אײַנלייטונג".

דער פינפטער נומער „יונג־קוזניע" דערשײַנט אין דעקאַבער 1925. אין דער צײַט צווישן דעם פערטן און דעם פינפטן נומער האָט דער פּראָלעטאַרישער שרײַבער־פאַריין צוזאַמען מיט דער גרופּע רוסישע פּראָלעטאַרישע שרײַבער „רעזעץ" און מיט אַ גרופּע ענגלישע שרײַבער אַרויסגעגעבן דעם דרײַשפּראַכיקן זשורנאַל „ספּאַרטאַק" (יידיש, רוסיש, ענגליש). דאָס איז געווען אַ דע־מאָנסטראַציע פון דעם ווילן זיך ענגער צו פאַרבינדן מיט די עקזיסטירנדיקע פּראָלעטאַרישע שרײַבער־אָרגאַניזאַציעס פון פאַרשיידענע שפּראַכן, אַן אָפּ־קלאַנג פון דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַלער בּאַראַטונג פון רעוואָלוציאָנערע שרײַבער אין מאָסקווע אין 1925.

אין דעם פאָרוואָרט צום יידישן טייל פון „ספּאַרטאַק" ווערט געזאָגט:

„האַגאַם מיר האַלטן פאַר ניט פּראַקטיש אַרויסצוגעבן דרײַשפּראַכיקע זשורנאַלן, האָבן מיר אָנגענומען די אײַנלאַדונג, כּעדיי צו שאַפן אַן ענגערע פאַרבינדונג מיט אַלע פּראָלעטאַרישע שרײַבער־גרופּן פון אַלע שפּראַכן און נאַ־ציאָנאַליטעטן; כּעדיי צו שאַפן אַ ווירקלעכן קונסט־פראָנט, אַ ווירקזאַמע אַסאָציאַציע פון פּראָלעטאַרישער קונסט אין אַמעריקע, וואָס זאָל אַרויסהעלפן די אַרבעטער־מאַסן אין זייער קאַמף פאַר עקאָנאָמישער און גײַסטיקער באַ־פרײַונג".

די יונגע יידישע אַרבעטער־שרײַבער זײַנען געווען די פּיאָנערן פון דעם געדאַנק וועגן אַן אינטערנאַציאָנאַלער פּראָלעטאַרישער קולטור־פעדעראַציע אין אַמעריקע, וועלכע איז טאַקע געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1931 מיט דער הילף פון די דעלעגאַטן צום אינטערנאַציאָנאַלן צוזאַמענפאָר פון רעוואָלוציאָ־נערע שרײַבער און קינסטלער אין כאַרקאָוו. זיי זײַנען אויך געווען די פּיאָ־נערן פון דער אַלאַמעריקאַנישער רעוואָלוציאָנערער שרײַבער־פעדעראַציע (אַ

טייל פונ דער קולטור־פעדעראציע), וואָס איז געגרינדעט געוואָרנ אינעמ יאָר 1932. אינ דער אלאמעריקאנישער רעוואָליוציאָנערער שרייַבער־פעדעראציע איז אויכ אָנגעשלאָסנ דער „פּראָלעטפּענ".

אגעוו זאָל דאָ אויכ דעמאָנט ווערנ, אז דער ערשטער אופרופ פונ דער אינטערנאציאָנאלער פאַרבינדונג־ביוראָ פאַר רעוואָליוציאָנערער ליטעראטור איז אינערגעצ ניט געווענ אָפּגעדרוקט אינ אמעריקע, אכוצ אינ דער „יונג־קוזניע".

די צוויי וויכטיקסטע פאַסירונגענ, וואָס האָבנ צוגעצויגנ צו זיכ די אויפמערקזאמקייַט פונ די פּראָלעטארישע שרייַבער פאַר די עטלעכע כאדאָשימ צווישנ דעמ פערטנ אונ דעמ פינפטנ נומער, זייַנענ געווענ: „מאיאקאָווסקיס באזוכ אינ אמעריקע" אונ „לייוויקס באזוכ אינ רוסלאנד". אינ דעמ פינפטנ נומער זייַנענ וועגנ דעמ ארייַנ צוויי באזונדערע ארטיקלענ. מאיאקאָווסקיס עפנטלעכע לעקציעס אונ די רעדעס אפנ באנקעט פאַר לייוויקנ אינ מאָסקווע, וואָס האָבנ זיכ געדרוקט אינ דער „פרייַהייַט", האָבנ געגעבנ אסאכ שטאָפ ספּעציעל די יונגע פּראָלעטארישע שרייַבער, איבער וואָס נאָכצודענקענ אונ פונ וואָס זיכ צו לערנענ.

פאַר דער דאָזיקער צייַט איז אינ פאַרשיידענע פּעריאָדישע אויסגאבעס דערשינענ א היפּשע צאָל ארטיקלענ וועגנ דער פראגע פונ פּראָלעטארישער קולטור, עס זייַנענ דערשינענ עטלעכע ארטיקלענ וועגנ דעמ איניענ אינ דעמ נייַעמ וואָכנבלאט „קולטור", וואָס האָט אָנגעהויבנ ארויסצוגיינ אינ שיקאגאָ, ווי צ. ב. אלמיס ארטיקל אונטערנ פּרעטענציעזנ נאָמענ „פּראָלעטארישע קונסט אונ קאָלעקטיוויזמ", ווו ער נעמט זיכ אָנ גאָטס קריוודע אונ קלאָגט אפ דעמ, וואָס „די קאָלעקטיוויסטישע קונסט־טומלער דערהייבנ זייער קאָל קעגנ גאָט" אונ וואָס „די מאשינ האָט פאַרדרענגט דאָס מיסטעריעזע פונ באשאפ. אלצ איז פאַר אונדז אָפנ, קלאָר, אָנ סוידעס". אינ דער „פרייַהייַט" איז דעמלט אויכ דערשינענ אנ אינטערעסאנטער ארטיקל פונ נויעכ לאָנדאָנ „ווי האלט עס מיט אונדזער קולטורעלנ פראָנט?" (28 נאָיאבער, 1925).

די גרויסע זיגנ, וואָס די לינקע האָבנ דעמלט אָפּגעהאלטנ אינ די יוניאָנס, די פוירסעל[1]־מיטינגענ אונ די גראנדיעזע דעמאָנסטראציעס, וואָס די קאָמוניסטישע פּארטיי פונ אמעריקע האָט דורכגעפירט, די זיגנ פונ דער לינקער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג אפ די עקאָנאָמישע אונ פּאָליטישע פראָנטנ ברענגענ נייַע גרויסע זיגנ אויכ אפ דעמ פראָנט פונ קולטור אונ קונסט. דאָס זעענ מיר פונ דעמ וווקס פונ דער „פרייַהייַט", פונ די פּראָלעטארישע געזאנגפאַרייננ אונ אָרקעסטערס איבערנ לאנד, פונ דעמ, וואָס עס איז געשאפנ געוואָרנ דער יידישער מוזיקאלישער ארבעטער־פאַרבאנד א. ד. גל.

דאָס זעענ מיר אויכ פונעמ רופ פונעמ „פאָלקס־פאַרבאנד פאַר א קונסט־טעאטער" צו אנ ארבעטער־קאָנפערענצ וועגנ שאפנ א יידישנ ארבעטער־טעאטער, וועלכע איז פאָרגעקומענ דעמ 20־טנ דעקאבער 1925 אינ ניו־יאָרק. עס ווערט אויכ געעפנט א דראמאטישע שול בא דער דראמאטישער סעקציע פונ דער י. וו. ל. (קאָמוניסטישער יוגנט־פאַרבאנד). עס האָבנ אָנגעהויבנ פונקציאָנירנ די פּארטיי־שולנ פונ דער וו. פּ. (קאָמוניסטישע פּארטיי) — דאָס אלצ האָט

---

1) פירער פונעמ לינקנ פליגל אינ דער ענגלישער פראָפבאוועגונג.

באוויזנ, אז עס קומט פאָר א קאָנסאָלידאציע פונ אלע שעפערישע קויכעס אינעם לעבנ פונ די רעוואָליוציאָנערע יידישע ארבעטער־מאסנ אינ אמעריקע.

אינעם ליטארטיקל „אונדזער פינפטע זאמלונג" ווערט וועגנ דעם געזאָגט:

„...מיר ווײַנענ איבערצײַגט, אז אָט די גרויסע געשעענישנ וועלנ ארויסרופנ צומ לעבנ נײַע, יונגע פראָלעטארישע טאלאנטנ, וואָס וועלנ פארקערפערנ אָט דעם לעבנשטייגער אינ וואָרט אונ בילד אונ וועלנ העלפנ בויענ דאָס נײַע לעבנ. אנ אָנהייב אינ דער ריכטונג האָט שוינ געמאכט דער פראָלעטארישער שרײַבער־פאריינ, וואָס האָט זיכ סטיכייִש, אָנ קיינשום זײַטיקער הילפ אָרגאניזירט אינ 1924. דער פאריינ האָט ארומגעקליבנ ארומ זיכ א גרופע יונגע ארבעטער, וואָס האָבנ ארויסגעוויזנ טאלאנט, אונ אויב ער איז עס ניט אינגאנצנ איצטער, איז אָבער אָט דעם פאריינ באשערט צו ווערנ די לאבאָראטאָריע, די ליטערארישע שולע פונ פראָלעטארישער ליטעראטור אינ אמעריקע. דער פאריינ פירט אָנ א פארשיידנארטיקע קולטורעלע טעטיקײַט צווישנ אירע מיטגלידער דורכ ליטערארישע כאוויירים־שמועסנ, אײַנלייטונגענ, דיסקוסיעס, רעפעראטנ, לעקציעס א. אז. וו. אלס רעזולטאט פונ דער פאריינ־טעטיקײַט זײַנענ די זאמלונגענ „יונג־קוזניע", וואָס מיר גיבנ ארויס פונ צײַט צו צײַט...

„מיר גייענ נאָכ די ריכטונג פונ רוסישנ „לעפ" (לינקער פראָנט אינ דער קונסט). מיר האלטנ אויכ, אז די אופגאבע פונ א שרײַבער איז ניט לעבנס־באשרײַבונג, נאָר לעבנס־בויונג; אז ניט קיינ אָלימפישע „ספעצנ" דארפ מענ, נאָר אקטיווע, אָרגאנישע אָנטיילנעמער פונ דער אלגעמיינער זאכ, אז שאפנ דארפ מענ ניט פאר אויסדערוויילטע יעכידימ, נאָר פאר די ברייטע שאפנדע מאסנ; אז די אופגאבע פונעמ פראָלעטארישנ קינסטלער איז ארויסצורופנ אונ אנטוויקלענ דעמ קלאסנ־געפיל, ווי די אופגאבע פונעמ פראָלעטארישנ פארטייטוער אונ פובליציסט איז צו אנטוויקלענ דעמ קלאסנ־באוווסטזײַנ. מיר זײַנענ שטאָלצ, וואָס די מיטגלידער פונ פראָלעטארישנ שרײַבער־פאריינ זײַנענ אליינ קינדער פונעמ ארבעטער־קלאס. דערפאר זײַנענ מיר זיכער אינעם דערפאָלג פונ די גרויסע, וויכטיקע אופגאבעס, וואָס מיר האָבנ זיכ געשטעלט".

די לעצטע אָנווײַזונג אפנ „לעפ" איז שוינ געווענ א רעזולטאט פונ מאיאקאָווסקיס באזוכ אינ אמעריקע. אינדערעמעסנ געזאָגט, האָט דער שרײַבער־פאריינ דעמלט נאָכ ניט געהאט דורכגעארבעט גענוי די פראָגראמעס אונ די פרינציפנ פונ די פארשיידענע ריכטונגענ אינ דער סאָוועטישער ליטעראטור. מיר האָבנ ביכלאל זייער ווייניק געוווסט וועגנ זיי.

אגעוו, איז קעדײַ צו ברענגענ אנ אויסצוג פונ לייוויקס רעדע אפנ באנקעט אינ מאָסקווע, וועלכע ווערט איבערגעגעבנ אינ דעמ נומער „יונג־קוזניע", דעמ טייל, אינ וועלכנ לייוויק פרווט דערקלערנ די סיבעס פונ דעמ באנקראָט פונ דער גרופע „יונגע" אינ אמעריקע.

„... לעבט מענ דאָרט בא אונדז אינ טרויער אונ פארצווייפלונג. דאָס אמעריקאנער יידישע לעבנ ניט אופגענומענ, ניט אנערקענט, אומגעקערט זיכ צו אימ מיטנ רוקנ, ווײַל פײַנט געהאט דאָס. איכ ווייס ניט וועמענס שולד דאָס איז, אונ איכ וויל זיכ איצט ניט ארײַנלאָזנ אינ זוכנ די סיבעס פונ אזא

באציִונג צומ ארומיקנ אייגענעמ לעבנ. איכ קאָנסטאטיר נאָר: אָט אזוי איז עס געווענ. א גאנצער דאָר שריפטשטעלער, וואָס האָט אזוי רײַכ א בלי געטאָנ, פאנאנדערגעוויקלט זיכ, האָט מיטאמאָל דערפילט, נו, זאָגנ אָפנ, אז ער איז באנקראָט, אז ער איז מיט קיינעמ ניט באהעפט, ווירקט ניט אפנ לעבנ ארומ אונ ווערט ניט באווירקט פונ אימ. מוז אנטשטיינ דעמלט א בענקשאפט נאָכ דער נײַער אָריִענטאציע, נאָכ א נײַער שאצונג, נאָכ א נײַעמ בונד מיט אנדערע קיכעס, אויב מע וויל ניט אפ אנ עמעס ניט זיכ אונ ניט דאָס לעבנ ארומ ארײַנוואָרפנ אינ די פינצטערע שאָטנס פונ אומקומ אונ פארפאלנקײַט״.

די ייִדישע רעוואָליוציאָנערע ארבעטער האָבנ, פארשטייט זיכ, ניט געלעבט אינ פארצווייפלונג: זיי האָבנ געלעבט, ווי ס׳איז קענטיק פונ דעמ, וואָס איז אויבנ געזאָגט, אינ רעוואָליוציאָנערנ קאמפ. ס׳איז ניט ריכטיק, אז לייוויקס „דאָר שריפטשטעלער״ איז מיט קיינעמ ניט געווענ באהעפט. ער איז יאָ געווענ באהעפט, אָבער ניט מיטנ רעוואָליוציאָנערנ ארבעטער, נאָר מיטנ פערספעקטיוולאָזיקנ אונ באָדנלאָזיקנ קליינבירגערטומ אונ קליינבירגערלעכער אינטעליגענצ. אָט פארוואָס ער איז געווענ באנקראָט. אונ לייוויק איז ווידער געוואָרנ פולשטענדיק באנקראָט, ווענ ער האָט זיכ אומגעקערט מיטנ רוקנ צומ לעבעדיקנ אונ קעמפנדיקנ רעוואָליוציאָנערנ ארבעטער. דאָס, וואָס לייוויק האָט געזאָגט אינ מאָסקווע וועגנ די „יונגע״, קענ איצט דינענ אלס אנ עפּיטאפ אויכ אפ דעמ איצטיקנ באנקראָטירטנ לייוויק אונ זײַנ גלײַכנ.

די יונגע ארבעטער־שרײַבער מאכנ נאָכ א טריט, וואָס ענגער צו פארבינדנ זיכ מיט די ארבעטער. זיי הייבנ אָנ ארויסגעבנ מיט די ארבעטער־קלובנ דעמ פּאָליטיש־געזעלשאפטלעכנ כוידעש־זשורנאל „יוגנט״. דער ערשטער נומער איז ארויס אינ דעקאבער 1926. „יוגנט״ האָט אָבער ניט געהאט קיינ לאנגע יאָרנ. עס איז בלויז דערשינענ פיר נומערנ. אינ יענער צײַט האָט שוינ אויכ אָנגעהויבנ ארויסגיינ דער קאָמוניסטישער כוידעש־זשורנאל „דער האמער״. דאָס האָט אויכ מיטגעבראכט דערצו, אז דער זשורנאל „יוגנט״ זאָלנ אופהערנ דערשײַנענ. דאָס דערשײַנענ פונעמ „האמער״ איז אויכ געווענ די סיבע, פארוואָס דער פּראָלעטארישער שרײַבער־פאריינ האָט שוינ נאָכדעמ מער קיינ אייגענע אָרגאנענ ניט ארויסגעגעבנ. דער „האמער״ איז אויכ געווענ דער אָרגאנ פונ דעמ שרײַבער־פאריינ. מאכמעס דעמ, וואָס „דער האמער״ פאָדערט א גרינטלעכע, אויספירלעכע באזונדערע מאָנאָגראפיע, וועלנ מיר אפנ „האמער״ זיכ ניט קענענ אָפּשטעלנ אינ אונדזער איצטיקער ארבעט וועגנ „פּראָלעטפענ״.

דער זשורנאַל „יוגנט"

דער פּראָלעטאַרישער יוגנט־זשורנאַל „יוגנט" האָט אָנגעהויבן דערשײַנען צום סאָף 1926 יאָר. דער ערשטער נומער איז געווען א טאָפּלטער, פאַר נאָיאַבער־דעקאַבער, 1926. פאָרמעל איז דער זשורנאַל ארויסגעגעבן געוואָרן פונעם „יונג־קוזניע"־פאַרלאַג באַם יונגן פּראָלעטאַרישן שרײַבער־פאַריין. די רעדקאָלעגיע איז באַשטאַנען פון די פאָלגנדיקע כאַווײרים, מיטגלידער פונעם פּראָלעטאַרישן שרײַבער־פאַריין און מיטגלידער פון די ארבעטער־קלובן: מאָטל גערטנער, שלוימע דאַווידמאַן, א. י. פאָמעראַנץ, כאַים פּעט, ד. ראַזומאָוויטש, כ. שיינעס, ב. רובין (סעקרעטאַר).

די פּראָלעטאַרישע ארבעטער־קלובן אין די פאַרייניקטע שטאַטן געהערן איצט צו די בעסטע רעוואָלוציאָנערע אָטריאַדן ניט בלויז אף דעם ייִדיש־פּראָלעטאַרישן קולטור־פראָנט, נאָר אויך אפן פראָנט פון דעם אַלגעמיין־אמעריקאַנישן רעוואָליוציאָנערן קלאַסנקאַמף. דער פאַרבאַנד פון די ארבעטער־קלובן פאַרייניקט ארום 50 קלובן מיט א מיטגלידערשאַפט פון ארום 5 000. דער דורכשניטלעכער עלעמענט פון די קלובן איז א יוגנטלעכער. כאָטש פאָרמעל אומפּאַרטייִש, זײַנען די קלובן און זייערע מיטגלידער מיט לײַב און לעבן איבערגעגעבן צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, צו דער פּאַרטיי פונעם אמעריקאַנישן ארבעטער־קלאַס. די מיטגלידער פון די קלובן זײַנען אַלעמאָל פון די אַקטיווסטע אין די קאַמפּאַניעס פון דער „פרײַהײַט" און „דיילי וואָרקער", ווי אין אַלע פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און קולטורעלע קאַמפּאַניעס, וואָס ווערן אָנגעפירט פון דער קאָמפּאַרטיי. זיי גיבן איצט אויך ארויס דעם אָרגאַן „דער ארבעטער־קלוב".

קלובן פון יוגנטלעכע ארבעטער האָבן זיך אָנגעהויבן גרינדן צום סאָף פון 1920, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע נאָכמילכאָמע־עמיגראַציע קיין אמעריקע. די קאָמפּאַרטיי האָט פון אָנהייב ניט געשענקט גענוג אופמערקזאַמקײַט פאַר די ארבעטער־קלובן. ערשט צום סאָף פונעם 1926 יאָר און אין 1927 יאָר איז צו באַמערקן א גרויסן קער פון דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג צו די ארבעטער־קלובן. דער דאָזיקער קער האָט אויך געבראַכט צום זשורנאַל „יוגנט", וואָס האָט געהאַט די אופגאַבע העלפן בויען די ארבעטער־קלובן און זיי פאַרוואַנדלען אין רעוואָליוציאָנערע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס. כאָטש בלויז פיר נומערן איז דערשינען פונעם זשורנאַל „יוגנט", האָט ער דאָך אסאַך מיטגעהאָלפן דער פאַנאַנדערבליִונג פון די ארבעטער־קלובן און האָט בײַגעטראָגן דערצו זיי זאָלן פאַרנעמען זייער איצטיקן אָנגעזעענעם אָרט אף דעם רעוואָליוציאָנערן קאַמף־פראָנט.

דער קער פון דער פּאַרטיי צו דער קלובן־פּראָבלעם איז אויך געקומען אדאנק אַנ־ענדערונג אין דער פּאַרטיי גופא. צו יענער צײַט האָט די אַמעריקאַנישע קאָמפּאַרטיי זיך אָנגעהויבן איבערבויען אַפן באַזיס פון פאַבריק־קעמערלעך, גאַסן־קעמערלעך א. אז. וו. ביז דעמאָלט איז די אָרגאַניזאַציאָנעלע פּאַרטיי־סטרוקטור געווען א סאָציאַל־דעמאָקראַטישע. די פּאַרטיי איז געווען געבויט לויטן פעדעראַציע־פּרינציפּ: א יידישע שפּראַך־פעדעראַציע, אַן ענגלישע, רוסישע, פינישע, דײַטשישע, ליטווישע א. אז. וו. די פּאַרטיי איז פאַקטיש באַשטאַנען פון אַסאַך פּאַרטייען—פון א באַזונדערער יידישער פּאַרטיי, דײַטשישער פּאַרטיי א. אז. וו. די פעדעראַציעס זײַנען געווען אײַנגעטיילט אין גרויסע אָפּטיילונגען, אָפטמאָל ביז 200 און מער פּערזאָנען אין יעדערער. די אָפּטיילונג פון יעדער פעדעראַציע האָט זיך פאַרנומען ניט בלויז מיט פּאַרטיי־אַרבעט אינעם ענגן זינען פונעם וואָרט, נאָר האָט אויך געטראָגן א קלוב־כאַראַקטער. די פּאַרטיי־בּרענטשעס (אָפּטיילונגען) אין דער יידישער פּאַרטיי־פעדעראַציע זײַנען דעמאָלט געווען, ווען מע זאָל אורטיילן לויט די איצטיקע באַגריפן, גוטע רעוואָלוציאָנערע אַר־בעטער־קלובן און ניט מער. אַז מע האָט אָנגעהויבן באָלשעוויזירן די פּאַרטיי, האָט מען אָפּגעשאַפט די שפּראַך־פעדעראַציעס און בּיסלעכווײַז איבערגעבויט די גאַנצע פּאַרטיי אַפּ דער באַזע פון פּאַרטיי־קעמערלעך. אין יעדן קעמערל זײַנען אַרײַן אַרבעטער פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן. זיי האָבן נאָר באַ־דאַרפט אַרבעטן אין דער זעלביקער פאַבריק אָדער וווינען אין דער זעלביקער געגנט. די אומגאַנג־שפּראַך פון אַלע פּאַרטיי־קעמערלעך איז געוואָרן ענגליש. די קעמערלעך ציילן בלויז צו 15 אָדער 20 פּערזאָנען.

פאַר די יידישע פּאַרטיי־כאַווײרים, ווי פאַר די אַנדערע, האָט זיך אין פאַר־בינדונג מיט דער איבערבויונג פון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע געשטעלט די פּראָבלעם פון באַפרידיקן געוויסע קולטור־באַדערפענישן אַפּ זייער מוטערשפּראַך, וואָס האָבן איצט איבער דער קעמערלעך־סטרוקטור ניט געקאָנט באַפרידיקט ווערן. די פּאַרטיי האָט אײַנגעזען, אַז די אַרבעטער־קלובן אַפּ די פאַרשיידענע שפּראַכן קענען לייזן די דאָזיקע פּראָבלעם. אכוצדעם זײַנען די קלובן געוואָרן גוט צוגעפּאַסט פאַר דער ראָליע פון רעקרוטיר־און געהילף־אָרגאַניזאַציעס פאַר און פון דער פּאַרטיי. צו די קלובן האָבן געהערט דאָסראָוו אומפּאַרטייִישע אַרבע־טער, וועלכע זײַנען איבער פאַרשיידענע סיבעס נאָך ניט געווען גרייט באַלד אַרײַנצוגיין אין דער פּאַרטיי. פון די קלובן האָט טאַקע די פּאַרטיי מיט דער צײַט געקראָגן אַסאַך אויסגעצייכנטע פּאַרטיי־טוער אַפן געביט פון קולטור און אַפּ אַנדערע געביטן.

יעדער נומער פונעם זשורנאַל „יוגנט" איז באַשטאַנען פון 24 זײַטן גרויסן זשורנאַל־פאָרמאַט. דער זשורנאַל איז געווען געדרוקט אַפּ גוטן פּאַפּיר און שיין איליוסטרירט. די בעלעטריסטיק האָט אין אַלע נומערן פאַרנומען אַרום א העלפט פונעם זשורנאַל. די בעלעטריסטישע מיטאַרבעטער פון „יוגנט" זײַנען געווען די זעלביקע, וואָס אין דער „יונג־קוזניע". עס זײַנען בלויז צוגעקומען עטלע־כע נײַע נעמען פון יונגע פּראָלעטאַרישע שרײַבער, ווי פ. טשערנער, א. פּלאַט־נער, וועלכע זײַנען איצט מיטגלידער פון „פּראָלעטפּען".

דער זשורנאַל האָט פון סאַמע אָנהייב געהאַט א גרויסן דערפאָלג. ער איז פארקויפט געוואָרן אין אסאך עקזעמפּליארן. פונדעסטוועגן איז עס ניט געווען גענוג צו קענען אים ארויסגעבן אלע כוידעש. נאָכן ערשטן נומער, נאָיאַבער־דעקאַבער 1926, זײַנען דערשינען בלויז נאָך 3 נומערן, פאר די כאָדאָשים יאַנוואר, פעוורал און מארט 1927.

פונקט ווי די בעלעטריסטיק אין דער „יונג־קוזניע", אזוי שפּיגלט אָפּ אויך די בעלעטריסטיק פון דער „יוגנט" דעם דעמלטיקן אידעאָלאָגישן צושטאַנד פון די יוגנטלעכע ארבעטער־אימיגראַנטן אין אמעריקע. די יוגנטלעכע ארבעטער זײַנען נאָך ווייניק פארוואָרצלט אין דעם קלאַסנקאַמף פונעם לאַנד. זיי האָבן זיך נאָך ניט צעוועגנט מיט דער אלטער היים. זיי האָבן בלויז א נעגאַטיווע באַציִונג צו דער אמעריקאַנישער גרויסשטאָט. זיי זעען דאָרטן אויסשליסלעך די שווינדלערלעכע עקספּלואַטאַציע, דאָס ווילדע געיעג נאָכן דאָלער, נאָך רײַך ווערן, די פּראָסטיטוציע, אלע פּלאָגן און נאָר די פּלאָגן פון דער קאַפּיטאַליסטישער גרויסשטאָט, זיי זעען אָבער ניט די רעוואָלוציאָנערע קויכעס, וואָס וואַקסן דאָרט אָן. זיי פילן זיך נאָך דאָרטן, ווי פרעמדע און געסט. זיי זײַנען ניט צופרידן, זיי בונטעווען זיך, אָבער זייער בונט איז מער אן אנארכיסטישער, אן אבסטראַקטער. זיי זעען נאָך ניט קלאָר דעם וועג פונעם פּראָלעטאַרישן קלאַסנקאַמף, דעם וועג צו דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, זיי זעען נאָך ניט דעם אמעריקאַנישן ארבעטער־קלאַס, זיי פילן נאָך ניט די זיכערקייט פונעם זיג. דערפאר געפינען מיר נאָך אין די לידער און דערציילונגען א ראַכמאָנעס־באַציִונג צום ארבעטער. דערפאר געפינען מיר בא די שרײַבער אסאך פון דעם דעקאַדענטישן קלאַפּערגעצײַג (סימבאָליזם, אימפּרעסיאָניזם, טרויער, צאַר), דעקלעראַטיווקייט און ניט גענוג קאָנקרעטקייט און צילגעווענדקייט.

אין דער „יוגנט" געפינען מיר א ריי דערציילונגען פון דער אלטער היים, עפּיזאָדן פון בירגערקריג, פּאָגראָם־עפּיזאָדן און עפּיזאָדן פון די אָקופּאַציע־צײַטן. דאָס זײַנען אזעלכע דערציילונגען, ווי „ווער האָט זיך דעמלט אײַנגעהערט" פון ש. דאַווידמאַן, „פינף און צוואַנציק" פון כאַיִם פּעט, „געלע זאַמד" פון מוישע שיפּריס. דאָרט ווערט אויסגעדריקט דער פּראָטעסט קעגן די אכזאָריעסן פון די פּאָגראָמען, פון די אימפּעריאַליסטישע אָקופּאַציע־מאַכטן און ראַכמאָנעס פאר די געליטענע, פאר די קאָרבאָנעס.

אויך אין ניו־יאָרק, אין דער קאַפּיטאַליסטישער גרויסשטאָט, וווּ דער טאָג איז א „קודלעוואַטער שעד" און די „נאַכט—א שרעק" (א. פּלאַטנער), האָבן זיי, פארשטייט זיך, געפונען גענוג אכזאָריעס. פּראָטעסטירט דאַווידמאַן אין זײַן דערציילונג „א באַגעגעניש" קעגן דער פּראָסטיטוציע, אָט דער קאַפּיטאַליסטישער פּלאָג, און דריקט אויס זײַן ראַכמאָנעס צו די קאָרבאָנעס. סימפּאַטיזירט פּלאַטנער צו די קאָרבאָנעס פון אווטאָמאָביל־אומגליקן אין די קאַפּיטאַליסטישע גרויסשטעט אין זײַן „פארפּלאָנטערט מיט די הערנער". אָט די אויסשליסלעך נעגאַטיווע באַציִונג צו דער קאַפּיטאַליסטישער גרויסשטאָט דריקט אויס, צום בײַשפּיל, ב. פענסטער אין זײַן ליד „מיר זינגען":

„איבער אונדז א הימל, א צעקעסטלטער מיט ווענט,
ס'פילט זיך פון אים אָפּטמאָל גאזאָלינ,
נעמ כאָטש פײַער, צינד אים אונטער און ער ווערט פארברענט.
איבער אונדז שוינ טאָפּלען זיך דרײַסיקגאָרנדיקע טרעפּ,
ס'איז ארופצוקוקנ שווער אהינ,
באנענ קרייצנ זיך אינ הויכנ ווימ איבער אונדזערע קעפּ,
איבער אונדז א ראשנ הייבט זיך ווי א סרייפע־רויכ,
א נעס, מיר ווערנ דאָכ ניט בלינד, ניט טויב,
ערראָפּלאנענ רײַסנ זיך איבער אונדז אינ די וואָלקנס הויכ.
איבער אונדז א הארבער אָל צערט אונדז טאָג און נאכט,
מיר זײַנענ לעבעדיקעס, צארטער רויב —
נאָר איבער אלצ אזוי שיינ זינגט האָרעפּאשנע מאכט —
זינגענ מיר דערפאר,
אינ ווייטעקדיקסטנ צאר—
מיר זינגענ...״

פענסטער זינגט שוינ יאָ וועגנ דער האָרעפּאשנער מאכט, אָבער דער „ווייטעקדיקסטער צאר״, פילט מענ, איז בא אימ נאָכ שטארקער פונעם געזאנג.

אבסטראקטנ אנארכיסטישנ רעוואָליוציאָניזמ און סימבאָליק געפינענ מיר אינ נאָכעמ ווײַסמאנס לידער און אינ זײַנ פּאָעמע „בראָדוויי״:

„היי, איר, וואָס וואלגערט זיך,
ווי צעהאקטע שלאנגענ אפ אײַערע אָנגעגליטע געלעגערס,
קומט, קומט אלע אפּאמאָל,
פארפלייצט בראָדוויי,
ווי פרילינג־וואסערנ !״

איר געפינט עס אינ בורשטאָקס לידער („מיר זײַנענ דער אופברויז״), אינ פענסטערס ליבע־לידער און אנדערע.

אינ אסאכ בעלעטריסטישע ווערק ווערט געגעבנ סאטירע אפנ קליינבירגער, אפ זײַנ גײַעג נאָכ „ארופארבעטנ״ זיך, רײַכ־ווערנ (די דערציילונגענ „געשעפטנ״ פונ כאיִמ פּעט, „דיקע ווענט״ פונ י. קולטשיק, „א האלבער פינגער״ פונ ש. דאווידמאנ). עס ווערט דאָרט אויכ געשילדערט דער קאמפּ פונ די יוגנטלעכע ארבעטער מיט דעמ ניסויענ פונ „גיינ אינ ביזנעס״, ווערנ געשעפטמענטשנ, דער קאמפּ מיט זייערע קליינבירגערלעכע קרויווימ אינ אמעריקע, וועלכע האָבנ אראָפּגעבראכט די „גרינע״ פונ יענער זײַט יאמ, פונ דער אלטער היימ.

אינ דער „יוגנט״ באגעגענע מיר אָבער אויכ לידער און בעלעטריסטישע ווערק פונ אנדערע זשאנרענ, וואָס דריקנ שוינ אויס א פּראָלעטארישנ צוגאנג צו דער אמעריקאנער ווירקלעכקײַט און שפּיגלענ שוינ אָפּ די קאָנקרעטע קלאסנקאמפנ פונעמ אמעריקאנישנ ארבעטער־קלאס. אינ דעמ איינאקטער „פּרעסערס״ פונ פוליע טשערנער ווערט, צומ בײַשפּיל, שוינ געוויזנ דער קאמפּ אינ די פאבריקנ צווישנ די רעוואָליוציאָנערע ארבעטער מיט די באָסעס (באלעבאטימ) און פּראָפּאריינ־ביוראָקראטנ. א נײַעמ צוגאנג צו דער גרויסשטאָט געפינענ מיר אינ דעמ „שטאָלנ־ליד״ פונ א. פּרינצ:

„ניט מאָנסטערס זײַנען דײַנע הימלקראַצערס —
ליבע־לידער זײַנען זיי ;
ניט שטילקייט־לעכצער זײַנען מיר :
דײַן פון יאַם־ביז־יאַם־געדראַנג איז מוזיק —
פון אונדזער פרייד און וויי.

זײַנען מיר אויסגעוואַקסן אין דײַן ערד,
צונויפגעשמאָלצן מיט דײַן שטאָל,
איז שטאָל אין אונדזערע שטײַפע מוסקולן און נערוון,
שטאָל אין אונדזער בלוט און גאַל,
שטאָלן מיר אויס אונדזער שטאָלן־ליד.

סערפּ, גראַב־אײַזן, אַקער, האַמער
שמעלצן זיך אין שווערד.
שווינגען־קלינגען שווערדן אין די האַמערס.
שמידן מיר אויס אונדזער שטאָלן־ליד״.

אויב פאַר פעטערן זײַנען די הימלקראַצערס געווען נאָר מאָנסטערס, פּאַרזענלעך, און ער האָט געלעכצט נאָך שטילקייט, זינגט שוין פרינץ געזאַנגען ניט פון „ווייטעקדיקסטן צאַר", נאָר פון „האַמערס", וואָס פאַרוואַנדלען זיך אין „שווערדן", פון וועלכע ער שמידט שוין זײַן שטאָלן־ליד. ס׳פאַרשטייט זיך, אַז דאָ איז נאָך אויך פאַראַן אַבסטראַקטקייט, דעקלעראַטיווקייט און מעליצע, דאָס נײַע איז אָבער דאָ אין דעם, וואָס ער איז שוין מער „צונויפגעוואַקסן" מיט אַמעריקע, מער „צונויפגעשמאָלצן" מיט איר שטאָל, און ער זעט שוין, ווי עס „שווינגען־קלינגען שווערדן אין די האַמערס".

און נײַ איז אויך פרינצס „נײַ־געזאַנג" פון דער סעריע „נעגער־מאָטיוון". ער הערט שוין „ניט פּלאַנטאַציע־געזאַנגען פון אַלטער סאַוט[1]) מיט האַלעלויעס צו גלאָרי־לאַנד און ווײַס־האַר, ניט קלויסטער־הימנען צו גאָט און זון פאַר קנעכטישן אויך־מיר־לעבן אויף קאַטן־פעלד, ניט לעמערשע פּסאַלמען צו ווײַסער „מאַמישער" נאָרד[2]) פאַרן כעסעד צו שוואַרצן אין אַרבעט־קאַזעמאַט,— א נײַ־געזאַנג פון בראָנדז און ברויז און שטאָל, א געזאַנג—א שווערד צו גאָרער האַרב־וועלט" — דאָס געזאַנג פון — אינטערנאַציאָנאַל.

ס׳זײַנען פאַראַן אויך לידער, פול מיט באַגײַסטערונג פאַר דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין אַמעריקע („אזא געזאַנג" — א. פּלאָטנער). ס׳זײַנען פאַראַן לידער, פול מיט באַגײַסטערונג פאַר דעם ראַטנפאַרבאַנד. אָט וועלן מיר איבערגעבן דאָס ליד „אזא לאַנד פאַראַן" פון ב. צ. בורשטאַק, וואָס איז אָנגעזאַפּט מיט פּאַטאָס פאַרן לאַנד פון די ראַטן. בא אַלע כעסרוינעס, וואָס דאָס ליד פאַרמאָגט, איז עס פאָרט געווען אַן אויסדרוק פון דאָס נײַע, וואָס די „יוגנט" האָט מיט זיך געבראַכט אין דער דיכטונג.

„אזא לאַנד פאַראַן, אזא לאַנד פאַראַן.
צעשפּרייט אף סטעפּעס טויזנטווערסטיקע.
ווו ס׳שטראָמט די פרייד אַראָפּ אף דר׳ערד
פון וואָלקנס בלײַענע טיף־האַרבסטיקע.

1) דאָרעם־שטאַטן פון פ. ש. א.

2) צפון־שטאַטן, ווו די נעגערס ווערן קלוימערשט בעסער באַהאַנדלט.

ווּ יעדער שטראָם דערציילט אין פּליעסק פֿון וואַסערן
פֿון סטיענקאַ ראַזינס און פּוגאַטשאָווטשינע,
פֿון בּונטן בּלוטיקע פֿאַר די פֿאַרשטיסענע
אין צײַט אין בּיטערער, אין צײַט פֿון פֿאַנשטשינע.

אַזאַ לאַנד פֿאַראַן, אַזאַ לאַנד פֿאַראַן.
אַ לאַנד אָן ראָזשינקעס — אָן בּאָקסערן,
ווּ ס׳שײַנט די פֿרייד אַרויס פֿון יעדער בּאָראָנע,
וואָס גליטשט זיך טאַנצנדיק נאָך פּיס נאָך אָקסענע.

ווּ יעדער מעזשע פֿירט פֿון שטאָט אין דאָרף אַרײַן,
פֿון דאָרף אין פֿעלד אַרײַן און ווײַטע כוטאָרן,
ווּ לאַנגע ציִען זיך און סטעפּעס שנייִקע
פֿון דניעפּער פֿעלדזיקן בּיז לאַנד טאָטערשן.

...אַזאַ לאַנד פֿאַראַן, אַזאַ לאַנד פֿאַראַן.
אַ לאַנד פֿון פֿעלדער זאַנג־בּאַלאָדענע,
ווּ ס׳זינגט די פֿרייד אַרויס פֿון פֿולע זאַשיקעס
און סעדער האַרבּסטיקע אין שעפּע בּאָדן זיך.

אַזאַ לאַנד פֿאַראַן, אַזאַ לאַנד פֿאַראַן,
פֿון ווינטערס פֿראָסטיקע טיף־שנייִקע,
און רופֿן רופֿט מען עס דאָס לאַנד דאָס זעלטענע
סאָוועטן־לאַנד—דאָס לאַנד פֿון אַרבּעטער״.

וועגן דעם דיכטער בּורשטאָק איז קעדײַ זיך אָפּצושטעלן. דאָס ליד „אַזאַ לאַנד פֿאַראַן״ איז איינס פֿון זײַנע לעצטע לידער, וואָס ער האָט געשריבּן. דער יונגער דיכטער בּורשטאָק וואָלט, גלייבּ איך, בּעעמעס געווען איינער פֿון אונדזערע בּעסטע פּראָלעטאַרישע דיכטער. ער איז אָבּער יונג געשטאָרבּן אין ניו־יאָרק, דעם 5־טן פֿעווראַל 1926, אין עלטער פֿון 29 יאָר. און צוזאַמען מיט זײַנע לעצטע 3 לידער געפֿינען מיר שוין אינעם ערשטן נומער „יוגנט״ נעקראָלאָגן וועגן אים פֿון זײַנע כאַווײרים.

דער אַרבּעטער־שרײַבּער־פֿאַריין האָט געמאַכט אויך דעמלט אַ ריי פּרוּוון צו גרינדן אַרבּקאָרן־גרופּעס, ווי אויך צו גרינדן אַ פּראָלעטאַרישן מאָלער־פֿאַריין.

„די פֿרײַהײַט״ האָט אַפּילע אַמאָל געהאַט איבּערגעגעבּן די אַרבּעט פֿון אָרגאַניזירן די אַרבּקאָרן צום אַרבּעטער־שרײַבּער־פֿאַריין. דער פֿאַריין האָט שוין פֿאַר דעם צוועק געהאַט אָרגאַניזירט אַ לעקציע פֿונעם כ׳ שאַכנע עפּשטיין אַף דער טעמע: „וואָס איז די אויפֿגאַבּע פֿון אַן אַרבּקאָר?״ דער פֿאַריין האָט זיך געהאַט פֿאַרמאָסטן צו אָרגאַניזירן אַלע „פֿרײַהײַט״־אַרבּקאָרן פֿונעם גאַנצן לאַנד. אָבּער צו קיין בּאַדײַטנדיקע רעזולטאַטן האָט ער ניט דערגרייכט אַף דעם געבּיט. אַגעוו, איז נאָך בּיז איצט אין דער „פֿרײַהײַט״ נישט ענדגילטיק געלייזט געוואָרן די אַרבּקאָרן־פֿראַגע.

קיין דערפֿאָלג האָט דער פֿאַריין אויך ניט געהאַט אין זײַן איניציִאַטיוו צו גרינדן אַ פּראָלעטאַרישן מאָלער־פֿאַריין. די אָרגאַניזירטע מאָלער־פֿאַריינען פֿלעגן עקזיסטירן אַ שטיקל צײַט און בּאַלד זיך צעפֿאַלן. דאָס איז דערפֿאַר,

וואָס קיין סאךווירקלעכ פּראָלעטארישע מאָלער זײַנען דעמלט ניט געווען, און די קליינבירגערלעכ־געשטימטע מאָלער פלעגן זיך לאנג ניט האלטן אין דער אָרגאניזאציע.

דער ארבעטער־שרײַבער־פאריין פלעגט אָפט דורכפירן לעקציעס פון פּראָ־לעטארישע קריטיקער און שרײַבער איבער ליטעראטור. מע האָט, געדענק איך, אפילע דורכגעפירט מ. ל. האלפּערנס א לעקציע וועגן פּראָלעטאַרישער לי־טעראטור. האלפּערן האָט, ווי אלע „יונגע״, אנטוויקלט די טעאָריע, אז אן עמעסער קינסטלער איז מעמײלע א רעוואָליוציאָנער, און עס „גיבט ניט״ אזא זאך, ווי פּראָלעטארישע ליטעראטור. ער האָט אטאקירט די יידישע קלאסיקער (מענדעלען, שאָלעם־אלייכעמען) און אפילע ניט געשאנעוועט דעם אמעריקאנישן מאני לייבן. ער האָט געהאלטן, אז מאני לייבס לידער אנטשפּרעכן ניט צו דעם איצטיקן לעבן אין אמעריקע. ער האָט זיך געמאטערט צו באווײַזן, אז קיין פּראָלעטארישע ליטעראטור קען ניט זײַן און דארף ניט זײַן. גופע דאָס אָרגאניזירן אזא לעקציע, ווי מ. ל. האלפּערנס, באווײַזט שוין, אף וויפל דער ארבעטער־שרײַבער־פאריין האָט נאָך דעמלט געבלאָנדזשעט און ווי שווער ס'איז אים אָנגעקומען דער וועג צום ריכטיקן באנעמען די פּראָבלעם פון פּראָלעטארישער ליטעראטור און דער וועג צום שאפן אזא ליטעראטור.

אינעם יאָר 1925 איז ארויס צוויי ביכער דערציילונגען פון שלוימע דאַ־ווידמאן, די איינציקע, וואָס זײַנען דערשינען פאָרמעל אין דעם פארלאג „יונג־קוזניע״.

די פּראָלעטאַרישע שרײַבער-גרופּע „יוניאָן סקווער״

„...עס שמעקט מיט אופשטאנד דאָ,
און טאָמיד שמעקט מיט פרילינג.
ס׳איז סקווער מיט רויט
שוין א צווילינג.
עס קלאפּט א נײַ הארצ פון שטאָט
אין רויטן סקווער,
ס׳איז איין באגער —
דורך הײַזער — קעפּ,
דורך לופט און דראָט —
צעטראָגן איבער אלע טיילן פון דער שטאָט.

אנטקעגן סקווער,
גאס אריבער,
לויפט בראָדוויי
צו וואָל סטריט גריבער
אונטער דר־ערד,
צום אויצער. גאָלד ;
שטייט דער רויטער סקווער אינמיטן,
ווי א ביין אין האלדז
און האקט בראָדוויי דעם אָטעם איבער...״
(א. פּלאטנער — „יוניאָן סקווער״)

אין מײַ 1928 יאָר ווערט געגרינדעט די פּראָלעטאַרישע שרײַבער־אָרגאַניזאַציע „יוניאָן סקווער״. אין דער נײַער אָרגאַניזאַציע איז ארײַנגעטראָטן ארום 30 מאַן, דאָסראָוו געוועזענע מיטגלידער פונעם פריִערדיקן יונגן ארבעטער־שרײַבער־פאַריין. אלע מיטגלידער פון דער נײַער אָרגאַניזאַציע זײַנען אויך געווען מיטארבעטער פון דער קאָמוניסטישער פּרעסע.

שוין גופא דער נאָמען „יוניאָן סקווער״ האָט געגעבן א פאָרשטעלונג וועגן דעם כאַראַקטער און וועגן דער אָריענטאַציע פון דער אָרגאַניזאַציע. „יוניאָן סקווער״ און „איסט־בראָדוויי״ באַצייכענען די קעגנזעצלעכע קלאַסן־פּאָליוסן פון דער אַזויגערופענער יידישער געזעלשאַפטלעכקײַט אין אמעריקע. אפ איסט־בראָדוויי (אזא גאס אין ניו־יאָרק) געפינט זיך „דער פאָרווערטס״, „דער טאָג״, „די צוקונפט״, „דער וועקער״, דער „ארבעטער־רינג״, דער י. ל. פּערעצ־שרײַבער־פאַריין, די ליטעראַרישע „קאַפּיינע״, אָדער „קיבעצאַרניע״, ווי דאָס הייסט אין אמעריקע, מיט איין וואָרט — אלע קלאַל־ייִסראָעלדיקע בורזשואַזע און רעפאָרמיסטישע פּאָליטישע און קולטורעלע פעסטונגען.

אפן „יוניאָן סקווער״, אָדער אפן „רויטן סקווער״, ווי מע רופט אים שוין איצט צוליב די קאָמוניסטישע און רעוואָלוציִאָנערע דעמאָנסטראַציעס, וואָס קומען דאָרט געוויינלעך פאָר, האָבן זיך דעמלט געפונען די רעדאַקציעס פונעם צענטראַלן אָרגאַן פון דער אמעריקאַנישער קאָמפּאַרטיי אפ ענגליש „דיילי וואָרקער״, פון דער „פרײַהײַט״, פונעם „האַמער״ און פון אסאַך אנדערע קאָמוניסטישע צײַטונגען אין פאַרשיידענע שפּראַכן, די הויפּט־קוואַרטירן (די צענטראַלעס) פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, פונעם קאָמוניסטישן יוגנט־פאַרבאַנד, פון די פּיִאָנערן, פון די רויטע פראָפאַריינען א. אז. וו. (דער

ערשטער זאַמלבוך, וואָס דער „פּראָלעטפּען" האָט שפּעטער אַרויסגעגעבן הייסט אויך „יוניאָן סקווער").

די פּראָבלעם פון אַ קלאַסן־ליניע אין דער ליטעראַטור האָט געפאָדערט אַן ענטפער, עס האָט זיך אַלץ שטאַרקער געפילט די נויטווענדיקייט צו אָרגאַניזירן די יונגע שרייבער, וואָס אָריענטירן זיך אויף דער קאָמוניסטישער באַוועגונג.

„יוניאָן סקווער" האָט זיך געגרינדעט אַלס אַן אָרגאַניזאַציע פון קאַמף קעגן דער „איסטבראָדווייסטשינע", קעגן די איסטבראָדווייער בורזשואַזע שרייבער און קעגן די בורזשואַזע איינפלוסן אין די אייגענע רייען.

אין דער פּראָגראַם־דערקלערונג פון דער גרופּע (מיר גיבן דאָס איבער לויט אַ ציטאַטע אין דעם פּראָלעטפּענישן זאַמלבוך) ווערט געזאָגט:

„יוניאָן סקווער" דערקלערט אַ קאַמף אַלע סאָנים פון אַרבעטער־קלאַס און אַלע סאָנים פון אַ קלאַסן־ליניע אין דער ליטעראַטור. דער ייִדישער פּראָלע־טאַריאַט האָט אויסגעכאַוועט די ייִדישע ליטעראַטור, און אים געהערט זי... אונדזער פליכט איז צו שרייבן וואָס פיינער, וואָס קעמפערישער און וואָס פאַרשטענדלעכער פאַר די ייִדישע אַרבעטער־מאַסן".

דאָס איז געווען אַ קאַמף־דערקלערונג אי בנוגע די סאָנים פון דרויסן, בנוגע דעם בורזשואַזן לאַגער, אי בנוגע די קעגנער פון אינעווייניק, אין די רייען פון די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס. מיטן צווייטן זאַץ איז עפּשער געמיינט געוואָרן דער קאַמף פאַר „דער העגעמאָניע פון דער פּראָלע־טאַרישער ליטעראַטור". דאָך דריקט ער אויס אַ נאַצדעמאָקראַטישע טענדענץ און איז פאַלש. געשאַפן ייִדישע ליטעראַטור האָט אויך די ייִדישע בורזשואַזיע און דאָס ייִדישע קלייַנבירגערטום. די ייִדישע ליטעראַטור, ווי אַלע ליטעראַטורן, איז ניט קיין איינהייטלעכע ליטעראַטור, עס איז אין איר שטענדיק אָנגעגאַנ־גען אַ קלאַסנקאַמף.

דער דריטער זאַץ איז גלייכצייטיק אַן אָנזאָג וועגן אַ קאַמף פאַר קוואַלי־טעט און אַ קאַמף קעגן די סימבאָליסטישע און אַנדערע רעאַקציאָנערע מע־טאָדן פון די בורזשואַזע שרייבער.

די שרייבער־גרופּע „יוניאָן סקווער" האָט געאַרבעט אונטער דעם לאָזונג: מיטן פּאָנעם צום קעמפנדיקן אַמעריקאַנישן אַרבעטער־קלאַס און צו זיינע טאָגטעגלעכע נויטן. די מיטגלידער פון „יוניאָן סקווער", ווי פריער די מיט־גלידער פונעם אַרבעטער־שרייבער־פאַריין, פלעגן אַרויסטרעטן מיט לעקציעס וועגן ליטעראַטור און מיט פאָרלעזונגען פון די אייגענע ווערק אויף אונטער־נעמונגען פון צענדליקער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס פריי, אָן שום געצאָלטס. „יוניאָן סקווער" האָט אויך דורכגעפירט אַ גאַנצע ריי לעקציעס און ליטעראַ־רישע שמועסן וועגן די אויפגאַבעס און וועגן די פּראָבלעמעס פון דער פּראָ־לעטאַרישער ליטעראַטור. די גרופּע „יוניאָן סקווער" האָט אויך איינגעאָרדנט ליטעראַרישע צוזאַמענקונפטן מיט די כאַווירים: שאַכנע עפּשטיין, מיילעך עפּ־שטיין און דאָוויד בערגעלסאָן. די גרופּע האָט זיך אויך געפּרוווט פאַרבינדן מיט די פּראָלעטאַרישע שרייבער אין אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע לענדער (קאַ־נאַדע, קובע, אַרגענטינע).

די שרײַבער־גרופּע „יוניאָן סקווער" האָט ניט איבערגעלאָזט נאָך זיך קיין אייגענעם אָרגאַן, כאָטש אַ פּרווו צו שאַפן אַן אייגענעם אָרגאַן האָט זי געהאַט. זי האָט שוין געהאַט צוגעגרייט אַ זאַמלבוך פון גאַנצע 200 זײַטן. אַ טייל פון דעם איז שוין אַפילו געווען אויסגעזעצט. צום באַדויערן, איז דער זאַמלבוך, דעריקער איבער פינאַנציעלע שוועריקײַטן, ניט דערשינען. די מיטגלידער פון „יוניאָן סקווער" האָבן אָבער די גאַנצע צײַט מיטגעאַרבעט אין דער „פרײַהײַט" און אין „האַמער", אַכוץ דעם, וואָס זיי האָבן געפירט אַ גרויסע אַרבעט אין דער פּאַרטיי, אין די פראַפּאַריינען, אַרבעטער־קלובן, אַרבעטער־שולן און פאַבריקן. די מערהײַט פון דער „יוניאָן סקווער"־גרופּע זײַנען שוין איצט מיטגלידער פון דער אַמעריקאַנישער קאָמפּאַרטיי.

מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, אַז די ערשטע שרײַבער־אָרגאַניזאַציעס האָבן טאַקע די ערשטע אין אַמעריקע אָנגעהויבן ריידן וועגן פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור און אָנגעהויבן שאַפן אַזאַ ליטעראַטור. זייער טעטיקײַט האָט אויך מיטגעווירקט דערצו, אַז די פראַגע פון אַ קלאַסן־ליניע אין דער ליטעראַטור זאָל אוועקגעשטעלט ווערן אַף דער טאָג־אָרדענונג פון דער „פרײַהײַט". די ליטעראַטור איז געוואָרן אַ „פראָנט", ווי דער כ׳ מיילעכ עפּשטיין האָט זיך אויסגעדריקט אַף אַ צוזאַמענקומעניש מיט אים, אַ פראָנט, מיט וועלכן „די פרײַהײַט" האָט זיך שוין גענומען רעכענען, כאָטש לײַוויק, מענאַכעם א. א. זײַנען נאָך געווען די אָנגעזעענסטע שרײַבער פון דער „פרײַהײַט". אַדאַנק דעם וווּקס פון דער סאָוועטישער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור און אַלס רעזולטאַט פון דער אַרבעט פון די אַרבעטער־שרײַבער־אָרגאַניזאַציעס האָט אַפילו די בורזשואַזע פּרעסע אָנגעהויבן שטאַרק דיסקוטירן דעם איניען פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור.

די יונגע פּראָלעטאַרישע שרײַבער האָבן געדאַרפט פירן זייער אַ שווערן קאַמף פאַר אַנערקענונג. זיי האָבן, פאַרשטייט זיך, ניט געזוכט אַנערקענונג בײַ די עלטערע „פּאַטענטירטע" בורזשואַזע שרײַבער אָדער בײַ די דעמלטיקע „מיט־לויפער" (שפּעטער — אַנטלויפער), וועלכע זײַנען דעמלט געווען וואָרטזאָגער אין דער „פרײַהײַט". די דאָזיקע שרײַבער האָבן, פאַרשטייט זיך, קיינמאָל מיט גאָרנישט ניט געהאָלפן די יונגע פּראָלעטאַרישע שרײַבער, און פון זיי האָבן די יונגע שרײַבער גאָרנישט דערוואַרט. נאָר אַפילו צווישן די אייגענע, צווישן די אָנפירנדיקע טוער פון דער „פרײַהײַט" האָבן ניט אַלע געוואָלט אַנערקענען די יונגע אַרבעטער־שרײַבער. אייניקע טוער האָבן פאַרשעמט ניט געגלייבט אין דער מעגלעכקײַט פון אַ פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור. זיי האָבן געגלייבט מאַקסימום אין „אַ קערנדל פון אַ לינקער ריכטונג אין דער ייִדישער ליטעראַטור", ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט פריִער, כאָטש זינט „די פרײַהײַט" גייט אַרויס האָבן די שאַפונגען פון די יונגע אַרבעטער־שרײַבער פאַרנומען אַמווייניקסטן צוויי דריטל פון דער גאַנצער בעלעטריסטיק, וואָס איז געווען געדרוקט אין דער „פרײַהײַט". טוער פון דער דעמלטיקער ייִדסעקציע פון דער קאָמפּאַרטיי האָבן אַפילו געקוקט אַף שרײַבן ליטעראַטור שיר ניט, ווי אַף אַ פאַרברעכן קעגן דער קאָמוניסטישער באַוועגונג. דאָס האָט בײַ זיי געהייסן „זיך באַשעפטיקן מיט נאַרישקײַטן".

אויך אין דער „פרײַהייט" האָבן אייניקע מיטאַרבעטער געהאַט אַ נעגאַטיווע באַציִונג צו ליטעראַטור ביכלאַל. מע האָט געקוקט אַף ליטעראַטור, ווי אַף לײַכטן שטאָף פאַר דער צײַטונג, ווי אַף „בעלעטריסטשטשינע", און ניט ווי אַף אַ שאַרף געווער אינעם קלאַסנקאַמף. דערפון האָט זיך, צווישן אַנדערן, גענומען די גרויסע צאָל אָפּנויגן אין דער בעלעטריסטיק פון דער „פרײַהייט".

מיט די קליינבירגערלעכע שרײַבער, וואָס מע האָט אַרײַנגעצויגן אין דער „פרײַהייט", האָט מען זיך געשפּיגלט. אינעם געיעג צו מאַכן „די פרײַהייט" פאַר אַ מאַסן־צײַטונג, — האָט מען זיך אָפּט אָריִענטירט, באַזונדערס אינעם ליטעראַרישן אָפּטייל, אַפן קליינבירגער. קיין פונדאַמענטאַלן אידעאָלאָגישן קאַמף האָט מען דעמלט קעגן די לייוויקס ניט געפירט. מע האָט זיך ניט אָפּגעגעבן קיין רעכענונג וועגן דעם, אַז די דאָזיקע שרײַבער ברענגען אַרײַן אין דער „פרײַהייט" אַ בורזשואַז־רעאַקציאָנערע אידעאָלאָגיע, אַז דאָס מוז האָבן אַ דעמאָראַליזירנדיקע ווירקונג אַף דעם אופשטײַגנדיקן יונגוואַלד פון דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור, אַז דאָס פאַרשווערט די אויסקריסטאַליזירונג פון אַ רעוואָלוציאָנערער שרײַבער־אָרגאַניזאַציע. מע האָט די יונגע פּראָלעטאַרישע שרײַבער ניט געוואָרנט, אַז די הערשנדיקע סימבאָליסטיש־אינדיווידואַליסטיש־נאַציאָנאַליסטישע ליטעראַטור־גרופּע איז איר געפערלעכסטער סוינע, פון וועמען זי דאַרף זיך אָפּשטויסן סײַ אידעאָלאָגיש, סײַ אין פראַט פון ליטעראַרישע פאָרמעס.

די יונגע אַרבעטער־שרײַבער פלעגן אָנווײַזן, אַז די איסטבראָדוויי־שרײַבער זײַנען אָפּגעריסן פונעם לעבן פון די אַרבעטער־מאַסן, אַז זיי האָבן געשאַפן ריכטונגען און ווערק, וואָס זײַנען שעדלעך פאַר די אַרבעטער און פאַר זייערע קאַמפן. די אַרבעטער־שרײַבער פלעגן טײַנען, אַז די פּאַטענטירטע שרײַבער, וואָס זײַנען אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין דער „פרײַהייט", האָבן זיך ניט באַפרײַט פון זייער בורזשואַז־נאַציאָנאַליסטישער אידעאָלאָגיע, אַז דעם וואָלפּ ציט אין וואַלד, אַז זיי ציט צום קליינבירגערטום, צו איסט־בראָדוויי. אַז די יונגע שרײַבער זײַנען דעמלט געווען גערעכט, האָט באַוויזן די דיסקוסיע וועגן דער קולטור־געזעלשאַפט אין דער „פרײַהייט", די מײַסע־האַלפּערן און שפּעטער די ציִען־וואַקכאַנאַליע, ווען אונדזערע קלוימערשטע מיטלויפער זײַנען אַנטלאָפן אין לאַגער פונעם סוינע.

ס'איז עמעס, אַז „יוניאָן סקווער" איז נאָך אידעאָלאָגיש ניט געווען קיין פאַרענדיקטע גרופּע, דעריקער האָט געפעלט אַ פעסטע אידעאָלאָגישע אָנפירונג מיט דער ליטעראַטור מיצאַד דער פּאַרטיי. די ליניע פון דער „פרײַהייט", פרינעם „האַמער", ווי פון דער קאָמפּאַרטיי בענעגייע קולטור און ליטעראַטור, איז ווײַט ניט געשטאַנען אַף דער געהעריקער הייך. אַסאַך, עפּשער דער גרעסטער טייל פון די שאַפונגען פון די יונגע פּראָלעטאַרישע שרײַבער איז נאָך געווען שוואַך אידעאָלאָגיש און קינסטלעריש. די שאַפונגען פון די יונגע שרײַבער זײַנען אין אַ היפּשער מאָס געווען דורכגעדרונגען מיט זעלבסטגריבלערײַ, מיט יִיִעש־שטימונגען, מיט איבערפלעכלעכקײַט, קליינשטעטלדיקײַט, קליינבירגערלעכקײַט, מיט איבערגעטריבענעם סעקסואַליזם, מיט ראַכמאָנעס־

באַציִונג צום אַרבעטער, מיט עקזאָטישקייט און אַפילו מיט סימבאָליזם און מיסטיציזם.

כ׳ אָלגין האָט שוין אַמאָל געשריבן:

„מיר זיינען אַרומגערינגלט מיט קליינבירגערלעכקייט פון אַלע זייטן. באַלעבאַטישע איינפלוסן קריכן אַריין סיי אין פאַבריק, סיי אין דער יוניאָן, סיי אין דעם לאַגער פון די פּראָלעטאַרישע ליטעראַטן".

מיר וועלן נאָך בלויז צוגעבן: פּראָלעטאַרישע קריטיקער. די געפאַרן פון בורזשואַזע איינפלוסן אין דער אַמעריקאַנישער ליטעראַטור זיינען זייער גרויס.

דער הויפּט־אויפטו פון די יונגע אַרבעטער־שרייבער איז אָבער באַשטאַנען דערין, וואָס זיי האָבן אָפּגעטאָן פּיאָנער־אַרבעט. זיי האָבן, פאַרשטייט זיך, ניט געקאָנט געפינען קיין מוסטערן פון פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור בײַ די עטלעכע „באַרימטע" שרייבער, וואָס האָבן זיך געדרוקט אין דער „פרייהייט". פאַרקערט, זיי האָבן נאָך באַדאַרפט באַקעמפן דעם איינפלוס, וואָס עס האָבן געהאַט אויף דער ליטעראַטור פון די „יונגע" די באַרימטע „שטערן" אָדער „בערן". זיי האָבן קיין מוסטערן פון פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור ניט געפונען אויך אין דער ליטעראַטור אויף דער ענגלישער שפּראַך, צום אונטערשייד פון די יידישע פּראָלעטאַרישע שרייבער אין ססרר, וועלכע האָבן זיך אַסאַך געלערנט בײַ דער בליִענדיקער רוסישער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור. בײַ גינסטיקערע באַדינגונגען וואָלטן די יונגע אַרבעטער־שרייבער אין אַמעריקע דערגרייכט צו אַסאַך מער.

אין דער רעזאָליוציע וועגן דער יידישער ליטעראַטור, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנפערענץ פון פּראָלעטאַרישע שרייבער אין כאַרקאָוו אין יאָר 1930, ווערט אַסאַך פּלאַץ געווידמעט דער „פרייהייט" און די פּראָלעטאַרישע שרייבער אין אַמעריקע. די רעזאָליוציע קאָנסטאַטירט (און דערמיט באַשטעטיקט זי דאָס, וואָס איז אויבן געזאָגט געוואָרן), אַז „אין די פאַרייניקטע שטאַטן האָבן, אונגזערע כאַווײרים אין די ערשטע יאָרן פון וווּקס פון דער יידישער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור זיך אָריענטירט אויף פאַרשיידענע מיטלויפער אָפּן כעזשבן פון אַרויסרוקן פּראָלעטאַרישע שרייבער־קאַדרען". ס׳איז קיין סאָפּעק ניט, אַז ווען עס וואָלט ניט אונטערשאַצט געוואָרן די פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור ביכלאַל און די יונגע פּראָלעטאַרישע שרייבער ביפראַט, וואָלטן מיר שוין איצט געהאַט אויף דעם „פּראָלעטפּען"־פראָנט אַסאַך באַדייטנדיקערע רעזולטאַטן. אַ רעזולטאַט פון דער ניט דערשאַצונג איז אַגעוו אויך דער פאַקט, וואָס „די פרייהייט" האָט אַפילו ניט אָפּגעדרוקט די רעזאָליוציע פון דער כאַרקאָווער קאָנפערענץ, און דאָרטן איז גראָד גערעדט געוואָרן וועגן די זינד פון דער „פרייהייט" אויף אָט דעם געביט.

מיר וועלן דאָ אָנרופן די נעמען פון דער גרעסטער מערהייט שרייבער, וואָס האָבן זיך דעמלט געהאַט גרופּירט אַרום „יוניאָן סקוועָר": מ. בלעכמאַן, י. גרינשפּאַן, שלוימע דאַווידמאַן, ש. דײַקסל, זעליק דאָרפמאַן, י. דײַנאָוו,

. זעלדין, פוליע טשערנער, לעאָן יורמאַן, ל. כאַנוקאָוו, כאַוזער־פּאַוזער (גערשן איינבינדער), לאַזאַר לאַמפּעל, בערטאַ לעלטשוק, א. מייזל, לייב סאַבּרין, א. פּרינץ, א. פּאָמעראַנץ, מאַקס פּערלאָוו, כ. פּעט, א. פּלאַטנער, ל. פּאַ־רעם, ב. פרידמאַן, י. קאָן, מ. קאַץ, מ. קראַוועץ, ארנ קורץ, י. ראָנטש, איטע שיקמאַן, מוישע שיפּריס, פּ. שוואַרצמאַן א. א.

אַסאַך פון די אויסגערעכנטע דיכטער און דערציילער האָבן שוין ביז איצט באַוויזן אַרויסצוגעבן זאַמלונגען פון זייערע ווערק. ניט אַלע פון די אויבנאָנגערופענע שרייבער זיינען פאַרבליבן אין אונדזערע רייען. עס זיינען פאַראַן צווישן זיי אַפילו אַזעלכע, וועלכע האָבן אָנגעשפּאַרט אַזש אין „פּאָרווערטס", ווי ל. פּאַרעם; ס'זיינען פאַראַן אַזעלכע, וואָס זיינען אַוועק צו דער בורזשואַ־זער ליטעראַטור, אשטייגער, כאַים פּעט. ס'זיינען פאַראַן אויך אַזוינע, וואָס זיינען אַרויסגעפאַלן איבער לאָוזסטאָניזם (מאַקס פּערלאָוו, מ. קראַוועץ). אײ־ניקע פון די אויסגעגליטשטע זיינען צוריקגעקומען צו אונדז, אשטייגער, גרינ־שפּאַן, סאַבּרין, פּערלאָוו, קראַוועץ. דער וועג איז ניט געווען קיין גרינגער. ניט יעדערער איז געווען אָרגאַניש פאַרוואָרצלט אין דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג, ניט יעדערער האָט געקענט בײַשטיין די פאַרשיידענע ניסיונעס, פאַרבלענדעניש און ווירקונגען פונעם בורזשואַזן לאַגער. ס'זיינען געווען אויך פרעמדע פלאַנצן, וואָס האָבן זיך ניט געקאָנט אַקלימאַטיזירן אינעם „יוניאָן סקווער". ס'זיינען געווען אויך אַזעלכע שעדלעכע געוויקסן, וואָס דער „יוניאָן סקווער" האָט זיי אַרויסגעריסן פונעם גאָרטן פון דער יידישער פּראָלעטאַרי־שער ליטעראַטור אין אַמעריקע. די שטאַרקע, מער באַוווסטזיניקע און אויס־געהאַלטענע זיינען אָבער פאַרבליבן און זיך געמיט צו פאַרדינען דעם נאָמען פון א פּראָלעטאַרישן שרייבער. זיי זיינען פאַרבליבן און האָבן געצויגן ווײַ־טער דעם רויטן פאָדעם פון דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור אין אַמעריקע.

דיסקוסיע מיט „יוניאָן סקווער"

א וויכטיקע דיסקוסיע וועגן די קעגנזייטיקע באַציונגען פון דער „פרייהייט" מיט די יונגע פּראָלעטאַרישע שרייבער, וואָס איז געפירט געוואָרן אויף די שפּאַלטן פון דער „פרייהייט" פון יענער צייט, איז פאַרבונדן מיט דעם אַזוי־גערופענעם „מעלצער־אינצידענט". אַדאַנק אָט דעם „אינצידענט" איז אונדז פאַרבליבן דער איינציקער געדרוקטער דאָקומענט פון אָט דער פּראָלעטאַרישער שרייבער־אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע (די גרופּע „יוניאָן סקווער" האָט נאָך זיך ניט געלאָזט קיין אייגענעם אָרגאַן, ס'איז אויך ניט געבליבן פון דער גרופּע קיין פאָרמולירטע פּראָגראַם). דאָס איז דער ענטפער פון „אייגענע מענטשן", וואָס די פּראָלעטאַרישע שרייבער־גרופּע „יוניאָן סקווער" האָט אָפּגעדרוקט אין דער „פרייהייט" אויף כ' אַלגינס אַרטיקל „וועגן א היימישן אײניען". די דערקלערונג פון „יוניאָן סקווער" איז געגאַנגען אונטער א קעפּל „פּראָ־לעטאַרישע קריטיקער און באַלעבאַטישער איינפלוס" אַלס ענטפער אויף דעם קעפּל פון כ' אַלגינס אַרטיקל „פּראָלעטאַרישע פּאָעטן און באַלעבאַטישער אײנ־

פלוס". דער דאָקומענט פונ „יוניאָנ סקווער" איז געווענ געדרוקט אינ דער „פרײַהײַט" דעמ 15־טנ סענטיאַבער, 1928.

כ׳ אָלגינס ארטיקל האָט ארויסגערופנ א ברייטע דיסקוסיע. אכוץ דעמ קאָלעקטיוונ ענטפער פונ דער גרופע „יוניאָנ סקווער", האָט נאָכ פריִער א צאָל מיטגלידער פונ דער גרופע זיכ באטייליקט אינ דער דיסקוסיע מיט אינדיווי־דועלע ארטיקלענ אינ דער „פרײַהײַט".

אפ דער געדרוקטער דערקלערונג פונ „יוניאָנ סקווער" האָט כ׳ אָלגינ געענטפערט מיט גאנצע דרײַ גרויסע ארטיקלענ אינ דער „פרײַהײַט". אדאנק דער דיסקוסיע דערוויסנ מיר זיכ וועגנ דעמ דעמלטיקנ אידעאָלאָגישנ צושטאנד אי פונ דער „פרײַהײַט", אי פונ די יונגע פראָלעטארישע שרײַבער.

קוידעמקאָל, אינקורצנ וועגנ דעמ, וואָס עס איז אזוינס געווענ דער „מעלצער־אינצידענט" אונ וואָס עס האָט וועגנ דעמ געשריבנ כ׳ אָלגינ אינ זײַנ ארטיקל, וועלכער האָט ארויסגערופנ די דיסקוסיע.

פײַוול מעלצער, אנ ארבעטער, האָט ארויסגעגעבנ א בוכ קינדער־לידער. די לידער זײַנענ געשריבנ, האָט כ׳ אָלגינ געהאלטנ, מיט קאוואָנעס, אָבער מיט ווייניק טאלאנט. כאָטש מארמאָר האָט פארצייכנט דעמ בוכ אינ זײַנע איבער־זיכטנ „צווישנ ביכער אונ זשורנאלנ" אונ געזאָגט „א פאָר לעבלעכע ווערטער", איז געקומענ ש. ניגער אונ האָט געזאָגט, אז די לידער זײַנענ שוואכע אונ אז נאָר אינ איינ אָפטיילונג האָט ער געפונענ „עטלעכע נישקאָשעדיקע לידלעכ".

קעגנ ניגערנ איז מעלצער ארויסגעטראָטנ מיט א בריוול אינ דער „פרײַ־הײַט". אונ אָלגינ דערציילט אינ זײַנ ארטיקל, אז „געטאָנ האָט ער דאָס ניט ווי איינער מעלצער, וואָס האלט זיכ פאר באליידיקט קעגנ איינעמ ניגער, וואָס האָט אימ שלעכט באהאנדלט, געטאָנ האָט ער עס, ווי א פראָלעטא־רישער דיכטער קעגנ א בורזשואזנ קריטיקער: דאָס הייסט, ער האָט זיכ פארוויקלט אינ פרינציפ צו קילנ זײַנע פערזענלעכע געפילנ".

דערפאר, האלט כ׳ אָלגינ, איז דער מעלצער־אינצידענט שוינ מער ווי א פריוואטער עניִענ. „דער מעלצער־אינצידענט האָט אופגעדעקט א קראנקנ ווינקל אינ אונדזער לינקער פראָלעטארישער וועלט: עס איז שוינ צײַט, אז מע זאָל וועגנ דעמ אָנהייבנ ריידנ".

אפ אָלגינס „פאָר ווערטער צו אייגענע מענטשנ" האָבנ זיכ דעמלט אָפ־גערופנ מיט אינדיווידועלע ארטיקלענ אינ דער „פרײַהייט": א. מײַזעל, מאקס פערלאָוו, יאָסל קאָנ, פייסעכ מארקוס, פײַוול מעלצער אונ די פראָלעטארישע שרײַבער־גרופע „יוניאָנ סקווער" מיט איר קאָלעקטיווער דעקלאראציע. מיר ברענגענ דאָ דעמ פולנ טעקסט פונ דער דערקלערונג פונ „יוניאָנ סקווער":

„פראָלעטארישע קריטיקער אונ באלעבאטישער אײַנפלוס.

(אנ ענטפער פונ „אייגענע מענטשנ" אפ אָלגינס ארטיקל „וועגנ א היימישנ עניִענ")

די פראָלעטארישע שרײַבער־גרופע „יוניאָנ סקווער", די איינציקע אָרגאניזירטע פראָלעטארישע שרײַבער־גרופע דאָ אינ לאנד, האָט באשלאָסנ צו פארעפנטלעכנ אינ דער רעוואָליוציאָנערער ארבעטער־פרעסע די פאָלגנדיקע באמערקונגענ וועגנ דעמ ארטיקל

„פּראָלעטאַרישע פּאָעטנ אונ באַלעבאַטישער אײַנפלוס“ פונ מ. אָלגינ („פרײַהײַט“, 26 אווגוסט, 1928).

אָנ „יוניאָנ סקווער“ איז אָנגעשלאָסנ קימאַט די גאַנצע „כאָפּטע“ שרײַבער, וואָס אָלגינ באַצייכנט אינ זײַנ אַרטיקל מיט די ווערטער „אייגענע“, וועלכע האָבנ אָנגעהויבנ זייער אַרבעט טאַקע דאָ אינ דעמ לינקנ סעקטער. מיר ווילנ אָנווײַזנ אַפ אָלגינס פאַלשנ צוגאַנג אונ זײַנ ניט באַרעכטיקטנ אָנפאַל אַפ דער „כאָפּטע“ יונגע פּראָלעטאַרישע שרײַבער.

קוידעמקאָל וועגנ דעמ אַזויגערופענעמ „מעלצער־אינצידענט“. מעלצער איז קיינמאָל ניט געווענ פאַרבונדנ מיט קיינ פּראָלעטאַרישער ליטעראַרישער אָרגאַניזאַציע, גרופּע אָדער זשורנאַל. די „מעלצער־פראַגע“ האָט דעריבער קיינ שומ שײַכעס ניט מיט די יונגע פּראָלעטאַרישע שרײַבער.

וואָס האָט אָבער אָלגינ געטאָנ? ער האָט דעמ מעלצער־אינצידענט פאַראַלגעמיינערט אונ געבראַכט אַלס מוסטער פאַר א גרויסנ פּראָצענט פונ אונדזערע „אייגענע שרײַבער“ אונ אַפ דעמ געבויט זײַנ גאַנצנ „באַשולדיקונג־אַקט“ קעגנ די יונגע פּראָלעטאַרישע שרײַבער. דאָס איז ביטל, גרינגשעצונג לעגאַבע די זעלביקע (אייגענע — לויט אָלגינענ) צענדליקער יונגע אַרבעטער־שרײַבער, וואָס דרוקנ זיכ די גאַנצע צײַט אינ דער „פרײַהײַט“ אונ „האַמער“, זינט זייער אופקומענ.

עס איז ניט ריכטיק, ווי אָלגינ וויל האָבנ, אַז „ווענ עס קומט צו דער ליטעראַטור־אַרבעט, איז שוינ ניט א „כאָפּטע“, א „כעווורע“, א קאָלעקטיוו, נאָר י ע ד ע ר א י י נ ע ר. דאָ איז מענ עקסטרעמע אינדיווידואַליסטנ. דאָ איז יעדנס „עגאָ“ פאַנאַנדערגעבלאָזנ ניט ערגער, ווי בא די קליינבירגערלעכע שרײַבער. דאָ באַגעגנט איר זיכ אָפּט מיט שמועסנ, וואָס דערמאָנענ די ליטעראַרישע קאַפּייענ“. ווילנ מיר דערמאָנענ כאַווער אָלגינענ, אַז נאָכ אינ 1924 האָט מענ געגרינדעט דעמ אַרבעטער־שרײַבער־פאַריינ, וואָס האָט זיכ עטלעכע יאָר צײַט פאַרנומענ מיט קאָלעקטיווער אַרבעט אונ האָט אַרויסגעגעבנ פינפ נומערנ פונעמ זשורנאַל „יונג־קוזניע“, פיר נומערנ פונ דעמ זשורנאַל „יוגנט“ א. אז. וו. דער פאַריינ האָט זיכ שפּעטער אופגעלייזט, ווײַל קיינער פונ די היגע לינקע פּראָלעטאַרישע טוער אונ שרײַבער, כאַווער אָלגינ בעסוכעמ, האָט ניט געהאָלפנ אונדזערע ערשטע טריט, אונדזער פּראָלעטאַריש־ליטעראַרישע פּיאָנערנ־אַרבעט.

די היגע „יידסעקציע“, אײַנגאַנצנ גענומענ, האָט אונדז ניט געשענקט קיינשומ אופמערקזאַמקײַט, האַגאַמ די קאָמוניסטישע פּאַרטייענ פונ אַלע לענדער, אַפ דעמ אופטראָג פונ דעמ „ליטינטערנ“ (אינטערנאַציאָנאַלע פאַרבינדונג־ביוראָ פאַר פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור), זײַנענ מעכויעוו צו גרינדנ אונ העלפנ אומעטומ די פּראָלעטאַרישע שרײַבער־אַסאָציאַציעס אונ גרופּעס.

די פּראָלעטאַרישע שרײַבער האָבנ ניט לאַנג צוריק ווידער באַנײַט די קאָלעקטיווע ליטעראַרישע טעטיקײַט, אָנ שומ שטויס מיצאַד דער פּראָלעטאַרישער געזעלשאַפטלעכקײַט, אונ זיכ אָרגאַניזירט אינ דער גרופּע „יוניאָנ סקווער“ (אַלס דערמוטיקונג, ווײַזט אויס, האָט אונדז אָלגינ איצט אונטערגעטראָגנ זײַנ אַרטיקל!). די פאַקטנ, ווי איר זעט, לייקענענ אָפּ אָלגינס „יעדער איינער“־היפּאָטעזע.

דאָס זעלביקע איז אויכ מיט אָלגינס טעאָריע וועגנ אונדזער, יאַקאָבי, „ספּעציפישנ ליטעראַרישנ עגאָצענטריזמ“. אינ אונדזער זשורנאַל האָבנ מיר אָנגעוויזנ, אַז מיר האָבנ ערשט אָנגעהויבנ, מיר זײַנענ נאָכ יונג, אָבער מיר וואַקסנ אונ גלייבנ, אַז „מיר וועלנ זאָגנ א נײַ וואָרט, א פּראָלעטאַריש וואָרט“ („יונג־קוזניע“ נומ. 4). אָט דאָס איז אונדזער באַציונג צו זיכ אונ צו אונדזער אַרבעט. דער „ספּעציפישער עגאָצענטריזמ“ איז אויסגעזויגנ פונ פינגער.

איצט מיקויעכ „געזעלשאַפטלעכ באַוווסטזײַנ“. אָלגינ זאָגט דאָכ אַליינ: „מיר זײַנענ אַרומגערינגלט מיט קלייבירגערלעכקײַט פונ אַלע זײַטנ. באַלעבאַטישע אײַנפלוסנ קריכנ אַרײַנ סײַ אינ פאַבריק, סײַ אינ דער יוניאָנ, סײַ אינ דעמ לאַגער פונ די פּראָלעטאַרישע ליטעראַטנ“. לויט דער מאַרקסיסטישער אופאַסונג קומט דעריבער אויס, אַז דער אַזויגערו־

פענער עגאָצענטריזמ פונ די „אייגענע״ (פראָלעטארישע יונגע שרײַבער), וואָס האָבנ אָנגעהויבנ זייער ארבעט אינ דעמ לינקנ סעקטער, אפ וויפל ער איז דאָ, איז ער א רעזולטאט פונ דעמ עגאָצענטריזמ, וועלכער הערשט נאָכ אפילע אינ דער לינקער פראָלעטארישער באוועגונג.

מיר האלטנ, אז באלעבאטישע אײַנפלוסנ קריכנ ארײַנ ניט נאָר אינ דעמ לאגער פונ די פראָלעטארישע פאָעטנ, נאָר אויכ אינ דעמ לאגער פונ די פראָלעטארישע קריטיקער. עכטע פראָלעטארישע קריטיק דארפ זײַנ ק אָ נ ס ט ר ו ק ט י ו, ד א ר פ ל ע ר נ ע נ, דערציִענ דעמ יונגנ שרײַבער אונ דעמ ארבעטער־לייענער, אונ ניט פאָדערנ קיינ „זשעניען״־שרײַבער אונ „זשעניִאלע״ ווערק, אונ ניט געבנ קיינ אטעסטאטנ אפ טאלאנט, גראפאָמאניע אונ עגאָצענטריזמ.

כאוועד אָלגינ האָט אזש געדארפט ווארטנ אפנ „מעלצער־אינצידענט״, קעדיי אופצוהייבנ די פראגע פונ לינקנ ליטערארישנ פליגל, אונ פונ דעמ שעפנ זײַנ ביטל־טאָנ וועגנ דער ארבעט פונ די „יונגע״ (אינ יאָרנ) פראָלעטארישע פאָעטנ (אונ וואָס איז מיקויעכ די פראָזע־שרײַבער ?). כאוועד אָלגינ איז דאָ אליינ געשטרויכלט געוואָרנ פונ דעמ באלעבאטישנ אײַנפלוס. דער טאָנ פונ זײַנ גאנצנ ארטיקל איז מאָדנע אפאָלאָגעטיש, ווי אויסגערעכנט צו באווײַזנ די בורזשואזע קריטיקער: אָט זעט, ווי מיר גיבנ א גאָב אונדזערע יונגע שרײַבער, מיר ווילנ אויכ זשעניען אונ פערצנ קאראט קונסט! באָכמער: „מיר פאָדערנ העכערע קונסט אפ א העכערער קולטור־פלאכ... די קונסט, וואָס מיר פאָדערנ, איז אנדערש (... ווי די קונסט...) פונ די דערווײַל הערשנדיקע קלאסנ״. דאָס איז ביכלאל א זייער צעשוומענע דעפיניציע פונ פראָלעטארישער קונסט אונ האָט א קנאפע שײַכעס צומ איניענ.

ווענ אָלגינ זאָל טאקע באטראכטנ די ארבעט פונ די יונגע „אייגענע״ פראָלעטארישע שרײַבער ניט סטאטיש, נאָר דינאמיש, ווי יעדער מארקסיסט דארפ, לויט זײַנ מיינונג, אלצ באטראכטנ, וואָלט ער געקומענ צו גאָר אנדערע שלוסנ.

די פראגע וועגנ די אלטע „אריבערגעקומענע״ שרײַבער אָדער „מיטלויפער״ איז נאָכ ווײַט ניט געלייזט. אסאכ מיטלויפער מעגנ זיכ זײַנ „זשעניען״, זיי קענענ פארמאָגנ אסאכ טאלאנט, נאָר דאָכ זײַנענ זיי ניט קיינ „אייגענע״ אונ וועלנ דאָס עפשער קיינמאָל ניט זײַנ. מע קענ זײַנ א בארימטער שרײַבער אונ דאָכ ברענגענ דעמ ארבעטער־קלאס מער שאָדנ, ווי נוצנ.

ווי שוואכ עס זאָל ניט זײַנ די יונגע פראָלעטארישע שרײַבער־„כאָפטע״, וואָס „רײַבט״ (!) זיכ ארומ דער לינקער באוועגונג, איז בלויז זי דערווײַל אנ „אייגענע״ אונ וועט אזא פארבלײַבנ, ווײַל די „כאָפטע״ באשטייט מערסטנס פונ ארבעטער, אונ דינאמיש (מיר אונטערשטרײַכנ: דינאמיש) זײַנענ די יונגע פראָלעטארישע שרײַבער פונ אלע לענדער פאר דעמ ארבעטער־קלאס, פונקט ווי די מינדערהײַט־באוועגונג פונ דער רעוואָליוציאָנערער ארבעטערשאפט איז דינאמיש פאָטענציִעל די גאנצע צוקונפטיקע פראָלעטארישע מעלוכע. די פראגע וועגנ ליטערארישער יערושע אונ וועגנ דעמ, וואָס די יונגע פראָלעטארישע שרײַבער קענענ נעמענ פונ די עלטערע יִדישע שרײַבער אונ פונ די מיטלויפער, איז נאָכ פונ די פראָלעטארישע קריטיקער, אָלגינ ארײַנגערעכנט, זייער ווייניק באריִרט געוואָרנ (אונ פארוואָס טוענ זיי דאָס טאקע ניט ?).

אפ אָלגינס טײַנע, אז „דאָסראָוו פראָלעטארישע שרײַבער זײַנענ פונקט אזוי פארליבט אינ זייערע נעמענ, ווי זייערע בירגערלעכע קאָלעגנ״, וועלנ מיר אָנווײַזנ, אז פאר דעמ איז דעריקער פאראנטוואָרטלעכ אָלגינ אונ אלע אנדערע אונדזערע רעדאקטאָרנ, וואָס אנאָנסירנ אזוי סענסאציאָנעל אונ „היטנ אָפ מיט א בייזער שארפקײַט״ די נעמענ פונ די עלטערע „אריבערגעקומענע״ שרײַבער, ווי עס טוענ עס אלע בירגערלעכע צײַטונגענ מיט זייערע שרײַבער. דאָס איז זיכער אָפּאָרטוניזמ, אָדער נאָכ עפשער ערגער. דער זעלבער נאָמענ־קולט הערשט אינ דער רעוואָליוציאָנערער פרעסע אויכ בענעגייע צו פובליציסטנ. מ י ר האָבנ דעמ קולט געוויס ניט געשאפנ.

עס זײַנענ נאָכ פאראנ אסאכ אנדערע וויכטיקע פראָבלעמעס פונ דער יִדישער פראָ-

לעטאַרישער ליטעראַטור אין אַמעריקע: די פּראָלעטאַרישע אויסגעהאַלטנקייט פון דער רעוואָליוציאָנערער פּרעסע, די באַציִונג פון די מיטלויפער צו אונדז, די באַציִונג פון דער היגער פּראָלעטאַרישער געזעלשאַפטלעכקייט צו דער יונגער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור א. אז. וו. נאָר וועגן די אַלע זאַכן, לאָמיר האָפן, וועלן מיר נאָך האָבן אַ געלעגנהייט ברייטער און גענויער זיך דורכצורייד̈ן.

פּראָלעטאַרישע שרײַבער־גרופּע „יוניאָן סקווער״.

ניו־יאָרק. סעפּטעמבער, 1928 י.״

דער ענטפער איז, אין אַלגעמיין גענומען, אַ ריכטיקער. כ׳ אָלגין האָט אין דער געגעבענער סיטואַציע אָביעקטיוו זיך איבערגערופן מיט די קעגנער פון פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור. אין דעם ענטפער איז אָבער אויך פאַראַן אַ צאָל פעלערן. די וויכטיקסטע זײַנען: דאָס אוועקשטעלן זיך ווי אַ צאַד לעגאַבע דער קאָמפּאַרטיי און די „לינקאַטשישע״ באַציִונג צו דער פראַגע וועגן מיטלויפערײַ. דאָרט ווערט ניט אַטאַקירט די קאָנקרעטע גרופּע פּסעוודאָ־מיטלויפער, נאָר מיטלויפער אין אַלגעמיין, אויך עמעסע מיטלויפער. כאָטש איינמאָל ווערט דאָס וואָרט „מיטלויפער״ געגעבן אין גענדזן־פיסלעך, דאָך איז דער אײַנדרוק, אַז די נעגאַטיווע באַציִונג האָט אין דעם ענטפער אַ שײַכעס צו אַלע מיטלויפער.

אָפ די אַרטיקלען און אָפ דער דעקלעראַציע האָט כאַווער אָלגין, ווי ס׳איז אויבן געזאָגט געוואָרן, געענטפערט מיט נײַע דרײַ גרויסע אַרטיקלען: 1. „אַן ענטפער אונדזערע יונגע פּראָלעטאַרישע שרײַבער״ (דעק. 1, 1928); 2. „די קאָמוניסטישע פּאַרטיי און די פּראָלעטאַרישע שרײַבער״ (דעק. 9, 1928); 3. קריטיק, „פּובליסיטי״ (רעקלאַמע) און באַוועגונג״ (דעק. 16, 1928).

אין דעם ערשטן אַרטיקל האָט כאַווער אָלגין אַרויסגעבראַכט פאָלגנדיקס: ערשטנס, איז ניט ריכטיק, אַז ער באַצײט זיך מיט גרינגשעצונג צו דעם סכום אַרבעט פון די פּראָלעטאַרישע יונגע שרײַבער. צווייטנס, איז „יוניאָן סקווער״ דערוויַיל אַנאָנים. ער ווייסט ניט, ווער ס׳גייט אַהין אַרײַן, און דער אָפּגעדרוקטער דאָקומענט טראָגט ניט די כסימע פונעם סעקרעטאַר. דריטנס, פאַרורטיילט ער דעם אויפן פון דער פּאָלעמיק, וועגן מע פאַרקריפּלט אַזוי דעם אָפּאָנענטס ווערטער, אַז עס באַקומט זיך אַן אומזין (עס האָט זיך אינדערעמעסן געהאַנדלט וועגן אַ דרוקפעלער אין אַ ציטאַטע פון אָלגינען, וואָס איז געבראַכט אין דער דערקלערונג פון „יוניאָן סקווער״). אָלגין האָט עס אָבער דערקלערט מיט דעם, וואָס די שרײַבער זײַנען „בעזגראַמאָטנע״. פערטנס, אַז „דאָס וואָרט „כאָפּטע״ ווערט אין דער ייִדישער שפּראַך באַנוצט אָפטער פון אַלצדינג אין פאַרבינדונג מיט כסידים: „אַ כאָפּטע כסידים פאָרט צום רעבן״. און פינפטנס, אַז אָלגין האָט אין „האַמער״ געדרוקט אַסאַך יונגע פּראָלעטאַרישע שרײַבער.

אין דעם צווייטן אַרטיקל האָט אָלגין דערקלערט, אַז

„מיר האָבן ניט קיין פּראָפעסיאָנעלע פּראָלעטאַרישע קריטיק אין די פאַראייניקטע שטאַטן. דאָס דאַרפן געדענקען די פּראָלעטאַרישע „יונגע״. עס איז אַ פראַגע — זאָגט ער — צי מע דאַרף ביכלאַל אין קאָמוניסטישן לאַגער דורכפירן אַזאַ צעטיילונג פון אַרבעט, אַז איינער אָדער עטלעכע זאָלן זיך אָפּגעבן מיט לויטער קריטיק. מיר, קאָמוניסטן, זײַנען געזעלשאַפטלעכע טוער, און אַ

פאקט פון לעבן איז אונדז וויכטיקער, ווי א פאקט א געשריבענער אפ פאפיר. דעריבער זײַנען אונדזערע קריטיקער אפילע אין ראטנפארבאנד ניט געבונדן צו קריטיק אליין, נאָר פארנעמען זיך מיט אנדערער טעאָרעטישער און פראקטישער ארבעט". ער זאָגט אויך: „מיר באקלאָגן זיך ניט אפ אזא לאגע... פארקערט, מיר האלטן, אז קומענדיק פון דעם קאָך פון טאָגטעגלעכע פראָלעטארישע קאמפן, וועט א קריטיקער האָבן א קלאָרערן בליק אפ א קונסט־ווערק, איידער קוועטשנדיק זײַן פאָטעל אין קאבינעט".

„פונדעסטוועגן מוז מען מודע זײַן, — זאָגט אָלגין אינעם ארטיקל — אז די יידישע סעקציע פון דער קאָמוניסטישער פארטיי און „די פרײַהײַט" האָבן זיך ניט געגוג אָפגעגעבן מיט אָט דער מישפּאָכע שרײַבער". „מיר האָבן פארפעלט צו טאָן דירעקטע אָרגאניזאטארישע ארבעט צווישן די שרײַבער, מיר האָבן זיי ניט פאררייניקט, ניט באשטימט קיין פירנדיקע כאווירים, וואָס זאָלן זײַן פאראנטוואָרטלעך פאר דער שרײַבער־אָרגאניזאציע, ניט אויסגעארבעט קיין געשריבענע פראָגראם פאר זייער שאפן".

אָלגין דערקלערט, אז

„אין די אלע ארטיקלען און דעקלאראציעס, וואָס זײַנען ביז אהער דערשינען אין דער „פרײַהײַט", האָבן זיך די שרײַבער (יונגע) געשטעלט, ווי א צאד קעגן דער יידסעקציע און דער „פרײַהײַט", אז דער איקער איז ביטערע טאָרומעס פון די כאווירים, דער בייזער געשריי פון געקריוודעטע, וואָס פארטיידיקן זייערע אייגענע אינטערעסן. דער איקער איז דער פערזענלעכער טאָן, וואָס פארהילכט אלע ארטיקלען פון די כאווירים — דיסקוסאנטן".

הויפּטזאכלעך וועגן דעם רעדט אָלגין אויך אין זײַן דריטן ארטיקל. ער זאָגט:

„אָבער דאָס, וואָס די „יונגע" טוען, איז ניט קיין קריטיק, נאָר א געשריי פון קאָנקורענטן". „דערבײַ פארגעסט איר, — זאָגט אָלגין, — אז אפילע אין ראטנפארבאנד, וואָס ער איז א מעלוכע, און ניט קיין קליינע פארטיי אין א גרויסן אימפעריאליסטישן לאנד, האָט מען „געמאכט א צימעס" פון אזוינע עלעמענטן". „דערווײַל אָבער האָט דער יונגער סעקטער ניט ארויסגעשטעלט אזוינע שאפער ווי די פלעיאדע אריבערגעקומענע. דערווײַל זײַנען זיי נאָך זעלטן אפילע אין רוסלאנד". און אז „פאר דער ארבעט אין אלגעמיין זײַנען די „אריבערגעקומענע" פון גרויסער באדײַטונג: פאר דעם „איך" זעען זיי אויס ווי א שטרויכלונג. דעריבער בונטעוועט דער יונגער „איך" קעגן די אריבערגעקומענע „אלטע".

ווען עס וואָלט טאקע געווען אזוי שלעכט, וואָלט כ' אָלגין אליין ניט געקענט אָנשרײַבן טאקע אין זײַן צווייטן ארטיקל פון דער סעריע די פאָלגנדיקע ווערטער:

„עס איז געווען אומפארמײַדלעך, אז אין פארבינדונג מיטן פראָלעטארישן קלאסנקאמפ זאָל בא אונדז אופקומען א פראָלעטארישע ליטעראטור (ס'איז שוין מער ווי דער „לינקער פליגל" מיט די „אריבערגעקומענע" פון זײַן

ארטיקל צום „מעלצער־אינצידענט״. אַלגין רעדט שוין וועגן א גאנצער פּראָ־לעטארישער ליטעראטור — א. פּ.). עס איז א סימען פון א געזונטקייט אין אונדזער באוועגונג, וואָס אזא ליטעראטור וואַקסט. אין א קורצער צײַט — אזוינע זעקס־זיבן יאָר — איז די ליטעראטור געוואָרן א פ א ק ט ע ר אין אונדזער פּראָלעטארישער וועלט. א גוטע העלפט — און עפשער מער — פון זער „פריי־הײַט״־בעלעטריסטיק און פּאָעזיע איז די ארבעט פון די פּראָלעטארישע יונגע. א טייל פון דער „האמער״־ליטעראטור ווערט אויך געשאפן דורך די יונגע. אין אונדזערע קלובן, קינדער־שולן, דראמאטישע סטודיעס, פּארטיי־שולן, קאָאָ־פּעראטיווע קאָלאָניעס שפּילן אָט די שרײַבער אלץ א גרעסערע ראָליע. אָן זייער טעטיקייט — סײַ אפן ליטערארישן, סײַ אפן קולטורעלן געביט — וואָלט אונדזער ארבעט געווען אָרעמער און שוואכער״.

אייניקע וואָרטפירער פון דער „פרײַהײַט״, וואָס זײַנען ארויסגעטראָטן אלס באשולדיקער, האָבן דעמלט ניט באגריפן, אז מעגן טאקע אייניקע אָנטיילנע־מער אין דער דיסקוסיע זײַן אומגערעכט, זײַן פּערזענלעך און האָבן אסאך כעסרוינעס, איז עס דאָך אין טאָך געווען א קאמף פון פרישע פּראָלעטארישע קלאסן־קויכעס אין דער יידישער ליטעראטור. זיי האָבן ניט באגריפן, אז די וויכטיקסטע באזע פון דער פּראָלעטארישער ליטעראטור אין אמעריקע וועט זײַן קוידעמקאָל די נײַע פאלאנגע יונגע ארבעטער־שרײַבער; זיי האָבן ניט פאר־שטאנען, אז אין גרונט איז די פראגע דעמלט ניט געגאנגען וועגן דער צאָל ווערק און אפילו ניט וועגן זייער קוואליטעט, ווי וועגן דער נײַער אָריענטא־ציע, דער נײַער קלאסן־ליניע, וועלכע וועט מיט דער צײַט מוזן ברענגען מיט זיך אי קוואנטיטעט, אי קוואליטעט.

ווי מיר האָבן עס געזען פון דער ציטאט, וואָס איך האָב געבראכט אין אָנהייב פון דעם קאפּיטל, האָט כ׳ אָלגין אליין שפּעטער צוגעגעבן, אז „די פרײַהײַט״ האָט דעמלט געגרײַזט סײַ אין איר באציִונג צו די „אריבערגע־קומענע״, סײַ אין איר באציִונג צו די יונגע פּראָלעטארישע שרײַבער. ער האָט צוגעגעבן, אז דער יונגוואלד פון דער פּראָלעטארישער ליטעראטור האָט פון די קאָמוניסטישע וואָרטפירער „ניט באקומען די גײַסטיקע הילף, וואָס וואָלט איר לײַכטער געמאכט געפינען איר וועג״. דאָס האָט, ווי מיר האָבן שוין גע־זען, אויך באשטעטיקט די רעזאָלוציע וועגן דער יידישער ליטעראטור פון דער אינטערנאציאָנאלער קאָנפערענץ פון פּראָלעטארישע שרײַבער אין כארקאָוו, וועלכע האָט דערקלערט, אז „אין די פאריייניקטע שטאטן האָבן אין די ערשטע יאָרן פון וווּקס פון דער יידישער פּראָלעטארישער ליטעראטור אונדזערע כא־ווײַרים זיך אָריענטירט אפ פארשיידענע מיטלויפער אפן כעזשבן פון ארויס־רוקן פּראָלעטארישע שרײַבער־קאדרען״.

כאָטש די דיסקוסיע איז ווײַט ניט געשטאנען אפ דער הייטיקער פּרינצי־פּיִעלער הייך, איז זי דאָך געווען פרוכטבאר. ביידע „צדאָדים״ האָבן פון איר אסאך געלערנט. זי האָט געהאָלפן פארשארפן און פארשפּיצן אסאך פראגעס. זי האָט געהאָלפן פארשארפן דעם קאמף פאר דער העגעמאָניע פון דער פּראָ־לעטארישער קולטור צווישן די יידישע ארבעטער. „די פרײַהײַט״ האָט אָנגע־

הויבן אלץ שארפער דורכפירן די פראָלעטארישע קלאסן־ליניע אויך אין די פראגעס פון קולטור און ליטעראטור. מע האָט זיך שטארקער, אימפעטי־קער גענומען באזײַטיקן די אָפּנויגן אפּן קולטור־פראָנט, דעם פוילן ליבעראליזם צו דער בעלעטריסטיק, וואָס ווערט געדרוקט אין דער „פרײַהײַט". מע האָט אָנגעהויבן שטעלן צו די שרײַבער גרעסערע פאָדערונגען, מע האָט אין דער „פרײַהײַט" אָנגעהויבן צוריקווײַזן אנטי־פּראָלעטארישע ווערק פון די „אריבער־געקומענע" בארימטע שרײַבער. מע האָט אָנגעהויבן דורכפירן אן אלגעמיינע רעוויזיע אין דער באציִונג צו די אזויגערופענע „מיטלויפער" און צו קולטור און ליטעראטור בכלל.

און אויב אן אלגעמיינע אלאמעריקאנישע אָרגאניזאציע פון רעוואָליוציאָ־נערע שרײַבער איז געגרינדעט געוואָרן ערשט אין 1932, איז אָבער אלס רעזול־טאט פון דער געענדערטער באציִונג שוין דעמלט פארווירקלעכט געוואָרן דער ברייטערער פראָנט אין דער יידישער פראָלעטארישער ליטעראטור. ער האָט זיך פארקערפערט אין דער גרינדונג פון דעם „פ ר ײַ ה ײַ ט" ש ר ײַ ב ע ר־ פ א ר ײ ן.

דער „פרײַהײַט"־שרײַבער־פאַריין

דער לעצטער טרעף צום „פּראָלעטפּען" איז געווען דער „פרײַהײַט"־שרײַבער־פאַריין. ער איז געווען דער לעצטער ווערסטן־סלופּ אפן וועג צו דער אנערקענטער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור אין אמעריקע.

דער „פרײַהײַט"־שרײַבער־פאַריין האָט זיך אויסגעצייכנט פון די פריִער־דיקע פּראָלעטאַרישע שרײַבער־אָרגאַניזאַציעס אויך דערמיט, וואָס די איניציאַ־טיוו פאַר זײַן גרינדונג איז שוין ניט געקומען פון די יונגע פּראָלעטאַרישע שרײַבער, נאָר פון דער ייִדסעקציע פון דער קאָמפּאַרטיי און דעריקער פון דעם רעדאַקטער פון דער „פרײַהײַט" כ' מ. אָלגין.

דאָס האָט באַטײַט א נײַע ווענדונג, א נײַעם קער פון די פּאַרטיי־טוער צו דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור, צום אנערקענען איר וויכטיקן באַטײַט פאַר דער רעוואָלוציִאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג. דער „פרײַהײַט"־שרײַבער־פאַריין איז אויך געווען א העכערער שטאַפּל אין אסאך אנדערע פּראָטים, ווי מיר וועלן עס שפּעטער באַווײַזן.

דער פאַריין איז געגרינדעט געוואָרן אין די ערשטע כאָדאָשים פון 1929 י. ער איז געבוירן געוואָרן בא פּאָלגנדיקע אומשטאַנדן. כ' אָלגין האָט לויטן אופטראָג פון דער ייִדסעקציע צונויפגערופן א פאַרזאַמלונג פון אַלע בעלעט־ריסטן־מיטאַרבעטער פון דער „פרײַהײַט", אויסער עטלעכע „אריבערגעקומענע" (לייוויק, רייזען, מעניאַכעם, מאַני לייב א. אנד.). דאָס אַליין האָט שוין גערעדט וועגן דעם אויסגעוואַקסענעם אומצוטרוי צו די אַזויגערופענע „מיטלויפער".

די פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען אינעם לאָקאַל פון דער רעדאַקציע פון דער „פרײַהײַט". מע האָט פריִער ניט מיטגעטיילט, צוליב וואָס די פאַרזאַמלונג ווערט גערופן. כ' שלוימע דאַווידמאַן איז אויסגעקליבן געוואָרן פאַר א פאָרזיצער פון דער פאַרזאַמלונג, און דער שרײַבער פון די דאָזיקע שורעס פאַר פּראָטאָקאָל־פירער. געקומען איז ארום 30 שרײַבער. מיטן אויסנאַם פון זעקס, זײַנען אַלע אנדערע געקומענע געווען מיטגלידער פון דער פּראָלעטאַ־רישער שרײַבער־גרופּע „יוניאָן סקווער".

כ' אָלגין האָט פאָרמולירט דעם צוועק פון דער פאַרזאַמלונג אין דער פאָרם פון א פאָרטראַג, וועלכער איז געווען פאַקטיש א פּראָגראַם־רעדע פאַר דער נײַער שרײַבער־אָרגאַניזאַציע.

בא מיר איז געבליבן די ערשטע פּראָטאָקאָל־פאַרצייכענונג, לויט וועלכער איך וועל פּרוּוון מער־ווייניקער רעסטאַוּרירן דאָס פאָרגעקומענע אף דער פאַרזאַמלונג. כ' אָלגין האָט אומגעפער געזאָגט פאָלגנדיקס:

מיר האָבן איינגעלאדן צו דער פארזאמלונג בלויז די שרייבער, וואָס אָריִענטירן זיך אינגאנצן אפן דער קאָמוניסטישער פארטיי. מיר האָבן דערפאר ניט איינגעלאדן די מיטלויפער. זיי וואָלטן בלויז ארייינגעטראָגן א דיסאָנאנס. דער הויפט־צוועק פון דער פארזאמלונג איז מער צוזאמענארבעט צווישן די פראָלעטאריש־אָריִענטירטע שרייבער מיט דער „פרייהייט". פאר דעם צוועק וועט עפשער זיין נייטיק צו גרינדן דאָ היינט א „פרייהייט"־שרייבער פאריין.

די בעלעטריסטיק און די פּאָעזיע אין דער „פרייהייט" גייט נישט נאָרמאל. די בעלעטריסטיק דארף זיך מער נישט אָריִענטירן אפן קליינבירגערלעכן לייענער. זי דארף זיין פראָלעטאריש, מער קאָמוניסטיש, מער צוגעפּאסט צו אן אָרגאן פון דער קאָמוניסטישער פארטיי. אין א קאָמוניסטישן אָרגאן ווערן געדרוקט טעזיסן, רעזאָליוציעס און אזויגערופענער טרוקענער מאטעריאל. דאָך דארף ער אויך זיין פארביק, לעבעדיק און צוגענגלעך צו די ברייטע מאסן לייענער.

דער איצטיקער פעריאָד איז אן אנדערער, ווי מיט 2 יאָר צוריק. דעמלט האָט אונדזער באוועגונג געכאפּט קלעפּ, זי איז געגאנגען בארג־אראָפּ. איצט זעען מיר א גאנג בארג־ארוף. אין דער גאנצער וועלט האָבן מיר אין דעם איצטיקן פעריאָד אלץ מער פארשארפטע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע קאמפן. מיר האָבן אויך א ריזיקן אופשטייג אינעם ראטנפארבאנד אין פארבינדונג מיטן אָנהייב פונעם פינפיאָר־פּלאן.

האָבנדיק דאָס אלץ אינזינען, דארפן מיר שטעלן אויך די פראגע וועגן אונדזער ליטעראטור אין אָט דער צייט. ס'איז אויסגעוואָקסן א גרופּע שרייבער, פּראָלעטאריש־אָריִענטירטע, וועלכע וואקסן ארייין אין דער ארבעטער־באוועגונג און וואקסן ארויס פון דער קליינבירגערלעכער וועלט. די בורזשואזע טעאָריע זאָגט, אז דער שרייבער איז העכער פונעם לעבן. ער איז דער פירער פונעם לעבן. דער שרייבער איז א פרייער מענטש, וואָס קיינער קאָן ניט דיקטירן זיין פרייען גייסט. טאלאנט אליין איז א ווערט פאר דער מענטשהייט און פארן ארבעטער־קלאס אויך. מיר אָבער האלטן, אז דער שרייבער איז א טייל פונעם לעבן, נישט דער פרימאט. דער פרימאט איז די סאָציִאלע מאטעריע. די בורזשואזיִע האָט מיט איר פרייער קאָנקורענץ געשאפן די איליוזיע וועגן דער פרייהייט פונעם שרייבער. אויך אין שעקספּירס צייטן האָט מען געפּאָדערט פונעם קינסטלער, ער זאָל שאפן זאכן, וואָס זאָלן דינען דעם דעמאל־טיקן הערשנדיקן קלאס. מיר קענען דעריבער אויך פּאָדערן פון די שרייבער, זיי זאָלן באפרידיקן די באדערפעניש פון אונדזערע לייענער. מיר ווילן זיי באאיינפלוסן אין אונדזער גייסט. טאלאנטן אן און פאר זיך אינטערעסירט אונדז ניט. א טאלאנט קען אמאָל זיין שעדלעך פאר דעם ארבעטער־קלאס. „די פרייהייט" נעמט אפּ זיך די פאראנטוואָרטלעכקייט צו ריידן אין דעם נאָמען פון די קעמפערישע אוואנגארד־עלעמענטן פון דעם ארבעטער־קלאס.

„די פרייהייט" דרוקט ארום 30 דערציילונגען א כוידעש. מע קען רעכע־נען, אז אין מעשעך פון א כוידעש צייט ווערן געדרוקט אין דער „פרייהייט"

90 בעלעטריסטישע זאכן. אין וואָס פאר א בעלעטריסטיק נייטיקן מיר זיך? סטאם טשיקאווע זאכן זיינען פאר אונדז ניט אינטערעסאנט. מיר געפינען זיך אפן שלאכטפעלד. אונדזער רעוואָליוציאָנערן ארבעטער־לייענער דארף מען געבן מאמאָשעסדיקע אמוניציע. פאר אים איז ניט גענוג, מע זאָל אים אונטערהאלטן, פארווילן. מע דארף אויך שרייבן, ווי מיט א שווערד אין האנט. דאָס מיינט ניט, אז מיר באגרענעצן און פארשמעלערן דאָס שאפן. דאָס לעבן פון דעם ארבעטער־קלאס איז ניט ענג — עס איז ברייט, ווי די מענטשהייט, ווי די צוקונפטיקע קאָמוניסטישע אָרדענונג.

אונדזער שרייבער דארף זיך ווייניקער באשעפטיקן מיט דער פארגאנגענהייט, ווייניקער מיט סטאם מענטשן, מיט מענטשן ביכלאל. ער דארף קוקן אף אלץ פון דעם שטאנדפונקט פון א קעמפנדיקן קלאס, מיט קלאסן־אויגן. פון אָט דעם שטאנדפונקט דארף ער זען דאָס מאטעריעלע, גייסטיקע, פאָליטישע און קולטורעלע אי פונעם נעכטן, אי פונעם היינט, אי פונעם מאָרגן.

„די פרייהייט" מוז זיין א לעבעדיקע צייטונג — צופיל פסיכאָלאָגישער אנאליז, צופיל זעלבסטגריבלעריי איז ניט גוט פאר אונדז. מיר דארפן קורצע דערציילונגען, מאקסימום אזעלכע, וואָס זאָלן גיין צוויי און דריי מאָל אין פאָרזעצונגען. די לאנגע מוזן שוין האָבן אזא צוציונג־קראפט, עס זאָל דעם לייענער האלטן פריש, ער זאָל נישט פארגעסן. אמבעסטן דארפן מיר דערציילונגען קורצע, לעבעדיקע, שנעלע, דינאמישע, גע׳ילטע, מיט עקספרעסטעמפן.

זייער שטימונג דארף זיין אן אגרעסיווע, ניט קיין יעש־ און העוועלהאוואָלים (פעסימיזם)־שטימונג, וועלכע איז קעגן אונדזער אידעאָלאָגיע, קעגן אונדזער פסיכאָ־אידייִשער איינשטעלונג.

די שרייבער האָבן נאָך ברייט ניט געשריבן וועגן דעם אמעריקאנישן ארבעטער־קלאס. זיין טאָגטעגלעך לעבן, זיינע קאמפן זיינען נאָך ווייניק באַרירט. זיי האָבן נאָך ניט געמאָלט דעם אמעריקאנישן קאפיטאליזם, דעם אומגעהייערן ריז, וואָס די כייעס פון אפאָקאליפסוס זיינען קעגן אים א קינדערשפיל. זיי האָבן אים נאָך ניט דערזען. מאָלן דעם אמעריקאנישן קאפיטאליזם איז א וויכטיקע אויפגאבע פאר די פראָלעטארישע שרייבער.

„די פרייהייט" דארף האָבן קינסטלערישן רעפּאָרטאזש. ניין צענטל פון דער רוסישער ליטעראטור, וועלכע איז בארימט איבער דער וועלט, באשטייט פון קינסטלערישן רעפּאָרטאזש (אָלגין רופט אָן אזעלכע נעמען, ווי טאנבאָגאָראז, גוסיעוו־אָרענבורגסקי א. א., וועמעס ווערק ער באצייכנט אלס קינסטלערישן רעפּאָרטאזש). אויך א גרויסער טייל פון דער יידישער ליטעראטור באשטייט פון קינסטלערישן רעפּאָרטאזש. אין אמעריקע האָט מען דאָס קימאט ווי ניט געשאפן. אונדזערע שריפטשטעלער גייען ארום מיט פארמאכטע אויגן. עס איז דאָ א פולע יידישקייט אין אמעריקע, צום ביישפיל, וועלכע מע דארף ווייזן. אין ניו־יאָרק לעבט, צום ביישפיל, א מיליאָן נעגערס, וועלכע מע דארף באשרייבן. אָט די האלב־קינסטלערישע ווערק זיינען ניט בלויז וויכטיק פאר דער „פרייהייט", נאָר אויך פאר די שריפטשטעלער. „די

פרײַהײַט" דאַרף האָבן אױעלכע 60 רעפּאָרטאַזש־שאַפונגען און 30 דערציילונ־גען יעדן כוידעש.

דער „פרײַהײַט"־שרײַבער־פּאַריין װעט דאַרפן פון זיך אױסקלײַבן אַ קאָמיטעט, אַ סאָרט פאַרמיטלונג־אינסטאַנץ, װאָס זאָל צושטעלן דער „פרײַהײַט" אָט דעם גייסטיקן מאַטעריאַל, — פאַרענדיקט אָלגין.

נאָכדעם האָט זיך אַנטװיקלט אַ דיסקוסיע, אין װעלכער עס האָבן זיך באַטייליקט די כאַװיירים: פּ. שװאַרצמאַן, ב. מאָזער, כאַװער־פּאַװער, דאַװיד־מאַן, פּאָמעראַנץ, פרידמאַן, שיפּריס, פּלאַטנער, װײַסמאַן, פּערלאָװ, קאָן, דרוקער א. א. די כאַװיירים פּרוּװן אױעקשטעלן די פראַגע װעגן דער באַ־ציִונג פון דער „פרײַהײַט" צו די יונגע פּראָלעטאַרישע שרײַבער, פון װעלכע ס'איז באַשטאַנען קימאַט די גאַנצע אַאודיטאָריע. זיי װײַזן אָן, אַז די לעצטע אַרטיקלען פון אָלגינען האָבן אָנשטאָט אױפמונטערן די יונגע שרײַבער, זיי אומבאַרעכטיקט אַטאַקירט. דערמיט האָט מען בלױז נאָכמער געהױבן דעם פּרעסטיזש פון די „מיטלױפער" אין דער „פרײַהײַט", און דאָס איז אַ פאַלשער שריט. זיי האָבן אָנגעװיזן, אַז די „מיטלױפער" שרײַבן שעדלעכע זאַכן אין דער „פרײַהײַט", און אַז מע פירט אין דעם הינזיכט אַן אָפּאָרטוניסטישע ליניע. פון די יונגע פּאָדערט מען באַלד הונדערט פּראָצענט פּראָלעטאַרישקײַט, און די „מיטלױפער" לאָזט מען שרײַבן װאָס זיי װילן. עס דאַרף זײַן אַן אױסגעהאַלטענע ליניע צו אַלעמען. זיי האָבן אױך אָנגעװיזן, אַז די יונגע פּראָלעטאַרישע שרײַבער אַנטװיקלען זיך אַלץ מער אידעאָלאָגיש און קינסט־לעריש. אַסאַך פון „יוניאָן סקװער" האָבן אױך געשאַפן קינסטלערישן רעפּאָר־טאַזש. עס איז ניט געװען קיין אָרגאַניזאַציאָנעלע און כאַװערישע באַציִונג מיצאַד דער „פרײַהײַט" צו די יונגע. עס טאָרן ניט זײַן אַזױנע מיטאַרבעטער פון דער „פרײַהײַט", װאָס מע זאָל זיך צו זיי פאַרהאַלטן פרעמד. אַרײַנגע־שיקטע דערציילונגען ליגן אָפּ יאָרן לאַנג און פױלן. מע דאַרף ניט פאַר־שװײַגן אײנגאַנצן קיין שלעכטע ביכער, נאָר מע דאַרף זיי קריטיקירן. מע קאָן ניט שרײַבן נאָר אױעלכע זאַכן, װאָס זײַנען צוגעפּאַסט פאַר אַ טעגלעכער צײַטונג. „די פרײַהײַט" דאַרף האָבן מער ליטעראַריש־קריטישע אַרטיקלען. זי דאַרף העלפן אַרױסגעבן זאַמלביכער פון די יונגע. די פּראָלעטאַרישע שרײַבער־אָרגאַניזאַציע „יוניאָן סקװער" האָט געטאָן אַ װיכטיקע אַרבעט פאַר דער אידעאָלאָגישער אױסבילדונג פון אירע מיטגלידער, און מע דאַרף אָפּװאַרטן מיטן פאַנאַנדערלאָזן זי: מע דאַרף זי לאָזן עקזיסטירן זײַט־באַ־זײַט מיט דעם „פרײַהײַט"־שרײַבער־פּאַריין.

אָפּ אָט די אַלע באַרירטע פראַגעס האָט כ' אָלגין אַזױ געענטפערט אין זײַן שלוס־װאָרט:

„די פרײַהײַט" אַליין האָט דורכגעמאַכט אַן עװאָלוציע אין איר באַציִונג צו די יונגע פּראָלעטאַרישע שרײַבער. ס'איז געװען אַ צײַט, װען מע האָט זיי באַהאַנדלט, װי שטרױ, „כאַלאַטנע". דאָס איז געװען פאַלש און אומפאַר־אַנטװאָרטלעך. אין דער פרעמדקײַט איז אָפּטמאָל ניט געװען קיין בייזער װילן. מע איז פּאַשעט געװען צופיל פאַרנומען אָפּ אַנדערע פראָנטן. דאָס,

וואָס מע האָט ניט קריטיקירט, פאַרשוויגן און ניט געשריבן, איז געווען איי־נער פון די גרעסטע פעלערן פון דער „פרײַהײַט". אַסאַך מאָל איז אָבער ני־טאָ, וועך ס'זאָל שרײַבן.

עמעס, מע האָט דורכגעלאָזט אידעאָלאָגיש־אָפּנויגלערישע ליטעראַטור. דאָס דאַרף מען אין דער צוקונפט אויסמײַדן. מע דאַרף זײַן מער פּאָרזיכטיק, מער איבערקלײַבעריש. אויך די יונגע „פרײַהײַט"־שרײַבער האָבן נאָך אָן אַ שיר אָפּנויגנגען אין זייערע ווערק, ווי סימבאָליסטישע, פּעסימיסטישע, לומפּן־פּראָלע־טאַרישע א. אז. וו. דאָך איז אָט דאָס די „פרײַהײַט"־גרופּע, פון וועלכער מיר ווילן שעפּן קאָמוניסטישע ליטעראַטור.

מע דאַרף געבן דעם עמעס פונעם אַרבעטער־לעבן, דעם עמעס פון דער היסטאָרישער עפּאָכע. מע דאַרף באַלויכטן דעם בעסערן טיפּ אַרבעטער אין דער ליטעראַטור, דעם אַרבעטער מיט אַ פירנדיקן אידעאַל. די אויפגאַבע פון קונסט איז אויך אידענטיפיקאַציע מיט די געשאַפענע העלדן פון די ווערק. מע דאַרף מאַרקסיסטיש און פּראָלעטאַריש זען דאָס לעבן פון דעם אַרבעטער. מע דאַרף ניט בלויז געבן די פאַבריק, נאָר אויך שרײַבן וועגן גאַנצן קאַפּיטאַ־ליזם, געזען דורך אַ מאַרקסיסטישן פּראָזשעקטער. מע קען אויך וועגן פאַב־ריק און אַרבעטער שרײַבן קאָנטרעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור.

די הײַנטיקע פאַרזאַמלונג איז אַליין אַן אידעאָלאָגישע אַרבעט, אַ סטימול צו אַרבעט. דאָס צושטעלן מאַטעריאַל פאַר דער „פרײַהײַט" איז ניט דער איקער. מאַטעריאַל איז טאַקע אויך אַ סטימול, נאָר מיר זײַנען אויסן אַסאַך זאַכן.

„יוניאָן סקווער" איז אידעאָלאָגיש נאָך ניט קיין פאַרענדיקטע גרופּע. דער „פרײַהײַט"־שרײַבער־פאַריין וועט אויך קענען טאָן אַלע אַרבעטן פון „יוניאָן סקווער". אין דער אַרבעט פון גרייטן מאַטעריאַל פאַר דער „פרײַהײַט" קען זיך אַמאָל בעסער אויסקריסטאַליזירן די אידעאָלאָגיע, ווי דורך דיסקוסיעס אין „יוניאָן סקווער". אַ רעדאַקציע איז אַ לאַבאָראַטאָריע פון אידעאָלאָגיע. דער קאָמיטעט פונעם שרײַבער־פאַריין וועט דאַרפן זײַן די רעדאַקציע פון דעם בעלעטריסטישן טייל פון דער „פרײַהײַט". איך גלייב, אַז אין דעם קאָ־מיטעט וועט אויך אַרײַנגיין איינער פון דער רעדקאָלעגיע פון דער „פרײַהײַט". דער קאָמיטעט וועט דאַרפן צוזאַמענעמען, דורכקוקן, סאָרטירן, צורעכטמאַכן סײַ דעם קינסטלערישן מאַטעריאַל, סײַ דעם רעפּאָרטאַזש.

דער פאַריין וועט דאַרפן צושטעלן ניט בלויז קורצע דערציילונגען און רעפּאָרטאַזש, נאָר אויך גרעסערע זאַכן פאַרן „האַמער" און ראָמאַנען פאַר דער „פרײַהײַט". דער קאָמיטעט וועט דאַרף האָבן אַן אויג אויף אַלע מיטגלידער, פאָדערן פון זיי זאַכן און אַרויסקריגן פון זיי זאַכן, צו וועלכע זיי זײַנען אַמבעסטן קוואַליפיצירט. „די פרײַהײַט" וועט העלפן אַרויסגעבן זאַמלביכער. דער פאַריין, ווי אַ הילפס־אָרגאַניזאַציע פון דער פּאַרטיי, וועט אויך קענען אײַנאָרדענען ליטעראַרישע אָוונטן און פאַרשיידענע אונטערנעמונגען. דער פאַריין וועט אויך דאַרפן זען אַנטוויקלען יונגע קריטיקער פון די אייגענע רייען.

ס'איז דערנאָך אויסגעוויילט געוואָרן אַ צענטראַל־קאָמיטעט פון דעם פאַ־ריין אין באַשטאַנד פון 5 פּערזאָן. איין פּלאַץ איז רעזערווירט געוואָרן פאַר

איינעם, וועמענ „יוניאָנ סקווער" וועט באַשטימענ. די מיטגלידער פונ „יוניאָנ סקווער" זײַנענ נאָכ ניט געווענ איבערצײַגט אינ דעמ פּאָרצוג פונ דעמ נײַעמ שרײַבער־פאַריינ. זיי האָבנ זיכ דעמלט נאָכ ניט געוואָלט אינגאַנצנ פאַנאַנדער־לאָזנ. באַזונדערס איז פאַר זיי ניט געווענ קלאָר די ספּעציִעלע אופגאַבע פונ צושטעלנ בעלעטריסטישנ מאַטעריאַל פאַר דער „פרײַהײַט", וואָס אָלגינ האָט אוועקגעשטעלט פאַר דעמ נײַעמ שרײַבער־פאַריינ. דערפונ האָבנ זיכ גענומענ די רעזערוואַציעס. מיט דער צײַט אָבער האָט זיכ די פּראָלעטאַרישע שרײַבער גרופּע „יוניאָנ סקווער" אינגאַנצנ ליקווידירט.

קיינ סאַכ האָט אָבער דער „פרײַהײַט"־שרײַבער־פאַריינ ניט באַוויזנ אופ־צוטאָנ אינ די קורצע עטלעכע כאַדאָשים פונ זײַנ עקזיסטענצ ביז דער „ציִענ־וואַקכאַנאַליע". כוצדעמ זײַנענ דאָס געווענ די הייסע זומער־כאַדאָשים אינ ניו־יאָרק, ווענ עס ווערט אָפּגעשוואַכט די אַרבעט ספּעציִעל אינ אַלע קולטורעלע אָרגאַניזאַציעס. דאָכ איז דער פאַריינ מאַכמעס אַסאַכ טײַמימ געווענ וויכטיק אינעמ קאַמפּ פאַר אַ פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור אינ אַמעריקע. אייניקע מאָטיוונ האָבנ איכ שוינ פריִער אָנגעוויזנ.

באַ דער גרינדונג פונעמ פאַריינ האָט כ׳ אָלגינ צומ ערשטנ מאָל עפנטלעכ אַנערקענט, אַז באַ דער „פרײַהײַט" אונ באַ דער ייִדסעקציע איז געווענ אַנ אָפּאָרטוניסטישער צוגאַנג צו די פראַגעס פונ ליטעראַטור. צומ ערשטנ מאָל האָט ער עפנטלעכ צוגעגעבנ, אַז רייזענ, אונ ניט נאָר רייזענ, איז אַ קלאַסישער קליינביר־גערלעכער שרײַבער, כאָטש אינ דער „פרײַהײַט" גופּע האָט מענ נאָכ אַזעלכע באַהויפּטונגענ ניט געקאָנט געפינענ ביזנ דערזערטירנ פונ די קליינביר־גערלעכע „איבערגעקומענע".

צומ ערשטנ מאָל האָט „די פרײַהײַט" אונ די ייִדסעקציע פּאָרגעשלאָגנ גײַסטיקע, אָרגאַניזאַציאָנעלע אונ אפילע פינאַנציִעלע הילפּ פאַר דער יונגער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור (אַרויסגעגעבנ זאַמלביכער א. ד. גל.).

מיט דעמ „פרײַהײַט"־שרײַבער־פאַריינ האָט זיכ פאַקטיש אָנגעהויבנ דער „פּראָלעטפענ"־עטאַפּ אינ דער אַמעריקאַנישער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור. די גרינדונג פונעמ פאַריינ דורכ די פירער פונ דער „פרײַהײַט" אונ פונ דער ייִדסעקציע איז גלײַכצײַטיק געווענ אַנ אויסדרוק פונ די פאַרשאַרפטע קאַמפּנ אונ פאַרשטאַרקטע רײַבונגענ אונ קאָנפליקטנ מיט די פּאָטענציִעלע דעזערטי־רער פונ דער „פרײַהײַט". פונ אויבנופ האָט זיכ נאָכ געקענט דוכטנ, אַז אַלצ איז רויִק אפּנ „פרײַהײַט"־פראָנט מיט די „איבערגעקומענע" שרײַבער, ס׳איז אָבער געווענ די שטילקײַט פאַר אַ שטורעמ. עס איז שוינ גע־ווענ אַ פּאָרגעפיל פונ דעמ שפּעטערדיקנ פאַראַט פונ די אַזויגערופענע „מיט־לויפער". „די פרײַהײַט" האָט דערפילט, אַז זי דאַרפּ מער באַפעסטיקנ די איי־גענע פּאָזיציעס, אַז זי דאַרפּ פאַרשטאַרקנ אירע געטרײַע מאַכנעס צו קענענ אָפּשלאָגנ דעמ אָנוואַקסנדיקנ אָנגריפּ פונ דעמ סוינע. די לופט איז געוואָרנ אַלצ הייסער: עס האָבנ זיכ שוינ אָפּטער געהערט די סטראַשונקעס פונ די „מיט־לויפער" צו פאַרלאָזנ די „פרײַהײַט". די אַרבעטער האָבנ אַלצ העכער אָנגע־הויבנ פּראָטעסטירנ קעגנ דער טשאַדנדיקער ליטעראַטור פונ די „באַרימטע"

שרײַבער אין דער „פרײַהײַט". דאָס איז אויך געווען א רעזולטאַט פון דעם, וואָס די רעוואָליוציאָנערע באוועגונג אין אמעריקע האָט גענומען גיין באַרג־אַראָפּ.

דאָס אַלץ האָט זיך באַזונדערס בולעט אַרויסגעוויזן אין דער דיסקוסיע, וואָס איז געפירט געוואָרן אין דער „פרײַהײַט" וועגן דער נײַ־געגרינדעטער „יידישער קולטור־געזעלשאַפט", אין וועלכער לייוויק איז געווען סעקרעטאַר, און מעניאַכעם — פאַרוואַלטונג־מיטגליד. הײַנט קלינגט עס ווילד, אז מיטאַרבע־טער פון דער קאָמוניסטישער „פרײַהײַט" זאָלן זײַן קאָכלעפל אין א קליינבירגערלעך־יידישיסטישער קולטור־געזעלשאַפט. די יידישע רעוואָליוציאָנערע אַר־בעטער, די לייענער פון דער „פרײַהײַט" האָבן טאַקע קעגן דעם שוין דעמאָלט אָפּגן פּראָטעסטירט. די קאָנפערענץ פון די אַרבעטער־קלובן (אַפּריל 1929) האָט טאַקע אָנגענומען א רעזאָליוציע, אין וועלכער לייוויק און מעניאַכעם זײַנען אויפגעפאָדערט געוואָרן „אַרויסצוקומען אָפן און זאָגן, מיט וועמען זיי שטייען — מיט די אַרבעטער, אָדער מיט דער אַרבעטער־פײַנטלעכער „קולטור־געזעל־שאַפט".

דעם 12־טן מײַ 1929 האָבן לייוויק און מעניאַכעם אויף דער אויפאָדערונג געגעבן פאָלגנדיקע ענטפערס. לייוויק האָט אין זײַן „דערקלערונג" געשריבן:

„צווישן די רעזאָליוציעס, וואָס די אַרבעטער־קלובן־קאָנפערענץ האָט אָנ־גענומען (געדרוקט אין „פרײַהײַט" 25־טן אַפּריל), איז דאָ אויך א רעזאָליוציע וועגן דער יידישער קולטור־געזעלשאַפט. די רעזאָליוציע דערקלערט די קול־טור־געזעלשאַפט פאַר אן אַרבעטער־פײַנטלעכער אינסטיטוציע. צום סאָף פון דער רעזאָליוציע ווערט געפאָדערט פון מיר און מעניאַכעמען, מיטאַרבעטער פון „פרײַהײַט" און אויך מיטגלידער פון דער קולטור־געזעלשאַפט, אז מיר זאָלן „אַרויסקומען אָפן און זאָגן, מיט וועמען מיר שטייען, מיט די אַרבעטער, אָדער מיט דער אַרבעטער־פײַנטלעכער קולטור־געזעלשאַפט".

קומט מיר אויס מאָדנע אָט די דאָזיקע אויפאָדערונג. און מאָדנע קוקט עס מיר אויס דערפאַר, וואָס זי ווערט געווענדעט צו מענטשן, וואָס זייער מיי־נונג וועגן דער קולטור־געזעלשאַפט האָט מען ניט אויסגעהערט פריער איידער מע האָט אָנגענומען די רעזאָליוציע, נאָר מע שטעלט זיי אוועק פאַר א פאַקט, פאַר אן אָנגענומענעם באַשלוס און מע פאָדערט פון זיי, אז זיי זאָלן אַרויס־קומען און דערקלערן א. א. וו. ווי איז אָבער, אז איך בין ניט מאַסקים מיט דער דאָזיקער רעזאָליוציע, ווי איז, אז איך האַלט, אז די קאָנפערענץ האָט ניט ריכטיק אָפּגעשאַצט די צוועקן פון דער קולטור־געזעלשאַפט? וואָס זאָל איצט זײַן? איך בין ניט קיין מיטגליד פון קיין קלוב און אויך ניט געווען קיין דעלעגאַט אויף דער קאָנפערענץ — איז פאַר מיר בעמיילע ניט בינדנד א רעזאָ־ליוציע, וועלכע איך האַלט פאַר א ניט ריכטיקע. און מיט וואָס פאַר א רעכט ווערט פון מיר געפאָדערט איצט א דערקלערונג, אין דער צײַט, ווען מע האָט מיך אפילו ניט געלאַדן צו דער קאָנפערענץ אויסצוהערן מײַן מיינונג?"

לייוויק האָט, אזויאַרום, דערקלערט, אז ער אַלס אן אומפּאַרטייישער איז ניט מעכוייעוו זיך אונטערצוואַרפן צו די רעזאָליוציעס, וואָס ווערן אָנגענומען

אפ קאָנפערענצנ פונ דעמ „קעמפערישנ טייל פונ אונדזער ייִדישער ארבעטערשאפט“, דאָס הייסט, פונעמ קאָמוניסטישנ טייל אירנ. ער וויל ניט אונ קאָנ ניט דערלויבנ, אז אפילע דער דאָזיקער טייל זאָל שטיינ איבער אימ אונ דיקטירנ א געוויסע אופירונג. ער זאָגט דאָרטנ: „דער קעמפערישער טייל פונ אונדזער ארבעטערשאפט איז דאָ אינ לאנד נאָכ ניט קיינ מעלוכע־מאכט“.

מענאכעמ פארפינקטלעכט לייוויקס געדאנקענ. ער רעדט אָפנ וועגנ זײַנ „שוצלאָזיקײַט“ נעבעכ לעגאבע דער קאָמוניסטישער פארטיי.

„וואָלט כ׳ אָלגינס ארטיקל אויסגעדריקט זײַנע פערזענלעכע מיינונגענ — פרוביר איכ — מיט אנ אויסזיכט אפ מער אָדער ווייניקער קלעפ — צו פאָלעמיזירנ מיט אימ. אָבער ווענ איכ ווייס, אז דורכ כ׳ אָלגינענ רעדט די פארטיי אונ איר שטעלונג צומ איניענ — וואָלט עס געווענ א ריינ דאָנקיכאָטישע אונטערנעמונג זיכ צו פארמעסטנ אפ א פאָלעמיק מיט דער פארטיי. איכ האָב שוינ אינ דער „פרײַהײַט“ פאָלעמיזירט, ניט הײַנט געדאכט, אונ איכ ווייס שוינ דעמ טאמ דערפונ“.

מיט איינ וואָרט, די פארטיי שטייט אימ ווי א ביינ אינ האלדז. די עצעמ גרינדונג פונ דער קולטור־געזעלשאפט איז געווענ א פרווו פונעמ קליינבירגערטומ צו פארפעסטיקנ זײַנע פאָזיציעס אינעמ קאמפ קעגנ דער דערפאָלגרײַכער קאָמוניסטישער קולטור־ארבעט, צו שאפנ א באזע פארנ קאמפ קעגנ דער קאָמוניסטישער אָנפירונג, ארײַנצוציִענ האָרעפּאשנע אונ ארבעטער־מאסנ אינ דער ווירקונג־ספערע פונעמ נאציִאָנאליסטישנ קליינבירגערטומ. לייוויק, מענאכעמ אונ רייזענ האָבנ געגרינדעט די קולטור־געזעלשאפט, קעדיי צו האָבנ א בײַטש קעגנ די וואקסנדיקע פאָדערונגענ פונ דער קאָמוניסטישער אָנפירונג, קעדיי צוצוגרייטנ א באפעסטיקטנ פלאצ, וווּהינ זיי זאָלנ קענענ אָפּטרעטנ, ווענ די קלאסנ־ליניע אינ דער „פרײַהײַט“ וועט שארפ געצויגנ ווערנ. דאָס איז שוינ געווענ אנ אָנזאָג אפ זייער שפּעטערדיקער דעזערטירערײַ.

אונ דערפאר טאקע האָט דאָס דער צוזאמענפאָר פונ די ארבעטער־קלובנ שוינ אינ אָנהייב 1929 אָנגענומענ די רעזאָליוציע, וואָס האָט אופגעפאָדערט לייוויקנ אונ מענאכעמענ צו דערקלערנ, מיט וועמענ זיי שטייענ — מיט די ארבעטער, צי מיט דער ארבעטער־פײַנטלעכער קולטור־געזעלשאפט. לייוויק אונ מענאכעמ האָבנ אָבער געענטפערט, אז זיי שטייענ מיט דער ארבעטער־פײַנטלעכער קולטור־געזעלשאפט, אונ ניט מיט די ארבעטער. דער צאָרנ פונ די ארבעטער קעגנ זיי האָט אלצ מער געשטײַגט. נאָכ זייערע „דערקלערונגענ“ זײַנענ זיי פונדעסטוועגנ פארבליבנ אינ דער „פרײַהײַט“, זיי האָבנ זיכ אָבער אָנגעהויבנ פילנ אלצ ערגער אינ דער רעדאקציע גופע. מע האָט אָנגעהויבנ פאָרזיכטיקער דרוקנ זייערע זאכנ. מע האָט אפילע א ריי זאכנ זייערע זיכ אָפּגעזאָגט אינגאנצנ צו דרוקנ. דאָס איז עפנטלעכ ארויסגעשווומענ דורכ א סקאנדאל אפ דעמ בערגעלסאָנ־באנקעט אָנהייב 1929 אינ ניו־יאָרק.

צומ באנקעט, וואָס „די פרײַהײַט“ האָט אײַנגעאָרדנט פאר בערגעלסאָנענ, זײַנענ אײַנגעלאדנ געוואָרנ די שטענדיקע אונ נאָענטסטע מיטארבעטער, ווי אויכ א צאָל יונגע פראָלעטארישע שרײַבער אונ די אָנגעזעענסטע טוער פונ

דער ייִדישער רעוואָליוציאָנערער ארבעטער־באַוועגונג. פון ביידע זייטן האָט מען אָנגעהויבן ארויסלייגן קריוודעס און טענות.

מע האָט דעמלט אויך ארויסגעשטעלט טענות צו בערגעלסאָנען, אז ער האָט זיך נאָך אָרגאניש ניט איינגעגלידערט אין דער רעוואָליוציאָנערער ארבעטער־באַוועגונג, אז ער כאַווערט זיך נאָך אפילע מיט אזעלכע בורזשואזע קולטור־און־ליטעראַטור־קרייזן און יעכידים, וואָס זיינען אָפּענע סאָנים פונעם ארבעטער־קלאַס א. ד. גל. נאָך גרעסערע טענות האָבן די פירער פון דער „פרייהייט" און פון דער ייִדסעקציע ארויסגעשטעלט צו לייוויקן און צו מעניאכעמען.

די לעצטע האָבן געענטפערט מיט קעגן־טענות, אז מע קריוודעט זיי, אז די ליניע פון דער „פרייהייט" איז צו א שארפע, אז מע האָט אין דער „פריי־הייט" ניט גענוג ליבע און מע האָט גאָר א פאַלשע באַציִונג צו ייִדיש און צו ייִדישער קולטור.

מעניאכעם האָט בא אָט דער געלעגנהייט ארויסגעזאָגט דעם „סאָד פון דער רעדאקציע", אז מע האָט זיך אָפּגעזאָגט צו דרוקן זיין פּאָעמע „אפּ די כוורוס פון דער באַסטיליע". ער האָט זי איבערגעלייענט אפּן באַנקעט און געפאָדערט דאפקע פון בערגעלסאָנען א מיינונג, אז די פּאָעמע איז א רעוואָליוציאָנערע, ווי ער אליין מיינט, און אז מע האָט זי דעריבער געדארפט דרוקן. כ' אָלגיין האָט דעמלט באַוויזן, אז כאָטש עס רעדט זיך וועגן דער „באַסטיליע", איז אָבער די פּאָעמע א קאָנטררעוואָליוציאָנערע. דערפאַר האָט ער זיך אָפּגעזאָגט אָפּצודרוקן זי אין דער „פרייהייט". בערגעלסאָן, געדענק איך, האָט דעמלט געגעבן א „דיפּלאָמאַטישן" ענטפער. ער האָט געזאָגט, אז מעניאכעמס פּאָעמע איז שוואַך קינסטלעריש, און דערפאַר אליין וואָלט ער זי ניט געדרוקט. איג־דערעמעסן איז זי געווען שוואַך קינסטלעריש טאַקע דערפאַר, ווייל זי איז געווען אַנטיפּראָלעטאַריש, ווייל זי איז געווען פאַלש און האָט ניט געשטימט מיט דער ווירקלעכקייט.

דער סקאַנדאַל־כאַראַקטער פונעם באַנקעט האָט אויך אופגעדעקט די וואַקלדיקע קאָנפליקטן צווישן דער „פרייהייט" מיט די „אַריבערגעקומענע", אופגע־געדעקט דעם אלץ גרעסער ווערנדיקן טהאָם צווישן די רעוואָליוציאָנערע אר־בעטער מיט די קלוימערשטע מיטלויפער. ס'איז אלץ קלאָרער געוואָרן, אז מע דערנענטערט זיך צו א פאַרשאַרפטן קאַמף, צו א ריס, און „די פרייהייט" האָט זיך געגרייט צום שטורעם.

דער „פרייהייט"־שרייבער־פאַריין צעשטערט די לעגענדע פון די אַנטלאָפע־נע, אז זיי זיינען אוועק קלוימערשט דערפאַר, ווייל בעשאַס די פּאַלעסטינער געשעענישן איז „די פרייהייט" פּלוצים „אראָפּ פון זינען", אז זיי זיינען „גאָט די געשאָמע שולדיק". די גרינדונג פונעם פאַריין צעשטערט די פאַרשפרייטע פאָרשטעלונג, אז די דעזערטירערײַ פון די „באַרימטע" שרייבער איז געווען אן אומדערוואַרטער אקט, א דונער פון לויטערן הימל. אויך באַווייזט אונדז דער „פרייהייט"־שרייבער־פאַריין, אז דער „פּראָלעטפּען" איז געגרינדעט גע־וואָרן ווייט נישט צופעליק און ניט אפּ קיין הוילן באָדן. ער באַווייזט אונדז קלאָר, אז די לופט איז אלץ מער געוואָרן אָנגעפילט מיט פולווער, אז די ציִונ־

וואקכאנאליע איז בלויז געווענ דאָס פײַער, פונ וועלכנ דער אופרײַס איז געקו־מענ, אז דער „בונט“ איז ניט מיטאמאָל ארויסגעשפרונגענ,—אויב נישט דער דאָ־זיקער מאָמענט, דאָס דאָזיקע פײַער, וואָלט זײַנ א צווייטער מאָמענט. זיי וואָלטנ אלציינס דעזערטירט אינעם לאגער פונעם סוינע. פריִער אָדער שפּעטער—די שיידונג וואָלט אלציינס געקומענ.

די גרינדונג פונ דעם „פרײַהײַט“־שרײַבער־פאריינ האָט באוויזנ, אז שוינ לאנג פריִער פאר דער ציִענ־וואקכאנאליע זײַנענ רײַפ געוואָרנ די קויכעס פאר א פראָלעטארישנ שרײַבער־פראָנט, פאר „פראָלעטפענ“. אָט דאָס איז דער וויכ־טיקסטער באטײַט פונעם „פרײַהײַט“־שרײַבער־פאריינ. דערפאר דארפ ער באַ־טראכט ווערנ פארנ לעצטנ טרעפ צום „פראָלעטפענ“.

II. דער פאַרבאַנד פון פּראָלעטאַרישע שרײַבער אין אַמעריקע „פּראָלעטפּען"

„כ'האָב אָפּגעשניטן מיט דער נודנער בירגער־וועלט:
מיט הארטן העמד און ווייכן קרעסל,
א הויכע באריקאדע אופגעשטעלט
צווישן מיר און דיכטער—באלעבעסל.

א בליץ האָט נאָענט פון מיר דערלאנגט א קראך,
אן אלטן בוים אין צווייען אופגעשפּאָלטן,
האָב איך געטאָן א כליפּע און א לאך,
און מער האָט שוין מײַן כאָכמע ניט געגאָלטן.

... אוועק די צײַט פון שיין געקרויזטע ווערטער,
אוועק די צײַט פון פראזן ווי שיפּאָן.
אפ א שטריק פון שטעכעדיקע פלאקסן—
ציִ איך איצטער מײַנע ווערטער אָן.

עס שמעקט ניט מער מײַן ליד מיט מיידל (שענסטער),
נאָר טערפּקע איז עס ווי א ווילדע טרויב.
אָנשטאָט דורך לאנגע הויכקאָלירטע פענצטער—
זע איך איצט דאָס לעבן דורך א פּראָסטער שויב.

מײַנע הענט פארקויטיקטע מיט ארבעט,
צעכראסטעט ברייט דער קאָלנער פון מײַן העמד,
בין איך מער ניט צווישן „יאָ" און „עפּשער"
אין דער רויטער אײַנזנוואנג פארקלעמט.

איצטער איז מײַן וועג א גלײַכער ווי א ווירע,
און וואָס עס וואַרט באַם סאָף, דאָס ווייס איך וויל—
אָדער דורכגעריסן מיט ציין און נעגל,
אָדער... א קויל".

(מוישע נאדיר—„דריטער פעריאָד")

דער „פּראָלעטפען" איז געגרינדעט געוואָרן דעם 13־טן סעפּטעמבער 1929. ער איז שוין געקומען צום לעבן אין גאָר אן אנדער פעריאָד, אין דעם דריטן פעריאָד, ווען „א בליץ האָט נאָענט פון מיר דערלאנגט א קראך, אן אלטן בוים אין צווייען אופגעשפּאָלטן", ווי נאדיר זאָגט. ס'איז געווען אנערעך איין כוידעש פאר דעם בארימטן „קראך" אפ דער וואָלסטריטער בירזשע[1]. ס'איז געווען

[1] וואָל סטריט איז א גאס אין ניו־יאָרק, וווּ עס געפינען זיך די גרעסטע פינאנץ־בירזשעס און בענק פון אמעריקע.

אונטער א כוידעש נאָך דעם פּאַלעסטינע־קראַך, נאָך די בלוטיקע געשעענישן אין פּאַלעסטינע.

ערשט דעם 11־טן אויגוסט 1928 האָט דער אַמעריקאַנישער פּרעזידענט הער־ווער דערקלערט: „מיר אין אַמעריקע זײַנען איצט נעענטער צום ענדגילטיקן טריומף איבער אָרעמקייט, ווי ווען ס'ניט איז פריער אין דער געשיכטע פון וועלכן ס'ניט איז לאַנד". און מיט איין יאָר שפּעטער איז געקומען דער קראַך אויף וואָל סטריט, וועלכער האָט שוין איצט ארומגעכאַפּט די גאַנצע קאַפּיטאַ־ליסטישע וועלט. דער פּאַלעסטינער קראַך איז אויך געווען פון דעם גרעסטן באַטײַט אינעם לעבן פון די יידישע אַרבעטער־מאַסן, ווײַל ער האָט אופגע־דעקט דעם באַנקראָט פון דעם ציוניזם.

אַמעריקע איז לאַנג באַטראַכט געוואָרן, אַלס די „גאָלדענע" מדינע, אַלס דאָס לאַנד פון אומבאַגרענצטע מעגלעכקײַטן, פון שיר ניט אייביקער עקאָנאָ־מישער „פּראָספּעריטי" (אופבלי). אַמעריקע איז באַטראַכט געוואָרן, אַלס דאָס אומבאַזיגבאַרסטע קאַפּיטאַליסטישע לאַנד, אַלס די בעסטע פעסטונג קעגן פּראָ־לעטאַרישע רעוואָליוציעס, שיר ניט אַלס א לעגענדאַר קאַפּיטאַליסטיש לאַנד. אָט די קאַפּיטאַליסטישע איליוזיעס זײַנען געווען אַזוי מעכטיק, אַז זיי האָבן געפונען אָן אָפּקלאַנג אפילו אין די רייען פון דער קאָמפּאַרטיי אין אַמעריקע. אפילו צווישן די מיטגלידער פון דער קאָמפּאַרטיי האָבן זיך געפונען אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז דער קאַפּיטאַליסטישער קריזיס וועט ניט האָבן קיין שליטע אויף די פאַרייניקטע שטאַטן, אַז אַמעריקע איז אַן אויסנאַם (לאַוועסטאָן־גרופּע).

דער קראַך אויף וואָל סטריט איז געווען א טויטקלאַפּ פאַר אָט די איליוזיעס. איצט איז שוין קלאָר פאַר אַלעמען, אַז דער איצטיקער קריזיס איז ניט בלויז „נאָך איין קריזיס", וואָס וועט אינגיכן ליקווידירט ווערן, און נאָך אים וועט אויף דער גאַנצער וועלט אָנקומען א נײַע כוואַליע פון „פּראָספּעריטי". דאָס איז א טיפער עקאָנאָמישער קריזיס, וואָס אַנטוויקלט זיך אויף דער באַזע פונעם אַלגעמיינעם קריזיס פונעם קאַפּיטאַליזם, וואָס ווערט אַלץ טיפער. דאָס איז דער ווײַטגרייכנדיקסטער און לענגסטער קריזיס אין דער גאַנצער געשיכטע פונעם קאַפּיטאַליזם. איצט זײַנען שוין אויך קלאָר פאַר אַלעמען די ווערטער פונעם כ' סטאַלין, אַז „דער קריזיס האָט אַמשטאַרקסטן געטראָפן די הויפּט־פעסטונג פונעם קאַפּיטאַליזם, די פאַראייניקטע שטאַטן".

ס'איז פאַרשוווּנדן דער קישעף פון דער „גאָלדענער מדינע". געפּלאַצט האָט די לעגענדע וועגן דער אַלמעכטיקײַט פונעם דאָלער, וועגן אייביקער „פּראָספּעריטי" און „עקסעפּשאָנאַליזם" (די אויסנעמלעכקײַט פון אַמעריקע). ס'איז אופגעדעקט געוואָרן דער בלאָף פון דער אַמעריקאַנישער „פרײַהײַט" און „דעמאָ־קראַטיע". אַמעריקע איז געוואָרן א לאַנד פון מאַסן־עלנט און הונגער, פון מיליאָ־נען אַרבעטלאָזיקע, „פּריימאַפּס" [1], לינטשערײַען און דעפּאָרטאַציעס [2], א לאַנד, ווו עס שווימבלט און גריבלט דער „קאַפּאָנע־גענגסטער" [3] און „קידנעפּער" [4],

---

1) לו ס פּאַלשע באַווײַזן פאַרורטיילן רעוואָליוציאָנערע אַרבעטער.

2) פּאָליטיש פאַרזינדיקטע אימיגראַנטן־אַרבעטער, וואָס מע שיקט זיי אַרויס פון לאַנד.

3) קעניג פון אַמעריקאַנער אונטערוועלט. 4) פאַנגען מענטשן צוליב שאַנטאַזש.

דער „דעפּיוטי״[1]) מערדער, דער קו קלוקס קלענ[2]), דער וואָלסטריט־„רעקעטיר״[3]) און פאַרקויפטער יוניאָן־פירער, דער פּען־פּראָסטיטוט און רעליגיעזער גיפט־מישער.

אמעריקע האָט געשעמט אַלס אַ לאַנד פון דעם סופּערלאַטיוו: די ריזיקסטע שטאָל־פאַבריקן, די העכסטע וואָלקנקראַצער, די שנעלסטע לאָקאָמאָטיוון, די רײַכסטע בענק, די גרעסטע „פּראָספּעריטי״, די בעסטע „דעמאָקראַטיע״, די גרעסטע מאַסן־אימיגראַציע. און איצט...—די גרעסטע אַרבעטלאָזיקײַט, די גרעסטע צאָל לינטשערײַען, די גרעסטע צאָל באַנק־קראַכן.

צו דער צײַט פון דער גרינדונג פון „פּראָלעטפּען״ האָט שוין דער יידישער פּראָלעטאַריאַט אין אמעריקע צוזאַמען מיטן גאַנצן אמעריקאַנישן אַרבעטער־קלאַס געהאַט דורכגעפירט גרויסע רעוואָליוציאָנערע קאַמפן. די דאָזיקע קאַמפן זײַנען שוין געוואָרן אַ באַדײַטנדיקער פאַקטער אינעם פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן פון אמעריקע. די ירידע פון דער בורזשואַזיע אין דער גאַנצער וועלט און אויך פון דער אמעריקאַנישער בורזשואַזיע איז שוין געווען אָנגעצייכנט אָפּן פאָן פון דער גרויסער היסטאָרישער טקופע פון אימפּעריאַליסטישע מילכאָמעס, קאָלאָניאַלע אופשטאַנדן און פּראָלעטאַרישע רעוואָליוציעס, אָפּן פאָן פון צוועלף יאָר סאָוועטנמאַכט אָף אַ זעקסטכײלעק פונעם ערד־קײַלעך.

די ציִעניסטישע וואַקכאַנאַליע.

אין אויגוסט 1929 זײַנען פאָרגעקומען די געשעענישן אין פּאַלעסטינע, וואָס זײַנען באַקאַנט אין אמעריקע אַלס די „ציִען־וואַקכאַנאַליע״. און דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די אָפּאָרטוניסטישע טענדענצן אין דעם יידישן טייל פון דער אמעריקאַנישער פּאַרטיי און אין דער „פרײַהײַט״ זײַנען נאָך ניט געווען אויסגעלעבט אַפילע נאָך דער ווענדונג פונעם קאָמינטערן (יון 1929) אין פאַרבינדונג מיטן ליקווידירן דעם לאָוועסטאָניזם, וועגן וועלכן איך האָב שוין געשריבן.

ווי נאָר „די פרײַהײַט״ האָט אָנגעהויבן דורכפירן אַ פּראָלעטאַרישן קלאַסן־אַנאַליז פון די געשעענישן אין פּאַלעסטינע, האָט זיך אָנגעהויבן אַן עמעסע וואַקכאַנאַליע מיצאַד דער יידישער בורזשואַזיע און דעם נאַציאָנאַליסטישן קלײנ־בירגערטום קעגן דער „פרײַהײַט״. די יידישע בורזשואַזע פּרעסע איז פאַרפּלייצט געוואָרן מיט צעיושעטער שאָוויניסטישער פּראָפּאַגאַנדע. זינט „די פרײַהײַט״ איז אַרויסגעקומען מיט אַ קעפּל איבער די נײַס, אַז „אַראַבער מאַסן־רעוואָלט קעגן ענגלאַנד כאַפּט אַרום גאַנץ פּאַלעסטינע״, האָט זיך אָנגעהויבן אַ מאָרד־און פּאָגראָם־העצע קעגן דער „פרײַהײַט״ און קעגן אירע שרײַבער. אַלע בורזשואַזע פּען־קנעכט האָבן זיך אַרופגעוואָרפן מיט געשרייען: „די קאָמוניסטן באָדן זיך אין יידיש בלוט״, „די פרײַהײַט״ פריידיקט פּאָגראָמען אָף יידן״, „די פרײַהײַט״

1) גערונגענע פּאָליציי.
2) פאַשיסטישע און אַנטיסעמיטישע אָרגאַניזאַציע.
3) בירזשע־ספּעקוליאַנט און שאַנטאַזשיסט.

באגריסט פאָגראָמשטשיקעס", „די פרייהייט" דארפ מענ פארניכטנ". מע האָט זיכ אפ אנ עמעט פארמאָסטנ אויסצונוצנ דעמ שאָוויניסטישנ טשאד אפ צו מאכנ א סאָפ מיט דער „פרייהייט". די יידישע בורזשואזע פרעסע האָט זיכ פארכלינעט מיט די געשרייענ „קאָמוניסטישע מערדער, בעסטיעס אונ פאָגראָמ־העלפער!".

מע האָט ניט בלויז געשריענ,—נאָר אויכ אליינ אָרגאניזירט עמעסע פאָגראָמבאנדעס. מע האָט דריי מאָל גראָמירט די קאָנטאָר פונ דער „פרייהייט" אינ שיקאגאָ. מיט די פאָגראָמענ האָט דאָרטנ אָנגעפירט דער פארוואלטער פונ שיקאגער „פאָרווערטס" מיט דער הילפ פונ געדונגענע אונטערוועלט־שלעגער. דאָס זעלביקע האָט מענ געפרוווט טאָנ אינ קליוולאנד, באָסטאָנ, דעטרויט, ניו־יאָרק אונ אנדערע שטעט. מע האָט צעבלוטיקט ארבעטער, בא וועלכע מע האָט געפונענ א „פרייהייט". מע האָט בא די צייטונג־פארקויפער געכאפט די „פרייהייטנ", זיי צעריסנ אָדער פארברענט. מע האָט געשלאָגנ צייטונג־פארקויפער, וועלכע האָבנ געוואָלט פארקויפנ „די פרייהייט", מע איז געגאנגענ צו אלע פירמעס, וואָס גיבנ אנאָנסנ אינ דער „פרייהייט", אונ זיי געצוווּנגענ מער נישט צו רעקלאמירנ זייערע סכוירעס אינ דער „פרייהייט". די יידישע טעאטער־יוניאָנ האָט דורכגעפירט א בויקאָט־רעזאָליוציע אונ זיכ פארפליכטעט ניט צו אנאָנסירנ מער קיינ טעאטער־פאָרשטעלונגענ אינ דער „פרייהייט". דער י. ל. פערעצ־שרייבער־פאריינ האָט אויסגעשלאָסנ די שרייבער פונ דער „פרייהייט" אונ דערקלערט אפ זיי א כיירעמ. אונ דאָס איז אלצ דערפאר, וואָס „די פרייהייט" האָט געוואגט צו שרייבנ, אז די פאלעסטינער געשעענישנ האָבנ זיכ פארוואנדלט אינ אנ אראבישנ מאסנ־אופשטאנד קעגנ ענגלאנד אונ קעגנ אירע ציוניסטישע מעשאָרסימ.

דעמ 3־טנ סענטיאבער 1929 דערשיינט אינ דער „מאָרגנ־פרייהייט" פאָלגנדיקע נאָטיצ אונטערנ קעפל „ר ייזענ, מ ענאכעמ, ל ייוויק אונ ר אבאָי ווערנ פארכאפט פונ מאָרד־פאטריאָטישער היסטעריע":

„די רעדאקציע פונ דער „מאָרגנ־פרייהייט" האָט שאבעס פארנאכט (לעצטער טאָג אינ אווגוסט) דערהאלטנ שריפטלעכע דערקלערונגענ פונ די יידישע שרייבער לייוויק, מענאכעמ, רייזענ אונ ראבאָי, ווו זיי זאָגנ, אז זיי שטימענ ניט איינ מיט דער שטעלונג פונ דער „מאָרגנ־פרייהייט" אינ פארבינדונג מיט דעמ אופשטאנד פונ די אראבישע מאסנ אינ פאלעסטינע אונ דערפאר פארלאָזנ זיי די „מאָרגנ פרייהייט".

די דאָזיקע דערקלערונג האָט אונדז גאָרניט איבעראשט. ניט איינמאָל איז אונדז אויסגעקומענ אָנצווייזנ אפ די נאציאָנאליסטישע שטימונגענ פונ די דאָזיקע שרייבער אונ זיי קריטיקירנ אינ דער „מאָרגנ־פרייהייט". אינ דעמ איצטיקנ מאָמענט, ווענ דער מאָרד־פאטריאָטישער טשאד ווערט אזוי שטארק צעבלאָזנ פונ אלע פינצטערע קויכעס, איז גאָר קיינ ווונדער ניט, וואָס אָט די שרייבער זיינענ אוועק מיט דעמ שאָוויניסטישנ שטראָמ אונ האָבנ זיכ אויסגעקערעוועט מיטנ רוקנ צו די רעוואָליוציאָנערע יידישע ארבעטער.

אגעוו איז ווערט צו באמערקנ, אז מענאכעמ אונ לייוויק האָבנ אינ זייער בריוו אונדז געגעבנ אנ „אולטימאטומ", אז אויב מיר וועלנ ניט דרוקנ זייער

דערקלערונג אינ דער „מאָרגנ־פרײַהײַט“ ביז דעם 3־טנ סענטיאבער, ווערנ זיי זײַנ געצוווּנגענ צו פארעפנטלעכנ דעם פאקט אינ אנדערע צײַטונגענ. עס ווײַזט זיך ארויס, אז בײַם זיי האָבנ אונדז געשיקט דעם „אולטימאטום“, האָבנ זיי באצײַטנס מוידיִע געווענ די באלעבאטיש־סאָציאליסטיש־ציִעניסטיש־פאשיסטישע צײַטונגענ וועגנ דער פריילעכער בסורע.

„די מאָרגנ־פרײַהײַט“ וועט אינ די נאָענטסטע טעג פארעפנטלעכנ א גענויע דערקלערונג וועגנ אָט די פיר שרײַבער אונ זייערע דערקלערונגענ“.

די פרייד פונ די פאשיסטישע צײַטונגענ קענ מענ זענ דערפונ, וואָס דער „פאָרווערטס“, ווו מ'האָט ניט געטאָרט דערמאָנענ די פיר „פרײַהײַט“־שרײַבער, האָט וועגנ זייער ארויסטריט פונ דער „פרײַהײַט“ געשריבנ א ספעציעלנ לייט־ארטיקל אונ זיי אפילע אָנגערופנ „עטלעכע טאלאנטפולע מענטשנ“. אָט צו וואָס זיי האָבנ עס דערלעבט.

די בריוו פונ לייוויקנ אונ מענאכעמענ זײַנענ געווענ בײדע בוכשטעבלעך מיט דעם זעלביקנ אינהאלט. ס'איז אינטערעסאנט, וואָס נאָך פרײַטיק פארנאכט האָט רייזענ געבראכט אינ דער רעדאקציע פונ „פרײַהײַט“ פארנ זונטיקנדיקנ נומער פונ דער צײַטונג זײַנ ארטיקל פונ דער סעריע פונ זײַנע אײַנדרוקנ אינעם ראטנפארבאנד. דעמלט האָט ער גאָרניט געזאָגט וועגנ דעם, אז ער קלײַבט זיך פארלאָזנ די „פרײַהײַט“. אונ אינ א נאכט ארום, אפ מאָרגנ, שאבעס, האָט ער ארײַנגעשיקט זײַנ בריוו. דער זונטיקדיקער נומער איז שוינ דאנ געווענ אויסגעזעצט מיט רייזענס ארטיקל, אונ ס'איז שוינ ניט געווענ מעגלעך ארויסצונעמענ אים פונ דער צײַטונג. זײַנ לעצטער ארטיקל אינ דער „פרײַהײַט“ האָט זיך געענדיקט מיט דעם אונטערקעפל „דער געמאָרע־ניגנ“... דער גילגל פונ רייזענס געמאָרע־ניגנ... האָט זיך עס, ווײַזט אויס, פארקערפערט אינ דעם בריוו, וואָס ער האָט ארײַנגעשיקט אינ דער „פרײַהײַט“.

ווי איז עס צו דערקלערנ, וואָס די שרײַבער, וועלכע האָבנ זיך געהאלטנ שיר ניט פאר קאָמוניסטנ, וועלכע האָבנ געזאָגט, אז זיי נעמענ אָנ א גרויסנ טייל פונ דער קאָמוניסטישער פראָגראם, אז זיי זײַנענ געווענ פראָ־סאָוועטיש, זאָלנ מיטאמאָל זיך אָפּזאָגנ פונ זייער גאנצנ ראדיקאליזם? מיט וואָס איז צו דערקלערנ דעם פאקט, וואָס זיי האָבנ אפילע ניט געפרוווט דורכפירנ א ליניע צווישנ זיך מיט די אנדערע, וואָס זיי האָבנ גענומענ באלד נוצנ די פראזעאלאָגיע פונ דער צעיושעטער מאָרד־פאטריאָטישער פראָפאגאנדע? לייוויק אונ מענאכעם האָבנ געוואָרפנ דעם זעלביקנ בילבל, וואָס דער גאנצער ייִדישער פאשיסטישער געמויזעכץ, אז „די פרײַהײַט“ באגריסט אכזאָריעס אונ פאָגראָמענ. זיי האָבנ אינ זייערע בריוו געשריבנ, אז די שטעלונג פונ דער „פרײַהײַט“ איז „אנ ענגהארציקע פאָליטיק־טרײַבערײַ מיט אומשולדיק פארגאָסענעם ייִדישנ בלוט“, אז „די באגריסונג צו די קלוימערשטע „אראבישע רעוואָליוציאָנערנ“ איז א באגריסונג צו אכזאָריעס, וואָס זײַנענ באגאנגענ געוואָרנ איבער אומשולדיקע מענטשנ, יוגנט, פרויענ, קינדער“, אז „קיינע אויסטײַטשונגענ אונ פשטלעך וועלנ עס ניט ענדערנ“. אונ רייזענ האָט געשריבנ: „איך

וויל ניט קיין רעוואָלוציע, וואָס קומט דורך יידישע פּאָגראָמען", און ער וועט „ניט גיין אַרבעטן אין דער „פּרײַהײַט", ביז זי וועט זיך ניט אַנטשולדיקן פאַרן יידישן פאָלק".

איז דער טערעץ, ווי אַלגין האָט אָנגעוויזן אין דער „פרײַהײַט", אַז זיי זײַנען טאַקע קיינמאָל ניט געווען דאָס, פאַר וואָס זיי האָבן זיך געהאלטן (אויסער ראבאַיען, וועמען „די פרײַהײַט" האָט אפילו גלײַך דעמלט אויסגע־טיילט פון די דרײַ, ווי מיר וועלן שפּעטער וועגן דעם שרײַבן). זייער האנד־לונג האָט געוואָרפן א ליכט אף זייער קלוימערשטער ראדיקאלער פארגאנגענ־הײַט. זיי האָבן באוויזן מיט זייער האנדלונג, אַז די מיינונג פון די שאָוויניס־טישע שרײַבער איז זיי טײַערער, ווי די מיינונג פון טויזנטער רעוואָלוציאָנערע ארבעטער, אַז א פּראָלעטארישע קלאסן־ליניע — אָדער ווי עס הייסט בא זיי „פּאָליטיק־טױוײַבערײַ" — באטראכטן זיי פאַר א פּשעטל פון קאָמוניסטן. זיי האָבן באוויזן מיט זייער האנדלונג, אַז זיי זײַנען טיפּישע קלײנבירגער, וואָס האָבן זיך דערשראָקן פאַר דער געזעלשאפטלעכער מיינונג פון דער בורזשואַזיע, וועלכע איז ארײַנגעפאלן אין א פּאניק, ווען זי האָט דערפילט, אַז איר ציוניסטישע אוואנטיורע הייבט אָן פּלאצן.

די מענטשן האָבן זיך קעסיידער געוואקלט צווישן דער בורזשואַזיע מיטן פּראָלעטאריאַט. וואָס באַלשעוויסטישער עס איז געוואָרן די רעוואָלוציאָנערע באוועגונג, אַלץ מער האָט זיי געצויגן צו דער בורזשואַזיע. בײַם דער ציוינ־וואקכאנאליע האָט בא זיי גויווער געווען דאָס „פּינטעלע ייד". דער פּאָדעם, וואָס האָט זיי געהאט פארבונדן מיט דער „מאָרגן־פרײַהײַט", האָט געפּלאצט, און זיי זײַנען צוריק ארײַנגעפאלן אין שויס פון דער יידישער בורזשואַזיע.

זיי זײַנען געווען קלײנבירגער, וואָס האָבן ראכמאָנעס אף „אָרעמע ברידער", האָבן אָבער ניט ליב די שארפקײַט פון זייערע רעוואָלוציאָנערע קאמפּ־מעטאָדן. זיי סימפּאטיזירן אבסטראקט מיט „רעוואָלוציע", אָבער גלײַכצײַטיק אויך מיט די, וואָס לײַדן פון דער רעוואָלוציע, מיט די געוועזענע עקספּלואטאטערס. אי „קלאסן־קאמפּ", אי „נאציע" אלס גאנצע, און קעגנערשאפט צו דער קלאסן־טעאָריע פונעם מארקסיזם — לעניניזם. זיי אנערקענען דעם פּראָלעטאריאט פאַר א גרויסן קולטורעלן קויעך — לייקענען אָבער פּראָלעטארישע קולטור, וואָס דאַרף ארויס־שטויסן די בורזשואזע קולטור און פארנעמען איר פּלאץ. עס ציט זיי צו דער ענערגיע און קאמפלוסט פון די ארבעטער־מאסן, אָבער אויך צום „פּינטעלע ייד".

זיי האָט געצויגן צו דער „פרײַהײַט" דער פאקט, וואָס אין דער לינקער באוועגונג האָט מען געפירט קולטור־ארבעט אף א ברייטן מאסשטאב, וואָס בא דער יידישער בורזשואזער געזעלשאפטלעכקײַט איז ניט געווען קיין ראדי־קאלע אָרגאניזאציע פאַר קולטור־צוועקן. ס'האָט זיי אויך געצויגן דער פאַר־לאנג צו ווערן געשעצט, געליבט פון א לעבעדיקער, מונטערער, קולטור־דאָרשטיקער מאסע. א גרויסע ווירקונג האָט געהאט אף זיי אויך דער ראטנ־פארבאנד, אין וועלכן ס'האָט זיי אינטערעסירט ניט די פאַרווירקלעכונג פון דער פּראָלעטארישער דיקטאטור, נאָר די לייזונג פון דער נאציאָנאלער פראגע,

וועלכע זיי האָבנ געפרוווט אויסטײַטשנ אפ א נאציאָנאַליסטישנ אויפנ. זיי האָבנ באוווּנדערט ניט דעמ אינטערנאציאָנאַליסטישנ כאראקטער פונ דער ייִדי־שער סאָוועטישער פראָלעטארישער ליטעראטור אונ קולטור, ווי דאָס, וואָס „מיר ייִדנ" שאפנ אזוינע קולטורעלע ווערטנ. מיט „מיר—ייִדנ"... מיט אָט דעמ גרונט־טאָנ זײַנענ זיי געקומענ צו דער „פרײַהײַט". זיי האָבנ געהאָפט מיט דער צײַט באײַנפלוסנ אונ צו רעפאָרמירנ די „פרײַהײַט", אוועקצושטעלנ די ייִדישע קאָמוניסטנ אפנ „גלײַכנ וועג".

ס'איז א פאקט, אז רייזענ, לייוויק, מענאכעמ האָבנ זיכ קײנמאָל ניט אינ־טערעסירט מיט די טאָגטעגלעכע קאמפנ פונ די רעוואָליוציאָנערע ארבעטער. זייער סוויווע איז געווענ די ליטעראַרישע קלײנבירגערלעכע „קאפײנע". זיי האָבנ זיכ שטענדיק געכאווערט מיט די בורזשואזע נאציאָנאַליסטנ, זיי זײַנענ געווענ די טאָנגעבער אינעמ „פענ־קלוב", אינ דער „קולטור־געזעלשאפט" א. אז. וו. אינ אנ ארטיקל פונ כ' מײַלעכ עפשטיינ וועגנ די דעזערטירנ שרײַבט ער: „די ארבעטער־עפנטלעכקײַט וועט זיכ באקענענ מיט דער גערולד (אָפט צופיל), טאָלעראנצ (אָפט שעדלעכער), מיט די פארזוכנ (אָפט פײַנלעכע) צו דערנעענטערנ די מענטשנ צו דער באוועגונג". ער דערציילט, אז ווענ לייוויק איז געקומענ פונ ראטנפארבאנד, האָט ער געוואָלט אײַנשאדכענענ דער „פרײַהײַט" „די גאנצע ייִדישע ליטעראטור אינ אמעריקע",— עס זײַנענ אפילע מיט א גאנצער ריי שרײַבער פאָרגעקומענ „שמועסנ", מע האָט זיי גע־דרוקט אינ „האמער", א זאכ, וואָס האָט ניט געטאָרט געטאָנ ווערנ, זאָגט ער, ס'איז אָבער דערפונ גאָרניט ארויסגעקומענ. יענע זײַנענ געבליבנ שטעקנ אינ באלעבאטישנ געמויזעכצ אונ געוואָרנ נאָכ רעאקציאָנערער. וואָס מער צײַט עס האָט אָפגעטיילט לייוויקנ פונעמ ראטנפארבאנד, אלצ בלאסער אונ אָפגעריבענער זײַנענ געוואָרנ זײַנע אײַנדרוקנ פונ דאָרטנ. זיי האָבנ געפילט, אז די לייענער פונ דער „פרײַהײַט" זײַנענ מיט זיי ניט צופרידנ. די ארבעטער־לייענער האָבנ ניט געקענט פארטראָגנ, וואָס רייזענ האָט אינ זײַנע „עפיזאָדנ" זיכ געקליגט קיינעמ ניט אָנצורירנ, אפילע אייב קאהאנענ; וואָס אינ זײַנע אײַנדרוקנ פונ ראטנפארבאנד האָט ער בלויז דערציילט וועגנ די קאבאָלעס־פאָנעמס פאר אימ.

איכ האָב שוינ דערמאָנט וועגנ בערגעלסאָנ־באנקעט. די שרײַבער האָבנ זיכ אָנגעהויבנ פילנ אומבאקוועמ אינ דער רעדאקציע גופע. איכ האָב שוינ איבערגעגעבנ וועגנ דער רעזאָליוציע פונ די ארבעטער־קלובנ קעגנ לייוויקנ אונ מענאכעמענ. די דאָזיקע שרײַבער האָבנ געפילט, אז זיי קענענ ניט זײַנ קיינ גײַסטיקע פירער פונ זייערע פראָלעטארישע לייענער. אונ ריכטיק האָט מײַלעכ עפשטיינ געענטפערט רייזענענ אפ זײַנ באמערקונג וועגנ זיכ אנטשולדיקנ פארנ ייִדישנ פאָלק, אז „מיר קאָנענ אימ פארזיכערנ, אז ניט ער אונ ניט זײַנע קאָלעגנ וועלנ ארבעטנ אינ דער „מאָרגנ־פרײַהײַט" ביז זיי וועלנ אפ א גאנצ מאמאָשעסדיקנ אויפנ זיכ ניט אנטשולדיקנ פארנ ארבעטער־קלאס".

רייזענ האָט געשריבנ אינ זײַנ דערקלערונג „איכ מוז רעזיגנירנ (אוועק־גיינ—א. פ.) פונ דער „מאָרגנ פרײַהײַט" אלס מיטארבעטער, אומ איכ זאָל ניט

פארעכנט ווערן, כאָלילע, פאר. איינעם, וואָס איז מאסקים מיט אײַערע מיי־נונגען אין באצוג צו די פּאָגראָמען, וואָס די אראבער מאכן איצט אף יידן".

אינדערעמעסן אָבער איז אָט די רעזיגנאציע, ווי מיר האָבן שוין באוויזן, געווען דער לאָגישער שלוס פון א לאנגער אנטוויקלונג פון די באציִונגען צווישן דער „מאָרגן־פרײַהײַט" מיט רייזענען, לייוויקן און מעגאכעמען. אנט־לויפן צום סוינע אין יענעם מאָמענט האָבן געקענט נאָר אזעלכע, וואָס זײַנען אליין געווען באהאלטענע סאָנים. זיי האָבן מיט זייער האנדלונג דעמלט צו־געגעבן מוט און כוצפּע די ציוניסטן און סאָציאַל־פאשיסטן, זיי האָבן געגעבן א געווער אין האנט דעם „פאָרווערטס", ער זאָל קאָנען ארויסקומען און שרײַבן, אז „ניט נאָר אלע פראָמינענטע (אָנגעזעענע) יידישע שרײַבער, נאָר אלע אָנשטענדיקע מענטשן טרייסלען זיך אָפּ מיט עקל פון די קאָמוניסטישע מערדער".

אף די אנטלאָפענע האָט מען געקענט זאָגן אין בעסטן פאל:

„Была без радости любовь—
Разлука будет без печали“.

איך האָב פריער ניט דערמאָנט ראבאָיען, ווײַל אים האָט די „פרײַהײַט" אפילע באלד נאָך זײַן רעזיגנאציע־בריוועלע ארויסגעטיילט פון די אנדערע דרײַ אלס א באזונדער קאַטעגאָריע. אין די „שמועסן מיט די לעזער" פון 7־טן סעפ־טיאבער 1929, א וואָך נאָך דער רעזיגנאציע, שרײַבט די רעדאקציע פון דער „פרײַהײַט":

„וואָס איז שײַעך ראבאָיען, איז ער ווייניקער אנטוויקלט געזעלשאפטלעך, איידער רייזען, לייוויק און מעגאכעם. ער האָט ניט געהאט אזא ארויסגע־שפּראָכענע נאציאָנאליסטישע ריכטונג. בא אים איז די רעזיגנאציע געווים ניט קיין רעזולטאט פון דורכגעטראכטע אידייען. מיסטאמע האָט ער זיך געלאָזט באאײַנפלוסן פון דער שרײַבערישער צעבושעוועטער סוויווע. א שאָד, וואָס ער האָט ארויסגעוויזן אזוי ווייניק פעסטקײַט".

דאָס שפּעטערדיקע אומקערן זיך פון ראבאָיען אין דער „פרײַהײַט", אין 1932, האָט באוויזן, ווי ריכטיק „די פרײַהײַט" האָט אָפּגעשאצט אינדיווידועל די אוועקגעגאנגענע שרײַבער אין אלגעמיין גענומען.

ס'איז וויכטיק צו באצייכענען, אז פון די מיטגלידער פון דער פּראָלעטא־רישער שרײַבער־גרופּע „יוניאָן סקווער", ווי אויך פון דעם „פרײַהײַט"־שרײַ־בער־פאריין, איז קיין איינציקער ניט מיטגעריסן געוואָרן פון דער פאלעסטינע־היסטעריע, קיין איינער פון זיי האָט דעמלט ניט פארלאָזן די „פרײַהײַט".

דער איינציקער פון די „אריבערגעקומענע" שרײַבער, וואָס האָט זיך ניט פארלאָרן בעשאס די פאלעסטינער געשעענישן, איז געווען מ ו י ש ע נ א ד י ר. דעם 14־טן סעפטיאבער דערשײַנט זײַן ארטיקל די „צאר־וואקכאנאליע", ווו ער ווענדעט זיך צו רייזענען, לייוויקן און ראבאָיען און רופט זיי צוריק אין דער „פרײַהײַט". ער שרײַבט דאָרטן:

„איצט, ווען דער ציִעניזם איז אזוי ביטער ליקווידירט, איז צײַט, אז מיר זאָלן בא זיך אָפּמאכן, מיט א שוווע, אז מיר זײַנען:

1) פאר דער קאָמוניסטישער פארטיי אין איר קאמף קעגן דער וויסטער, שווינדלערישער, ציָניסטישער פּאָליטיק.

2) אין אלע אירע קאמפן אף אלע פראָנטן קעגן דער בורזשואזיע, קעגן אימפעריאליזם, קעגן ראסן־האס.

3) מיר האלטן נישט, אז מענטשן פון געמאלעטן פאָלק זיינען בעסערע אָדער ערגערע מענטשן, ווי אנדערע.

4) מיר האָבן, פונקט ווי אלע אנדערע פעלקער, א רעכט אף דאָס שלעכטע, וואָס צווישן אונדז, און אף אויסצוראָמען דאָס שלעכטע, וואָס צווישן אונדז.

5) מיר בייגן זיך פאר דער דיסציפלין פון דער פארטיי, ווילן אָבער אָפן און מוטיק פון אינעווייניק פרווון פארשטארקן דאָס, וואָס איז שוואך אין אונדזער פארטיי־געוועב.

6) מיר זיינען קעגן ייִדישקייט־קולטור, אָדער קולטור־ייִדישקייט, מיר זיינען אָבער

7) פאר קולטור אין ייִדיש, מיט דעם גאנצן כיין, זאפט, שיינקייט און רייכקייט פון אונדזערע קולטור־אוצרעס... פאר דער מענטש־פאָרשונג אין אונדזער ליטעראטור. אפילע ווען דאָס צווייגט זיך אביסל אָפּ פון דעם באַוואָפנטן וואָרט, איז דאָס אָבער שטארק נייטיק, קעדיי צו קענען וועלט און מענטשן (עס איז דאָך ניט ווייניקער וויכטיק פאר א קאָמוניסט צו קענען די ביאָ־מעכאניק פון דעם מענטשנס טרויער, ווי עס איז, לעמאָשל, פאר דעם רויטן ארמייער וויכטיק צו קענען די מעכאניק פון זיין שיס־געווער, צו וויסן, פארוואָס א ביקס שיסט).

8) מיר גייען נישט מיטן סוינע, קיינמאָל, קיינמאָל נישט. וואָס ס'זאָל זיך ניט טאָן, מיר דערזערטירן נישט, קיינמאָל, קיינמאָל נישט פון די רייען פון די ייִדישע ארבעטער, אף אזויפיל ווי זיי זיינען א טייל פון דעם גאנצן פראָלעטאריאט, ווייל נאָר אזוי קענען מיר אָפּשאפן מילכאָמעס, אומיושער, שלעכטסקייט, בלינדקייט און מענטשן־סינע פון דער וועלט".

ער האָט זיך געווענדעט בלויז צו רייזענען, ליוויקן און צו ראבאָי. מענאכעמען — שרייבט ער — לאָז איך אויס, ער איז א פען־קאליקע און א וויסטער באלטאכלעס.

דער ארטיקל איז געווען ווי א באָמבע אינעם לאגער פון דער איסט בראָדוויייער ליטעראַרישער זשיראָנדע. דאָרטן האָט מען שטארק ספעקולירט אף נאדירן און וועגן דעם, וואָס ער וועט טאָן שוין נאָכן פארלאָזן די „פרייהייט".

און דאָ קומט נאדיר און טוט זיי אָפּ אף אן אומגעריכטן אויפן. ער פראָקלאמירט גאָר אין זיין ארטיקל:

„איך רעזיגניר נישט פון דער „פרייהייט". אדעראבע. איך בין מיט דער קאָמוניסטישער פארטיי מער ווי טאָמיד".

„נאָר איידער וואָס ווען (קעדיי צו באפרידיקן אייער אזארט־געפיל) וועל איך אייך זאָגן, אז איר מעגט זיך שוין אופהערן וועטן, אז נאדיר וועט זיך

מינאסטאם אָנשליסן אָן דעם שרײַבער־קווארטעט וואָס רעזיגנירט פֿון דער „פֿרײַהײַט".

איך הייב גאָרנישט אָן צו טראַכטן וועגן דעם.

פֿאַרקערט, וואָלט איך געהאַט מער קויעך, און וואָלט איך ניט כּוישעד געווען, אַז מיר קענען דערפֿון ארויסקומען א טויווע, וואָלט איך הײַנט געוואָרן א מיטגליד פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין אַמעריקע.

הײַנט, — דאַפּקע הײַנט!

דאַפּקע הײַנט, ווען — אָנגעפּירט פֿון היסטעריקער, ציוניסטיקער און אַנדערע וואָלוועלע מענטשן — טרײַבט איר אײַער צאַר־וואַקכאַנאַליע אַזוי מיעס, אַזוי וווּלגאַר".

אין דעם אַרטיקל, וואָס איז געשריבן מיט אַסאַך ברען און מיט דער כאַראַקטעריסטישער נאַדירישער סאַטירע, וואַרפֿט ער זײַנע שאַרף־סאַרקאַסטישע פֿײַלן אין דעם לאַגער פֿון די „פּלישטים", פֿון די ציוניסטיקער און פּאַשיסטיקער, ער באַווײַזט זייער גאַנצע פֿאַלשקײַט און פֿאַרקויפֿטקײַט, זייער גאַנצע נידערטרעכטיקײַט, געמיינקײַט און געזונקענקײַט.

ס'איז אויך אינטערעסאַנט זײַן פֿאָלגנדיקע ווענדונג צו רייזענען:

„און איר, ליבער אוראַם רייזען, וואָס איר האָט זיך שוין אין אײַערע ערשטע האָניק־וואָכן אין דער „פֿרײַהײַט" פֿון אונדז פּראָסטע פֿען־אַרבעטער אָפּגעטיילט מיט דעם, וואָס איר האָט זיך געלאָזט ארופֿשטעלן אָפֿן צעטל פֿון אונדזער שאַרף יוניאָניזירטן דרוק־שאָפּ, קעדיי צו זײַן זיכער, אַז איר וועט אַלע וואָך באַקומען אײַער געהאַלט. איר האָט רויִק געגעסן אײַער מאָגער שטיקל ברויט, בייס אַלע אַנדערע שרײַבער האָבן דאָס מאָגער שטיקל ברויט אויך ניט געהאַט — אײַך האָט מען אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד אויך זייער ברייט טראַקטירט מיט לעקעך און בראָנפֿן (מ'מוז זיך אַמאָל רעכענען מיט א מענטשנס שוואַכקײַט!), האָט איר דעם לעקעך אופּגעגעסן, דעם בראָנפֿן אויסגעטרונקען און באַם ערשטן שאָס (אין „ליטעראַרישן קאַפֿיי") פֿון א יידישן פּאַשיסט, וואָס סלונעט מיט בלוט — זײַנט איר אַנטלאָפֿן".

דער אַרטיקל ענדיקט זיך מיט די ווערטער:

„קוקט זיך אַרום, קאָלעגן! רייזען, לייוויק, ראַבאָי! די היסטעריע וועט זיך אײַנשטילן, די וואַקכאַנאַליע וועט אײַך אויסשפּײַען, ווו וועט איר בלײַבן, מײַנע געוועזענע כאַוויירים?

אָף וועלכן פּוסטן אינדזל? — אָף וועלכן וויסטן שטיין?

קומט צוריק!"

אָבער זאָל מען קיין טאָעס ניט מאַכן, זאָל מען ניט מיינען, אַז די ווענדונג פֿון נאַדירן צו די דעזערטירן וועגן קומען צוריק איז געווען אָפֿן מינדסטן אויפֿן אינספּירירט פֿון דער „פֿרײַהײַט". מוישע נאַדירס אַרטיקל איז באַגלייט געוואָרן מיט א רעדאַקציע־דערקלערונג, אין וועלכער עס איז געזאָגט:

„... מיר באַמערקן, אַז זײַן (נאַדירס) רוף צו די דרײַ שרײַבער לייוויק, רייזען און ראַבאָי וועגן „צוריקקומען" איז געמאַכט אָף זײַן אייגענער אַכרײַעס און בעשומויפֿן ניט מיטן העסקעם פֿון דער „מאָרגן־פֿרײַהײַט".

אין נאדירס שוווע, אין זײַן קרעדאָ אָדער פּראָגראַם־מינימום פאַר די „מיט־לויפער", וואָס ער האָט פאָרמולירט אין זײַנע 8 פונקטן, איז אויסער דעם נאָך געווען אסאך אזוינס, מיט וואָס „די פרײַהײַט" האָט ניט געקענט און ניט גע־דאַרפט אײַנשטימען. דאָרטן איז נאָך געווען א רײ פאַרשטעלטע רעזערוואַ־ציעס און נאַציאָנאַליסטישע, הומאַניסטישע און אידעאַליסטישע אײַנשטעלונגען וועגן דער „קולטור אין ייִדיש", „מענטש־פאַרשונג", „ביאָ־מעכאַניק פון דעם מענטשנס טרויער" און וועגן „אָפּשאַפן מענטשן־סינע פון דער וועלט". דאָך איז עס געווען א גרויסער רוק פאָרויס מיצאַד נאַדירן צום אײַנשליסן זיך אין דעם רעוואָליוציאָנערן קלאַסן־פראָנט. די ציִען־וואַקכאַנאַליע איז געווען א גרויסער אויספּרווו פאַר די אריבערגעקומענע פון אנדערע קלאַסן. און נאַדיר האָט מיט ערע אויסגעהאַלטן די פּראָבע, דעם גרויסן קלאַסן־עקזאַמען און „אופגעשטעלט" א הויכע באַריקאַדע צווישן זיך מיט דעם „דיכטער־באַלעבעסל".

דאָוויד בערגעלסאָן. אויך בערגעלסאָן האָט זיך ניט פאַרלאָרן און ניט איבערגעריסן מיט דער „פרײַהײַט". ער האָט אָבער פונדעסטוועגן נאָך געהאַט רעזערוואַציעס. ער האָט פאָרגעזעצט מיטצואַרבעטן אין דער „פרײַ־הײַט". ער האָט אָבער אין בערלין זיך אָפּגעזאָגט אונטערצושרײַבן א רעזאָ־לוציע וועגן די דעזערטירן, אין וועלכער זײ ווערן פאַרמישפּעט פאַר זייער פאַרעטערישער האַנדלונג.

געטאָן האָט עס בערגעלסאָן מיט דער נייטיקער קראַפט ערשט אינעם יאָר 1932 מיט זײַן סעריע אַרטיקלען, ווי „מאַטושקאַ—ייִדיש" א. אנד., ווו ער האָט זיך שאַרף אָפּגעגרענעצט פון די נאַציאָנאַליסטן פון דער קולטור־געזעלשאַפט און ביכלאַל פון דעם גאַנצן ייִדישיסטישן און קולטוריסטישן געמויזעכץ.

אָנשטאָט רייזענען, וועלכער האָט גאָר אינגיכן נאָכן פאַרלאָזן די „פרײַ־הײַט" זיך געפונען א נעסט אין דעם געלן זומפּ פון „פאָרווערטס", האָט „די פרײַהײַט" דערצויגן און אין יאָר 1930 ארופגענומען אלס שטורעם־מאַטראָס אָף איר שיף אזא יונגן קרעפטיקן טאַלאַנט, אזא פולבלוטיקן פּראָלעטאַרישן פּראָזאַיִקער, ווי כ׳ זיסקינד ליעוו. אָנשטאָט די דרײַ באַלעבאַטישע שרײַבער־דעזערטירן האָט „די מאָרגן־פרײַהײַט" געוווּנען אין אמעריקע א גאַנצע פּראָ־לעטאַרישע ליטעראַטור מיט צענדליקער יונגע טאַלאַנטפולע פּראָלעטאַרישע שרײַבער. „די מאָרגן־פרײַהײַט" האָט אָנשטאָט די דעזערטירן אויך געוווּנען אלע ייִדישע פּראָלעטאַרישע שרײַבער פון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער און פונעם ראַטנפאַרבאַנד, וועלכע האָבן זיך דערקלערט אלס מאָביליזירט פאַר מיטאַרבעטער אין דער „פרײַהײַט".

דער רייזען־לייוויק־סקאַנדאַל, ווי די ציִען־וואַקכאַנאַליע, האָט אָפּגעקלונ־גען ווײַט אויסער די גרענעצן פון אמעריקע. ניט בלויז אין די פאַר־אייניקטע שטאַטן, נאָר אויך אין קאַנאַדע, אַרגענטינע, פראַנקרײַך, פוילן און פסדר זײַנען אָפּגעהאַלטן געוואָרן ריזיקע פאַרזאַמלונגען פון ייִדישע רע־וואָליוציאָנערע אַרבעטער וועגן די געשעענישן אין פאַלעסטינע. אָף די פאַר־זאַמלונגען זײַנען אָנגענומען געוואָרן רעזאָלוציעס וועגן סאָלידאַריזירן זיך מיט דער שטעלונג פון דער „פרײַהײַט" צו די געשעענישן אין פאַלעסטינע, און

עס איז פארורטײלט געװאָרן די דעזערטירערײַ פון די פיר שרײַבער. אױך די פראָלעטארישע שרײַבער־אָרגאניזאציעס אין אָט די אַלע לענדער האָבן אָפּגעהאלטן ספּעציעלע פארזאמלונגען װעגן אָט דעם איניען.

אין כארקאָװ איז אין סענטיאבער 1929 י. פאָרגעקומען א פארזאמלונג פון אַלע ייִדישע שרײַבער צוזאמען מיט די ייִדישע זשורנאליסטן, אף װעלכער ס'איז אָנגענומען געװאָרן פאָלגנדיקע רעזאָליוציע:

„מיר, די ייִדישע סאָװעטישע שרײַבער און זשורנאליסטן פון אוקראַינע, באַגריסן די „מאָרגן־פרײַהײַט“ מיט איר מוטיקער, רעװאָליוציאָנערער שטעלונג צו די געשעענישן אין פאלעסטינע. די דאָזיקע געשעענישן זײַנען א רעזולטאט פון דער רױבערישער קאָלאָניזאטארישער פּאָליטיק, װאָס די ציִעניסטן, די אגענטן פון דעם ענגלישן אימפעריאַליזם, פירן קעגן דעם אראבישן אָרעמען פױערטום אין פאלעסטינע. די גאנצע שולד פאר דעם פארגאָסענעם בלוט פון די אומשולדיקע קאָרבאָנעס אין פאלעסטינע פאלט אף די ציִעניסטישע פאשיסטן און אף דער אזױגערופענער ענגלישער „ארבעטער“־רעגירונג. די געשעענישן אין פאלעסטינע, װאָס װערן טײלװײַז אױסגענוצט פון די פאשיסטן צו פארשטארקן דעם ראסן־האס צװישן די אראבישע און ייִדישע האָרעפּאשניקעס, זײַנען אינדערעמעסן א קלאסן־מילכאָמע פון די אראבישע האָרעפּאשנע מאסן קעגן בלוטיקן ענגלישן אימפעריאַליזם און קעגן זײַנע ציִעניסטישע מעשאָרסים.

מיר פארורטײלן אפן שארפסטן אופן די שאָװיניסטישע, רעאקציאָנערע האנדלונג פון אװראָם רײזען, ה. לײװיק, א. ראבאָי און מענאכעם באָריישאָ, װאָס זײַנען ארױסגעטראָטן פון „מאָרגן־פרײַהײַט“ פאר איר אײנציק־ריכטיקער שטעלונג צו די געשעענישן אין פאלעסטינע. מיט זײער האנדלונג האָבן רײזען, לײװיק, ראבאָי און מענאכעם, בא דעם ערשטן ניסױען, װאָס האָט געדארפט קלאָר מאכן זײער רעװאָליוציאָנערישקײַט, זיך אָפן געשטעלט אף דער זײַט פון די סאָנים פון דעם ארבעטער־קלאס, זיך פארײניקט מיט דער פינצטערער רעאקציע און מיט די פען־קנעכט פון דער געל־שװארצער פרעסע.

מיר שליסן דעריבער אױס די דאָזיקע שרײַבער פון אונדזער מישפּאָכע און רײַסן איבער מיט זײ יעדע באציִונג. מיר קאָנען ניט האָבן קײן מאגעומאסע מיט פארטײדיקער פון דער ציִעניסטישער בלוטיקער אװאנטיורע אין פאלעסטינע און מעמײלע מיט אונטערשטיצער פון ענגלישן אימפעריאַליזם; מיר קענען ניט האָבן קײן געמײנזאמס מיט מענטשן, װאָס לאָזן זיך פארפירן פון דער שאָװיניסטיש־נאציאָנאליסטישער היסטעריקע, װאָס די געל־שװארצע פרעסע פאבריצירט, װי א מיטל פון קאמף קעגן דער רעװאָליוציאָנערער ארבעטער־באװעגונג, קעגן ראטנפארבאנד.

מיר זאָגן צו אונדזער פולסטע שטיצע דער „מאָרגן־פרײַהײַט“ מיט אונדזער נאָענטער מיטארבעט. מיר רופן די ייִדישע שרײַבער, זשורנאַליסטן און ארבקאָרן פון אַלע ראטנרעפּובליקן נאָכצוטאָן אונדזער בײַשפּיל. מיר רופן די ייִדישע ארבעטנדיקע מאסן פון אמעריקע פעסטער זיך פארײניקן ארום זײער מוטיקן קאמף־אָרגאן — דער „מאָרגן־פרײַהײַט“ און אָפּשלאָגן די שענדלעכע אָנפאלן אף איר מיצאד די ציִעניסטן־פאשיסטן און זײערע אונטערשטיצער.

כאווייִרים פון דער „מאָרגן־פרײַהײַט"! מיר זײַנען מיט אײַך מיט וואָרט און מיט טאַט.

אָרלאַנד, גאָלדענבערג, גילדין, דאַמעסעק, ווינער, וועריטע, טוזמאַן, טייטלבוים, לוריע, ליבערמאַן, לעוויטאַן, כאַנע לעווין, מאַרקיש, ניסטער, שאַכנע עפּשטיין, פּינטשעווסקי, פעלדמאַן, קאַהאַן, קאָטליאַר, קאַזאַ־קעוויטש, קאַמענשטיין, קוויטקאָ, רעזניק, שניצער, שטורמאַן, שנייפּאַל, שויכעט".

מיט די זעלביקע אונטערשריפטן האָט די רעדאַקציע פון דער „פרײַהײַט" באַקומען אַזאַ טעלעגראַמע:

„מיר, פאַרזאַמלטע יידישע סאָוועטישע שרײַבער, זשורנאַליסטן פון כאַר־קאָוו, באַגריסן די „פרײַהײַט" מיט איר רעוואָליוציאָנערער אויסגעהאַלטענער שטעלונג צו די געשעענישן אין פּאַלעסטינע און פאַרורטיילן אָפן שאַרפסטן אויפן די שאָוויניסטיש־רעאַקציאָנערע האַנדלונג פון אַווראָם רייזען, לייוויק, ראַבאָי און מענאַכעם. מיר שליסן אויס די דאָזיקע שרײַבער פון אונ־דזערע רייען. מיר דערקלערן זיך מאָביליזירט פאַר מיטאַרבעט אין דער „פרײַהײַט".

ענלעכע רעזאָלוציעס זײַנען אויך אָנגענומען געוואָרן אין קיִעוו, מינסק און מאָסקווע, ווי אויך אין קאַנאַדע, אַרגענטינע און אַנדערע לענדער.

און די סאָלידאַרישקײַט, ספּעציעל פון די סאָוועטישע שרײַבער, איז ווירק־לעך געווען אַ גרויסע שטיצע די אַמעריקאַנישע רעוואָלוציאָנערע יידישע אַרבעטער קעגן דעם פאַרייניקטן ציִוניסטיש־פאַשיסטיש־יידישיסטישן פראָנט, וועלכער האָט זיך פאַרמאָסטן אומצוברענגען זייער מעכטיקן קאַמף־אָרגאַן,—„די מאָרגן־פרײַהײַט". די סאָוועטישע יידישע שרײַבער האָבן ניט בלויז געשטיצט מיט רעזאָלוציעס, וואָס האָבן געהאַט אַ גרויסן פּאָליטישן באַטײַט, נאָר אויך מיט מאַמאָשעסדיקער הילף, מיט שיקן מאַטעריאַלן פאַר דער „פרײַהײַט" און „האַמער".

זיי האָבן ביז דעמלט אויך געשיקט, נאָר איצט האָבן זיי עס געטאָן מער סיסטעמאַטיש. דאָס איז אויך געווען אַ שטויס צו דער גרינדונג פון „פּראָלעט־פּען" און צו דער פאַרשטאַרקונג פון דער פּראָלעטאַרישער קולטור און ליטע־ראַטור אין אַמעריקע.

פּראָגראַם פון „פּראָלעטפּען"

דעם 13־טן סעפּטעמבער איז אין ניו־יאָרק צונויפגערופן געוואָרן אַ פאַר־זאַמלונג פון בעלעטריסטן און זשורנאַליסטן וועגן גרינדן אַן אַלגעמיינע פּראָ־לעטאַרישע שרײַבער־אָרגאַניזאַציע.

אָף דער פאַרזאַמלונג איז געצויגן געוואָרן די ליניע פון קלאַסנקאַמף צווישן די שרײַבער פּען־קנעכט, וועלכע שרײַבן אָף באַשטעלונג דאָס, וואָס זייערע באַלעבאַטים הייסן זיי, און צווישן די שרײַבער, וואָס זײַנען פריִער פון אַלץ קעמפער פאַר זייערע איבערצײַגונגען און נוצן אויס זייער טאַלאַנט,

זייער הארץ און מויעך צום דינען די אינטערעסן פונעם רעוואָליוציאָנערן ארבעטער־קלאַס, צו וועלכן זיי געהערן.

די פאַרזאַמלונג האָט באַשלאָסן צו גרינדן אַ פּראָלעטאַרישע שרײַבער־אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל אַרײַננעמען אין אירע רייען בלויז אַזעלכע שרײַבער, וואָס שטייען מיטן אַרבעטער־קלאַס, וואָס זײַנען קעמפער פאַר זײַנע אידעאַלן און וואָס ווילן ווידמען זייער טאַלאַנט די אינטערעסן פון קלאַסנקאַמף.

עס איז געווען אַן אומגעוויינלעך־פײַערלעכע וויכטיקע פאַרזאַמלונג. עס האָבן זיך אין איר באַטייליקט 54 שרײַבער. זי האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זאַכלעכקייט און ערנסטקייט.

כ׳ מ. אָלגין האָט אין נאָמען פון דעם איניציאַטיוו־קאָמיטעט געהאַלטן אַ פּאָרטראַג וועגן דער נייטיקייט פון אַזאַ אָרגאַניזאַציע און וועגן דעם צושטאַנד פון דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור אין אַמעריקע. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף די פאָלגנדיקע פיר מאָמענטן: 1) אויף דער האַנדלונג פונעם י. ל. פּערעץ־שרײַבער־פאַריין, וועלכער האָט אָנגענומען אַ רעזאָליוציע קעגן דער „פרײַהייט", דערקלערט אַ בויקאָט אויף די שרײַבער פון דער „פרײַהייט" און זיי געשטעלט „מיכוץ־לעמאַכנע" (אויסער די רייען); 2) אויף די פּרוּוון צו גרינדן פּראָלעטאַרישע שרײַבער־אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקע, וואָס זײַנען געמאַכט געוואָרן ביז דעמאלט; 3) אויף דער נייטיקייט צו אָרגאַניזירן אין איין פאַרבאַנד אַלע שרײַבער, וואָס האָבן אַ רעוואָליוציאָנערע קלאַסן־אָריענטאַציע; און 4) אויף דער פּראַקטישער דורכפירונג פון דער גרינדונג פון דעם נײַעם פּראָלעטאַרישן שרײַבער־פאַריין.

נאָכן פּאָרטראַג איז געווען אַ דיסקוסיע. אַלע זײַנען געווען פאַר דער גרינדונג פון אַזאַ אָרגאַניזאַציע. ס׳איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ קאָמיסיע מיטן כ׳ אָלגין אין דער שפּיץ אויף אויסצואַרבעטן די פּרינציפּן־דערקלערונג און דעם סטאַטוט פונעם פאַריין. אַלס פאָרזיצער פון דעם נײַעם שרײַבער־פאַריין איז אויסגעקליבן געוואָרן כ׳ מיילעך עפּשטיין, און אַלס סעקרעטאַר — כ׳ ב. פענסטער. אַזוי איז געבוירן געוואָרן דער „פּראָלעטפּען" אין אַמעריקע (דער ערשטער סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי־פּראַקציע אינעם „פּראָלעטפּען" איז אַגעווען געוועזן דער שרײַבער פון אָט די שורעס).

מיט דער גרינדונג פונעם „פּראָלעטפּען" איז ענדלעך באַזײַטיקט געוואָרן דער לעצטער פאָדעם, אָדער ריכטיקער, דער לעצטער שאָטן פון אַ פאָדעם, וואָס האָט פאַרבונדן די מיטאַרבעטער פון דער „מאָרגן־פרײַהייט" מיט דעם י. ל. פּערעץ־שרײַבער־פאַריין.

דער י. ל. פּערעץ־שרײַבער־פאַריין, וועלכער ציילט 150 מיטגלידער, האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ צעך פון פען־קנעכט, פון שרײַבער־הענט אין בורזשואַזע און סאָציאַל־פאַשיסטישע יידישע צײַטונגען און זשורנאַלן. ער איז געגרינדעט געוואָרן אין 1915 אַלס אַ פּראָפאַריין און פאַר די צילן פון אַכדעס, זעלבסטהילף און האַלטן הויך די פאָן פון יידישער קולטור. דער פאַריין פילט איצט ניט אויס קיין איינע פון אָט די אויפגאַבעס. זײַן באַציִונג צו די באַלעבאַטים פון די צײַטונגען איז אַן אונטערטעניקע, אַ קנעכטישע. אַסאַך פון די מיטגלידער

נעמענ אָנ עקסטרע־אַרבעט אינ דער צײַט, ווענ זייערע „קאָלעגנ״־שרײַבער דרייענ זיכ ארומ אינגאנצנ אָנ ארבעט אונ לײַדנ נויט. אינ זייער טרײַקײַט צו די באַלעבאַטימ דולדנ אונ שאפנ אָט די קלוימערשטע קולטורטרעגער דעמ עקלדיקסטנ שונד אינ די ייִדישע צײַטונגענ; דאָס טוענ אויכ אָט די אַלע פײַנשמעקער אונ פּוריסטנ, וואָס קאָנענ ניט פארטראָגנ דעמ „לאָשנ״ פונ דער ייִדישער רעוואָליוציאָנערער ארבעטער־זשורנאליסטיק. די מיטגלידער פונעמ י. ל. פּערעצ־שרײַבער־פאריינ, מיט ווייניק אויסנאמענ, זײַנענ די גרעסטע סאָנימ פונ דער רעוואָליוציאָנערער ארבעטער־באוועגונג. א גרויסער טייל פונ זיי איז אקטיוו באשעפטיקט מיטנ פארשפּרייטנ די ווילדסטע ליגנס אונ בילבולימ וועגנ דעמ רעוואָליוציאָנערנ קאמפ פונעמ פּראָלעטאריאט. ספּעציעל האָבנ זיי זיכ אויסגעצייכנט מיט זייער מאָרד־פּאטריאָטישער העצע אונ מיט זייערע פּאָגראָמ־ארטיקלענ קעגנ דער „פרײַהײַט״ אונ קעגנ דער ייִדישער רעוואָליוציאָנערער ארבעטער־באוועגונג אינ דער צײַט פונ דער ציִענ־וואקכאנאליע. טאָגטעגלעכ פאלנ אָנ אָט די שרײַבער אפ דעמ סאָציאַליסטישנ ראטנפארבאנד אונ אפ אַלע זײַנע אופטוענ.

אינ די לעצטע פּאָר יאָר, נאָכ ביז דער גרינדונג פונעמ „פּראָלעטפּענ״, האָבנ שוינ די שרײַבער פונ דער „פרײַהײַט״ קימאט ניט געהאט קיינ באציִונגענ מיט דעמ י. ל. פּערעצ־פאריינ. זיי האָבנ ניט געצאָלט קיינ מיטגלידאָפּצאָל, זיי פלעגנ ניט קומענ צו די פארזאמלונגענ א. אז. וו. פאָרמעל אָבער האָט מענ ניט איבערגעריסנ מיטנ פאריינ. דאָס איז, פארשטייט זיכ, געווענ א פעלער, עס איז אמאָל נייטיק צו האָבנ אינזינענ אויכ די פאָרמעלע זײַט.

עס איז פאקטיש ניט געווענ קיינ איינ זאכ, וואָס זאָל די „פרײַהײַט״־שרײַבער פאריייניקנ מיט די בורזשואזע שרײַבער. וועגנ געמיינזאמע עקאָנאָמישע אינטערעסנ איז געוויס ניט געווענ וואָס צו ריידנ. דער י. ל. פּערעצ־פאריינ האָט, צומ בײַשפּיל, אײַנגעשטעלט א געוויסנ מינימומ־געהאלט פאר די צײַטונג־שרײַבער — עס האָט דאָכ אָבער גאָר קיינ רייד ניט געקענט זײַנ, אז וועגנ די פּראָפעסיאָנעלע אינטערעסנ פונ קאָמוניסטנ־שרײַבער אינ א קאָמוניסטישנ אָרגאנ זאָל זיכ ארײַנמישנ א פרעמדער, א קלאסנ־פרעמדע אָרגאניזאציע. וואָס איז שײַעכ גײַסטיקע אינטערעסנ, האָבנ די שרײַבער פונ דער „פרײַהײַט״ געהאט פונקט אזויפיל געמיינזאמס מיט די בורזשואזע שרײַבער, ווי דער ארבעטער־קלאס — מיטנ קאפּיטאליסטנ־קלאס.

די העסלעכע שטעלונג פונ דעמ י. ל. פּערעצ־פאריינ צו די מיטארבעטער פונ דער „מאָרגנ־פרײַהײַט״ אינ פארבינדונג מיט דער פּאלעסטינע־פראגע האָט נאָר באוויזנ זײַנ עמעסנ כאראקטער. מענטשנ, וואָס שרײַבנ געוויינלעכ ניט לויט זייערע איבערצײַגונגענ, נאָר לויט דער פאָדערונג פונעמ מארק, פונ דער צײַטונג, וואָס צאָלט זיי, האָבנ פּראָטעסטירט קעגנ קאָמוניסטנ, וואָס פארטיידיקנ זייערע קלאסנ־פּרינציפּנ, אונ דערקלערט אפ זיי א כיירעמ.

די בעסטע כאראקטעריסטיק פונ דעמ י. ל. פּערעצ־שרײַבער־פאריינ האָט געגעבנ מוישע נאדיר אינ דעמ פאָלגנדיקנ ליד:

„איך קען אײַך גוט, איך קען אײַך אויסגעבונדן,
איר טעמנע ייִדיש־שרײַבער פונ דער שטאָט ניו־יאָרק;
איר לעקט די האנט, וואָס מאכט אונדז טויטע ווונדן,
אונ נעמט אומשטערבלעכקײַט באַם פאָלק אפ באָרג.

איך קען אײַך גוט, איך קען דאָך אײַך פריזענלעך,
איר פעדער־קנעכט, איר אלטע ווערטער־פעדלער;
איר פוצט זיך אויס מיט פראזונדיקע פערלעך
אונ רעדלט רייד, ווי מאצעס — מאצע־רעדלער.

... איך קען אײַך לאנג. איך וויל אײַך מער ניט קענען,
איר פינצטערע פארעטער פונ א קלאס;
בא דעם פײַער פונ צוויי וועלטן, וועלכע ברענען,
פארויכערט איר זיך שטיל א פאפיראָס".

אלע שרײַבער, וואָס שטייען אפן שטאנדפונקט פונעם פראָלעטארישן קלאסנקאמפ, האָבן אפ דער רעזאָליוציע פונעם י. ל. פערעץ־שרײַבער־פאריין געענטפערט מיטן אָנשליסן זיך צום „פראָלעטפען".

די ציִעניסטיש־גענאָסיש־פאשיסטישע כוואליע האָט אראָפּגעשווענקט בלויז דאָס פארדארטע, דאָס פארפוילטע, דאָס, וואָס האָט קיינמאָל ניט געוואָרצלט אינ די ארבעטער־מאסן. די עמעסע געדיכטע אונ טיפע שיכטן פונ די ייִדישע רעוואָליוציאָנערע ארבעטער זײַנען ארויס נאָך מער געלײַטערט נאָכן שאָוויניסטישן שטאַד. די כוליגאנישע העצעס, די איבערפאלן אפ דער „פרײַהײַט", אפ ארבעטער־אָרגאניזאציעס אונ אפ לייענער פונ דער צײַטונג; די בלוטיקע אטאקעס פונעם פארייניקטן פראָנט פונ דער ייִדישער רעאקציע אפ די פארזאמלונגען פונ די רעוואָליוציאָנערע ארבעטער — דאָס אלץ האָט בלויז פארהארטעוועט זייער ווילן, מער אָנגעשטאָלט זייער גײַסט, מער פארשטארקט זייערע איבערצײַגונגען, מער קריסטאליזירט זייער קלאסנ־אידעאָלאָגיע, מער קאָנסאָלידירט זייערע אָרגאניזאציעס.

דאָס האָבן באוויזן די גראנדיִעזע פארזאמלונגען, וועלכע זײַנען פאָרגעקומען אינ אלע שטעט פונעם לאנד קעגן דער צעיושעטער ייִדישער מאָרד־רעאקציע. דאָס האָט אויך באוויזן דער דערפאָלג פונ די געלט־זאמלונגען פאר דער „מאָרגנ־פרײַהײַט", ווען די צײַטונג האָט זיך געווענדעט צו די ארבעטער־מאסן וועגן געלט־שטיצע. דאָס האָט אויך באוויזן דער גראנדיִעזער ארבעטער־מישפעט אינ ניו־יאָרק דעם 22־טן סענטיאבער איבער די פענ־קנעכט פונ דער ייִדישער פרעסע אונ איבער די שרײַבער־דעזערטירן. צום מישפעט איז געקומען ארום 5 טויזנט ארבעטער. אפ אים איז צונויפגעזאמלט געוואָרן פאר דער „מאָרגנ־פרײַהײַט" העכער טויזנט דאָלער אינ מעזומען. דאָס האָט אויך באוויזן די גרויסע קאָנפערענץ מיט הונדערטער פארטרעטער פונ ארבעטער־אָרגאניזאציעס, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 28־טן סענטיאבער אינ ניו־יאָרק, די קאָנפערענץ קעגן די ציִענ־וואקכאנאליקער אונ פאר דער „מאָרגנ־פרײַהײַט". דאָס האָבן באוויזן די אלע ענלעכע דערפאָלגרײַכע קאָנפערענצן, מישפאָטים אונ פארזאמלונגען איבערן גאנצן לאנד.

דער מישפּט פון די 5 טויזנט יידישע רעוואָליוציאָנערע אַרבעטער פון ניו־יאָרק האָט דעמלט אַרויסגעגעבן דעם אורטייל, אַז רייזען, ליוויק און מענאכעם זיינען שולדיק אין פאַרבינדן זיך מיט די העסלעכע שאָוויניסטן און סאָנים פון דער אַלוועלטלעכער אַרבעטער־באַוועגונג, זיי זיינען שולדיק אין פאַרבינדן זיך מיט די פאַשיסטישע העצער, וואָס זיינען אויסן צו באַקעמפן די רעוואָליוציאָנערע אַרבעטער אָרגאַניזאַציאָנעל און אונטערצוגראָבן די עקזיסטענץ פון דער „מאָרגן־פרייהייט". די בריוו פון רייזענען און ליוויקן, וואָס זיינען לויט זייער פאַרלאַנג פאַרעפנטלעכט געוואָרן באַם מישפּט, זיינען אַנטשיידן צוריקגעשליידערט געוואָרן פון אַלע פאַרזאַמלטע (אַגעוו, ווי איר זעט, האָט מען אויך אָפּן מישפּט אויסגעטײלט ראַבאָיען פון דער יידישער „טרויקע", פון די איבעריקע 3 מושקעטיאָרן און ריטער פונעם יידישן וואָרט. מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט, אַז דאָס איז ניט געווען קיין צופאַל).

דער פּאָרטראַג פונעם כ' אָלגין באַ דער גרינדונג פון „פּראָלעטפּען" איז שפּעטער פאַרקערפּערט געוואָרן אין דער פּרינציפּן־דערקלערונג און אינעם סטאַטוט פון דער פּראָלעטאַרישער שרייבער־אָרגאַניזאַציע, וואָס די אויסגעוויילטע קאָמיסיע האָט אויסגעאַרבעט. די צוגעשטעלטע פּראָגראַם איז אין פּרינציפּ באַשטעטיקט געוואָרן פונעם „פּראָלעטפּען". מע האָט בלויז אַריינגעטראָגן געוויסע קלענערע און טעכנישע ענדערונגען. מע האָט באַשטימט עס ענדגילטיק נאָכאַמאָל צו רעדאַקטירן. אויך שפּעטער זיינען עטלעכע מאָל אָנגענומען געוואָרן אַזעלכע באַשלוסן צו רעווידירן און צו רעדאַקטירן די פּראָגראַם פון „פּראָלעטפּען". אַפּ וויפל איך געדענק, האָט מען עס אָבער קיינמאָל ניט דורכגעפירט.

די הויפּט־פּונקטן פון דער פּראָגראַם, אַפּ וויפל איך האָב זיי געקענט רעסטאַווירן, זיינען געווען אומגעפער אַזעלכע:

דער נאָמען פון דער ניי־געגרינדעטער אָרגאַניזאַציע איז פּראָלעטאַרישער שרייבער־פאַרבאַנד „פּראָלעטפּען".

דער פּ. ש. פּ. קוקט אַפּ זיך, ווי אַפּ אַן אינטעגראַלן טייל פון דער רעוואָליוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן, וועלכע איז אַ טייל פון דער אַלוועלטלעכער רעוואָליוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג. דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל און די קאָמוניסטישע פּאַרטייען שפּילן אין דער באַוועגונג די אָנפירנדיקע ראָליע.

דער פּ. ש. פּ. קוקט אַפּ דער ליטעראַרישער טעטיקייט, ווי אַפּ אַ טייל פון דער אידעאָלאָגישער אַרבעט, וואָס ווערט געטאָן פאַר די אינטערעסן פון די פאַרשיידענע קלאַסן. דער פּ. ש. פּ. שטעלט זיך פאַר זיין ציל אָנצופירן די אינדיווידועלע און קאָלעקטיווע אַרבעט פון זיינע מיטגלידער אין די אינטערעסן פון דעם אַרבעטער־קלאַס. דער פּ. ש. פּ. באַטראַכט די ליטעראַרישע און קולטורעלע אַרבעט אין דער זעלביקער ריי, ווי די איבעריקע טעטיקייטן, וואָס העלפן אויפקלערן, אָרגאַניזירן און מאָביליזירן די אַרבעטער צום קאַמף פאַר דער מאַכט.

דער פ. ש. פ. שטרעבט צו פאראייניקן אלע פראָלעטארישע קויכעס אין דער יידישער ליטעראטור, צו פארבעסערן זייערע שאפונגען און צו סטימור־לירן זיי צו ווייטערדיקע דערגרייכונגען. אפ אזא אויפן איז דער פאריין אויך א לאבאראטאָריע, ווו עס ווערט אויסגעקריסטאליזירט און פארפיינערט די אידעאָלאָגיע און די פראָדוקטיווע טעטיקייט פון די מיטגלידער.

דער פ. ש. פ. שטרעבט ארויסצוברענגען פון זיינע מיטגלידער דאָס העכסטע, צו וואָס זיי זיינען פייאיק לויט זייערע טאלאנטן. דאָס הייסט, ער שטרעבט צו פולקומענקייט אין אלע געביטן פון זייער שאפן.

דער פ. ש. פ. קוקט אפ פראָלעטארישער ליטעראטור, ווי אפ א ליטעראַטור, וואָס, באוואָפנט מיטן קלאסן־אנאליז, באטראכט זי די גאנצע וועלט, די גאנצע קעגנווארט, פארגאנגענהייט און טיילווייז די צוקונפט — אפ וויפל דאָס איז מעגלעך אין היינטיקער עפּאָכע — מיט די אויגן פון דעם קלאסנבאוווסט־זיניקן פראָלעטאריאט. דאָס באטייט ניט פארשמעלערן, נאָר אומענדלעך פאר־ברייטערן דעם האָריזאָנט פון דער ליטעראטור און פון אירע לייענער.

דער פ. ש. פ. באקעמפט די נאציאָנאליסטישע אידעאָלאָגיע און די קונסט־צוליב קונסט־טעאָריע, וואָס לייקנט די עקזיסטענץ פון א קלאסן־ליניע אין דער קולטור. איינער פון די צוועקן פונעם פ. ש. פ. איז: אופצודעקן דעם קלאסן־כאראקטער פון דער אזויגערופענער „נייער קולטורדיסטישער" וועלט־אָנשויונג און צו באקעמפן די בורזשואזע אידעאָלאָגיע, וואָס באהאלט זיך הינטער אן אומפארטייישער מאסקע.

דער פ. ש. פ. באטראכט דאָס שאפן פראָלעטארישע ליטעראטור פאר א טייל פון פראָלעטארישער קולטור ביכלאל, וועלכע איז אינטערנאציאָנאלע קולטור פון איין־און דעם זעלביקן ארבעטער־קלאס, פאר איין־און דעם זעל־ביקן ציל — צו צעברעכן די קאפיטאליסטישע הערשאפט און אופצושטעלן די דיקטאטור פונעם פראָלעטאריאט.

דער פ. ש. פ. קוקט אפ סטאם „נאציאָנאלע קולטור", ווי אפ א געצייג אין די הענט פון דער בורזשואזיע, ווי אפ א געצייג, וואָס זי נוצט אויס צו פאר־ווישן די קלאסן־ליניעס אין איר „נאציע". מיר נעמען פון אָט דער נאציאָ־נאלער קולטור דאָס, וואָס קען זיין וווערטפול פאר דעם ארבעטער־קלאס, אָבער אונדזער צוועק איז צו שאפן פראָלעטארישע קולטור.

מיר זעען דייטלעך דעם אינטערנאציאָנאלן כאראקטער פון דער פראָלע־טארישער קולטור, וועלכע ווערט געשאפן אפ אלערליי שפראכן, אָבער דורך איין קלאס און מיט איין היסטאָרישן צוועק. מיר זאָגן דעריבער: אונדזער אופגאבע איז צו שאפן פראָלעטארישע קולטור אפ יידיש — אלס א טייל פון דער אינטערנאציאָנאלער פראָלעטארישער קולטור.

מיר געפינען, אז שאפן אזא קולטור איז מעגלעך נאָר אינעם ענגסטן קאָנ־טאקט מיטן קעמפנדיקן ארבעטער־קלאס, סיי אינעם טאָגטעגלעכן לעבן, סיי אין אלע מאָמענטן פונעם רעוואָליוציאָנערן אופבוויז.

מיר באטראכטן זיך ניט פאר א פריווילעגירטע גרופע מיט א באזונדערן ווערט; מיר האָבן ניט קיין ספעציעלע מיסיע — אנדערש ווי די מיסיע פון דער

ארבעטער־באוועגונג. מיר זײַנען פ ע ן־א ר ב ע ט ע ר, דאָס הייסט מענטשן, וואָס זייער ספּעציפֿישער אינסטרומענט אינעם פּראָלעטארישן קלאסנקאמף איז דאָס געשריבענע וואָרט.

מיר זײַנען א קעמפֿעריישער פֿארבאנד. מיר נוצן אונדזער געווער קעגן דער מעלוכע, קעגן דעם קאפּיטאליזם, קעגן דעם רעפֿאָרמיזם, קעגן דעם נאַציאָנאליזם (ייִדישן ביפֿראט), קעגן אלע טעאָרעטיקער פֿון דער בורזשואזיִע. מיר שטייען אין די ערשטע רייען פֿון דעם קאמף פֿאר דער רעוואָליוציאָנער ארגאניזאציע פֿון ארבעטער־קלאס, פֿארן רעוואָלוציאָנערן קלאסנקאמף, פֿארן רעוואָליוציאָנערן אויפֿשטאנד פֿון די קאָלאָניאלע מאסן, פֿאר אינטערנאַציאָנאליזם, פֿאר סאָוועטיזם, פֿארן סאָוועטן־פֿארבאנד.

מיר שטעמפּלען מיט פֿאראכטונג די ניט־אהין, ניט־אהער־מענטשן, די וואַקלדיקע, ווייכהויטיקע, וואָס הײַנט זײַנען זיי קלוימערשט מיטן ארבעטער־קלאס, און מאָרגן ליגן זיי אפֿן בוזעם פֿון דער בורזשואזיִע.

די פּראָגראם איז צו אלגעמיין, לײַדט פֿון אבסטראקטקײַט, זי רעדט ניט וועגן די ספּעציפֿישע פּראָבלעמעס פֿונעם ליטערארישן שאפֿן (שעפֿערישער מעטאָד, פֿאָרם און אינהאלט), זי רעדט צו אויבנאויף וועגן דער פּראָבלעם פֿון ירושה, זי האָט א מעכאניסטישע אײַנשטעלונג בנוגע דער ספּעציפֿיק פֿון ליטעראטור, ס'פֿעלט אין איר א קלאָרע פֿאָרמולירונג פֿון דער נאַציאָנאלער פּראָבלעם אפֿן געביט פֿון דער פּראָלעטארישער קולטור־בויונג, זי גיט ניט קיין קריטיק פֿון די שעדלעכע אײַנפֿלוסן און טראדיציעס פֿון דער בורזשואזער ליטעראטור. דאָס באווײַזט בלויז, אז סײַ די פּראָלעטארישע שרײַבער, סײַ די פּראָלעטארישע קריטיקער זײַנען נאָך דעמלט ניט געווען אימשטאנד אויפֿצוהייבן די דאָזיקע פּראָבלעמעס. מ'האָט עס נאָך אפֿילע ביז איצט ניט געטאָן ווי געהעריק. אָבער אפֿילע אָט די אלגעמיינע פּראָגראם איז געווען וויכטיק דערמיט, וואָס זי האָט מיטגעהאָלפֿן אויפֿצושטעלן א הויכע באריקאדע צווישן דעם פּראָלעטארישן שרײַבער מיט דעם „דיכטער־באלעבעסל”.

פֿון די פּרינציפּן ביז דער פּראקטיק איז נאָך אויך דעמלט געווען א גרויסער מעהאלעך. א גרויסער טייל פֿון דער שרײַבערישער פּראָדוקציע איז נאָך ווײַט ניט געווען פּראָלעטאריש. די בורזשואזע אײַנפֿלוסן און טראדיציעס זײַנען נאָך געווען צו טיף אײַנגעגעסן.

איך האָב שוין אָנגעוויזן, אז טיילווײַז איז אין דעם געווען שולדיק דער אומנאָרמאלער צושטאנד, אין וועלכן עס האָט זיך יאָרן לאנג געפֿונען „די פֿרײַהײַט”. און אין דעם צושטאנד פֿון דער „פֿרײַהײַט” איז אסאך געווען שולדיק די אלגעמיינע לאגע אין דער אמעריקאנישער קאָמפּארטיי ביכלאל און איר ייִדסעקציע ביפֿראט. די שרײַבער גופֿע — אינדיווידועל — זײַנען געוויס אויך געווען אסאך שולדיק פֿאר דעם שלעכטן צושטאנד פֿון זייער ליטערארישער פּראָדוקציע.

דער „פּראָלעטפּען” האָט געזאָלט ווערן די לאבאָראטאָריע אפֿ בײַצוקומען

די שעדלעכע אײַנפלוסן און טראַדיציעס. ער האָט געדאַרפט פּרוּוון, אָפּוואַרפן, פאַרבעסערן, אַנטדעקן, ברענגען צום אויסדרוק די באַהאַלטענע ענערגיע און שטויסן פאָרויס די אַנטוויקלונג פון אַ גרויסער, רײַכער ייִדישער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור אין אַמעריקע. דער „פּראָלעטפּען" האָט אַרײַנגעטראָגן וואַרעמקייט, כוואַרישע סטימולירונג, פּראָלעטאַרישע קריטיק און פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזירטקייט אין דער אַרבעט פון די יונגע פּראָלעטאַרישע שרײַבער.

די יונגע שרײַבער, די מיטגלידער פון די פריערדיקע פּראָלעטאַרישע שרײַבער־אָרגאַניזאַציעס, זײַנען געווען דער קערן פונעם „פּראָלעטפּען". די צווייטע גרויסע גרופּע איז באַשטאַנען פון די פּובליציסטן־מיטאַרבעטער פון דער „פרײַהײַט", וואָס זײַנען אַרײַן אַלס מיטגלידער אין דעם נײַעם אַלגעמײנעם פּראָלעטאַרישן שרײַבער־פאַרבאַנד.

די גרינדונג פון „פּראָלעטפּען" איז געפײַערט געוואָרן אין ניו־יאָרק מיט אַ גרויסער אַרבעטער־פאַרזאַמלונג דעם 10־טן נאָיאַבער. אויף דער פײַערונג, צו וועלכער עס זײַנען געקומען 6 הונדערט אַרבעטער, זײַנען די מיטגלידער פון „פּראָלעטפּען" אַרויסגעטראָטן מיט רעדעס און מיט פאָרלעזונגען פון זייערע שאַפונגען. צו דער פײַערלעכער גרינדונג־פאַרזאַמלונג זײַנען אָנגעקומען באַגריסונגען פונעם רויטן אינדוסטריעלן פּראָפאַריין פון נאָדל־אַרבעטער, פון דער „מאָרגן־פרײַהײַט", פון דער ייִדישער ביוראָ פון דער אַמעריקאַנישער קאָמפּאַרטיי, פון דעם פאַרבאַנד פון אַרבעטער־קלובן, פון די אַרבעטער־קינדער־שולן, פונעם „פרײַהײַט"־געזאַנג־פאַריין, פונעם אַרבעטער־טעאַטער־פאַרבאַנד און פון אַנדערע רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס. אויף דער פאַרזאַמלונג איז אויך אַרויסגעטראָטן מיט אַ באַגריסונג אַ פאָרשטייער פון דעם דזשאָן ריד־קלוב, די ערשטע אָרגאַניזאַציע פון אַמעריקאַנישע רעוואָלוציאָנערע שרײַבער און קינסטלער, וועלכע האָט זיך געגרינדעט קימאַט און אייַנצײַט מיטן „פּראָלעטפּען".

די באַגריסונגען האָבן באַוויזן, אַז די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־באַוועגונג האָט אָפּגעשאַצט דעם „פּראָלעטפּען" אַלס אַ וויכטיק געווער אינעם קלאַסנקאַמף. דער „פּראָלעטפּען" האָט אַרויסגעשטעלט דעם לאָזונג „מיט דער פּען אין קלאַסנקאַמף".

דער פּראָלעטפּען האָט זיך באַלד נאָך דער גרינדונג אַ נעם געטאָן מיט אימפּעט פאַר קאָנקרעטער אַרבעט. מע האָט אויסגעאַרבעט אַ פּראָגראַם פון טעטיקייט פאַר די ווינטער־כאַדאָשים. מע האָט דורכגעפירט לעקציעס, ליטעראַרישע אָוונטן, אָוונטן פון קריטיק פון די שאַפונגען פון די מיטגלידער א. אז. וו. די „פּראָלעטפּעניקעס" זײַנען אַרויסגעטראָטן מיט פאָרטראַגן און מיט פאָרלעזונגען פון זייערע שאַפונגען אין צענדליקער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס. דער „פּראָלעטפּען" האָט זיך אויך פאַרבונדן מיט דעם ראַט פון די רויטע פּראָפאַריינען און זיך אָן אים אָנגעשלאָסן. די „פּראָלעטפּעניקעס" האָבן דירעקט געהאָלפן דער „פרײַהײַט" מיט קינסטלערישן רעפּאָרטאַזש און האָבן זיך אַקטיוו באַטייליקט אין אַלע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע קאַמפן און קאַמפּאַניעס פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג. מע האָט אויך אָנ־

געהויבן פלאַנעווען אַרויסצוגעבן אַ ליטעראַרישן זשורנאַל, וואָס איז רעאַלי־זירט געוואָרן ערשט אין דעקאַבער 1930 מיטן אַרויסגעבן דעם זאַמלבוך „יוגיאָן סקווער".

אַ שעפערישע דיסקוסיע

איידער מיר גייען אַריבער צום ווײַטערדיקן וועלן מיר נאָך דערציילן וועגן דער ערשטער (נאָך דער גרינדונג פון „פּראָלעטפּען") גרויסער דיסקוסיע איבער דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, וואָס איז געפירט געוואָרן אויף די שפּאַלטן פון דער „מאָרגן־פרײַהײַט" אין אָנהייב 1930.

מע דאַרף קאָנסטאַטירן, אַז נאָכוייענישן פון רעכטע און לינקאַטשישע קליינבירגערלעכע שטימונגען זײַנען געווען בײַ די מיטגלידער פון „פּראָלעט־פּען" אויך נאָך זײַן גרינדונג. דאָס איז געווען פאַרקערפּערט אויך אין זייערע שאַפונגען. אַפילו אויף דער גרינדונג־פאַרזאַמלונג, געדענק איך, האָט יאָסל קאָהן און אַנדערע געטענהט בײַס דער דיסקוסיע איבער כ׳ אַלגינס פּאָרטראַג וועגן דעם, אַז די ליניע איז אַ צו שטרענגע, אַז מע באַגרענעצט צופיל דעם אינהאַלט פון דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור, אַז מע מעג געבן ווערק מיט צאַר, טרויער, ייִעש, אויף וויפל דאָס איז אויך פאַראַן בײַ אַלע מענטשן און אויך בײַ אַרבעטער, אַז סימבאָליזם איז אויך אַ שעפערישער מעטאָד פאַר דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור א. אז. וו. אָט די רעכטע שטימונגען האָבן זיך שפּעטער אויסגעקריסטאַליזירט בײַ אַ גאַנצער גרופּע שרײַבער, ווי קאָהן, גרינ־שפּאַן, סאָברין, קאַץ, קראַוועץ א. אנד. זיי האָבן שפּעטער צוזאַמענגעשטעלט אַ גאַנצע אָפּאָזיציע־גרופּע אין „פּראָלעטפּען", און אין 1931 איז אַפילו גע־קומען דערצו, אַז אייניקע פון זיי זאָל מען אויסשליסן, אַז אייניקע פון זיי זאָלן אַליין פאַרלאָזן דעם „פּראָלעטפּען" (אייניקע פון די אָפּגעגאַנגענע זײַנען שפּעטער צוריקגעקומען אין „פּראָלעטפּען"). עס זײַנען געווען וואַקלעניש, זוכענישן און רײַבונגען. עס האָבן זיך געהערט מיינונגען, אַז „שיינקײַט" אַליין איז אַ „טאָכ" פאַרן אַרבעטער־קלאַס. עס האָבן זיך געהערט דעקלאַראַציעס, אַז „וואָס זאָלן מיר טאָן, אויב אין אונדז איז דאָ אַזויפיל אומעט". עס האָבן זיך געהערט פאָדערונגען: „גיט אונדז אַ ברייטע און מעכטיקע אַרבע־טער־באַוועגונג, גיט אונדז אַ רעוואָליוציע, וועלן מיר האָבן וועגן וואָס צו שרײַבן. דערווײַל איז דאָס אַמעריקאַנישע אַרבעטער־לעבן צו שמאָל פאַר אַ קינסטלער".

ס'איז אינטערעסאַנט צו פאַרצייכענען, אַז אויך אין פסרר האָבן זיך אין יענער צײַט, אין 1929 יאָר, נאָך געהערט איינצלנע שטימען פון מיטלויפערי־שע דיכטער (מאַרקיש), אַז קיין פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור איז נאָך ניט פאַראַן.

אָט די קליינבירגערלעכע נאָכוייענישן האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אין אַ דיס־קוסיע אויף די שפּאַלטן פון דער „פרײַהײַט". די דיסקוסיע האָט זיך אָנגעהויבן מיט דעם אַרטיקל פון יאָסל קאָהן „צו וועמען טײַנעס?" („מאָרגן־פרײַהײַט",

10־טער פעווראל 1930), אלס אנ ענטפער אפ פרויקעס שווארצמאַנס ארטיקל „דער וועג צו פּראָלעטארישער ליטעראטור“ („מאָרגנ־פרײַהײַט“, 17־טנ יאנ־ווער 1930). שווארצמאַנס ארטיקל איז געווענ א לינקאטשישער, פּונקט ווי דער ארטיקל פונ קאָנענ האָט אויסגעדריקט רעכטע שטימונגענ. ביידע האָבנ אָפּגעשפּיגלט די קליינבירגערלעכע נאָכוויייענישנ אינעמ „פּראָלעטפּענ“, נאָר פונ פארשיידענע זײַטנ.

שווארצמאַנ איז ארויסגעקומענ מיט דעמ טעזיס, אז עס איז נאָכ פּאקטיש נישטאָ אינ אמעריקע קיינ פּראָלעטארישע ליטעראטור, אז די „פּראָלעטפּעני־קעס“ „שעפּנ זייער קינסטלערישע יעניקע ניט פונ דער מאָראל אונ לעבנשטײַגער פונ דעמ ארבעטער־קלאס, נאָר פונ דעמ אונטערגייענדיקנ בורזשואזנ קלאס“. ער האָט אויכ דערקלערט, אז אויב די ארבעטער „אפּלאָדירנ באגײַסטערט אונדזערע פארלעזונגענ, איז דאָס מער קרעדיט דערפאר, וואָס מיר האלטנ זיכ פאר קינסטלער אונ קומענ צו זיי מיט אונדזערע ווערק, ווי דערפאר, וואָס אונדזערע ווערק געפינענ א טיפנ אָפּקלאנג אינ זייער נעשאָמע“.

איז געקומענ יאָסל קאָנ אונ אנטוויקלט א טעזיס פונ א צווייטנ, פונ א רעכטנ עקסטרעמ. ער האָט שוינ געפּרוווט איינגאנצנ אריבערלייגנ די פּראגע פונ א קראנקנ קאָפּ אפ א געזונטנ. ער האָט דערקלערט, אז די ארבעטער זײַנענ שולדיק, וואָס פּראָלעטארישע שרײַבער געפינענ צו זיי ניט דעמ שליסל. ער האָט ארויסגעשטעלט א טײַנע, אז מע גלאָריפיצירט (אידעאליזירט) צופיל די ארבעטער־מאסנ, אז די ארבעטער־מאסנ זײַנענ אינדערעמעסנ „נישט דערגאנגענ צו אופנעמענ די שאפונגענ פונ דעמ איצטיקנ דאָר פּראָלעטארישע קינסטלער“. אונ „צווייטנס, אכוצ דעמ, וואָס ביכלאל זײַנענ די אָנהייבנ פונ יעדנ קינסטלער שווער, קומט נאָכ אויס דעמ הײַנטיקנ קינסטלער צו שאפנ פאר א מאסע, וואָס טראָגט אינ זיכ די אײַנגעוואָקסענע טראדיציע פונ באָוושאָווערס, עדעלשטאטס אונ ראָזענפעלדס לידער־זינגערײַ“. ער האָט אויכ געטײַנעט, אז „די מאָרגנ־פרײַהײַט“ דערנעענטערט גראפאָמאניע (ער האָט געמיינט די פּאָליטישע לידער, וואָס ווערנ דאָרטנ געדרוקט), אונ אויכ, אז מע האָט פונ דער פּראָלעטארישער שאפונג „ברוטאל פארוואָרפנ“ זייער וויכטיקע מאָטיוונ (טרויער, טויט), וואָס זײַנענ אינדערעמעסנ, — זאָגט ער, — פונ גרויסע נוצנ פאר דער פּראָלעטארישער קונסט. קאָנ אטאקירט אויכ די פּראָלעטארישע קריטיק, וואָס האָט זיכ פארנומענ בלויז מיט גלאָריפיצירנ די מאסנ אונ ניט מיט זייער דערציִונג.

נאָכדעמ איז אינעמ נומער פונעמ 17־טנ פעווראל 1930 געקומענ אנ ארטיקל „נישט דאָס איז דער וועג“ (אויכ אנ ענטפער שווארצמאַנענ) פונ א. פּאָמעראנצ.

פּאָמעראנצ פּאָלעמיזירט מיט שווארצמאַנענ אונ ווײַזט אָנ, אז גערעכט איז כ' אָלגינ, וועלכער האָט דעמלט געשריבנ: „אונדזער היגע יידישע פּראָלעטארישע ליטעראטור וואקסט. טאלאנטנ ווערנ אלצ מער אויסגעקריסטאליזירט. די אָריענטאציע גייט אלצ מער אפ דער ליניע צומ ארבעטער אונ מיטנ ארבעטער. די אידעאָלאָגיע ווערט קלאָרער. יונגע שרײַבער, וואָס האָבנ אסאכ גע־

בלאָנדזשעט, טאפּנ סאָפּקאָלסאָפּ אָנ דעמ געזונטנ פּראָלעטארישנ וועג", אונ ניט שווארצמאנ, וועלכער פארלייקנט אינגאנצנ די פּראָלעטארישע ליטעראטור.

פּ. זאָגט אינעמ ארטיקל:

„זיכער דארפ מענ ניט איבערשאצנ אונדזערע דערגרייכונגענ אפּנ „פּראָלעטפּענ"־פראָנט; זיכער מוז מענ שארפ באקעמפּנ די באלעבאטישע איינפלוסנ אונ אָפּנויגנ פונ דער פּראָלעטארישער אידעאָלאָגיע. אָבער דאָס ניט דערשאצנ דעמ אָנהייב פונ דער פּראָלעטארישער ליטעראטור אינ אמעריקע קענ אויכ זײַנ א גרויסע שטערונג פאר איר ווײַטערדיקער אנטוויקלונג. דער לעצטער וועג איז ניט וויניקער געפערלעכ".

ער זאָגט אויכ, אז

„פּראָלעטארישע ליטעראטור קומט אלס רעזולטאט פונעמ קלאסנקאמפּ, אלס רעזולטאט פונ א געראנגל פונ קלאסנ־קויכעס אינ דער ליטעראטור. פּראָלעטארישע ליטעראטור וואקסט צוזאמענ מיטנ וווקס פונ דער גאנצער פּראָלעטארישער קולטור".

אגעוו, ווײַזט ער אויכ אָנ אינ אָט דעמ ארטיקל אפּ א צווייטנ שעדלעכנ מעטאָד פונ דער פּראָלעטארישער קריטיק אינ דער „פרײַהײַט", אפּ „דעמ מעטאָד פונ מוירע האָבנ פאר א שארפ וואָרט, פונ ניט וועלנ ווי טאָנ דעמ אָדער יענעמ שרײַבער, פונ וועלנ יויצע זײַנ פאר אלעמענ, פונ פארגלעטנ פּעלערנ אונ שרײַבנ אזוי העפלעכ, פּאָרזיכטיק אונ פארשטעלט, אז ניט דער שרײַבער אונ ניט דער לעזער זאָלנ ויסנ גענוי, צי דער קריטיקער בענטשט אָדער ער שעלט — דער מעטאָד פונ אי דער וואָלפּ זאָל זײַנ זאט, אי די ציג זאָל זײַנ גאנצ". מיט איינ וואָרט — קעגנ פארשמירערישער קריטיק.

אויכ מוישע נאדיר האָט זיכ באטייליקט אינ דער דיסקוסיע מיט א זיבנ „פּענ אונ ביקס"־ארטיקלענ וועגנ פּראָלעטארישער ליטעראטור. ער זאָגט דאָרטנ ארויס אסאכ זייער אינטערעסאנטע געדאנקענ וועגנ דעמ אופקומ פונ קונסט ביכלאל, וועגנ בורזשואזער ליטעראטור אונ פּראָלעטארישער ליטעראטור, אסאכ ריכטיקע אונ אסאכ פאלשע אײַנשטעלונגענ. אָט די ארבעט נאדירס פּאָדערט א ברייטערע אָפּהאנדלונג, וואָס מיר קענענ זי דאָ ניט געבנ.

נאדיר הייבט אָנ זײַנ סעריע מיט דעמ פּאָלגנדיקנ ארײַנפיר:

„די פראגע פונ פּראָלעטארישער ליטעראטור רעגט יעדנ פּראָלעט. שרײַבער. אפּ אלע זײַטנ פונ אָט דער פּראָבלעמ זײַנענ טירנ אונ טויערנ. די בורזשואזע קריטיקער צעשטעלנ אומיסנע אינ די קאָרידאָרלעכ פונ דער פּראָבלעמ אלערליי גענאָ־שפּיגלענ, מע זאָל נישט מער זענ נאָר זיכ אליינ, אונ ס'זאָל זיכ אויסדאכטנ, אז מע איז אסאכ... די, וואָס זײַנענ פארפירט פונ יענע שווארצע „נישט גוטע", בלאָנדזשענ טאקע צווישנ זיכ אונ זיכ, אונ מיינענ מיגעדייע, ווי טיפ זיי זײַנענ ארײַנ אינעמ וואלד.

ארומ דער רייצנדיקער נוס, וואָס הייסט „קונסט", זײַנענ אזויפיל שאָלעכצער אופגעוואָקסנ, — שאָלעכצער, וואָס זײַנענ 100 מאָל דיקער ווי די יאָדער, שאָלעכצער, וואָס פרעסנ אופ דעמ קערנ. איידער מע דלובעט ארויס ס'פּיצל נוס פונ די טיפע שאָלעכצ־פאלבנ, פארגייט שוינ דער אפּעטיט צומ עסנ.

און אמאָל פאַרקערט: דערפאַר, ווײַל די זינדיקע נוס איז אָנגעטאָן אין אזא הײליקן פעלץ, רײצט זי נאָך מער די זאַטע בירגערלעכע קונסט־קוינים".

אין א צווייטן אַרטיקל אין דער דיסקוסיע האָט יאָסל קאָן געהאַט טײַנעס אויך צו נאַדירן און געשריבן אין א פּערזענלעכן טאָן. אין א „פען און ביקס" פון 24־טן מאַרס, ווו נאַדיר ענטפערט קאָנען, דערציילט ער, אַגעוו, אז „די כאַוויירים ווייסן, אז איך בין קראַנקערהייט געקומען אין שטאָט אַרײַן צו זייער גרינדונג־פאַרזאַמלונג, קעדיי צו דעמאָנסטרירן, אז איך האַלט מיך כאָלילע נישט גרעסער פון קיין שום אַנדערן פּראָלעטאַרישן פען־אַרבע־טער". ער מאַכט דאָרטן אויך די פאָלגנדיקע דערקלערונג:

„... ס'איז עמעס, אז קאָמוניסטישע שרײַבער האַלטן ניט פון גלעטן זיך איינס ס'אַנדערע איבער די בעקלעך. אָבער איך גלייב, אז פון „פּראָלעטפען" וועט אַרויסוואַקסן פּונקט אַזויפיל פײַקע שרײַבער, ווי פון דעם י. ל. פּערעצ־פאַריין. איך האַלט, אז מיר האָבן אַסאַך פּיקציאָניסטישע (בעלעטריסטישע) טאַלאַנטן, עטלעכע זייער גוטע דיכטער, נאָר גאָר ווייניק זשורנאַליסטן און פּובליציסטן. אין דעם לעצטן איז (נאָך מײַן שטיקל מיינונג) שולדיק דו (יאָסל קאָן) און דײַנס גלײַכן, וואָס האַלטן נאָך אַלץ, אז „בעלעטריסטיק" איז דאָס זאַלץ פון דער ערד, די קרוין פון דער וועלט. דאָס טוט אָן אונדזער באַוועגונג אַסאַך שאָדן. מיר דאַרפן נישט אַזוי די שיינע שרײַבער, וואָס ווילן זיך מאַכן א נאָמען אין דער ליטעראַטור, ווי מיר דאַרפן פּראָסטע קונסט־אַרבעטער, וואָס ווילן דינען בעלייוו וואָנעפעש (מיט לײַב און לעבן) דעם גרויסן ציל פון איבערגעבן די גאַנצע מאַכט דעם אַרבעטער־קלאַס. וועט מען דעטראָנירן די „קונסט צוליב קונסט", וועט מען גיין אין יידישן אַרבעטער־אוניווערסיטעט זיך לערנען, וועט מען אוועקוואַרפן די גײַווע, וועט זײַן גוט און ווויל, וועט דעם „פּראָלעטפען" באַשערט זײַן די גרויסע אַרבעט צו באַדינען דעם רויטן קולטור־פראָנט מיט פּויסט און מיט פען, מיט טינט און מיט בלוט. עלע נישט, וועט מען בלײַבן באַם גוידערן זיך—מיט צוויי קונסט־גוידערס, אָפּן קאַרק און אָפּן פּאָנעם".

דאָס אַנטקעגנשטעלן פּובליציסטיק צו בעלעטריסטיק איז געוויס ניט ריכ־טיק. מע דאַרף האָבןביידע זאַכן. אָבער הייסן, אז בעלעטריסטן זאָלן ווערן אויסשליסלעך זשורנאַליסטן — איז פאַלש. אָט די „לינקאַטשישע" ליניע איז געווען בא אַסאַך אַנדערע יידסעקציע פון דער קאָמפּאַרטיי און בא איינציקע פּובליציסטן פון דער „פרײַהײַט". אין טאָך איז דאָס געווען א רעזולטאַט פון ניטגלייבן אין דער מעגלעכקײַט פון א פּראָלעטאַרישער ליטע־ראַטור אין אַמעריקע און פון דער גרינגשעצונג בענעגייע די יונגע פּראָלע־טאַרישע שרײַבער.

אין דער דיסקוסיע האָט זיך אויך באַטייליקט אַרן קורץ מיט אַן אַרטיקל „ווו האַלטן מיר" (14־טער אַפּרעל 1930).

קורץ האָט מער ווי אַלע אַנדערע געפּרוּווט זיך אָפּשטעלן אָפּ די קאַמפּן, וואָס זײַנען דעמאָלט אָנגעגאַנגען אינעם „פּראָלעטפען" אַרום די פּראַגעס פון „ליטעראַרישן שאַבלאָן" אָדער „פּראָקלאַמאַטאָרישע אַרבעט", וואָס האָט גע־

מיינט די פראגע פון פּאָליטישע לידער אָדער פּאָליטישער זשאנר. ער האָט דער איינציקער געפּרווּווט אופהייבן די פראגעס פון פאָרם און אינהאלט, פון סטיל, זשאנר און שעפערישן מעטאָד. דערבײַ איז ער אליין אַרײַנגעפאלן אין גראָבע טאָעסן פון פאָרמאליסטישן, אידעאליסטישן כאראקטער אָדער אין וואָראָנשטשינע.

דאָס שפּיגלט אָפּ דעם אלגעמיינעם כאאָס, וואָס האָט נאָך דעמלט גע־הערשט אינעם „פּראָלעטפּען" בענעגייע די דאָזיקע פראגעס. דאָס באווײַזט אונדז אָבער אויך, אז די דאָזיקע פראגעס זײַנען שוין אופגעהויבן געוואָרן אין „פּראָלעטפּען". און דאָס אליין איז שוין א סימען פון וווּקס, פון אידעאָ־לאָגישן רײַפווערן, פון פּארטיפּערטן זוכן, כאָטש מיט גוואלדיקע בלאָנ־דזשענישן.

עס זײַנען אין „פּראָלעטפּען" געווען מיינונגען, וואָס האָבן געפאָדערט אויסשליסלעך פּאָליטישע לידער. עס זײַנען געווען קעגנזעצלעכע מיינונגען, אז פּאָליטישע לידער גייען ארויס אינגאנצן פון דער גרענעצ פון ליטערא־טור. אנדערע זײַנען ארויסגעטראָטן קעגן פּאָליטישע לידער אינעם נאָמען פון קאמף קעגן שאבלאָן, קעגן פּראָקלאמאציע־מעסיקײַט, קעגן פארפלאכונג פון דער ליטעראטור א.אז.וו.

קורצ באַרעכטיקט די אָרעמע אין הינזיכט פון קינסטלערישער קוואליטעט פּאָליטישע לידער, ווײַל ער איז „גרייט צו פארבייגן די אייגענע פאָדערונגען, ווען עס קומט די שאָ פון א נייטיקער ווענדונג". ער האלט עס אָבער אינ־דערעמעסן פאר „דער אומוויכטיקסטער פאָרם". און עס אַרט אים, וואָס דאָס „קען ווערן דער סטאנדארט פאר דעם באנײַטן ליטעראטור־פאכ". עס פאלט אים גאָר ניט אײַן, אז אויך פּראָקלאמאציעס, וואָס זײַנען „אָרעם אין קינסטלערישער קוואליטעט", זײַנען שלעכטע פּראָקלאמאציעס און פילן ניט אויס זייער צוועק, און עס פאלט אים גאָר ניט אײַן, אז צו פּאָליטישע לידער דארף מען גאָרניט „פארבייגן די אייגענע פאָדערונגען", זיי זאָלן זײַן רײַך אין הינזיכט פון קינסטלערישער קוואליטעט.

ער זאָגט: „אונדזער רעוואָליוציאָנערע עסטעטיק שטעלט פאר אונדז אי־דעאָלאָגישע גרענעצן, וואָס מיר מוזן היטן. אָבער קיין פאָרמעלע גרענעצן שטעלט זי ניט!" און ער זאָגט אויך, אז אין אונדזער איצטיקן פּראָנט האָבן מיר אומעטום רעוואָליוציע פון אידייע און פון פאָרם, אָבער אין דער ליטעראטור איז בלויז פאראן רעוואָליוציע פון אידייע, אָבער ניט פון פאָרם. דאָ האָט איר א פולשטענדיקן אײַנרײַס צווישן פאָרם און אידייע, פאָרם און אינהאלט. דאָס איז א ריין בורזשואז־פאָרמאליסטישער צוגאנג. ער דריקט עס אויס נאָך שארפער מיט די ווערטער „דערפאר דארפן מיר זיך נאָר באַ־וואָרענען מיט דער אידייִשער גאנצקײַט און געזונטקײַט. דאָס איבעריקע — זאָגט ער — וועט שוין דיקטירט ווערן פון דער אקטיווקײַט פון דער סוויוע צו דעם אינטויִטיוון געהער פון די געהעריקע פאכ־מענטשן". א פולשטענדיקע אָפּגרענעצונג צווישן דער אידייע און דער קינסטלערישער פאָרם! די קינסטלערישע פאָרם, — זאָגט ער, — קומט ניט אין פארבינדונג מיט

דער אידייע, נאָר גאָר פונ דער אקטיװקײט פונ דער סוויווע צו דער אינטויציע פונעמ קינסטלער. אָט האָט איר אײַך די אלטע אָפּגעבליאקעװעטע מאדאמ „אינטויציע“, וואָס פארפירט אײַך באלד אינ דעמ בורזשואז־אידעאליסטישנ „קונסט צוליב קונסט“־דזשונגל!

קורצ רירט אָנ אינ זײַנ ארטיקל נאָכ אנ אינטערעסאנטע פראגע, וועגנ וועלכער עס האָט זיכ גערעדט אינ דער דיסקוסיע אונ אויכ אינ „פראָלעטפענ“.

„אויב מע זינגט ניט די נײַע פראָלעטארישע לידער, — זאָגט קורצ, — זײַנענ שולדיק אינ דעמ אונדזערע מוזיקער. דער פריִערדיקער עלעמענט האָט געזונגענ די פריִערדיקע לידער אָנ מוזיקער, ווײַל זיי זײַנענ געווענ נאָענט צו דער פאָלקסטימלעכער פאשטעס פונ יענער צײַט. געזונגענ האָט מענ זיי, ווי מע זינגט פאָלקס־לידער. הײַנטיקע לידער זינגענ זיכ ניט אליינ“.

קורצ פארענדיקט זײַנ ארטיקל מיטנ פאָלגנדיקנ אבזאצ:

„אונדזער טאלאנט מוז אָפּגעהיט ווערנ קאָלעקטיוו! די ליטערארישע ארבעט פונ דער גאנצער גרופע איז די ליטעראטור פונ דעמ הײַנטיקנ טאָג. מעג יעדער, אינדיווידועל, דערגרייכנ מער אָדער ווייניקער. מיר האָבנ איינ אידייע צו פארטיידיקנ! מוזנ מיר שטיינ זײַט בא זײַט!“

לײװיקיאַדע

(װעגן דער צײַטשריפֿט „די װאָכ״)

„...נו, האָט אײַך, ר׳ ייִדן,
א שליטוועג א גוטן...
איר זענט נישט פֿון שטאָף,
וואָס אין קאמפֿן קען בלוטן.

אַף פּאראד נאָר געקומען
צו גלאַנצן און צירן,
געוואָלט מ׳זאָל סכירעס
און קאָוועד קאווירן...

און אויס מיטן קאָוועד,
און סכירעס — דאָס וועט איר
שוין קריגן אין „פֿאָרווערטס״,
אין נאפּקישע בלעטער.

מיט בלאָטיקע פֿײַלן
פֿון ציִענס לאגער שיסטן,
גו, פּעקלען זיך אַף
די „פֿרײַהײַט״־טוריסטן.

דער שטורעם אריבער,
די שויבן צעבראָכן,
און רייזען און לײוויק
צום סוינע פֿארקראָכן.

צום סוינע פֿארקראָכן —
פֿארברענט זאָל ער ווערן!
איז ביקספּען גענומען,
געצילט אינעם אויג —
אין קופּערנעם שטערן״.

(מ. נאדיר — „א וועלט מיט ארבעט״)

אַף דער גרינדונג פֿונעם „פּראָלעטפּען״ האָבן לײוויק און מעניאכעם געענטפֿערט מיטן ארויסגעבן די וואָכנטלעכע צײַטשריפֿט „וואָכ״. דער ערשטער נומער איז דערשינען דעם 4־טן אָקטיאבער 1929. סאכאקל איז פֿון דער צײַטשריפֿט דערשינען ארום 40 נומערן. די רעדאקציע איז באשטאנען פֿון לײוויק, מעניאכעם און ל. שאפּיראָ. מיט דער „וואָכ״ האָבן די פּסעוודאָ־מיטלויפֿער

זיך געפּרוווט שאַפן אַ טריבונע, פונוואַנען זיי זאָלן קענען „לויט אַלע קלאַלים" אטאַקירן דעם „פּראָלעטפען", די „פרייהייט", די קאָמוניסטישע פּאַרטיי און אַלע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס פון די יידישע אַרבעטער אין אַמעריקע. די וואַקכאַנאַליע איז פאָרגעזעצט געוואָרן מיט קאָלאָסאַלן אימפּעט. זיי האָבן זיך פאַרמאָסטן זייער גרויס, זיי האָבן זיך פאַרמאָסטן נישט מער און נישט ווייניקער, ווי צו צעשמעטערן די גאַנצע יידישע קאָמוניסטישע באַוועגונג. זיי האָבן אָבער געמאַכט דעם כעזשבן אָן דעם באַלעבאָס. זיי האָבן אַ גרויסן טאָעס געהאַט. זייערע הענט זיינען געווען קורץ פאַר אַזאַ אויפגאַבע. אפילו יענע יידישע אַרבעטער, וואָס זיינען אָפּ אַ ווײַלע אַרומגעכאַפּט געוואָרן פון שאָוויניסטישן טשאַד, האָבן זיך שנעל אויסגעטשוכעט. אויך זיי האָבן זיך ניט געוואָלט צוהערן צו דער „וואָך".

וועגן דעם, וואָס פאַר אַ אויפגאַבעס עס האָבן פאַר זיך געשטעלט די „וואָך"-מענטשן און אַף וואָס זיי האָבן זיך פאַרמאָסטן, דערוויסן מיר זיך פון די פאַרענטפערונגען און באַוואָרענישן, וואָס זיי מאַכן אין די לייטאַרטיקלען פונעם ערשטן נומער. אָט וואָס זיי זאָגן:

„דער ערשטער נומער אונדזערער קאָן מאַכן דעם אײַנדרוק, אַזויווי אונדזער אוועדע (אויפגאַבע — א.פ.) זאָל זײַן בלויז אויסקעמפן אַ קאַמף מיט דער פרייהייט". אַזאַ אײַנדרוק וועט זײַן אַ פאַלשער.

עמעס—מיר זײַנען אויפגעקומען אין אַ מאָמענט פון אַ געזעלשאַפטלעכער קאַטאַסטראָפע. אָבער צו דער קאַטאַסטראָפע האָבן געפירט אַסאַך וועגן, און אייניקע פון אונדז האָבן זיך שוין פון פריער געראַנגלט מיט דעם, וואָס האָט צו איר געפירט. איצט זײַנען מיר אַרײַנגעוואָרפן געוואָרן אין אָפענעם קאַמף. אָבער אין טאָג איז דער איצטיקער אָפענער קאַמף מיט דער „פרייהייט" בלויז אַ דירעקטע קאָנסעקווענץ פון די שטילערע קאַמפן פאַר דאָס עכטע און אייגענע אין אונדז, וואָס אייניקע פון אונדז האָבן פריער דאָרט אָנגעפירט אינעווייניק".

זייער אויפגאַבע איז, אַלזאָ, געווען ניט בלויז אָפענער קאַמף קעגן דער „פרייהייט". זיי פאַרמעסטן זיך אַף אַסאַך מער. זיי האָבן דערוואַרט, אַז די יידישע אַרבעטער וועלן זיך אָפּטרייסלען פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג, וויבאַלד די יידישע קאָמוניסטן נעמען ניט אָן זייער נאַציאָנאַליסטישע פּראָגראַם. דערבײַ האָבן זיי געכאָלעמט צו גרופּירן אַרום דער „וואָך" די אוועקגעגאַנגענע יידישע אַרבעטער און צו אָרגאַניזירן זיי אין דער יידישער קולטור-געזעלשאַפט. אָט וויאַזוי זיי גיבן אַרויס זייערע עמעסע קאַוואָנעס.

„מיר וואַרטן—שרײַבן זיי—אַף אַ וואַרעמער אויפנאַמע פון דער „מאָרגן-פרייהייט". די שרײַבער פון יענער צײַטונג וועלן, פאַרשטייט זיך, אויפהייבן אַ גוואַלד, אַז „די קליינבירגער ווילן פאַרנאַרן די אַרבעטער אין לאַגער פון זייער קלאַסן-סוינע".

אינדערעמעסן אָבער, זאָגן זיי, זײַנען זיי אַרויס דערפאַר, ווײַל דער וועג פון דער „פרייהייט" איז „דער וועג פון אַסימיליאַציע". און זיי וואָרענען און זאָגן פאָרויס, אַז

„יעדע געזעלשאַפטלעכע באַוועגונג, וואָס וועט אָנשרײַבנ אַפ איר פאָנ אַסימיליאַציע, ווענ אַפילע מיט קאָנספּיראַטיווע וואַסער־טינט, וועט דערינ געפינענ די גרעסטע שטערונג פאַר זיכ אינ דער ייִדישער סוויווע—געדענקט דאָס, כאַווײרים! די ייִדישע ווירקלעכקײַט וועט מיט איר פּאַסיווע און אַקטיווע ווידערשטאַנד אַרופצווינגענ אַפ אײַכ די אָנערקענונג פונ דעם פאַקט, אַז דאָס ייִדישע פאָלק וויל און וועט לעבנ — און פאַר דעם דאָזיקנ פאַקט וועט איר מוזנ געפינענ פּלאַצ אינ אײַער טעאָריע און פּראַקטיק".

אינ פּאָשעטע, ניט אַזעלכע לינגוויסטישע, פאַרשלײערטע ווערטער באַטײַט עס, אַז די קאָמוניסטישע באַוועגונג וועט מוזנ אָנעמענ זײער בורזשואַזע, נאַציאָנאַליסטישע „ייִדישע פאָלק"־טעאָריע און פּראַקטיק, אָדער אונטערגײנ.

און אינ דער „פּראַקטיק" האָבנ זײ טאַקע באַלד אינ דעם זעלביקנ נומער אָנגעהויבנ „אויסשטרעקנ אַ האַנט", געפּרוווט זיכ אָפּרײַסנ גרופּעס פונעם קאָמוניסטישנ לאַגער. זײ שרײַבנ: „אָבער שוינ באַם ערשטנ שריט וועלנ מיר אויסשטרעקנ אַ האַנט צו אונדזערע נאָענטסטע פאַרבינדעטע אינ אַ גערעאַנגל פאַר דאָס עכטע און אײגענע—צו די ייִדישע לערער" אויכ פונ די קאָמוניסטישע שולנ. נאָכדעם גײט אַנ אַטאַקע אַפ די ייִדישע פּראָלעטאַרישע שולנ, „די פריִער אומפּאַרטײיִשע און איצט קאָמוניסטישע שולנ", ווי זײ רופנ די דאָזיקע שולנ. זײ גיבנ טאַקע באַלד אינעם ערשטנ נומער אַ גרויסנ אַרטיקל פונ יאַנקעוו לעווינ אונטער אַ קעפּל „די מעטאַמאָרפאָזע פונ די אומפּאַרטײיִשע שולנ". אינ דעם אַרטיקל טײַנעט ער, אַז די קינדער־שולנ האָט מענ פאַרוואַנדלט אינ „ענג־פּאַרטײיִשע קאָמוניסטישע שולנ", אינ הילפ־אָרגאַניזאַציעס פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג, אינ צוגרײט־קלאַסנ פאַר די פּיאָנערנ און דער ליגע פונ יונגע קאָמוניסטנ, און פאַרמאַסערט, אַז אַסאַכ לערער „האָבנ פאַקטיש פאַרוואַנדלט זײערע קלאַסנ אינ אַגיטאַציאָנס־פאַרזאַמלונגענ פאַר די פּיאָנערנ". זײער „אויסגעשטרעקטע האַנט" איז אָבער געבליבנ הענגענ אינ דער לופטנ. זײ האָט זיכ ניט אײַנגעגעבנ אַריבערצוציִענ צו זיכ די לערער פונ די פּראָלעטאַרישע קינדער־שולנ. דאָס האָט אָבער געוויזנ זײערע גרויסע בורזשואַזע אַפּעטיטנ. דאָס האָט באַשטעטיקט, אַז זײער ציל־אײַנשטעלונג איז טאַקע געווענ אַסאַכ מער ווי בלויז באַקעמפנ די „פרײַהײַט". זײ האָבנ געצילט צו פאַרניכטנ די גאַנצע ייִדישע קאָמוניסטישע באַוועגונג. און זײער בורזשואַזער קלאַסנ־כוש האָט זײ אונטערגעזאָגט אָנצוהײבנ פונ דעם סאַמע פילבאַרנ פּלאַצ, פונ דער קינדער־דערציִונג, פונ דעמאָראַליזירנ די פּראָלעטאַרישע קינדער־שולנ.

שפּעטער, פאַרשטײט זיכ, זײַנענ זײ אַריבערגעגאַנגענ צום אַטאַקירנ די אַנדערע צווײַגנ פונ דער באַוועגונג, ווי „איקאָר", דעם אינטערנאַציאָנאַלנ אַרבעטער־אָרדנ, די רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאַרײנענ, דעם „פּראָלעטפּענ" א. אַז. וו. וועגנ דעם וועט אונדז נאָכ אויסקומענ צו רײדנ שפּעטער.

דאָ איז אויכ קעדײַ צו באַמערקנ, אַז זײ אַלײנ צעשטערנ די לעגענדע, אַז זײער אָוועקגײנ פונ דער „פרײַהײַט" האָט געטראָגנ אַ צופעליקנ כאַראַקטער, אַז דאָס איז זײ געווענ אַרופגעצוווּנגענ. זײ האָבנ אַלײנ דערקלערט, ווי

איכ האָב פריִער ציטירט, אז זייער איצטיקער אָ פ ע נ ע ר קאמפ מיט דער „פרײַהײַט" איז בלויז א „דירעקטע קאָנסעקווענצ" פונ די קאמפנ, וואָס זיי האָבנ דאָרט „פריִער אָנגעפירט אינעוויייניק". מע האָט זיי ניט פארטריבנ, נאָר זיי האָבנ שוינ לאנג פריִער באקעמפט די ליניע פונ דער „פרײַהײַט" אינ דער „פרײַהײַט" גופע. זיי זײַנענ אוועק, ווײַל זיי האָבנ זיכ ארומגעזענ, ווי זיי אליינ זאָגנ אינ די לייטארטיקלענ, אז „די טענ, ווענ א נאַציִאָנאליסט האָט געווינט מיט אנ אסימיליאטער אונ א רעכטער אונ א לינקער האָבנ זיכ געפּאַשעט צוזאמענ, זײַנענ פארבײַ אפּ אייביק". „מיר קומענ אפּ דער יִדישער וועלט—שרײַבנ זיי—ניט אינ מאָשיִעכס צײַטנ". זייער ריכטיק! ניט מאָשיִעכס צײַטנ, נאָר—אינ דעם דריטנ פעריִאָד פונעם נאָכמילכאָמעדיקנ קאפּיטאליזם. זיי האָבנ דערזענ, אז זייער פסעוודאָמיטלויפער־שפּיל איז „פארנ טײַוול", אונ זיי האָבנ באשלאָסנ אָפּצוטראָגנ זיכ בא א גוטער געלעגנהײַט, ווענ זיי וועלנ זיכ קענענ אײַנקויפנ אינ גוטנ ייִכעס באם „פאָלק ייִסראָעל", בא דער ייִדישער בורזשואזיִע.

פונ אָנהייב האָבנ זיי זיכ נאָכ געפּוצט אינ לינקע פעדערנ. זיי האָבנ נאָכ געהאט רויטע פלעקנ אפּ זייער פּאָנ. מיט יעדנ נומער אָבער האָבנ זיי זיכ אלצ מער אופגעדעקט אלס אויסגעשפּראָכענע נאציִאָנאליסטנ, האָבנ זיי אלצ מער אונ מער אנטפלעקט זייערע אנטיפּראָלעטארישע באשטרעבונגענ. שוינ אינעם ערשטנ לייטארטיקל האָבנ זיי זיכ באוואָרנט מיט א פארענטפערונג פאר דעם. דאָרט ווערט געזאָגט: „זיי" (טאקע זייערע גענדזנ־פּיסלעכ — א. פּ.) וועלנ, לויט זייער אויסגעפּרובירטער טאקטיק, אונדז שטויסנ רעכטס". דאָס הייסט מע וועט זיי נעבעכ שטויסנ אפּ רעכטס, אָבער זיי אליינ וועלנ זײַנ „גאָט די נעשאָמע שולדיק". ס'איז זייער טשיקאווע, ווי זיי האָבנ זיכ באלד פונ אָנהייב באמיט אלצ צו באוואָרענענ אונ צו בארעכטיקנ. נאָר שוינ אינעם ערשטנ נומער דעקנ זיי אופּ גענוג קלאָר זייער עמעסע „פּארצופּיסטיק" (דאָס איז א וואָרט טאקע פונ זייער ארסענאל).

ווי מיר האָבנ שוינ געשריבנ, האָט „די פרײַהײַט" נאָכ זייער אוועקגייִנ דורכגעפירט א ריזיקנ מאסנ־מיטינג אינ דער פאָרם פונ א מישפּעט איבער די פּענ־קנעכט פונ דער ייִדישער פּרעסע. וועגנ אָט דעם מישפּעט זאָגנ זיי אזוי אינ זייער לייטארטיקל: „נו, מיילע, אויב „די פרײַהײַט" האָט ניט קיינ אנדערע איניאָנים מיט וואָס צו פארנעמענ זיכ (אונ זי האָט טאקע ניט לעצטנס), איז דער „מישפּעט" א גרויסער, א וואזשנער איניענ". דאָ האָט איר, אגעוו, א פּרווו פאָרצושטעלנ די זאכ אזוי, אז די קאָמוניסטישע באוועגונג איז אזוי אָפּגעשוואכט, אז „די פרײַהײַט" האָט זיכ שוינ ניט מיט וואָס צו פארנעמענ, א פּרווו צו מאכנ „די פרײַהײַט" צו קליינגעלט, אויסצולאכנ זי. זייערע אינסינואציעס באנוגענענ זיכ אָבער ניט מיט דעם. אינעם זעלביקנ ארטיקל ווערט ווײַטער געזאָגט: „אפילע אינ הײַנטיקע ציניִשע אונ פארשמוצטע טעג גלייבנ מיר אינ דעם מענטשנס נעשאָמע, אונ יעדער מענטש, וואָס איז געווענ אפּ דעם מישפּעט, אונ זײַנע ליפּנ האָבנ אינ אופהעצונג נאָכגעזאָגט אינ אלצ אָלגינענ, ווי

א קינד זאָגט נאָך מוידע־אַני, איז אַרויסגעגאַנגען פון זאל א שולדיקער און א פאַרשעמטער פאַר זיך אַליין". דאָ ווילן זיי שוין נעמען די יידישע אַרבעטער „אָפּ זיכער", ווי מע זאָגט בא אונדז אין אַמעריקע. און דער אַרטיקל פאַרענדיקט זיך פּאַטעטיש:

„די הערצער פון די דיכטער זיינען צו ריין, מע זאָל זיי קענען פאַרפינצטערן. די ליפּן, וואָס האָבן צענדליקער יאָרן געזונגען רייזענס „הוליעט, הוליעט בייזע ווינטן!" און איצט שימפּן זיי און לעסטערן זיין נאָמען, — די ליפּן וועלן שטילינקערהייט אויסזוכן זיין שוועל און צופאַלן צו אים און זאָגן: „ניין, מיר קענען ניט מער, מיר ווילן ניט זיין די בייזע אָסיענדיקע ווינטן, וואָס הוליען".

באַהאַלטנדיק זיך אונטער רייזענס פּאַרטעך, גיבן דאָ אַרויס די „וואָכ"־שרייבער זייערע שטרעבונגען, האָפענונגען און פּלענער. אָט די „נעשאָמע"־שרייבער מיט די „ריינע דיכטער־הערצער" רופן די יידישע אַרבעטער, וואָס וועלן, ווי זיי גלייבן, זיך אָפּקערן פון דער „פרייהייט", צוצופאַלן צו דער „שוועל" פון דער „וואָכ". אָט וווהין זיי האָבן געצילט!

אין אַן אַרטיקל „צום יאָנטעוו פון וואָרט" אינעם צווייטן נומער זאָגט עס לייוויק אַרויס נאָך אָפענער: „זיי (די קאָמוניסטן) טייטן אָפּ זיך אַליין מיט זייער לאָזונג „איזאָליאַציע". זיי הייבן אָן לעבן אין א הויז, וואָס האָט ניט קיין לופט. זיי טיילן זיך אַרויס פון אַלץ, זיי וועלן אַזוי אינגיכן אויך אַרויסטיילן זיך פון אַרבעטער־קלאַס". און לייוויק פייערט שוין באַצייטנס דעם זיג. ער פּראַוועט א „יאָנטעוו פון וואָרט". ער גרייט זיך שוין יאַרשענען דעם אַרבעטער־קלאַס, וואָס וועט זיך אינגיכן „אַרויסטיילן", זיך אָפּטרייסלען פון דער „פרייהייט" און פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און אַריבערגיין צו דער „וואָכ" און צו דער קולטור־געזעלשאַפט.

ס'איז אָבער געוועגן פאַרקערט, און דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזן טאַקע אינגיכן אויך, ווי מיר וועלן שפּעטער ווייזן.

לאָמיר זיך אומקערן צוריק צו דער „וואָכ"־„פּאַרצופיסטיק". אין דעם ערשטן לייטאַרטיקל פונעם ערשטן נומער גיבן זיי „א צוויי־דרייַ" „אָסאָביִע פּרימעטי" פון דער פּאַרצופיסטיק, און „אָפּ אַן אַנדער זייט" פונעם ערשטן נומער שיקן זיי אויך אָפּ דעם לייענער צום „פּאַספּאָרט" פון דער „וואָכ".

וואָס זיינען זייערע „אָסאָביִע פּרימעטי"?

זיי ענטפערן: „מיר זיינען לינקע נאַציאָנאַליסטן", „מיר זיינען קולטור־מענטשן", „מיר זיינען אינטעליגענטן", „מיר זיינען שרייבער". און צולעצט: „מיר זיינען אין עקאָנאָמישע פראַגעס קאָלעקטיוויסטן". „אין אַלע אַנדערע זאַכן—שרייבן זיי—זיינען מיר אינדיווידואַליסטן". „מיר האַלטן—זאָגן זיי ווייטער—אַז דאָס לעבן און אויסלעבן זיך פונעם אינדיווידוום איז זיין אייגענע זאַך, און ניט די זאַך פון דער געזעלשאַפט". „עמעס,—שרייבן זיי ווייטער—די דאָזיקע צוויי ספערן לאָזן זיך ניט שאַרף אָפּטיילן איינער פון דעם אַנדערן. אָבער ערגעץ־ווו מוז זיין א שייד־ליניע. אָט די ליניע—דאַרף מען זוכן". דאָס הייסט, זיי שטעלן פאַר זיך די אויפגאַבע צו געפינען די שייד־ליניע צווישן דעם

קאָלעקטיוו און דעם אינדיווידוום. יאָ, נאָך א „פרימעטע" גיבן זיי דאָרטן אָן: „ספייקעס". „פאראנ—זאָגן זיי — זאכן, וואָס זײַנען פאר אונדז זייער קלאָר, און זאכן, וואָס זײַנען ניט אזוי קלאָר, און זאכן, וואָס זײַנען אונדז אינגאנצן ניט קלאָר". ווי גרויס עס זײַנען די „ספייקעס" בא די „לינקע נאציאָנאליסטן", קולטור־מענטשן", „אינטעליגענטן", „קאָלעקטיוויסטן עקאָנאָמישע" און „אינ־דיווידואליסטן", וועלן מיר זען שפעטער.

איצט לאָמיר זען, וואָס איז זייער פראָגראם, זייער „פאספאָרט".

פונקט איינס: „אנערקענענדיק די גאנצקייט פון יידישן פאָלק, זעען מיר אין דעם יידישן ארבעטער דעם קלאס, פאר וועמען ס'איז באשטימט די העגע־מאָניע אין אונדזער פאָלקס־לעבן".

פונקט צוויי: „מיר אנערקענען דעם קלאסנקאמפ, אָבער מיר האלטן ניט, אז דער קלאסנקאמפ איז דער איינציקער פאקטער, וואָס דעטערמינירט דעם גאנג פון פאסירונגען אין דער געזעלשאפט. מיר ווייסן פון אנדערע פאקטערס, וואָס זײַנען ניט ווייניקער וויכטיק, און איינער פון זיי איז דער קאמפ פון פעלקער פאר זעלבסטדערהאלטונג".

פונקט דרײַ: „מיר באטראכטן די אָקטיאבער־רעוואָליוציע פאר דער גרעס־טער געשעעניש אין לעבן פון די לעצטע דורעס. איבערגעבנדיק די מאכט אין די הענט פון די ארבעטער, האָט די רעוואָליוציע גלײַכצײַטיק דערלייזט אויך די פעלקער, פארזיכערט זייער זעלבשטענדיקײַט און גענומען אפ זיך צו העלפן דער אנטוויקלונג פון זייערע קולטורן.

מיר זײַנען מיטן סאָוועטן־פארבאנד אין זײַן אלגעמיינער סאָציאַליסטישער בויונג און אין דעם עקאָנאָמישן און קולטורעלן איבערבוי פון יידישן לעבן, וואָס דער סאָוועטן־פארבאנד פירט דורך".

פונקט פיר: אָבער „אין אונדזער אמעריקאנישן לעבן געפינען מיר, אז די טעאָריע פון קלאסנקאמפ איז בא א טייל יידישע ארבעטער—און גראָד באם לינקסטן טייל — דערפירט געוואָרן צו א טאקטיק פון אונטערדריקן און צו־נישט מאכן די אייגנארטיקײַט פון אונדזער לעבן און פסיכיק, צום ארונ־טערוואַרפן פון זיך אלע געזונטע און היסטאָריש־בארעכטיקטע נאציאָנאלע אכ־רײַעסן, צו א מין לינקן אמעריקאניזם, וואָס האָט אין זיך אלע פאָרמען פון אָפענער אסימיליאציע.

„די וואָך" וועט באקעמפן אסימיליאציע־טענדענצן, פון וועלכע לאגער זיי זאָלן נישט קומען, צי פון בורזשואזן, צי פון פראָלעטארישן".

פונקט פינף: „מיר זײַנען י י ד י ש י ס ט י ש, ד. ה. פאר דער ווײַטערדיקער אנטוויקלונג פון יידישן לעבן אפ וועלטלעכע, מאָדערנע יעסודעס".

„מיר שטייען פאר יידיש אין אלע לענדער".

„מיר זײַנען פאר דער אויסבילדונג פון קאָמפאקטע יידישע יישוווים אומע־טום, ווו דאָס איז מעגלעך".

„מיר גלייבן, אז די יידישע ליטעראטור אין אלע לענדער איז איינע, א גאנצע. עס קענען זײַן שרײַבער און ווערק, וואָס זײַנען אונדז פרעמד מיט זייער טענדענצ און געמיט, אָבער זיי קענען ניט אויסגעשלאָסן ווערן פון דער

יידישער ליטעראַטור, אויב זיי טראָגן אין זיך קינסטלערישע עמעסן״ (מײַן אונטערשטרײַכונג—א. פּ.).

און דער לעצטער פּונקט: „מיר זײַנען ניט פאַרבונדן מיט קיין שום פּאַרטיי און זײַנען צו קיינעם מיט קיין זאַך ניט פאַרפּליכטעט. מיר ווילן שאַפן א פרײַע טריבונע פאַר די, וואָס קומען מיט א לעבעדיקן וואָרט. מיר האָבן אָנגעצייכנט בלויז ליניעס, אָבער ניט קיין דאָגמעס. מיר ווייסן, אז עס זײַנען דאָ אסאך פראַגעס, וואָס זײַנען אונדז ניט קלאָר, און אין פּראָצעס פון קומען צו קלאָרקייט וועט יעדער איינער, וואָס האָט עפּעס צו זאָגן, געפינען פּלאַץ בא אונדז״.

כאָטש די פּראָגראַם איז פאָרמולירט געוואָרן זייער פּאָרזיכטיק, זייער אַל־געמײן און מיט ראַדיקאַלער פראַזעאָלאָגיע, ווערט אָבער פון איר גענוג קלאָר אויפגעדעקט פאַר אונדז דער רעאַקציאָנערער בורזשואזער טאָך אירער.

וואָס־זשע לאָזט אונדז הערן דער „פּאַספּאָרט״? ער דעקט פאַר אונדז אויף די גאַנצע וואַקלדיקײַט פון דער אידעאָלאָגיע, די וואַקלדיקע פּאָליטישע פּאָזי־ציעס און די בורזשואזע קינסטלערישע אײַנשטעלונגען פון אָט די קליינביר־גערלעכע שרײַבער. ער לאָזט אונדז אויך הערן, וויאַזוי מע קען פאַרמאַסקירן א בורזשואזן טאָך מיט ראַדיקאַלע און רעוואָליוציאָנערע פראַזעס. וואָס פאַר א פּראָגראַם באַקומט זיך בא זיי?

זיי אנערקענען דעם קלאַסנקאַמף, זיי ווייסן אָבער פון אנדערע פאַקטאָרן, וואָס זײַנען ניט ווייניקער וויכטיק פאַר דעטערמינירן דעם גאַנג פון די פּאַסי־רונגען אין דער געזעלשאַפט, צ. ב. דער קאַמף פון פעלקער פאַר זעלבסטדער־האַלטונג.

זיי אנערקענען דעם קלאַסנקאַמף. זיי אנערקענען אָבער די גאַנצקײַט פו־נעם יידישן פאָלק.

זיי אנערקענען דעם קלאַסנקאַמף, אָבער די טעאָריע פון קלאַסנקאַמף באַם לינק־סטן טייל פון די יידישע אַרבעטער אין אַמעריקע איז דערפירט געוואָרן — זאָגן זיי — צום „אונטערשאַצן און צונישט מאַכן די אייגנאַרטיקײַט פון אונדזער לעבן און פּסיכיק, צום אַרונטערוואַרפן פון זיך אַלע געזונטע און היסטאָריש־באַרעכ־טיקטע נאַציאָנאַלע אַכרײַעסן״.

זיי זײַנען מיטן סאָוועטן־פאַרבאַנד, אָבער זיי באַגריסן אינעם זעלביקן נו־מער די אַנאַרכיסטישע „פרײַע אַרבעטער־שטימע״ צו איר יובילײ, כאָטש זי האָט אָנגעפירט די ערגסטע העצע קעגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. זיי באַגריסן שפּעטער דעם קאָמוניסטן־פרעסער דאָוויד אײַנהאָרן, ביאַליקן, דעם ציוניסטישן „טאָג״ און אסאַך אנדערע ביטערע סאָנים פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. זיי שרײַבן: „מיר באַגריסן איר אויסדויער און אַקשאָנעס, איר ליטעראַרישע פרײַהײַט און ריינ־קײַט פון וואָרט, וואָס טיילט זי אָנגענעם אויס פון דער גאַנצער פּרעסע אונדזע־רער״. כאָטש „איר קאַמף קעגן סאָוועט־רוסלאַנד, אפילו ווען דער קאַמף איז באַזירט אַף מאָטיוון ניט ריין־פּאָרוועטסיסטישע, איז א קאַמף א פּרוכטלאָזער, א נוצלאָזער״, פונדעסטוועגן: „פאַרייניקן מיר זיך מיט אַלע די, וואָס באַגריסן זי״ (די. פּ. א. ש.).

דאָס איז אין אײנקלאַנג מיט יענעם פּונקט פון זײער פּראָגראַם, װוּ זײ זאָגן: „עס קענען זײַן שרײַבער און װערק, װאָס זײַנען אונדז פרעמד מיט זײער טענדענץ און געמיט, אָבער זײ קענען ניט אױסגעשלאָסן װערן פון דער ייִדישער ליטעראַטור, אױב זײ טראָגן אין זיך קינסטלערישע עמעסן". דער אַנטיסאָװעטישער „קינסטלערישער עמעס" פון דער שװאַרצמײעדיק־אַנאַרכיסטישער „פרײַע אַרבעטער שטימע" װערט דערפאַר פון זײ באַגריסט, כאָטש דעם אַנטיסאָװעטישן קאַמף אירן האַלטן זײ פאַר פּרוכטלאָז און נוצלאָז. בלױז פּרוכטלאָז און נוצלאָז! פאַר שעדלעך און פאַרברעכעריש האַלטן זײ אים נישט.

זײ זײַנען „קאָלעקטיװיסטן", אָבער זײ זײַנען פאַר „נאַציאָנאַלע אַכרײַעסן". דער אַלטער אױסרײד פון אַלע שאָװיניסטן און אימפּעריאַליסטן.

איר האָט אין דער פּראָגראַם אַלע גוט־באַקאַנטע בורזשואַז־נאַציאָנאַליסטישע טעאָריעס. אַן אידעאַליסטישן צוגאַנג צו דער געזעלשאַפט: קלאַסנקאַמף איז ניט ד ע ר דעטערמינירנדיקער פ אַ ק ט אָ ר. דאָס װערט בײַ זײ פאָרמולירט עקלעקטיש: „נ אָ ך אַ נ ד ע ר ע פ אַ ק ט אָ ר ן, װאָס זײַנען ניט װײניקער װיכטיק". פאַר קאָלעקטיװיזם זײַנען זײ בלױז אין עקאָנאָמישע פראַגעס, אין אַלע אַנדערע פראַגעס זײַנען זײ פאַר אינדיװידואַליזם. דאָס לעבן און אױסלעבן פונעם יאָכיד איז בײַ זײ אַ פּריװאַט־זאַך. רעליגיע, קולטור, ליטעראַטור זײַנען פּריװאַט־זאַכן. זײ זײַנען פאַר דער גאַנצקײַט פונעם ייִדישן פאָלק, פאַר זײַן אײגנאַרטיק לעבן און פּסיכיק, פאַר די היסטאָריש־באַרעכטיקטע נאַציאָנאַלע אַכרײַעסן — מיט אײן װאָרט, פאַר דער אַלטער גוט־באַקאַנטער קלאַל־ייִסראָעלדיקער „פּינטעלע־ייִד"־טעאָריע. נאַציאָנאַלע פּסיכיק און היסטאָרישע אַכרײַעסן — דאָ האָבן מיר װידער אַן אידעאַליסטישן און קולטור־היסטאָריסטישן צוגאַנג. נאַציע איז בײַ זײ אַ זעלבסטצװעק. קולטור — אױך אַ זעלבסטצװעק. אַ זעלבסטצװעק זײַנען אױך „קינסטלערישע עמעסן" — די װױל־באַקאַנטע קונסט־צוליב־קונסט־טעאָריע. קונסט, ליטעראַטור איז בײַ זײ איבער קלאַסן, איז אַ זעלבסטצװעק. אַכוצדעם — די „אָסאָביע פּרימעטי": נאַציאָנאַליסטן, קולטור־מענטשן, אינטעליגענטן, שרײַבער, אינדיװידואַליסטן, ייִדישיסטן, נעשאָמע־מענטשן און „ספּײקעס". און איבער אַלץ — קאַמף קעגן דעם לינקסטן טײל פון די ייִדישע אַרבעטער אין אַמעריקע פאַר זײערע קלױמערשטע אַסימיליאַציע־טענדענצן. דאָס זײַנען די ליניעס, װיאַזױ זײ האָבן געפירט זײער קאַמף אין דער „פרײַע טריבונע" װעלן מיר נאָך זען.

צוערשט לאָמיר איבערגעבן זײערע „ספּײקעס". װעגן זײערע ספּײקעס האָבן זײ געלאָזט רעדן י. ל. פּערעצן, הינטער אים באַהאַלטן זײ זיך. מע־נאַכעם זאָגט אין אַן אַרטיקל אין דער „װאָך": „מיר זײַנען די שיטע — פּערעצ", „מיר זײַנען פּערעציאַנער". זײ האָבן איבערגעדרוקט פּערעצעס גאַנצע עסײ „האָפענונג און שרעק". די דאָזיקע עסײ פּערעצעס ציטירט מענאַכעם אין אַ פריִערדיקן אַרטיקל. ער רעדט דאָרטן מיט שאָדנפרײד װעגן דעם, װי פּערעצ האָט פאָרױסגעזען די הײַנטיקע צײַט, כאָטש ניט „מיט אײנצלנע דעטאַלן". שױן דער נאָמען אַלײן פון דער עסײ „האָפענונג און שרעק" גיט איבער מענאַכעמס פּערעצ־שיטע. װאָס זאָגט דאָרטן אַזױ פּערעצ, װאָס די „װאָך"־שרײַבער באַגיטיקן,

אפלאָדירן אזוי שטארק און דערקלערן פאר זייער אייגענער שיטע? מיר גיבן דאָ די שורעס, וואָס ווערן ציטירט פון מענאכעמען אליין:

„מיט הארציקער פרייד קוק איך, ווי איר רײַסט אײַן די מויערן פון אלטן סדאָם. מײַן הארץ אָבער ציטערט דערבײַ, איר זאָלט אפ זײַנע כורוועס קיין נײַעם, קיין ערגערן ניט בויען — א קעלטערן, א פינצטערן".

„עס וועלן קיין שטיבער אָן פענצטער ניט זײַן; נאָר אין נעפל וועלן אײַנגעהילט זײַן נעשאָמעס".

„און די גערעכטיקײַט, וואָס האָט אײַך באַגלייט אפן דאָרניקן און בלוטיקן וועג צום זיג, וועט אײַך פארלאָזן, און איר וועט עס ניט מערקן; דערצו זײַנען זיגער און הערשער בלינד".

„און געפענקענישן וועט איר בויען פאר די, וואָס וועלן אויסשטרעקן די האנט צו ווײַזן אײַך דעם אָפגרונט, צו וועלכן איר זינקט".

„גרויזאם וועט איר פארטיידיקן די גלײַכבארעכטיקונג פון דער סטאדע... און אײַערע פײַנט וועלן זײַן: פרײַע אינדיווידן, איבער־מענטשן, דערלייזער, דיכטער און קינסטלער"...

ווי מיר זעען, האָט „די וואָכ" ארופגעשריבן אפ איר פאָן דאָס רעאקציאָנערסטע פון פערעצן, זי האָט עס צוגעשריבן צו איר פראָגראם. דאָס ציטירטע איז נאָך ניט גענוג רעאקציאָנער פאר זיי. ווי מענאכעם זאָגט, דארפמען נאָך צוגעבן „איינצלנע דעטאלן". אָט אין וואָס עס באשטייען די ספייקעס פון די „וואָכ"־מענטשן! זיי האָבן מוירע פאר דער גאנצער זאכ פונעם ארבעטער־קלאס! זיי שרעקט די סאָציאַלע רעוואָליוציע, „דער געשפענסט פונעם קאָמוניזם".

„די וואָכ" האָט ארײַנגעשטעלט אין איר פראָגראם: „מיר באטראכטן די אָקטיאבער־רעוואָליוציע פאר דער גרעסטער געשעעניש אין לעבן פון די לעצטע דורעס... מיר זײַנען מיטן סאָוועטן־פארבאנד"... און אזוי ווײַטער. אינדערעמעסן אָבער גלייבן זיי ניט אין דעם, ווי מענאכעם אליין איז מוידע. אין בעסטן פאל האָבן זיי „ספייקעס" וועגן דעם, זיי שרעקן זיך פאר דעם, אז דער סאָוועטן־פארבאנד זאָל כאסעוועשאָלעם „פארטיידיקן די גלײַכבארעכטיקונג פון דער סטאדע"... דאָס הייסט, — פון אלע ארבעטער, און די „פרײַע אינדיווידן, איבער־מענטשן, דערלייזער, דיכטער און קינסטלער"... פון דער „וואָכ" וועלן באטראכט ווערן ווי זײַנע פײַנט. און ס'איז טאקע עמעס, אז זיי ווערן באטראכט, ווי פײַנט.

ווי איר זעט, זײַנען די „איבער־מענטשן" און „דערלייזער" פון דער „וואָכ" ניט אופריכטיק מיט זייערע פונקטן וועגן דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע און וועגן דעם סאָוועטן־פארבאנד. אין דערווירקלעכקײַט זײַנען די דאָזיקע פונקטן בלויז ארײַנגעשטעלט געוואָרן צוליב פארנארן די יידישע ארבעטער אין די נעצן פון דער בורזשואזיע. דאָס וועלן באשטעטיקן די ווײַטערדיקע מײַסים פון דער „וואָכ", ווי מיר וועלן עס שפעטער זען. די מײַסים זייערע וועלן אָפלייקענען זייערע „לינקע" רעוואָליוציאָנערע פראזעס.

שוין אינעם ערשטן נומער זאָגן זיי:

„אויכ אינ סאָוועטנ־פאַרבאַנד מישפּעט מענ זיי, די אוועקגעגאַנגענע פונ דער „פרייַהייַט״. ליטוואַקאָוו און שאַכנע עפּשטיינ האָבנ שוינ פּראָקלאַמירט דעם כ״ירעם, און א גרופּע יידישע שרייַבער האָבנ שוינ געמוזט (ווייער אונ־טערשטרייַכונג — א. פּ.) אונטערשרייַבנ זיך און געבנ זייערע נעמענ אַפּנ כ״ירעם. געמוזט? נו, אוודע, געמוזט, געמוזט, געמוזט״.

דרייַ־פיר־פינפ מאָל האָבנ זיי אונטערגעשטרייַכט דאָס וואָרט „געמוזט״. אונ־טערגעשטרייַכט אזוי שטאַרק, ווי מעגלעכ, אז מע פאַרפאָלגט נעבעכ די „פרייַע אינדיווידנ, איבער־מענטשנ, דערלייזער, דיכטער און קינסטלער״ ניט בלויז אינ אמעריקע, „נאָר אויכ אינ סאָוועטנ־פאַרבאַנד מישפּעט מענ זיי״... און ניט בלויז די „וואָכ״־שרייַבער פאַרפאָלגט מענ דאָרטנ, נאָר אויכ די סאָוועטישע. מע האָט די כאַרקאָווער שרייַבער געצוווּנגענ, זיי האָבנ געמוזט (פינפ מאָל) זיכ אונטערשרייַבנ און געבנ זייערע נעמענ אַפּנ כ״ירעם. איז זאָגט אַליינ, זייַנענ עס ניט קיינ טיראַנענ אינעם סאָוועטנ־פאַרבאַנד?

און „די וואָכ״ האָט מיט דער גרעסטער שאָדנפרייד איבערגעגעבנ נעגאַ־טיווע נייַעס און ליטעראַטור פונעם ראַטנפאַרבאַנד. זי האָט איבערגעדרוקט אווראָמ קאַהאַנס „דער ווילנער גאָענ האָט געזען״, ווייצבליטס „דראַושנע״ און אַלצ, וואָס האָט געקענט קאָמפּראָמעטירנ דעם ראַטנפאַרבאַנד און באַשטע־טיקנ איר א יבערמענטש־שיטע. זיי האָבנ ניט בלויז באַקעמפט דעם „לינקסטנ טייל״ יידישע אַרבעטער פונ אמעריקע, נאָר אויכ פונעם ראַטנפאַרבאַנד.

פונדעסטוועגנ האָט זיי דאָס ניט אָפּגעהאַלטנ פונ דערקלערנ אינ א שפּע־טערדיקנ נומער „וואָכ״ פאָלגנדיקס: „פאַרמאַכנ די „וואָכ״ וואָלט עפּשער גע־ווענ א „הערויִשער זשעסט״. אָט זייַנענ מיר געקומענ און באַשאַפנ א וואָכנ־בלאַט, וואָס האָט געפונענ אופזענ אינ אמעריקע און פּוילנ, אינ ראַטנפאַר־באַנד (יאָ, אינ ראַטנפאַרבאַנד) און אַרגענטינע, אינ פּאַריזש און טעל־אַוויוו, אָבער קיינ מיטלענ עס אופצוהאַלטנ האָט אונדז „דאָס פאָלק״ נישט צוגע־טראָגנ״. זיי האָבנ אונטערגעשטרייַכט ראַטנפאַרבאַנד. דערמיט האָבנ זיי אויכ געוואָלט נעמענ „אפּ זיכער״ די יידישע אַרבעטער אינ אמעריקע און מאַכנ זיי גלייבנ, אז „די וואָכ״ האָט געווונענ אופזענ אינ ראַטנפאַרבאַנד. און אויב אויכ אינ ראַטנפאַרבאַנד האָט זי אופזענ, דאַרפנ דאָכ די יידישע אַרבעטער אינ אמעריקע געוויס אונטערשטיצנ זי. דאָ האָבנ זיי געוואָלט שיסנ צוויי האָזנ פּאַראַמאָל: אי אויסנוצנ די ליבע פונ די יידישע אַרבעטער צום ראַטנ־פאַרבאַנד פאַר זייער געלט־קאַמפּאַניע און לייענער־קאַמפּאַניע, אי מאַכנ גלייבנ די יידישע אַרבעטער פונ אמעריקע, אז בלויז די אמעריקאַנישע יידישע קאָ־מוניסטנ זייַנענ פייַנטלעכ צו דער „וואָכ״, אז אינ ראַטנפאַרבאַנד האָט „די וואָכ״ געווונענ אופזענ. זיי האָבנ געוואָלט מאַכנ גלייבנ די אמעריקאַנישע אַר־בעטער, אז די אמעריקאַנישע יידישע קאָמוניסטנ זייַנענ די ערגסטע צווישנ די ערגסטע.

זיכער האָבנ זיכ אַלעמאָל געצויגנ געוויסע פעדימ פונ די „וואָכ״־שרייַ־בער צו די רעכטע יידישע שרייַבער פונ פּסרר. זיכער האָט „די וואָכ״ גע־פּרוווט נאָכמער דעמאָראַליזירנ די ווייניק שטאַנדהאַפטיקע יידישע שרייַבער

פון פסרר. ס׳איז אָבער זיכער געווען א ליגנערישע ביזווילִיקע זעלבסטבאַ־רימעריי מיצאד די „איבער־מענטשן״, „דערלייזער״, ווען זיי האָבן געשריבן, אז „די וואָכ״ האָט „געוווּנען אופזען אין ראטנפארבאנד״. אינעם באקעמפן די רעוואָליוציאָנערע באוועגונג האָבן, ווי איר זעט, די דאָזיקע „אינטעליגענטן״, „קולטור־און נעשאָמע־מענטשן״ זיך ניט אָפגעשטעלט אפילע פאר שרייבן באוווסטזיניקע ליגנס.

אין זיין ארטיקל אינעם ערשטן נומער „וואָכ״ אונטערן קעפל „פארוואָס מיר זיינען ארויס פון דער „פרייהייט״, שרייבט לייוויק: „איך דארף דער־ציילן, אז אין דער נאכט פון 30־טן אווגוסט, ווען מענאכעם און איך, אופגע־שוידערט פון דער „פרייהייטס״ שטעלונג צו די פאָגראָמען אין פאלעסטינע, האָבן געשריבן אונדזער רעזיגנאציע־פראָטעסט קעגן דער „פרייהייט״, האָבן מיר דערנאָך אין שמועס אויסגערעכנט איינער דעם אנדערן אלע ווערטער פון באליידיקונג, וואָס די צייטונג וועט אונדז איינטיילן: שאָוויניסטן, קליינ־בירגער, אינטעליגענטן, ביז — רענעגאטן״. כאָטש זיי זיינען געווען אופגע־שוידערט, האָבן זיי פונדעסטוועגן קלאָר געוווּסט, וואָס זייער אקט באטייט און ווי ער וועט באטראכט ווערן. דאָס באשטעטיקט ווידער, אז זייער ארויס־טריט איז געווען א גוט אויסגערעכנטער, גאָרנישט קיין צופעליקער.

בא דער געלעגנהייט וועלן מיר ברענגען נאָך א ציטאט פון דער „וואָכ״ וועגן דעם זעלביקן איניען. ענטפערנדיק אפ דאָוויד איינהאָרנס אן ארטיקל „צו שפעט זיך ארומגעזען״, שרייבט „די וואָכ״: „דאָוויד איינהאָרן האָט געמעגט וויסן, אז אָט די שרייבער האָבן יאָרגלאנג געקעמפט (אונטערגעשטרייכט פון דער „וואָכ״ — א. פ.) צו ברענגען די „פרייהייט״ צו זייער שטאנדפונקט און זייער אופאסונג״. זיי האָבן יאָרנלאנג געקעמפט, נאָר ווען זיי האָבן זיך ארומגעזען, אז „די פרייהייט״ וועט שוין טאקע באשטיין אפ איר שטאנדפונקט, האָבן זיי געמאכט פלייטע. הייסט עס, אז זיי זיינען אליינ אנטלאָפן, געטריבן האָט מען זיי גראדע ניט.

ווייטער זאָגט לייוויק אין דעם ארטיקל: „וויפל איך קען ניט דעם פארטיי־מענטשן — קען איך אים נאָך אלץ ניט, ווייזט אויס. און ער אליינ קען זיך אויך ניט. ער הערט זיך ניט צו צום קאָל פון זיין געוויסן. ער איז גראָדליניק, הארט; מיט בלייכע פארפראָרענע ליפן גיט ער א זאָג: הייינט דארפן מיר קאשערן רעציכע — און ער קאשערט; הייינט פאסט צו זאָגן: פאָגראָם, — זאָגן מיר „פאָגראָם״. מאָרגן וועלן מיר דארפן זאָגן: אופשטאנד — וועלן מיר זאָגן: „אופשטאנד״. דאָ דריקט לייוויק אויס איינדרעמעסן זיין גאנצן האס ניט צום „פארטיי־מענטשן״ ביכלאל, נאָר צום קאָמוניסט. און ווי געפעלט אייך לייוויקס פאָרטרעט פון א קאָמוניסט: א מענטש אָן געוויסן, הארט, מיט בלייכע פארפרוירענע ליפן, קאשערט רעציכע, הייינט זאָגט ער איינ זאך, מאָרגן א צווייטע זאך?

דער דאָזיקער האס צום פארטיי־מענטש, ריכטיקער צום קאָמוניסט, כאזערט זיך איבער אין דער „וואָכ״ אסאך מאָל. איך וועל ברענגען נאָך איינ ביישפיל. אינעם צווייטן נומער „וואָכ״ שרייבט לייוויק ווידער אין זיין ארטיקל: „און

ווי מע זאָל ניט זײַן צעשפּאָלטן אין קלאַסן, אין גרופּעס — דער אינטערעס צום מענטש ווערט ניט און טאָר ניט ווערן אָפּגעשוואַכט... נאָר פּאַרקערט, ער וואַקסט. דער פּאַרטיי־מאַן דער דורכשניטלעכער זעט עס אָבער ניט, פילט עס ניט. ער האָט אָנגענומען די טעאָריע פון מענטשן־צעטיילונג, פון קלאַסן־צעטיילונג, ער האָט אוועקגעלייגט גרענעצן צווישן איין טייל פון דער באַפעלקערונג און צווייטן, און ער טרעט ניט אָפּ דערפון“.... „ער גיט זיך גאָר קיינמאָל ניט די מי אפילו א טראַכט צו טאָן, וואָס אין דער ‚נעשאָמע פונעם קעגנערישן קלאַס קומט פאָר. דאָס אָבער טוט דער קינסטלער“. לייוויק קלאָגט, וואָס דער פּאַרטיי־מאַן האָט ניט קיין אינטערעס צום מענטש, צו דער נעשאָמע פונעם קעגנערישן קלאַס, וואָס ער טרעט ניט אָפּ פון דער טעאָריע פון מענטשן־צעטיילונג, פון קלאַסן־צעטיילונג, וועלכע האָט אוועקגעלייגט גרענעצן צווישן איין טייל פון דער באַפעלקערונג מיטן צווייטן. איז עס טאַקע נישט קיין סקאַנדאַל? אָט א פאַרשאָלטענע טעאָריע אזעלכע, וואָס צעטיילט די מענטשן און לייגט אוועק גרענעצן! און שולדיק אין אַלץ איז דער פּאַרטייער! איז אַראָפּ די פּאַרטיי! איז ווען קענען זיי נאָך אזעלכע דיבורים פון לייוויקן אײַנשמועסן, אז זיי זײַנען אופריכטיק, ווען זיי שרײַבן אין דער פּראָגראַם: „מיר אנערקענען דעם קלאַסנקאַמף... די אָקטיאַבער־רעוואָלוציע איז די גרעסטע געשעעניש... מיר זײַנען מיטן סאָוועטן־פאַרבאַנד“... און אזוי ווײַטער. די מיקלוימערשטע „אומפּאַרטייִשקײַט“ און „אנטיפּאַרטייִשקײַט“ איז נאָך איינע פון די „אָסאָביִע פּרימעטי“ פון דער „וואָכ“־פּאַרצופיסטיק.

דער קינסטלער לייוויק האָט אַן אינטערעס פאַר דער נעשאָמע פון קעגנערישן קלאַס. ער וויל, אז אויך דער פּאַרטיי־מאַן זאָל האָבן דעם דאָזיקן אינטערעס. דערציילט ער אונדז טאַקע אין דעם אַרטיקל „פאַרוואָס מיר זײַנען אַרויס פון דער „פרײַהײַט“ פאָלגנדיקס: „איך בין געשטאַנען מיט אַרונטערגעלאָזטע אויגן אפילו דעמלט, ווען מײַנער א פעטער, א געוועזענער רײַכער פאַבריקאַנט און איצט אַן אײַנוווינער פון א פינצטערן קעלער (וועגן ראַטנפאַרבאַנד רעדט ער — א. פ.), האָט געקלאָגט פאַר מיר די לעצטע קלאָג. מאָלט אײַך (אָ, קליינבירגער, וואָס איך בין!) אפילו דאָס געוויין פון א געוועזענעם פאַבריקאַנט האָט צעריסן מיר מײַן האַרץ!“ לייוויק מוסערט די פּאַרטייער־קאָמוניסטן, פאַרוואָס זייערע הערצער ווערן ניט צעריסן פון דעם געוויין פון געוועזענע פאַבריקאַנטן!

זײַנען טאַקע די פּאַרטיי־מענטשן, די קאָמוניסטן, לויט לייוויקן, גאָר קיין מענטשן ניט, נאָר „סאַדיסטן, וואָס טאַנצן איבער פאַרגאָסן בלוט“, מיט איין וואָרט — ווילדע כײַעס!

ניין, קיין קריסטוסן און קריסטלעכע ליבע־פּריידיקער קענען פּראָלעטאַרישע קינסטלער ניט זײַן! די פּראָלעטאַרישע קינסטלער וועלן אַלעמאָל באַזינגען די אַלע, וואָס ראָטן אויס מיטן וואָרצל די קאָנטררעוואָלוציאָנערן און שעדיקער. די פּאַרטיי־מענטשן און רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער וועלן אַלעמאָל בענטשן די הענט פון די אויסראָטער און פאָדערן די שטרענגסטע שטראָף פאַר קאָנטררעוואָלוציאָנערן. ניין, פון הערן דעם געוויין פון געוועזענע פאַבריקאַנטן וועט זייער האַרץ ניט צעריסן ווערן, כאָטש דאָס געפעלט ניט לייוויקן!

לייוויק האָט פונדעסטוועגן יאָ געפונען „אידעאַלע״ קאָמוניסטן, ניט אין ראַטנפאַרבאַנד, פאַרשטייט זיך, פון אַמעריקע שוין אָפּגערעדט, נאָר טאַקע אין דעם הייליקן לאַנד, אין דעם לאַנד פון די אָוועס. וואָס, איר גלייבט ניט? טאָ לייענט נאָך אַ ציטאַט פון דעם זעלביקן אַרטיקל לייוויקס:

„ווי געמט מען גלײַכגילטיקײַט און רויִקײַט צו קענען באַנעמען אָט דעם דאָזיקן אַבסורד, אָט דעם דאָזיקן בילבל אַף אַ זעלבסטשוץ, וואָס באַשטייט פון וווּנ־דערבאַרע באָכורים, שווערע שטיינהאַקער, וועגן־אויסלייגער, שטעט־און־דערפער־בויער, זיך צו קאָרבן געבראַכטע כאַלוצים — כאַלוצים, וואָס די מערסטע פון זיי זײַנען ערשט דער עמעסער מוסטער פון קאָמוניסטישן שטייגער־לעבן!״.

ווער זאָגט עס, אַז אין ראַטנפאַרבאַנד זײַנען פאַראַנען קאָמוניסטן? ס'איז ליגן! זיי זײַנען פאַראַנען אין ערעץ־ייִסראָעל! די כאַלוצים — זיי זײַנען די „עמעסע מוסטער־קאָמוניסטן!״ איז ווי קען לייוויק גלײַכגילטיק און רויִק באַ־נעמען דעם „אַבסורד און בילבל״, אַז „די מערסטע פון זיי״, פון זײַנע „עמעסע מוסטער־קאָמוניסטן״, פון די „כאַלוצים״, זאָלן פון דער „פרײַהײַט״ אָנגערופן ווערן שאָוויניסטן און פאַשיסטן. איז ווי וועט לייוויק קענען גלײַכגילטיק און רויִק באַנעמען, ווען מיר וועלן אים זאָגן, אַז אַזוי שרײַבן קען בלויז אַ ציִע־ניסט, אַ העלפער פון עקספּלואַטאַטערס און אימפּעריִאַליסטן! און איצט קענט איר שוין פאַרשטיין, „פאַרוואָס מיר (לייוויק מיט זײַנע כאַווײרים) זײַ־נען אַרויס פון דער „פרײַהײַט״.

מיר האָבן שוין איבערגעגעבן לייוויקס מיינונג וועגן דעם, אַז באַ אַ קאָ־מוניסט דאַרף צעריסן ווערן דאָס האַרץ ווען ער הערט דאָס געוויין פון אַ געוועזענעם פאַבריקאַנט. איצט וועל איך איבערגעבן לייוויקס מיינונג, ווען „דאָס האַרץ אַפילע פון אַ קאָמוניסט ווערט אָנגעפילט מיט פרייד״. לייוויק שרײַבט אין דעם זעלביקן אַרטיקל:

„און ווען די צײַטונגען זאָגן אָן, אַז ענגלאַנד שיקט מיליטער: מיליטער גייט, מיליטער קומט אָן, מיליטער הייבט אָן קאָנטראָלירן די לאַגע, איז ווי פאַרשטענדלעך עס זאָלן אונדז ניט זײַן די צילן פון ענגלאַנד, אירע כיטרע קאַוואָנעס, ווי גרויס עס זאָל אין אונדז ניט זײַן די סינע צו מיליטאַריזם, — ווערט דאָס האַרץ אַפילע פון אַ קאָמוניסט אָנגעפילט מיט פרייד, וואָס ענדלעך וועט עמעצער אָפּשטעלן די שכיטע, אַפילע דאָס האַרץ פון אַ „פרײַהײַט״־מיט־אַרבעטער״.

דאָס ענגלישע מיליטער, וואָס האָט דורכגעפירט און פירט דורך יעדן טאָג די שוידערלעכסטע שכיטעס איבער די רעוואָליוציאָנערע מאַסן אין אינדיע און אין אַלע ענגלישע קאָלאָניעס, וואָס פּראָוואָצירט בלוט־בעדער און שכיטעס צווישן די פאַרשיידענע ראַסן און נאַציאָנאַליטעטן אין אַלע קאָלאָניעס פון ענגלאַנד — דאָס אָנקומען פון אָט דעם מיליטער אין פּאַלעסטינע — האַלט לייוויק — האָט עס געדאַרפט אָנפילן מיט פרייד דאָס האַרץ אַפילע פון אַ קאָמו־ניסטישן „פרײַהײַט״־מיטאַרבעטער. ווי געפעלט אײַך לייוויקס סימכע, לייוויקס אידעאַל פון אַ קאָמוניסט?

ס'איז, פֿאַרשטייט זיך, קיין וווּנדער ניט, וואָס אַזאַ פֿרייד קלינגט אַזוי ווילד פֿאַר אַן עמעסן קאָמוניסט. ס'איז אָבער זייער טשיקאַווע, וואָס אַזאַ פֿרייד איז געוואָרן פֿריקרע אַפֿילע דעם לייטאַרטיקל־שרײַבער פֿון לײַוויקס „וואָך" מיט אַ פּאָר כאַדאָשים שפּעטער. ס'קאָן זײַן, אַז אַפֿילע אַזאַ כאַלוצי־שער „מוסטער־קאָמוניסט", ווי לײַוויק אַליין, האָט עס שפּעטער דערפֿילט, און אַז ער אַליין האָט געשריבן דעם לייטאַרטיקל (וועם ערשטן לייטאַרטיקל פֿונעם צענטן נומער „וואָך"), אין וועלכן ס'ווערט אַזוי געזאָגט:

„... וועגן דעם „אויסגעהאַלטענעם ניסויען" רעדט עס י. ד. בערקאָוויטש אין „טאָג". מײַנען מיינט עס: דער יישעוו האָט זיך ניט דערשראָקן, ניט פֿאַר־לוירן דעם קאָפּ. עס איז אַוואַדע גוט. קומט דערנאָך אַ קיפּלינגיאַדע וועגן די שווערע טעג, צווישן אַנדערן — וועגן דעם, וויאַזוי דרײַצן יונגעלײַט פֿונעם זעלבסטשוץ האָבן פֿאַרטיידיקט טאַלפּיעס. באַ וועמען וועט זיך עפּעס דאָס מויל צו זאָגן עפּעס קעגן דעם זעלבסטשוץ? באַ אונדז — זיכער ניט. נאָר אָט איז דער שלוס: „ביז עס זײַנען געקומען ענגלישע סאָלדאַטן און האָבן עוואַ־קוירט די באַפֿעלקערונג". קיפּלינגס אַרטעריס און זײַנע כאַווײרים האָבן אויך דאָ געראַטעוועט די סיטואַציע, ווי זיי טוען עס שוין אין אינדיע אַד האַיום האַזע. דאָס לעפּל דזשעגעכץ פֿאַרשלאָגט דעם רייעך פֿונעם גאַנצן פּעסל האָניק".

און מיט אָט דער קיפּלינגיאַדע, מיט אָט דער „דזשעגעכץ"־פֿרייד פֿון קיפּלינגס „אַרטעריס" און פֿון זײַנע כאַווײרים, די אימפּעריאַליסטישע ראָצכים פֿון צענדליקער טויזנטער רעוואָליוציאָנערן אין אינדיע „אַד האַיום האַזע" האָט עס לײַוויק געוואָלט אָנפֿילן די הערצער פֿון די קאָמוניסטן און „פֿרײַהײַט"־מיטאַרבעטער. די קאָמוניסטן און „פֿרײַהײַט"־מיטאַרבעטער האָבן אָבער אָט די „דזשעגעכץ"־פֿרייד געלאָזט פֿאַר בערקאָוויטשן און פֿאַר די כאַלוצישע מוס־טער־קאָמוניסטן אַ־לאַ לײַוויק.

אַגעוו, ווערט אינעם זעלביקן לייטאַרטיקל געזאָגט נאָך דעם, וואָס איז אויבן ציטירט געוואָרן, פֿאָלגנדיקס:

„איז־וואָס־זשע פּאָרט האָט פּאַסירט אין פּאַלעסטינע? איצט איז עס שוין גאַנץ קלאָר: אַ ן א ו פ ש ט א נ ד ב א ג ל ײ ט פ ו ן פ א ָ ג ר א ָ מ ע ן (דאָס האָט „די פֿרײַהײַט" אויך געזאָגט — אַ. פּ.), און ניט אַן אויפֿשטאַנד פֿון „די אונטער־דריקטע אַראַבישע מאַסן קעגן בריטישן אימפּעריאַליזם („די פֿרײַהײַט" האָט דערצו נאָך צוגעגעבן — „און זייערע ציוניסטישע מעשאָרסים" — אַ. פּ.), נאָר פֿון דער אַראַבישער בורזשואַזיע קעגן ציוניזם".

דאָ, ווי איר זעט, האָט שוין „די וואָך" געמוזט בײַטן איר פֿריערדיקן טעזיס. פֿריער האָט זי געשריבן, אַז אין פּאַלעסטינע זײַנען געווען בלויז פּאָגראָ־מען און ניט קיין אויפֿשטאַנד, ווי „די פֿרײַהײַט" האָט געשריבן. איצט האָט שוין „די וואָך" עס געמוזט פֿאָרמולירן אַזוי: אַן אויפֿשטאַנד באַגלייט פֿון פּאָגראָמען. ס'פֿאַרשטייט זיך, אַז וועגן אויפֿשטאַנד מאַכט זי געוויסע רעזער־וואַציעס.

אויב אַזוי, אויב אַן אויפֿשטאַנד, איז פֿאַרוואָס טאַקע איז לײַוויק אַרויס

פון דער „פרײַהײט״ ? אַף דעם ענטפערט לײוויק אין זײַן אַרטיקל פונעם ערשטן נומער אַזױ: „מיר באַשולדיקן די „פרײַהײט״־שרײַבער, אַז זײ האָבן געשריבן, װי אַנטיסעמיטן, װי לײַט פון דער אַמאָליקער „נאָװאָיע־װרעמיא״. זײ האָבן סאַדיסטיש געריבן די הענט פון סימכע אין אַ צײַט פון אַ פאָלקס־אומגליק און האָבן מיט אָפּשפּאָטונג (אַפילע װען זײ זאָלן האָבן זײַן גערעכט), װי צעררייצטע מעשומאָדים, געטאַנצט איבער פאַרגאָסן בלוט און האָבן זיך געשטעלט אין אַזאַ פּאָזיציע, װי זײ װאָלטן אַ שפּײַ געטאָן אין פּאָנעם דעם פאָלק, פון װעמען זײ קומען אַרױס״.

„מיר באַשולדיקן די „פרײַהײט־שרײַבער, אַז זײ האָבן, דורך אַלעם אױבנגעזאָגטן, פאַראַטן דעם ליכטיקן עמעס פון קאָמוניזם, און אַז זײ זײַנען ניט ראָװע צו זײַן די פירער פון די אַרבעטער״.

סאַראַ בלומען־שפּראַך פון דעם „איבערמענטש״ און „דערלײזער״! אַנטיסעמיטן, לײַט פון דער אַמאָליקער „נאָװאָיע־װרעמיא״, סאַדיסטן, צעררייצטע מעשומאָדים, טענצער איבער פאַרגאָסן בלוט, פאַרעטערס א. אַז. װ. א. אַז. װ. װעלכן „עמעסן קאָמוניזם״ זײ האָבן פאַראַטן — װײסן מיר שױן. לײוויקס קאָמוניסטן־אידעאַל קענען מיר אױך. דער איקער איז בײַ לײוויקן, פאַרשטײט זיך, דער סאָף: זײ זײַנען ניט ראָװע צו זײַן די פירער פון די אַרבעטער. דאָ ליגט דער הונט באַגראָבן. בלױז די „װאָכ״־שרײַבער זײַנען ראָװע. און זײ האָט זיך שטאַרק געװאָלט װערן „די פירער פון די אַרבעטער״ — נאָר די אַרבעטער האָבן זיך פון זײ אָפּגעקערט, װי פון רענעגאַטן און פאַרעטער. און זײ זײַנען נעבעך געבליבן באַם װעלן, װי דער פּאָסעק זאָגט אין זײער לײטאַרטיקל „אַך היום האזע״...

און אין זעלביקן טאָן, װאָס לײוויק, האָבן אינעם ערשטן נומער „װאָכ״ געשריבן לעיעלעס און מענאַכעם. דער עסטעט און אינזיכיסט לעיעלעס האָט אין זײַן אַרטיקל, װו ער האָט דערמאָנט אױך װעגן „אױסגעסאָרטירטע זידלװערטער״ אין דער „פרײַהײט״, אַלײן אַטאַקירט די „פרײַהײט״־שרײַבער מיט אַזאַ בלומענדיקער „אױסגעסאָרטירטער״ שפּראַך, װי „פרײַהײט״־מאַקיאַװעליס, פּאָגראָם־אַפּאָלאָגעטן, שפּאַנישע אינקװיזיטערס, מאַליוטאַ סקוראַטאָװס א. אַז. װ. א. אַז. װ. באַם אַטאַקירן די „פרײַהײט״ האָט זיך בײַ די איבערמענטשן און דערלײזער אָפּגעטאָן די „שכינע״ אַפילע פון קלוגמערשטע קולטור־מענטשן און אינטעליגענטן. דאָ זײַנען זײ שױן גאָרנישט געװען איבערקלײַבעריש. אַלע מיטלען האָבן געהײליקט זײער צװעק.

און מענאַכעם — ער האָט די קאָמוניסטן אָפּגעטאָן גאָר אָפּ... בורלעסקיש. אָט װאָס ער דערצײלט אַלײן װעגן דעם:

„מיט עטלעכע יאָר צוריק זײַנען מיר געגאַנגען פון אַ לעװײַע. מע האָט אװעקגעפירט אין ד׳ערד אַ מענטשן אַ יונגן, אַ שײנעם, װאָס איז אװעקגעפאַלן פּלוצלינג אין עטלעכע טעג. אין דעם פּלוצלינגן קראַנק װערן און שטאַרבן פון דעם יונגן מענטשן איז געװען אַזױפיל װעלט־העפקער און אומגערעכטיקײַט, אַז גײענדיק פון דער לעװײַע האָט מען געמוזט ענטפערן מיט העפקער: שפּײַען עמעצן אין פּאָנעם, אָדער לאָזן זיך אַלײן אין פּאָנעם שפּײַען.

מיר זײַנען פֿאַרגאַנגען אין א בורלעסק, אין א ביליקן, אומפֿארשעמטן, העפקערדיקן — און ער האָט געהאַט א באַרעכטיקונג.

איך האָב ניט געזוכט דעם מין פֿאַרווײַלונג פֿון דעמלט אָן ביז מיטוואָך, דעם 28־טן אווגוסט. אין יענעם טאָג זײַנען ייִדישע אַרבעטנדיקע מענטשן, גלוביקע, געלײַטערטע אין מי און דערהויבענע אין זייער קאַמף־גרייטקייט — ייִדישע אַרבעטער זײַנען גערופֿן געוואָרן אין א האָל (זאַל) קעגן עפּעס צו פּראָטעסטירן, עפּעס אַזוינס אָפּצוטאָן, איך האָב נישט געוווּסט גענוי, וואָס עס וועט אָפּגעטאָן ווערן, אָבער פֿון דעם טאָן און דעם נוסעך פֿון דער „פֿרײַהײַט" אין יענעם טאָג האָב איך געזען, אַז עפּעס וועט דאָ זײַן אַזוינס, פֿון וואָס עס קאָן שמעקן מיט שאַנד. וואָס טאָן? גיין אַהין, זיצן צווישן די אַרבעטער, שווײַגן און מיטן שווײַגן גוט־זאָגן די טווּנג? גיין און פּרוּוון ריידן? קעגן א פּאַרטיי, קעגן אינסטרוקציעס, קעגן א פּאַרטיקן באַשלוס? אופֿהייבן א העצע און פּאַרטיקעט ווערן? און עפּשער וועט עס דאָך ניט זײַן אַזוי שענדלעך?

יענעם פֿאַרנאַכט האָב איך זיך דערמאַנט אָן דעם ייִדליק פֿון בורלעסק און דערפֿילט, אַז צו אים געהער איך דעם אָוונט".

איז פֿאַרייביקן מיר עס. און זאָל די גאַנצע וועלט וויסן, ווי־אַזוי מענאַכעם האָט געפּרוּווט שפּײַען אין פּאָנעם די „גלוביקע, געלײַטערטע אין מי און דערהויבענע אין זייער קאַמף־גרייטקייט ייִדישע אַרבעטער". ווען יענע האָבן זיך פֿאַרזאַמלט מישפּעטן די שרײַבער, וואָס זײַנען אַנטלאָפֿן פֿון דער ייִדישער קאָמוניסטישער פּרעסע, איז ער אַוועק „אין א ביליקן, אומפֿאַרשעמטן, העפקערדיקן" „בורלעסק". אָט ווי־אַזוי מענאַכעם האָט געענטפֿערט אויף דעם וועלט־העפּקער און אומגערעכטיקייט פֿון די קאָמוניסטן! ווײַזן זיך פֿאַר די ייִדישע אַרבעטער — האָט ער ניט געוואַגט, און ווי אַלע מענטשן מיט שולדיקע געוויסנס איז ער אַוועק דערטרינקען זײַן העפּקיירעס אין נײַע העפּקיירעס.

ס'פֿאַרשטייט זיך, אַז מענאַכעם האָט דערמיט בלויז זיך אַליין געשפּיגן אין פּאָנעם. און ווי געפֿעלט אײַך, ווי מענאַכעם צאָרנט עס „קעגן א פּאַרטיי, קעגן אינסטרוקציעס, קעגן א פּאַרטיקן באַשלוס"? אָט וואָס עס שטייט אים, ווי א בײַן אין האַלדז: די קאָמפּאַרטיי! אירע אינסטרוקציעס! דאָ האָט איר נאָך א בײַשפּיל פֿון דער קריגערישער „אַנטיפּאַרטיייִשקייט" פֿון דער „וואָך".

און אינעם זעלביקן אַרטיקל בורלעסקעווּעט ווײַטער מענאַכעם:

„מע האָט געוואָלט, מע האָט מאַמעש געבעטן אויף זיך א פּאָגראָם, — „צו אונדז זײַנען דערגאַנגען ידיעות, אַז די פֿאַשיסטן קלײַבן זיך צו מאַכן אויף אונדז איבערפֿאַלן" — האָט „די פֿרײַהײַט" אונטערגעזאָגט אירע סאָנים, וואָס צו טאָן. און מע האָט זיך שטאַרק ניט געדאַרפֿט אײַנבעטן. דער קרעמער האָט געוווּסט זײַן קורס".

מענאַכעם ווייסט, אַז „ניט בלויז פֿאָלקס־צאָרן" האָט געטריבן די אַלע, וואָס זײַנען אַרומגעגאַנגען איבער די סטענדס[1] און אָרגאַניזירט דעם בוי־

[1] צײַטונג־קיאָסקן.

קאַט אַפ דער צײַטונג („פרײַהײַט"). ניט „פאָלקס־צאָרן" האָט אונטערגעזאָגט די, ניט־יידישע פירמעס ארויסצונעמען די אנאָנסן פון דער „פרײַהײַט". ער ווייסט, אַז „דער קרעמער, דער קאָנקורענט, האָט אין דעם בראָך פון א באוועגונג דערזען דעם שאַס האקוישער[1]), און אַן אָרגאַניזירטע האנט האָט געארבעט צו דערווארגן דעם קעגנער". מענאכעם ווייסט עס אויסגעצייכנט, האלעמײַ זאָל ער עס ניט וויסן? אויך ער האָט דאָך געמיינט, אַז דאָס איז דער „בראָך" פון דער קאָמוניסטישער באוועגונג און האָט דערזען דעם „שאַס האקוישער" אַפ ארויסצוגיין פון דער „פרײַהײַט", אַפ העלפן „דערווארגן דעם קעגנער" און איבערנעמען די פירערשאַפט איבער די יידישע ארבעטער.

מענאכעם ווייסט אויך, אַז „דעם „פאָלקס־צאָרן", דאָס בלוטיקע וואָרט, מיט וועלכן עס שפּילן אַלע פּאָגראָם־אָרגאַניזאַטערס, האָט מען אופגעהויבן און זיך פארדעקט מיט אים, און מע האָט עס געלאָזט גיין ביז געבראָכענע שויבן און מעבל־אין, שיקאגא (די דרײַ איבערפאַלן אַפ דער קאָנטאָר פון דער „פרײַהײַט"), ביז געשלאָגענע קעפּ אין דעטרויט (אַן איבערפאַל אַפ א רעוואָליוציאָנערן ארבעטער־קלוב), ביז שיר־שיר — א לינטשערײַ אַפ א ניגער אין בראָנזוויל (א שטאָט־טייל אין ניו־יאָרק, ווו עס איז קאָנצענטרירט א גרויסע יידישע באפעלקערונג — א. פּ.).

— זײַ פּראָוואָצירן — איז געווען דער ענטפער. אָבער ווי גרויס עס זאָל ניט זײַן די טיפּשעס אָדער אויסגערעכנטע צעלאָכעסדיקײַט פון שיקן א ניגער קיין בראָנזוויל — די יידישע בירגערלעכע פּרעסע האָט דאָך דערפירט די העצע צו דעם, אַז א האמוינ פון צוויי טויזנט יידן האָט געוואָלט לינטשן א שווארצן מענטשן אַפ דער גאַס אין בראָנזוויל, און מע האָט געדאַרפט האָבן פּאָליציי און פײַערלעשער דעם האמוינ צו צעטרײַבן און דעם מענטשן צו ראַטעווען, און די יידישע בירגערלעכע פּרעסע, וואָס דופעט מיט יידישער עטיק, האָט קיין וואָרט ניט געלאָזט פאַלן וועגן דער צעיושעטער שטיק יידישקײַט, וואָס האָט זיך מעשאַדעך געווען מיט דער מאָראַל פון דער סאַוט[2]) און איז גרייט געווען צו „לינטשן"...

מענאכעם וויל דאָ מאכן „כאַזער קאָשער פּיסל", ער פארוורטיילט קלוימערשט די פּאָגראָמען אַפ דער „פרײַהײַט" און די „צעיושעטע" יידישקײַט. גלײַכצײַטיק אָבער פרווווט ער זיך אליין ריינצוואשן די עמעסע ניט געפעלשטע יידישע פּאָגראָמשטשיקעס דורך באשולדיקן די „פרײַהײַט" אין פּראָוואָצירן די פּאָגראָמען.

אין זײַן ארטיקל „דער האָרב" אינעם צווייטן נומער „וואָך", פארן 11־טן אָקטיאבער 1929, שרײַבט מענאכעם:

„ווען ניט די פּארביטערונג אצינד, וואָלט מען געדאַרפט צונויפרופן א מעדיסאָן סקווער גאַרדן, דרײַ מעדיסאָן סקווער גאַרדנס (דאָס איז דער גרעסטער זאַל אין ניו־יאָרק, וועלכער נעמט ארײַן ארום 25 טויזנט מאַן — א. פּ.) מיט אַלע, וואָס האָבן זיך פון דער באוועגונג אָפּגעטרייסלט, און זאָלן אַלע

---

1) א פּאַסיקע געלעגנהײַט.

2) דאָרעם־שטאַטן, ווו מע לינטשט נעגערס.

צענער טויזנטער אוועקשיקן א פעטיציע אהין, אויבן, צו די גרויסע באַלע־באַטים, און זיך מישטאדל זײַן:

— ראטעוועט די מענטשן! אויב נישט צוליב זיי, איז צוליב דער באַוועגונג״.

די „וואָכ״־שרײַבער האָבן טאקע געמיינט, אז „צענער טויזנטער ארבעטער האָבן זיך אָפּגעטרייסלט פון דער קאָמוניסטישער באוועגונג״. זיי האָבן אפּ־אַן עמעס געמיינט, אז זיי האָבן געגעבן א טויטקלאפּ אמווייניקסטנס דער ייִדי־שער קאָמוניסטישער באוועגונג. און אין דעם „בראָכ״ פון דער באוועגונג האָבן זיי, ווי אלע קרעמער און קאָנקורענטן, דערזען דעם „שאס האקוישער״ צו דערווארגן דעם קעגנער און אליין איבערצונעמען די פירערשאַפט איבער די טויזנטער ארבעטער. געשריבן האָט מענאכעם וועגן מעדיסאָן סקווער גארדן, געמיינט און גערופן אָבער האָט ער די „אָפּגעטרייסלטע״ ארבעטער אין זאַל פון קופּער־יוניאָן. וועגן דעם איז אזוי געווען געשריבן אינעם ערשטן לייט־ארטיקל פונעם צווייטן נומער:

„הײַנט, פרײַטיק אָוונט, דעם 11־טן אָקטיאבער, וועלן די ערשטע לייענער פון דער „וואָכ״ זיך באגעגענען מיט אונדז אין קופּער־יוניאָן און אויסהערן פון אונדז — דערווײַל באַלפע (מינדלעך — א. פּ.) — די פּלענער פון די פּאָזי־טיווע ארבעטן, מיט וועלכע מיר זײַנען געקומען״.

און ווײַטער:

„מיר ווייסן אָבער אויך, אז צווישן די טויזנטער, וואָס האָבן עפּשער געזוכט סענסאציע אין אונדזער ערשטן נומער, איז געווען א זייער גרויסע צאָל מענטשן, וואָס האָבן אויך אין דעם „פרײַהײַט״־אינצידענט געזען א נאַ־טירלעכן שלוס פון א טיפערן קאמף, וואָס האָט זיך אָנגעפירט פון פריער. מענטשן האָבן געוווּסט, אז ניט פון הײַנט און נעכטן איז דער ריס, אז דער טאָכ פון דעם ריס איז די באציִונג צו אונדזער נאציאָנאַלן לעבן, צו אונדזער קולטור, ליטעראטור, און שוין אין ערשטן נומער אונדזערן האָבן זיי געזוכט דאָס פּאָזיטיווע, דאָס גאנצע און בויערישע, וואָס אין נאָמען פון דעם האָבן מיר זיך געראנגלט אויך ביז ערשט״.

און נאָכ ווײַטער:

„איידער מע נעמט פלאנצן, עס זאָל וואקסן, מוז מען אָפּרייניקן דעם באָדן, אפּ וועלכן עס זאָל געפלאנצט ווערן״.

און לייוויק איז אין זעלביקן נומער ארויס מיט אן ארטיקל „צום יאָנ־טעוו פון וואָרט״. אפּ דער יאָנטעוו־פארזאמלונג אין קופּער־יוניאָן האָבן זיי געפלאנט אָנצוהייבן „פלאנצן״ זייער טוירע, נאָכדעם ווי זיי האָבן געמיינט, אז צענער טויזנטער ייִדישע ארבעטער האָבן זיך שוין „ארויסגעטיילט״, אָפּ־געריניקט זיך פון דעם באָדן פון דער „פרײַהײַט״ און פון דער קאָמוניסטי־שער פארטיי. דער קופּער־יוניאָן־זאַל נעמט ארײַן אינגאנצן 800 מאַן. ווי ס׳איז צו זען, האָבן זיי פונדעסטוועגן ניט געוואגט צו נעמען טאקע א גרויסן זאַל פאר די טויזנטער אָדער צענער טויזנטער, וואָס האָבן זיך לויט זייערע ווערטער „אָפּגעטרייסלט״ פון דער באוועגונג. אלנפאלס, האָט מען

געקאָנט רעכענען, אַז בלויז מיט נײַגעריקע אַרבעטער וועלן זיי קענען אָנפילן דעם קופּער־יוניאָן.

און אָט עפנט זיך די פאַרזאַמלונג אין קופּער־יוניאָן. און — פון דער לייוויק׳אַדע, פון לייוויקס פּראָקלאַמירטן „יאַנטעוו" איז געוואָרן „וואָך". ס׳איז געווען וואָכעדיק, אומעטיק און ליידיק בענקלעך אין קופּער־יוניאָן. לייוויקן האָבן שטאַרק ניט געשמעקט די „ליידיקע בענקלעך". אַזאַ דורכפאַל מיט אַ טראַסק פון אַלע זײַנע פלענער וועגן די צענער טויזנטער „אָפּגעטרייסלטע". ער האָט געפּרוּווט אָפּשוואַכן דעם אײַנדרוק און זיך אַרײַנגעגעבן קוראַזש, זיך אַ קניפּ טאָן אין בעקל, אַז די פאַרב זאָל כאָטש בלײַבן. האָט לייוויק דערקלערט אין זײַן רעדע, אַז „ערגעץ־ווו" (ער האָט אויסגעמיטן צו דערמאָנען די „פרײַהײַט") וועט מען מיסטאָמע שרײַבן, אַז עס זײַנען געווען אַסאַך ליידיקע בענקלעך אין קופּער־יוניאָן, אַז עס איז געווען אַ גרויסער דורכפאַל, אָבער... נישט בײַ לייוויקן. ניט געקוקט אויף די סך ליידיקע בענקלעך, האַלט לייוויק, אַז לויט זײַן „מיסטיק" דאַרף מען דעם אָוונט פאַרט רעכענען פאַר אַ דערפאָלג.

די „ליידיקע בענקלעך" האָבן אָבער פאָרט געמאַטערט דאָס געוויסן פון די „וואָך"־איבערמענטשן און דערלייזער. מענאַכעם, לעיעלעס און די אַנדערע האָבן אין זייערע רעדעס זיך ווידער אומגעקערט צו אָט דער טעמע. זיי האָבן שוין איצט דערקלערט, אַז קיין גרויסן עולם האָבן זיי ניט דערוואַרט. לעיעלעס האָט דערציילט, אַז ער האָט טאַקע געטראַכט, אַז קופּער־יוניאָן איז צו גרויס (איר הערט! אַ זאַל פון 800 מענטשן פאַר „צענער טויזנטער" איז אויך געווען צו גרויס!) נאַר... ער האָט געוואָלט זען, וויפל מענטשן עס קענען צונויפברענגען „די יונגע, נײַסטע ליטעראַטור", וואָס פאַר אַ רעזערוו־אַרמיי עס שטייט הינטער דער „וואָך". ס׳איז געווען אַן עקזאַמען, אַ „סמאָטער" פון די קויכעס, פון וועמען זיי האָבן געוואָלט אָנהייבן דעם געפּלאַנטן פולשטענדיקן פּאָגראָם פון דער „פרײַהײַט"־באַוועגונג!

ווער זײַנען געווען די „וואָך"־רעזערוון? נאָכדעם, ווי מע האָט געפּויקט אַ גאַנצע וואָך וועגן דעם „גרויסן" ליטעראַטור־יאָנטעוו אין קופּער־יוניאָן מיט אַנאָנסן און נאָטיצן אין „פאָרווערטס", „טאָג" און „מאָרגן־זשורנאַל", איז אָפּן אָוונט געווען אַ פּאָר הונדערט מענטשן, און דאָס איבעריקע—„ליידיקע בענקלעך". די פּאָר הונדערט „מענטשן" (די „וואָך"־רעדנער האָבן קעסיידער באַנוצט דעם טערמין „מענטש", „רעוואָלוציאָנערער מענטש", „יידישע מענטשן" א. אז. וו.) זײַנען באַשטאַנען פון באַלעבאַטישע שרײַבער, אַקטיאָרן, לערער פון די שאָלעם־אַלייכעם־און־ אַרבעטער־רינג־שולן, פאַרבאַנדניקעס, פּ. ציִוניקעס און פון אַ קליין ביסל נײַגעריקע אַרבעטער. דאָס אָרט פון די רעוואָלוציאָנערע יידישע אַרבעטער האָבן פאַרנומען די „ליידיקע בענקלעך".

עס האָבן גערעדט: מענאַכעם, האַלפּערן, שאַפּיראָ, יאַנקעוו לעווין, לעיעלעס און לייוויק. וואָס איז געווען דאָס „פּאָזיטיווע, גאַנצע און בויערישע" אין זייערע רעדעס? העצעס קעגן דער „פרײַהײַט", קעגן די יידישע רעוואָליוציאָנערע אַרבעטער, בילבולים און כויזעק אויף

די פירער פון דער רעוואָליוציאָנערער ארבעטער־באַוועגונג און אַף דער יידישער פראָלעטארישער קולטור און ליטעראטור לויט דעם נוסעכ פון די ארטיקלען זייערע, וואָס מיר האָבנ שוינ ציטירט. דער פּאראָל איז געווענ: קאמפּ אַפ לעבנ און טויט קעגנ דעם איינפלוס פון דער „פריייהייט" און פון דער קאָמוניסטישער פארטיי אינעם יידישנ לעבנ.

וועגנ די „לײדיקע בענקלעכ" האָבנ זיי אפילע אליינ געמוזט דערציילנ אינ דער „וואָכ" פונעם 18־טנ אָקטיאבער 1929; זיי האָבנ זיכ אליינ געמוזט אָפּשמייסנ. זיי שרייבנ:

„דער גרויסער זאל פונ קופּער־יוניאָנ, זיינ אמפיטעאטער־פאָרם דערלויבט צו זענ דעם דרויסנדיקנ קרייז פונ שטולנ ארומ — ליידיק. מיר, די, וואָס געפינענ זיכ אַפ דער בינע, זעענ דאָס זייער גוט. אָבער — עס מאכט ניט".

ניט בלויז אַפ דער בינע האָט מענ גוט געזענ דעם דרויסנדיקנ קרייז פונ „ליידיקע שטולנ", נאָר ווו מע איז ניט געזעסנ, האָט מענ געזענ אי די דרויסנדיקע אי די אינעווייניקסטע קרייזנ פונ ליידיקע שטולנ. די דאָנקיכאָטישע לייוויק־אדע איז מיעס דורכגעפאלנ. דער דורכפאל האָט באוויזנ, אז די ברייטע מאסנ פונ די יידישע רעוואָליוציאָנערע ארבעטער זיינענ ניט פארכאפּט געוואָרנ פונעם שאָוויניסטישנ טשאד, אז זיי זיינענ וויים געווענ פונ אָנעמענ די פירער־שאפט פונ די „וואָכ"־מעשיכים.

נאָכנ דורכפאל אינ קופער־יוניאָנ האָט געפּרווט ראטעווענ די לאגע די יידישע קולטור־געזעלשאפט. אינ דעם 3־טנ נומער „וואָכ" פונ 18־טנ אָקטיא־בער לייענענ מיר א גרויסנ אנאָנס, אז די יידישע קולטור־געזעלשאפט האָט אָרגאניזירט א לעקציע־ביוראָ פונ די אָנגעזעענסטע יידישע שריפטשטעלער און לעקטאָרנ איבער פארשיידענע יידישע און אלגעמיינע קולטור־, ליטעראַ־טור־,קונסט־ און וויסנשאפט־פראגעס, ווי אָפּאטאָשו, מענאכעמ, לייוויק, רייזענ, לעווינ, לערער, ביאלאָסטאָצקי, גאָלדבערג, לעיעלעס, פראָפ. גילדינ, זאקס, וויינפער, זשיטלאָווסקי, יאָפע, קאהאנ, ליטווינ, ד"ר מוקדוני, ניגער, עלקינ, פּינסקי, ד"ר שאצקי א. אנד. זיי האָבנ אזויארומ געוואָלט דורכ לעקציעס אריינאַרנ צו זיכ די יידישע ארבעטער. אויכ דאָס איז געווענ א גרויסער דורכפאל.

דעמ זעלביקנ 18־טנ אָקטיאבער איז אינ דער „וואָכ" געווענ אָפּגעדרוקט אויכ א גרויסער אנאָנס וועגנ „די ערשטע דעבאטע פונ סעזאָנ" (אינ נוסעכ פונ אנ עמעסער רעקלאמע) צווישנ מענאכעמ—לייוויק און לערער—ניגער אַפ „איינע פונ די וויכטיקסטע אקטועלסטע פראגעס: „צי קאָנ א יידישער שרייבער גיינ מיט א פארטיי? לייוויק און מענאכעמ זאָגנ: יאָ! לערער—ניגער: —ניינ!"

קענט איר דאָכ מיינענ, אז לייוויק און מענאכעמ האָבנ כאראָטע געקראָגנ, זיכ אָפּגעזאָגט פונ זייער קריגערישער מיקלוימערשטער „אנטיפּארטייישקייט"?— הייבט זיכ נישט אָנ! דאָס איז בלויז געווענ א נייער מאנעוור זיכ צוצו־פאסנ צו די נייע אומשטאנדנ נאָכנ קופּער־יוניאָנ־דורכפאל און צו פארנארנ די ארבעטער צו דער דעבאטע דורכ זייער קלוימערשט פראָ־פארטייישער שטעלונג.

אז דאָס איז אזוי, וועלן מיר לאָזן איידעס זאָגן טאקע דעם באריכט איבער דער דעבאטע, וואָס איז געווען אָפּגעדרוקט אין דער „וואָך" פאַרן 25־טן אָקטיאבער 1929. דערציילט אונדז „די וואָך":

„צווישן אוילעם (אין זאל, ווו די דעבאטע איז פאָרגעקומען) האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן דאָס יונגוואַרג. מיידלעך און באָכורימלעך אין די 18־נער יאָרן, טאַלמידים פון די יידישע שולן. דער נייַער דאָר קומט שוין, נאָך א פּאָר יאָר און ער וועט ווערן דער אוואנגארד פון אונדזער קולטור־לעבן. די דעבאטע אליין? אייגנטלעך איז דאָס נישט געווען קיין געפעכט. מע האָט נישט געצויגן שארפע ליניעס. נאָר קלאָר געמאכט. ערגעץ־ווו צעגייט מען זיך, אָבער ערגעץ־ווו באגעגנט מען זיך. אין טאָך גענומען האָבן ביידע איין צוגאנג: די יידישע ליטעראטור און קולטור".

„אין טאָך גענומען האָבן ביידע צדאָדים איין צוגאנג". „די וואָך" האָט נאָך קיינמאָל אזא עמעס ניט געשריבן. ביים די דעבאטן, דוכט זיך, איז עס לייבוש לעדער בארימט געוואָרן פאַר זיין אָריגינעלן פּסיכאָלאָגישן אנאליז, אז מע דארף די קאָמוניסטן אלץ מויכל זיין, ווייל זיי זיינען אומנאָרמאלע מענטשן, פּסיכאָפּאטן. אלס ריַיע האָט ער געבראכט דעם פאקט, וואָס זיי באנוצן שטענדיק א מיליטערישע טערמינאָלאָגיע פון קאמף און קריג. אין טאָך גענומען האָבן אויך לייוויק, מעניכעם און די אנדערע „וואָך"־מענטשן געהאט דעם זעלביקן צוגאנג. אויך זיי האָבן געשריבן, אז „די פרייַהייַט" איז מעשוגע געוואָרן — „בלינדער, שרייַענדיקער אומזין". קיין דעבאטן זייַנען אינדערעמעסן ניט געווען, ווייל לייוויק און מעניכעם האָבן אין טאָך ארויסבאוויזן דעם זעלביקן „צוגאנג" צו דער פּארטיי, ווי לעדער און ניגער.

מיר דארפן אויך דאָ פארצייכענען דאָס, וואָס דער „וואָך"־רעפּאָרטער אליין שרייַבט, אז „געוואָרפן אין די אויגן" ביים די דעבאטן האָט זיך די גרויסע צאָל „מיידלעך און באָכורימלעך אין די 18־נער יאָרן, טאַלמידים פון די יידישע שולן". קיין דערוואקסענע יידישע ארבעטער האָבן זיך אין די אויגן ניט געוואָרפן. אזוינע זייַנען טאקע ניט געקומען. מע האָט זיי געדארפט זוכן אפ א רעפּוע. אזוי איז דורכגעפאלן אויך זייער טריוק מיט די דעבאטן וועגן פּארטיי! די ארבעטער האָבן פון זיי געוויַכט, זיך ניט געלאָזט פארנארן.

„די וואָך" האָט אלץ גיפטיקער פאָרגעזעצט אירע אטאקעס קעגן „פּארטיי־אינסטרוקציעס", קעגן דער „פרייַהייַט" און אירע מיטארבעטער און קעגן דער גאנצער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג. באזונדערס בייזווייליק און דערבייַ פּערזענלעך האָט זי אטאקירט די פירער פון דער קאָמבאוועגונג. מע האָט זיך באמיט צו זידלען די דאָזיקע פירער אפן שענדלעכסטן אויפן, מאכן זיי צו גאָרנישט און צו דיסקרעדיטירן.

אין דער דאָזיקער „הייליקער" ארבעט האָבן זיך, אכוץ לייוויקן, אויסגעצייכנט אויך לעיעלעס, מעניכעם, האלפּערן און אנדערע. זיי האָבן פאָרגעזעצט זייערע אטאקעס אין דעם טאָן פון די זידלערישע ארטיקלען פון לייוויקן און מעניכעמען אין די ערשטע נומערן, אין דעם גייַסט פון „דעם מופטיס ארבל", „דער האָרב" א. אז. וו.

אויב אינעם ערשטנ נומער האָבנ זיי געמאכט א גענעראַלע אטאקע אפ די פּראָלעטאַרישע קינדער־שולנ, האָבנ זיי אינעם צווייטנ נומער געמאכט א גענעראַלע אטאקע אפ דעמ „איקאָר", אינעמ דריטנ נומער — אפ די לינקע אר־בעטער־רינג־בראַנטשעס (אָפּטיילנ), אינעמ פערטנ נומער — אפ דעמ קאָמינ־טערנ, אפנ „פּראָלעטפּענ", אינעמ פינפטנ נומער — אפ די סאָוועטישע שרײַ־בער, אונ שפּעטער אפ די רעוואָליוציאָנערע פּראָפאַריינע, אפ די ארבעטער־קלובנ — מיט איינ וואָרט: אפ דער גאַנצער קאָמוניסטישער אונ רעוואָליוציאָנערער ארבעטער־באַוועגונג.

איכ קענ זיכ ניט אָפּשטעלנ געניער וועגנ זייערע אטאקעס אפ אָט די אַלע טיילנ פונ דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג, ווײַל דאָס וואָלט פאַרנומענ צו־פיל אָרט.

פאַר דער טעמע פונ אונדזער בוכ האָבנ, פאַרשטייט זיכ, דעמ גרעסטנ אינטערעס זייערע פּאָזיציעס אינ ליטעראַטור־פּראָגעס. מיר וועלנ דעריבער איצט אריבערגיינ צומ באַטראַכטנ די ליטעראַרישע אונ קינסטלערישע פיזיאָגנאָמיע פונ דער „וואָכ" אונ איר קאַמפּ קעגנ דעמ „פּראָלעטפּענ".

מיר האָבנ שוינ דערמאָנט, אז נאָכ אינעמ ערשטנ נומער „וואָכ" געפינענ מיר שוינ אנ אטאקע אפ די סאָוועטישע שרײַבער ביכלאַל, אפ די כאַרקאָווער ביפראַט. די אטאקעס האָט „די וואָכ" פּאָרגעזעצט קימאַט אינ יעדנ נומער. אינעמ צווייטנ נומער אטאקירנ זיי אויכ איינצלנע שרײַבער, דאָוויד בערגעל־סאָנענ אונ מוישע נאַדירנ. זיי האָבנ זיכ געפילט גאָר שטאַרק געטראָפנ דער־פונ, וואָס בערגעלסאָנ אונ נאַדיר — צוויי פונ די וויכטיקסטע מיטליפער אונ אזוינע אָנגעזעענע יידישע שרײַבער — האָבנ ניט נאָכגעטאָנ זייער בײַשפּיל. וועגנ בערגעלסאָנענ שרײַבנ זיי:

„אָבער... אונ עס וועט אונדז נישט העלפנ דאָס צו פאַרלייקענענ — בער־געלסאָנ טוט אונדז וויי. אונדז וואָלט אסאַכ ליבער געווענ צו רעדנ וועגנ אים, ווענ מיר קענענ אימ ציילנ צווישנ די, וואָס האָבנ רעאגירט ווי יידישע מענטשנ אפ דער מײַסע „פרײַהײַט" — פּאַלעסטינער פּאָגראָמ. אונ בערגעלסאָנ איז א יידישער מענטש.

בא זײַנ אָפּשייד־באַנקעט פאַר זײַנ אָפּפאָרנ פונ אמעריקע האָט בערגעל־סאָנ ווירדיק אונ שטאָלצ דערקלערט דער רעדאַקציע פונ דער „פרײַהײַט".

— איכ וועל נישט צושטײַער געבנ קיינ איינ שורע פונ מײַנע ווערק אפ דעמ, אז איר זאָלט זיכ דערמיט אויסקויפנ פאַר אײַערע אמאָליקע כאַ־טאָימ.

מיט בערגעלסאָנס ווערק, וואָס ווערנ ערשט געדרוקט אינ דער „פרײַהײַט", ווערנ אויסגעקויפט נישט אמאָליקע, נאָר די סאַמע לעצטע אונ ערגסטע כאַ־טאָימ — מענטשלעכע, יידישע אונ קאָמוניסטישע, וואָס די רעדאַקציע פונ דער „פרײַהײַט" טראָגט אפ זיכ. אונ בערלינ פונ ניו־יאָרק איז נישט אזוי ווײַט, אז בערגעלסאָנ זאָל דערפונ ניט וויסנ".

די „יידישע מענטשנ" פונ דער „וואָכ" האָבנ גערעכנט, אז ווײַל בערלינ פונ ניו־יאָרק איז ניט ווײַט, וועלנ זיי קענענ אופהעצנ אויכ בערגעלסאָנענ קעגנ

דער „פרײַהײַט". זיי האָבן געררופן בערגעלסאָנען צו „רעאַגירן", אַזוי ווי זיי האָבן געטאָן. און דעמלט, זאָגן זיי אים צו, וואָלטן זיי אים געציילט צווישן די אייגענע „יידישע מענטשן". ווי באַוווּסט, איז עס זיי אָבער ניט געלונגען. בערגעלסאָן האָט זיך ניט געלאָזט כאַפּן אַף דער וועגטקע פון „פּינטעלע ייִד". זיי האָט געמעגט ווי טאָן, וואָס אָנשטאָט צו איזאָלירן די „פרײַהײַט" האָבן זיי זיך אַליין איזאָלירט. וועגן נאַדירן האָבן זיי געשריבן פאָלגנדיקס:

„... און מוישע נאַדיר האָט זיך געשטעלט אַף דער זײַט פון די, וואָס האָבן אין זייער בלינדן, מאַניאַקאַלישן לויף איבערגעטראָטן אַלע גרענעצן"...

זיי וואָרענען אים, אַז מיט אים וועט פּאַסירן, ווי מיט זײַנעם אַ העלד פון נאַראַיעוו: „די פרײַהײַט" וועט אַנטלויפן מיט זײַנע מאַלבושים און אים לאָזן שטיין אַ נאַקעטן און עלנט אַפן ברעג פונעם טײַך...

אָבער... דאָס האָט נאַדירן אויך ניט דערשראָקן, און ער האָט ניט געפאָלגט די גוטע אייצעס פון די „יידישע מענטשן".

אין זעלביקן נומער „וואָכ" איז אָפּגעדרוקט אַ קריטיק איבער דעם „אַל-מאַנאַכ" פון „וווספּפּ". דער קריטיקער פון דער „וואָכ" גיט דאָרט דער סאָוועטישער ליטעראַטור אַ מעלאַמדישן קניפּ און אַ שטאָך פון אונטערן טיש. נאָכדעם ווי ער ברענגט דרײַ לידער-אויסצוגן פון כאַנע לעווין, מ. שטורמאַן און כאָנע ווײַנערמאַן, גיט ער צו:

„די דאָזיקע געבראַכטע פּערזן זײַנען די קאָלעקטיוויסטישע שאַפונג פון דרײַ יונגע סאָוועטישע דיכטער. עמעס, זיי האָבן אונטערגעשריבן באַזונדער די נעמען. אָבער אַז איר קלײַבט אויס די פּערזן און שטעלט זיי צונויף, ווערט קלאָר, אַז יעדער פון זיי איז ניט קיין דיכטער פאַר זיך, נאָר איינער פונעם קלאַל סאָוועטישע פּאָעטן, וואָס שאַפט די נײַע יידישע פּאָעזיע אין רוסלאַנד". און ער ענדיקט מיט אַ כויזעק: „אײַך דאַכט זיך נאָך אַלץ, אַז אויב איין פּאָעט איז צוויי טראָפּן וואַסער ווי דער אַנדערער, וואָלט געווען אַ יידישער אויסצוקלײַבן איינעם פון גאַנצן קאָלעקטיוו, דעם בעסטן און קרעפּטיקסטן, און זאָל ער שאַפן דעם נייטיקן פּאָעטישן שטאָף".

אַ גוואַלדיקע, טיפּזיניקע כאָכמע!

און פּונקט ווי דער לעצ פון דער „וואָכ" האָט געפּרוווט מיט אַ פלאַכער כאָכמעלע מאַכן צונישט די יידישע סאָוועטישע ליטעראַטור, האָט דער זעלביקער לעצ אָדער אַן אַנדער לעצ פון דער „וואָכ" געפּרוווט אויך מיט אַן ענלעכער כאָכמעלע מאַכן צונישט דעם „פּראָלעטפּען". אָט וויאַזוי „די וואָכ" האָט געמאַכט די ערשטע באַגעגעניש דעם „פּראָלעטפּען". דעם 25-טן אָקטיאַבער 1929 שרײַבט זי אין אַ ספּעציעלן לייטאַרטיקל:

„נישט פון אופריכטיקער באַשיידנקײַט האָבן די שרײַבער פון „פּראָלעטפּען" זיך אַליין באַצייכנט פאַר פּען-אַרבעטער. פאַרקערט, יעדער איינער פון זיי האַלט זיך פאַר מער, ווי אַן איינפאַכער אַרבעטער באַם „פּען-טרייד" (שרײַבערפאַכ—א. פּ.). דער טומלדיקער אויפן, ווי די אָרגאַניזאַציע האָט זיך געגרינדעט באַווײַזט קלאָר, אַז דער אוילעם דאָרט איז גאָרניט אַזוי אַניוועסדיק (באַשיידן — א. פּ.).

„פראָלעטפען״ איז געקומען דורכפירן א שיטע: שרײַבער דארפן זיך ניט אויסטײלן פונעם קלאל ארבעטער... קוקן מיר דורך דאָס צעטל פון די פען־ארבעטער, דאכט זיך, אז אף 95% האלט די נײַע שיטע אויס: טאקע נאָר פען־ארבעטער. אָבער אף די איבעריקע פינף פראָצענט איז א שאָד... גראָד די 95% פון „פראָלעטפען״ גײען איצט ארום מיט הויך־געהויבענע קעפ. וואָרעם פאר זײ איז דער „פראָלעטפען״ א רויט קארטל אף שרײַבערײַ. דער עמעסער שרײַבער דארף דאָס דאָזיקע קארטל נישט האָבן... דער שוסטער וועט זיך ניט אופכאפן אינמיטן נאכט און זיך זעצן קלאפן פלעקלעך אין א זויל. דער שרײַבער טוט עס. ער איז אנדערש, און דערפאר איז ער נישט קײן פען־ארבעטער״.

דאָ האָט איר די אײַנשטעלונג, אז א שרײַבער איז ניט קײן ארבעטער. ער איז אנדערש, ער איז אן אויסדערווײלטער, א פרײַער אינדיווידוּ, איבערמענטש, דערלייזער, קינסטלער א. אז. וו. א. אז. וו.

(אגעוו געפינען מיר אינעם זעלביקן נומער אין דער כראָניק די פאָלגנדיקע מעלדונג (פון דרײַ ניט קײן פולע שורעס פעטיט) אָן שום קאָמענטאר:

> „אווראָם רייזען איז געוואָרן א שטענדיקער מיטארבעטער אין „פאָרווערטס״. לעצטנס שאבעס זײַנען אין יעבער צײַטונג געדרוקט געוועזן רייזענס לידער און זונטיק א דערציילונג״.

איבערגעגעבן זײער עפיש. גאָרנישט. ס'איז אלץ ווי ס'באדארף צו זײַן. יאָ, אזוי איז עס טאקע. ס'איז בלויז דער לאָגישער שלוס פון זײער פאָזיציע: זיך דערקײַקלען צום „פאָרווערטס״־רינשטאָק).

אין אלגעמיין האָט מען זיך געפרוווט פארניכטן דעם „פראָלעטפען״ בלויז מיט גאליקן כויזעק. זײ האָבן אָבער אינגיכן דערפילט, אז דאָס איז ניט גענוג. מיט א נומער שפעטער געפינען מיר שוין אין „וואָכ״ נאָך א לײטארטיקל וועגן „פראָלעטפען״. דאָרטן פרוּוון זײ זיך שוין מאכן א גרינטלעכערע אטאקע. דאָרטן פרוּוון זײ זיך שוין באקעמפן די פרינציפּיעלע אײַנשטעלונגען פונעם „פראָלעטפען״. זײ פרוּוון לײקענען אינגאנצן די מעגלעכקײַט פון א פראָלעטארישער ליטעראטור. דאָס איז זײער צווייטער מעטאָד. זײ שרײַבן:

„פראָלעטארישע ליטעראטור — ס'איז ניט שײַעך צו זײַן פאר אָדער קעגן איר. ווען א קלאס קומט צו דער מאכט, הײבט די ליטעראטור מעמײלע אָן אָפצושפיגלען זײַן לעבן. דערווײַל איז קײן פראָלעטארישע ליטעראטור ניטאָ מאכמעס עטלעכע טײַמים: דער ארבעטער־קלאס איז נאָך צו דער מאכט ניט געקומען, ער קומט ערשט צו איר. דער אײַנפלוס פון דער פראנצויזישער בורזשואזיע אף דער פראנצויזישער ליטעראטור האָט זיך אָנגעהויבן פילן ערשט אין א 30 יאָר ארום נאָך דער פראנצויזישער רעוואָליוציע״. (וואָלטער, דידראָ, רוסאָ, באָמארשע האָבן לויט דער טעאָריע פון די „וואָכ״־געלערנטע קײן שום אײַנפלוס ניט געהאט אף דער פראנצויזישער ליטעראטור פונעם 18־טן יאָרהונדערט).

ווײַטער ווערט געזאָגט אינעמ ארטיקל, אז „קריטיק אפנ אדרעס פונעמ ארבעטער ווערט אָנגענומענ פאר סינע אונ קעגנערשאפט צו אימ; אזא צושטאנד איז ניט גינסטיק פאר דער אנטוויקלונג פונ א פראָלעטארישער ליטעראטור, וואָס איז ווערט דעמ נאָמענ ליטעראטור". אָבער „די פראנצויזישע ליטעראטור פונ נאָכ דער רעוואָליוציע אָנ פארנעמט זיכ הויפטזאכלעכ מיט שינדנ פאסנ פונעמ בורזשוא".

„וואָס איז שײַעכ ספּעציעל צו דער קינסטלערישער ליטעראטור, איז איר בליק געווענדעט הויפטזאכלעכ צומ יאָכיד. מאסנ קאָנענ ניט דינענ אלס הויפט־מאטעריאל פאר קונסטווערק אינ א וועלכער ס'ניט איז באדײַטנדיקער מאָס, די קונסט באנוצט זיכ מיט זיי פאר א הינטערגרונט אָדער פאר אטמאָספערע, בלויז זעלטנ קאָנענ זיי גענומענ ווערנ אלס טעמע פאר זיכ, אונ אויכ דאנ געפינענ זיי זייער קינסטלערישנ טיקנ נאָר דורכ דער אויסשיידונג פונ וו־ניט־וו א שארפנ יעכידישנ פּאָנעמ. דער צענטער פונ אינטערעס פארנ קינסטלער איז אלעמאָל געווענ אונ וועט אלעמאָל זײַנ די דיפערענצירטע פערזענלעכקײַט. נו, די דערציִונג, וואָס דער ארבעטער קריגט איצט פונ דער געזעלשאפט אונ אפילע פונ זײַנע אייגענע פארטייענ, איז ניט מעסוגל צו אנטוויקלענ פערזענלעכקײַטנ, נאָר פארקערט — צו פארײַבנ כאראקטער־שטריכנ אונ צו שאפנ א רעגימענטירטע איינהײַטלעכע מאסע. אונ אָט דאָ ליגט דערווײַל די הויפטשטערונג צו דער אנטוויקלונג פונ א ליטעראטור, וואָס מע וואָלט געקאָנט אָנרופנ פראָלעטארישע.—

דאָס אלצ באציט זיכ הויפטזאכלעכ אפ דער טעמאטיק. מאָטיוונ, אײַנפלוסנ, סימאָנימ פונ אנ *אָנקומענדיקער* פראָלעטארישער ליטעראטור זײַנענ דאָ לערױו. וועגנ זיי דארפ מענ שרײַבנ אונ שרײַבנ".

וועגנ דער אָנקומענדיקער פראָלעטארישער ליטעראטור האָבנ זיי טאקע מער ניט געשריבנ. זיי האָבנ אָבער שוינ אינ אָט דעמ ארטיקל געשריבנ אונ געהאלטנ, אז מע דארפ שרײַבנ אונ שרײַבנ, אז „דערווײַל איז קיינ פראָלעטארישע ליטעראטור ניטאָ" אונ אויכ באווײַזנ, אז זי קאָנ גאָרניט זײַנ אונ דארפ ניט זײַנ.

דער גאנצער ארטיקל דערמאנט שאָלעמ־אליכעמס אנעקדאָט מיטנ ווײַבל אונ טעפל. ערשטנס, ס'איז גאָר קיינ טעפל ניט געווענ אפ דער וועלט. פראָלעטארישע ליטעראטור — ס'איז ניט שײַעכ צו זײַנ פאר אָדער קעגנ איר... צווייטנס, זײַנענ מיר גאָר פארנ טעפל: סימאָנימ פונ אנ אָנקומענדיקער פראָלעטארישער ליטעראטור איז דאָ אסאכ אונ מע דארפ וועגנ זיי שרײַבנ. אָבער... מיר זײַנענ אויכ קעגנ דעמ טעפל: מאסנ קענענ ניט דינענ אלס הויפט־מאטעריאל פאר קונסטווערק אינ א וועלכער ס'ניט איז באדײַטנדיקער מאָס. אונ צומ סאָפ — ס'איז נאָכ קיינ טעפל נישטאָ: דערווײַל איז קיינ פראָלעטארישע ליטעראטור ניטאָ...

אינ דעמ ארטיקל קאָנ מענ טרעפנ א גאנצע ריי גוט־באקאנטע בורזשואזע אײַנשטעלונגענ פונ א טראָצקיסטישנ אונ ביכלאל מענשעוויסטישנ שניט. איר טרעפט דאָ די טראָצקיסטישע אײַנשטעלונג, אז קאָלזמאנ עס איז ניטאָ קיינ

פולשטענדיקער סאָציַאליזמ, קאָנ ניט געמאָלט זײַנ קײנ אנדער ליטעראטור, ווי בורזשואזע. אײַ די פאקטנ לײקענענ עס, — איז „טיעמ כוזשע דליא פאק־טאָוו" (אלצ ערגער איז פאר די פאקטנ). האָט דאָכ דער קריטיקער פונ דער „וואָכ" געוויזנ דעמ קונצ מאכנ צונישט די סאָוועטישע ליטעראטור אפנ גרונט, וואָס זי איז קלוימערשט בלויז קאָלעקטיוויסטיש אונ ניט אינדיווידועל.

איר טרעפט דאָ די באקאנטע דיסטאנצ־טעאָריע, וועלכע ווערט „באגרינ־דעט" דערמיט, וואָס דער אײַנפלוס פונ דער פראנצויזישער בורזשואזיע אפ דער פראנצויזישער ליטעראטור האָט זיכ אָנגעהויבנ פילנ ערשט אינ א 30 יאָר ארומ נאָכ דער פראנצויזישער רעוואָליוציע. די באהויפטונג וועגנ דער בור־זשואזער ליטעראטור שטימט ביכלאל ניט מיט די פאקטנ פונ דער געשיכטע.

איר טרעפט דאָ אויכ די אינסינואציע, אז קריטיק אפנ אדרעס פונעמ אר־בעטער ווערט אָנגענומענ פאר סינע אונ קעגנערשאפט. עס הײסט בא זײ, אז דער פראָלעטארישער שרײַבער מוז „גלאָריפיצירנ" (אידעאליזירנ), כאנפענענ די ארבעטער. דאָס איז א בעפײרעשער בילבל. דער פראָלעטארישער שרײַבער דארפ שרײַבנ נאָר דעמ עמעס, זײַנ מעטאָד איז דער מעטאָד פונ סאָציַאליס־טישנ רעאליזמ. ס'איז, פארשטײט זיכ, א בורזשואזע אידעאליסטישע אײַנשטעל־לונג, אז דער בליק פונ דער קינסטלערישער ליטעראטור מוז זײַנ געווענדעט הויפטזאכלעכ צומ יאָכיד, אונ אז מאסנ קאָנענ ניט דינענ אינ א וועלכער ס'גיט איז באדײַטנדיקער מאָס אלס הויפט־מאטעריאל פאר קונסטווערק. דאָס לײקנט אָפ אפילע אזא ווערק, ווי „די וועבער" פונ דעמ בורזשואזנ שרײַבער הויפטמאנ. אונ ס'איז אויכ פאלש, אז פראָלעטארישע ליטעראטור פאָדערט צו איגנאָרירנ די דיפערענצירטע פערזענלעכקײַט. פארקערט, זי פאָדערט, ווי ענ־געלס האָט געשריבנ, ריכטיק איבערצוגעבנ „טיפיזירטע געשטאלטנ אינ טיפי־זירטע אומשטאנדנ".

ווידער טרעפט איר דאָ די אטאקע אפ פארטײענ אלס אזעלכע (פאקטיש צילעווענ די „וואָכ"־שרײַבער בלויז קעגנ אײנ פארטײ — קעגנ דער קאָמוניסטי־שער), אז זײ שטערנ קלוימערשט דער אנטוויקלונג פונ פערזענלעכקײַטנ, אז זײ פארטײַבנ כאראקטער־שטריכנ אונ שאפנ א „רעגימענטירטע" מאסע, אונ אז די פארטײענ זײַנענ די הויפט־שטערונג פאר דער אנטוויקלונג פונ א פראָלע־טארישער ליטעראטור.

איכ וויל דאָ ברענגענ נאָכ אנ אויסצוג, וואָס כאראקטעריזירט אמבוילעטסטנ די גרויסע סינע פונ לײוויקנ אונ קאָמפאני צו דער קאָמפארטײ. אינ א לײטארטיקל אינ דער „וואָכ" פארנ 6־טנ דעקאבער 1929 ווערט אזוי געשריבנ:

„עס כאפט אונדז גאָר ארומ אמאָל א מיטלײד צו א מענטשנ, צו אנ אײנ־ציקנ, אפ וועמענ צענדליקער, צענדליקער טראָגנ אנ אָנגעלאָדנ בײז הארצ, פונ וועמענ צענדליקער, צענדליקער ווילנ זיכ באפרײַענ, אונ ניט האָבנדיק קײנ מוט אָדער קײנ וועג, וויאזוי צו באפרײַענ זיכ, שעלטנ זײ אונ צאָרענענ. האָבנ ניט קײנ מוט אונ אויכ ניט קײנ אײַנזעעניש, אז אראָפווארפנ דארפנ זײ ניט דעמ דרוק פונ ליטוואקאָוונ איבער דער ליטעראטור, נאָר דעמ דרוק פונ

יענער קראפט, וואָס ליטוואקאָוו איז איר פאָרשטייער — די קראפט פון דער פארטיי".

דעם זעלביקן רעצעפּט צו ווייכן פון דער פארטיי, וואָס „די וואָכ" האָט געגעבן דעם „פּראָלעטפּען", גיבן זיי אויך די סאָוועטישע שרייבער. „די וואָכ" רופט די סאָוועטישע שרייבער קלאָר און דייטלעך צו פארניכטן דעם וואָרצל פון אלדאָס בייז: „אראָפּוואַרפן די קראפט פון דער פארטיי". פאר אזא אָפענעם קאמף קעגן דער אלפארבאנדישער קאָמפארטיי קומט זיי בעעמעס אנערקענונג פונעם גאנצן קאפּיטאליסטן־קלאס.

און לייוויק און זיינע קאָלעגן מאכן נאָכדעם אלעמען דעם אָנשטעל, אז זיי זיינען קאָמוניסטן!

אין דער „וואָכ" געפינען מיר אויך אנדערע אנטי־קאָמוניסטישע ארויסטרעטונגען, וואָס האָבן זיך ניט וואָס צו שעמען פאר די גרעסטע קאָמוניסטן־פרעסער. אָט וואָס עס שרייבט, אשטייגער, מענאכעם וועגן דער קאָמפארטיי פון אמעריקע:

„...די יידישע קאָמוניסטישע פארטיי (געמיינט די יידביוראָ פון דער קאָמפארטיי — א. פּ.) דאָ אין לאנד מיט איר אָרגאן איז פארוואנדלט געוואָרן אין א האס־פאבריק, און דאָס איז דער הויפּט־ארטיקל, וואָס זי פּראָדוצירט... עס גייט אין דעם, וואָס אויסער קלאסנקאמפּ, געפירט פון דער פרעמד, אויסער א קלאסן־ליניע אין דער קולטור און ליטעראטור, וואָס ווערט ווי א פּעטליע אפן האלדז, האָט זי גאָרניט וואָס צו געבן דעם היגן מענטשן. עס גייט אין דעם, וואָס אין די פון איר געפירטע מענטשן ברענגט די פארטיי אריין בלויז סינע און גאליקע סעקטאנטישקייט".

מענאכעם שטעלט זיך דאָ אפּ דער פּאָזיציע פון אלע קאפּיטאליסטישע רעכילעס־טרייבער און דעמאגאָגן, אז דער קלאסנקאמפּ אין אמעריקע איז קלוימערשט אן אימפּאָרטירטע זאך, אז ער ווערט געפירט פון מאָסקווע, פון קאָמינטערן, הייסט עס. דאָ זעט איר ווידער, ווי שווינדלעריש עס איז דער פּונקט פון דער דערקלערונג פון דער „וואָכ", אז „מיר אנערקענען דעם קלאסנקאמפּ".

די לעצטע אטאקע אפן „פּראָלעטפּען" איז געמאכט געוואָרן אין איינעם פון די לעצטע נומערן „וואָכ" פאר 11־טן אפּרעל, 1930, אין פארבינדונג מיטן 8־טן יובילײ פון דער פרייהייט":

„און וואָס האָט זי („די פרייהייט") געטאָן מיט דער ליטעראטור און מיט די יונגע שרייבער אירע, וואָס זיינען נאָך אונדזער אוועקגיין צוגעפאלן מיט אזא אייפער צו די ליידיקע פלעצער? וואָס האָט זי געטאָן מיט זיי? זי האָט זיי קלוימערשט אָרגאניזירט אין א „פּראָלעטפּען" און געמאכט דעם אָנשטעל, אז זי נעמט זיך זיי מאדריך זיין (דערציִען — א. פּ.), אנטוויקלען זיי, אָבער אינדערעמעסן, וואָס האָט זי געטאָן מיט זיי? זי האָט זיי געמאכט פאר פּאראָדיסטן, כאנפער און אפּ אלץ יאָ־זאָגער, און דערנאָך זיי אליין אופגעהעצט איינעם קעגן אנדערן, און צעשטויבט זיי, און אָפּגעטאָן פון זיי דעם מינדסטן שפּור פון פּערזענלעכקייט".

„און טאָמער האָט איינער פון זיי (בורזשוי יאָסל קאָן!) געהאט מוט

ארויסצווווינג א טראָפּעלע פּארלאנג צו האָבן אן אייגענע מיינונג, האָט מען שוין אים געגעבן אָנצוהערעניש, אז ער קען זיך, בימכילע, אָפּטראָגן".

דאָס באקלאָגן דעם גוירל פון די יונגע שרײַבער אין „פּראָלעטפּען" איז געווען א מאנעוור צו העצן די אָפּאָרטוניסטישע עלעמענטן אין „פּראָלעטפּען" קעגן דער „פרײַהײַט" און קעגן דער פּארטיי. צוליב דעם זײַנען זיי אפילע געווען גרייט צו נעמען אונטער זייער שוץ יאָסל קאָגען און אלע אנדערע וואקלדיקע, ניט־שטאנדהאפטיקע עלעמענטן פון „פּראָלעטפּען". אבי צו אטאקירן נאדירן, אבי צו אטאקירן דעם „פּראָלעטפּען" און די „פרײַהײַט", זײַנען זיי גרייט געווען צו מאכן אן אָנשטעל פון רירנדיקער ליבשאפט און זאָרג פאר די יונגע שרײַבער.

איצט לאָמיר זען, וואָס פאר א ליטעראטור, וואָס פאר א „קינסטלערישע עמעסן" געפינען מיר אין די ווערק פון די העכערע סאָציאַלע באוווסטזײַנס, פון די פרײַע אינדיווידן, איבער־מענטשן, דערלייזער, דיכטער און קינסטלער, וואָס זײַנען געדרוקט געוואָרן אין דער „וואָכ"? וואָס איז זייער קינסטלערישע פיזיאָנאָמיע? וואָס שאפן די שרײַבער, וועלכע זײַנען ניט אָרגאניזירט אין „פּראָלעטפּען"? וואָס שאפן די דיכטער, וועלכע ווערן געפירט ניט פון דער „פרײַהײַט", נאָר פון די עסטעטן און מעשיכים פון דער „וואָכ"? וואָס שרײַבט מען אין דער „וואָכ" אין דער צײַט פון וואָל סטריט־קראכן און הונגער־מארשן, אין דער צײַט פון די פארשארפטע קלאסן־קעגנזאצן?

לאָמיר נעמען פאר א בײַשפּיל קוידעמקאָל די ליטעראטור פון די ערשטע פּראָגראם־און שפּיגל־נומערן פון דער „וואָכ". וואָס פאר א דערציילונגען גע־פינען מיר דאָרטן?

די ערשטע דערציילונג פון ל. שאפּיראָ טראָגט א פאנטאסטישן נאָמען „נעסיע דורכן מילכוועג". עס האנדלט זיך אָבער וועגן א זייער איינפאכער געשיכטע. א יידישער יונגערמאן פון רומעניע איז געקומען קיין אמעריקע אין אָנהייב פונעם יאָרהונדערט און האָט מיטגעבראכט „א זאק מיט כפייצים אף די פליי־צעס, א גרעבלעכן זאפטיקן יידיש און א געוויסע מאָס ליבשאפט צו ליגן און בארימערײַ — פונקט אזויפיל, וויפל ס'איז נייטיק".

ער האָט אָנגעהויבן ארבעטן אין א קליידער־שאפּ און מיט דער צײַט זיך ארופגעארבעט, איז געוואָרן דער באלעבאָס פון א בארימטער קליידער־פירמע, וואָס האָט באשעפטיקט 35 טויזנט ארבעטער, און דער גרעסטער פּראָדוצענט פון ביליקע מענער־קליידער פארן לאנד און פאר אויסלאנד.

ער איז געווען פון דעם עמעסן פּארוועניו־טיפּ. דעם גרויסן שטרײַק אין זײַנע שעפער 1) האָט ער געבראָכן אזוי גרינגלעך, אז די שנײַדער־„יוניע" (פּראָפּארייִן) איז קימאט ווי פארניכטעט געוואָרן. מיט א צײַט שפּעטער, נאָך דער מילכאָמע, דאָס הייסט ארום 1927 יאָר אָדער 1929, האָט ער דערקלערט א נײַעם שניט אין די סכירעס פון די ארבעטער. די „יוניע" האָט געסטראשעט מיט א שטרײַק, און ער האָט געענטפערט מיט א לאָקאוט. זײַן אידייע איז

---

1) פאבריקן.

געווען אויסצוניצנ דעם שטרײַט צווישנ די „לינקע" מיט די „רעכטע", אונ ווענ „די געשלעגנ צווישנ די רעכטע מיט די לינקע האָבנ דערגרייכט צו דעם בלוטיקסטנ „פונקט", האָט ער געקראָגנ אַנ אַטאַקע פונ זײַנ צוקער־קראַנקײַט.

אונ דאָ פּלוצים — דערציילט ל. שאַפּיראָ — האָט ער אָנגעהויבנ זוכנ „לע־בעדיקע אינפאָרמאַציע אונ אינטימע באַקאַנטשאַפט מיט די הימלשע קערפּערס". זײַנ צימער האָט ער אָנגעפילט מיט אַטלאַסנ פונ הימל, מיט קאַרטעס פונ פּלאַנעטעס אונ מיט פּאָפּולערע ביכער פונ אַסטראָנאָמיע. ער האָט אײַנגיכנ פאַרוואָרפנ די שטערנזעערײַ אונ זיכ פאַרינטערעסירט מיט אַנ ערדישער זאַכ, מיט דער „דאַמע מיטנ רויטנ שלייפל אפנ האַלדז". ער ווערט אָבער אַלצ שוואַכער פיזיש. ער ווערט ווידער ערנסט קראַנק, אונ פאַרנ שטאַרבנ, אינ זײַנ דעלירי‌ע, זאָגט שאַפּיראָ, האָט ער זיכ „שוינ ווידער אַוועקגעלאָזט אפ זײַנע וואַנדערונגענ מיט אַ שנעלקײַט, וואָס האָט אָפּגעשאַפט אי דעם רוים, אי די צײַט. דאָס מאָל האָט ער זיכ ענדלעכ דורכגעריסנ דורכנ מילכוועג, איז פאַר־פלויגנ אינ די ווײַטערע רוימענ, ביז ער האָט אינגאַנצנ פאַרלאָרנ דעם וועג צוריק, אינגאַנצנ פאַרגעסנ דעם וועג אונ דעם צוריק. מיט דער לײַכטקײַט פונ אַ בינ צווישנ בלומענ האָט ער אַרומגעפלאַטערט צווישנ קאָלירטע וועלטנ, גאָר נײַע, אַנדערע — אָ, אַזוי אַנדערש! — הייסע, דאָרשטיקע, ווו די ליפּנ טריקע־נענ, פּלאַצנ אונ שפּאַלטנ זיכ ביז בלוט. אונ זיי בײַטנ זיכ צו שנעל, אָט די דאָזיקע וועלטנ".

צוליב וואָס האָט געלוינט די גאַנצע „נעסיִע דורכנ מילכוועג", איז נישט קלאָר. די סימבאָליק אונ פאַנטאַסטיק, מיט וועלכע שאַפּיראָ רינגלט אַרום דעם עקספּלואַטאַטאָרישנ פּאַרוועניו־פאַבריקאַנט, באַשטראַלט אים מיט אַ הימלשנ ניט־דאָיִקנ ליכט אונ אידעאַליזירט אים, דאַרפנ, קענטיק, העלפנ אַנטפּלעקנ באַם פאַבריקאַנט דאָס פײַנטעלע מענטש. עס באַקומט זיכ, אַזויאַרום, אַ סימבאָליק, וואָס דאַרפ בלויז העלפנ אָפּשוואַכנ דעם האַס צום פאַבריקאַנט אונ דערוועקנ צו אים מיטלייד. דער גאַנצער עקסקורס דורכנ מילכוועג איז אויסנ, ווײַזט אויס, אויסצופילנ דעם געבאָט פונ לייוויקנ, אַז דער קינסטלער דאַרפ שטודירנ די נעשאָמע פונ די קעגנערישע קלאַסנ, געפינענ דאָס פײַנטעלע מענטש אינ דעם ברוטאַלנ קאַפּיטאַליסט. אפ אַזאַ אופנ איז דאָס ווערק אינ טאָכ אַפּאָלאָ־גיע פונעם קאַפּיטאַליזם.

אַ. ראַבאָי באַגריסט דעם ערשטנ נומער „וואָכ" מיט זײַנ „סאַליוט!" וואָס געפינענ מיר אינ ראַבאָיס דערציילונג? ער דערציילט אַזאַ געשיכטע: „אונ עס איז געווענ אַזוי: די שיפ פאַנאַניאַ האָט זיכ באַדאַרפט אָפּשטעלנ אינ פיומע אפ צוויי וואָכנ. צווישנ די פּאַסאַזשירנ זײַנענ געווענ אויכ די „בעסאַראַבער ייִדנ". עס איז געווענ סאָפ זומער, אונ די ייִדישע הייליקע טעג זײַנענ אָנגע־קומענ אונ אויסגעפאַלנ אַזוי, אַז ראָשעשאָנע האָט באַדאַרפט זײַנ פּונקט אפנ מיטנ יאַם! די „בעסאַראַבער ייִדנ" האָבנ אונגעהויבנ אַ געשריי. „סטײַטש, ראָ־שעשאָנע אפנ מיטנ יאַם!" אונ דער ענגלישער קאַפּיטאַנ „זאָגט צו, אַז ראָ־שעשאָנע וועט ער פאַר די „בעסאַראַבער ייִדנ" אָפּגעבנ אַ באַזונדער אָרט אפ דער שיפ. ער זאָגט אויכ צו אַ יאָנטעוודיקע סודע. דער קאַפּיטאַנ שיקט רופנ

דעם פיומער ראבינער, רעדט מיט אים איבער וועגן דעם. דער ראבינער זאָגט די ייִדן, אַז ער וועט זיי באַזאָרגן מיט קאָשער פֿלייש, סײַפּערטוירע און סי־דורים". און „דרײַ טעג פֿאַר ראָשעשאָנע האָט דער קאַפּיטאַן אַוועקגעשטעלט עטלעכע מאַטראָסן, אַז זיי זאָלן בויען די שול". די שול איז פֿאַרטיק. „לאַנגע טישן באַ די בענק, און די טישן מיט ווײַסע טישטעכער. מע ברענגט צו טראָגן לײַכטער. ייִדן פֿירן קיין אַמעריקע לײַכטער, מעשענע און זילבערנע, קליינע און גרויסע. אין אַ ווינקל שטעלן די מאַטראָסן אַוועק די שאַפֿע מיט דער סײַפּערטוירע. די שאַפֿע האָט גלעזערנע טירן, זעט זיך אַרויס די סײַפּערטוירע. געפֿעלט דאָס ניט ייִדן. ברענגט אַ פּרוי אַ זײַדענעם שאַל, און עס ווערן פֿאַרדעקט די גלעזערנע טירלעך. לײַכטער אָן אַ שיר שטייען אָפּ אַ טיש ניט ווײַט פֿון דער סײַפּערטוירע. ליכט ברענען אין די לײַכטער. די זון טונקט זיך אין יאַם. דער יאַם איז גלאַט און שטיל. און דאָרט, וווּ די זון טונקט זיך, איז דער גאַנצער הימל אין פֿײַער.

ייִדן טוען אָן דאָס שענסטע, וואָס זיי האָבן. דער קאַפּיטאַן שטייט אויף דעם בריקל מיט זײַנע יאַם־גלעזער. די שיף טוט אַ ברום אַרויס איר סיגנאַל, אַז עס הייבט זיך אָן". „דער הימל איז מילד אַזוי, ווי ווײַסע מילך, און דער יאַם איז אַזוי נאָענט, און ער (דער כאַזן) הייבט אָן פֿריִער שטילער און דער־נאָך העכער און העכער: אוי! אוי! אײַ, אײַ, אײַ־אײַ!

די צוויי מאַטראָסן, וועלכע זײַנען געשטאַנען באַ דער אָפֿענער זײַט מיט ביקסן אויף די אַקסלען, האָבן גיך אַראָפּגעוואָרפֿן די ביקסן פֿון די אַקסלען, זיך אויסגעצויגן אין זייער גאַנצער הייך און פֿאַרהייבן די הענט צום שטערן — סאַליוט".

ווי פּאָעטיש, ווי רירנדיק און וואַרעם ראַבאָי — ראַבאָי פֿון דער „וואָכ" — האָט דאָ געשילדערט די „בעסאַראַבער ייִדן", וואָס דאַווענען ראָשעשאָנע אויף אַ שיף אין יאַם! ראַבאָיען קומט בעעמעס אַנערקענונג, וואָס ער האָט צוגע־קליבן אַזאַ ווערק אויף צו סאַליוטירן די „וואָכ".

מע זעט דאָ באַשײַמפּערלעך, וויאַזוי נאַציאָנאַליזם גייט האַנט אין האַנט מיט רעליגיע און פֿאַרהערלעכונג פֿונעם בעסמעדרעש, פֿון אַבערגלויבן.

מער קיין דערציילונגען איז אינעם ערשטן נומער נישטאָ. מיר געפֿינען נאָר אין דער כראָניק אַזאַ מעלדונג: „ל. מילער האָט אין הויז פֿון דר. י. קלינג איבערגעלייענט פֿאַר אַ גרופּע קאָלעגן זײַן דראַמע „מר. מענטש". די דראַמע איז אַ פּרווו צו פֿאַרטיפֿן זיך אין דער פּסיכאָלאָגיע און לעבן פֿון אַ גרויסן קאַפּיטאַליסט, וועלכער קומט צום סאָף צוריק צו זיך און ווערט אַן אַרבעטער".

ווי איר זעט, איז עס באַ דער „וואָכ" געווען אַן אויסגעהאַלטענע ליניע. די דראַמע „מר. מענטש" גייט אויך לויט דער ליניע פֿון לייוויקס מענטש־טעאָריע אין קעגנזאַץ צו דער קלאַסן־טעאָריע, לויט דער ליניע פֿון פֿאַרטיפֿן זיך אין דער פּסיכאָלאָגיע פֿון אַ גרויסן קאַפּיטאַליסט, אין דער נעשאָמע פֿון די קעגנערישע קלאַסן. דער צוועק איז צו באַווײַזן, אַז דער גרויסער קאַפּיטאַ־ליסט קומט צום סאָף צוריק צו זיך. ווידער האָבן מיר דאָ אַפּאָלאָגיע פֿונעם קאַפּיטאַליזם.

אינעם צווייטן נומער געפֿינען מיר איין דערציילונג פֿון אָפּאטאָשו „די כאַסענע־ביטערן“ (א סצענע פֿונעם בוך „רעגענשבורג מיט פֿיר הונדערט יאָר צוריק“). און עס הייבט זיך אָן אזוי:

„די יידן־גאס האָט זיך גלײַך דערוווּסט, אז דער רײַכער יוסלינג, דער גיט באַצאָלטער „שענפֿעראָ“ (שפּאסטרײַבער) זיצט אין טרינקשטוב, וואָס איז אין „גילדענעם־הערש“ און „טוט טראַקטירן און וויל אקאָמאָדירן“ די פּראַגער לייצאָנים“.

„די נײַעס האָט געוואַנדערט איבער די הילצערנע הײַזער, דערגרייכט יוס־לינס מויער, ווו רײַכע פֿארמעגלעכע און „געמיינע“ שכיינים זײַנען געשטאַנען האַלב אָנגעטאָן אין די אָפֿענע טירן, געהאַלטן ווער א זײַדן קלייד, ווער א סאַמעטענעם מאַנטל אָן אַרבל, ווער א קאָלנער געשטיקט מיט פּערל. געהייסן האָט עס — מע ייִשעווט זיך, וואָס אָנצוטאָן צו דער כופּע. אינעמעסן האָט מען זיך געכידעשט, איבער די ליפּן ניט געבראַכט, און אין דער שטיל זיך געער־גערט, וואָס די רעגענשבורגער פּאַטראָנעסע, גימכען, רעב שמועל בעלאַסערס ווײַב, האָט נאָך דערווײַל די „כאַסענע־ביטערן“ ניט געשיקט“.

א גוואַלדיקע פּראָבלעם!

נאָר... — „זי קומט! — די כופּע־ביטערן קומט!“ און „—הע—הע—הע! וואָס פֿאַר א גוטע „שמועס“ (נײַעס) דערציילט די ביטערן?“

— „נו, מאָגט איר, מײַנע ליבע קינדער, גערן הערן... ווען איין שפּיל־ווײַב, א מאַכשייפֿע, אָדער א וואַנדער־ווײַב טוט באַ אַן איישעס איש די ליבע פֿון איר מאַן אוועקנעמען, גיבט איין סגולע, איין אויסגעפּרוווטע... באָדעק אומנוסע...“

איר האָט דאָ אזויאַרום די נײַע פּערזענלעכקײַט־ליטעראַטור. די כאַסענע־ביטערן, ראָשעשאָנע אָפּן יאַם, די רײַזע דורכן מילכוועג — דאָס זײַנען די נײַע פּראָב־לעמעס און קינסטלערישע עמעסן, וואָס „די וואָך“ האָט פּראָקלאַמירט. און נישט בעסער זײַנען די דערציילונגען אין די ווײַטערדיקע נומערן „וואָך“. דאָס־ראָוו האָבן זיי א שײַכעס צום שטודירן די נעשאָמע פֿון די מענטשן פֿון קעגנערישע קלאַסן, אָדער דאָס זײַנען סטאַם טשיקאַווע, אויסטער־לישע, עראָטישע מאַן־און־ווײַב־ און „נישט־דאָיִקע“ געשיכטעס. אויב עס ווערט ערגעץ־ווו דערמאַנט אַן אַרבעטער, איז עס פֿאַרבײַגייענדיק, צוליב פּייזאַזש, צוליב אַטמאָספֿער, אָדער אין נעגאַטיוון זינען. אַפֿילע אין דער קליינער צאָל אויסנאַמען, אַשטייגער, באַ אַרן ראַפּאָפּאָרטן, ל. מילערן און באַ א פּאָר אַנדערע האָט איר אין בעסטן פֿאַל א ראַכמאָנעס־באַציִונג צום אַרבע־טער, א פֿילאַנטראָפּישן, קליינבירגערלעכן צוגאַנג.

איצט לאָמיר זיך באַקענען מיט דער פּאָעזיע פֿון דער „וואָך“, וויִאַזוי זינ־גען אין דער „וואָך“ די פּאָעטן, וועלכע האָבן ניט קיין ליטעראַטור־קאָמיסאַרן איבער זיך, וועלכע זינגען „ווי דער פֿויגל פֿרײַ“. איר געפֿינט אין דער „וואָך“ דאָס זעלביקע „קראָען־געזאַנג“, וואָס אין די זאַמל־ביכער „שריפֿטן“ פֿון די „יונגע“. די זעלביקע אויסגעוואָרצלטקײַט און באָדנ־

לאָזונגען, שלייער אַפ שלייער, סימבאָלן אַפ סימבאָלן, יִיִעש און מאָרעשכוירע, יערידע, טויט און אומקום איבער אַלץ.

„גרויע טעג ווידער...” (אווראָם רייזען)

אזוי הייבט זיך אָן דאָס ערשטע ליד אין ערשטן נומער „וואָכ”. יאָ, ווי־דער די גרויע טעג און די גרויע געזאַנגען פון די אַמאָליקע „יונגע”!

„ניט גוט בא אונדז, זייער ניט גוט, מײַנע ליבע, מײַנע טײַערע ברידער.
און עפשער איז עס ניט נאָר אזוי בא אונדז, נאָר אַפ דער גאָרער קײַלעכדיקער וועלט;
די טעג קומען אָן ווי פארלאָזטע געליבטע, אָן רייץ, אָן געזאַנג און אָן לידער,
און גייען אוועק אָן א זײַ־געזונט, ווי בא ערעמעלײַט דאָס געלט”.
(א. ביסענזאָן)

ניין, מיר קענען אים ניט טרייסטן, אז אַפ דער גאָרער קײַלעכדיקער וועלט זײַנען די טעג אזעלכע. אפילע אין אמעריקע קומען די טעג בא די רעוואָ־ליוציאָנערע ארבעטער און בא די פראָלעטארישע שרײַבער מיט געזאַנג און לידער פון קאַמפ און זיג. ניין, מיר קענען אים ניט טרייסטן!

און פאר צאָרעס איז לייוויק אוועק א טאנצ מיט זיבן וועלפ, מיט אַלע שרײַבער פון דער „וואָכ”.

„גלעקער קלינגען, סירענעס שאַלן,
נאכט שלאָגט אויס די שטונדע צוועלפ,
איבער ווײַסע פוסטע זאַלן
גיי איך א טאנצ מיט זיבן וועלפ.

זיבן וועלפ — זיבן וואונדער,
טופערײַ פון דרײַסיק פיס.
אָט איניינעם, אָט באזונדער,
האַלדזונג, צערטלעכקײַט און ביס”.

א צווייטער „וואָכ”־פּאָעט פּרווט אויסטײַטשן, אז דאָס זײַנען זיבן אַלטע יידן.

„זיצן זיבן אַלטע יידן אַפ גראָע טרעפּ,
און וויגן שווער אין ווינט די ווײַסע קעפּ,
הינטער זיי דער קארשן־בוים צעבליט
מיט פרילינג, מיט כאַלעם און מיט צוויט.
זיבן אַלטע יידן שמייכלען אומעטיק און קלוג,
און אײנער גיט א טרונק פון א דעמער־קרוג,
א צווייטער הייבט זיך אוף... ס׳פינקלט זײַן געוואַנט
און דאַווענט מײַריוו פאר דער טונקעלער וואַנט,
און אַלע, אַלע שטייען פאָרכטיק און פארטראַכט,
און שפּרינגען דרײַ מאָל קאָדעש קעגן נאכט”. (איציק מאנגער).

ווי ריכטיק ער האָט כאַראַקטעריזירט די „וואָכ”־קינסטלער: הינטער זיי דער קאַרשן־בוים צעבליט מיט פרילינג, — עס קומען פאָר שטרײַקן, רעוואָליו־ציאָנערע ארויסטרעטונגען, — נאָר זיי שמייכלען אומעטיק, טרינקען פון א דעמער־קרוג, דאַווענען מײַריוו און שפּרינגען קאָדעש, באזינגען גאָט און דעם בעסמעדרעש און מאָשיעכן און דאָס העכערע סאָציאַלע באוווסטזײַן...

די ציפער זיבן ווערט שטארק עקספּלואַטירט פון די מיסטיקער און סימ־באָליקער. און ניט בלויז מאנגער, נאָר אויך אסאך אנדערע „וואָכ״־פּאָעטן און תּלמידים פון לייוויקן נוצן אים אַפּ אלע זייטן.

זינגט אויך פייַנבערג אין דער „וואָכ״ וועגן זיבן זונען:

„זיבן זונען זייַנען זומערדיק פארזונקען,
שטייט אן אכטע זון, א מאָכיקע אין רוים.
שפּרייטן שטילע שאָטנס, שאַרכנדיקן טונקל,
איבער הוילער ערד און איבער הוילן בוים.
און ווער וועט באקעטקייט פון ערד און בוים דערלייזן
פון א זון אזא אין זשאווערדיקן רוים?״

זינגט דאָוויד גאָלדשטיין:

„זיבן זונען וועלן קומען,
זיבן וועלן זיך פארלעשן,
שטארבן וועל איך בייַנאשמאָשעס,
ווען די לעצטע זון פארגייט״.

גאָלדשטיינען וועלן מיר טרייסטן, אז די זיבעטע זון איז נאָך ניט די לעצטע. פייַנבערג האָט פאר אים צוגעגרייט נאָך אן אכטע זון, עמעס, זי איז א „מאָכיקע״, און שפּרייט „שטילע שאָטנס״, „שאַרכנדיקן טונקל״ — אָבער דאָך א זון, כאָטש אין א „זשאווערדיקן רוים״.

וואָס קען מען זאָגן וועגן אזעלכע לידער: ס׳איז הוילע סימבאָליסטישע און פאָרמאליסטישע „קונצ״. דאָס קענען שרייַבן בלויז באָדנלאָזיקע, אויסגע־וואָרצלטע פּאָעטן, וואָס דריקן אויס די שטימונג פון די צום אומקום פאר־מישפּטע קלאסן. דעריבער זייַנען זייערע לידער פול מיט „שטילע שאָטנס״, „שאַרכנדיקן טונקל״, „דעמער״ און בייַנאשמאָשעס און טויט־מאָטיוון. דאָס איז קראָען־געזאנג איבער די צום טויט פארורטיילטע קלאסן.

אויב פייַנבערגן און גאָלדשטיינען געפעלט די זון, שיקט אונדז אַפּ ראָל־ביק צו דער לעוואָנע.

„לערן זיך פון דער לעוואָנע:
גיין דורך גאסן שטילערהייט,
זאָל מען דייַנע טריט ניט הערן,
ניט פארנעמען דייַנע רייד.

לערן זיך פון דער לעוואָנע —
גיין אין שטילקייט, זייַן אליין.
און אהינטער יעדן וואָלקן
אַפּ א ווייַלע אונטערגיין״.

לערנט זיך נישט פון לעבן — לערנט זיך פון דער לעוואָנע. גייט ניט מיט דעמאָנסטראציעס דורך די גאסן מאָנען ארבעט און ברויט, — גייט דורך גאסן שטילערהייט. זאָל מען דייַנע טריט ניט הערן, ניט פארנעמען דייַנע רייד. שרעקט ניט די בורזשויעס און קאפּיטאליסטן, שטערט ניט זייער רו! פארריי־ביקט זיך ניט מיט נאָך פראָלעטאריער — לערנט זיך פון דער לעוואָנע זייַן

אליין. איך איר וועט אונטערגיין — פארפאלן: לערנט זיך פון דער לעוואָנע און אהינטער יעדן וואָלקן אפ א ווײַלע אונטערגיין. אויב גאָלדשטיין וויל אונטערגיין דאפקע, ווען די זון פארגייט, אייצעט אונדז ראָלניק אונטערצוגיין אהינטער יעדן וואָלקן.

אָבער מיר דאנקען אינען גנעדיק (באלד אינעם סטיל פון אָפּאטאָשוס רעגענשבורג) פאר דער גוטער אייצע. די ארבעטער ווילן אפילע אפ א ווײַלע אויך ניט אונטערגיין. זיי האָבן בעדייע אריבערצולעבן די צום טויט פארמישפּעטע. און זיי זאָגן: ווערים־וועלט — אין קיוועך! און אויב איר וועט זיך לאָזן בעטן, וועלן מיר אײַך אהין ארײַנשטופּן. און לייוויק האָט טאקע דערפילט, אז די קאטאסטראָפע פון דער קאפּיטאליסטישער וועלט איז שוין נאָענט.

„איך שטיי ווידער מיטן פּאָנעם צו דיר, האר פון קאטאסטראָפע.
דו נעענטערסט זיך צו מיר און לייגסט ארופ אפ מיר דײַנע הענט“.

און לייוויק זעט שוין, ווי

„דער אויסלייזער ליגט אין זײַן אָרן
אָנגעטאָן אין פאראדנע קליידער, —
און צוקאָפּנס אים ברענען צווי ליכט“.

אָבער לייוויק פרווט זיך פארשטעלן:

„איך קען ניט באהאלטן,
אז איך לעב נאָך פארשטעלט, —
א געשטאלט פון געשטאלטן
פון א פארפײַניקטער וועלט“.

ער איז גוואלדיק אין קאס, וואָס מע רופט אים פארעטער:

„און מײַן זון ליגט א דערקוילעטער אפ ברעטער,
זײַן קינדערשער האלדז איז, ווי געוועזן, דין,
איך טײַנע צו אים: זון מײַנער, זיי רופן מיך פארעטער —
די הוליענדיקע טאטעס מיט די טאנצנדיקע זין“.

מיר ווייסן טאקע, אז די ייִדישע ארבעטער רופן לייוויקן פארעטער, און דערפאר רופט ער זיי: הוליענדיקע טאטעס מיט טאנצנדיקע זין. אָט וואָס פאר א נעמען ער האָט פאר די ייִדישע ארבעטער! איז לאָמיר עס פארגעדענקען.

און מענאכעם איז פאר קאס געפאָרן צו זײַן קאלע:

„מיט פרײַנט און דינער — א לאנגער קאראוואן.
זײַנען זיי געקומען צו א בארג א הויכן,
און אונטערן בארג — א פינצטערע הייל.
און די הייל פלעגן אלע דורכגייער ווײַכן,
ווײַל מ'האָט וויסטע שרעקן פון איר דערציילט.
איז אבער עדיוו (מענאכעם) אראָפּ פון זײַן זאָטל
און געזאָגט: ער וויל צו די שרעקן גיין,
געזאָגט — און די שוועל אריבערגעטראָטן
און פארזונקען אין פינצטער אזוי ווי א שטיין.
האָט ער געהערט, ווי עס יאָמערט געוואָרגן

דער כוישעכ איב הייל ארום פלעמל, וואָס גליט,
און ער איז געזעסן אזוי ביז פרימאָרגנ
און דעם שוועל פון זײַן קאָלעס געצעלט געהיט".

און עפראַים אויערבאכ זאָגט:

„ס'האָבנ דעם הימל צעריסנ אפ שטיקער
ווינטנ און כמארעס און אונדזערע רייד,
אז ס'איז ניטאָ פאר אונדז קיינ צוריקער,
וועלנ מיר טראָגנ דעם צובונד, די קייט".

זייער שטארק געזאָגט: „אונדזערע רייד" האָבנ דעם הימל צעריסנ! פונדעסט־וועגנ אָבער ווייסט ער, אז ס'איז ניטאָ קיינ צוריקער — ווערט ער א מאר־טירער און איז גרייט צו טראָגנ די קייט, און גאָט ווייסט, וואָס דאָס איז פאר א קייט: עפשער די גאָלדענע קייט?

ניינ, ס'איז גאָר „א זילבערנער שטריק", ווי ס'הייסט זײַנס א צוויט ליד. אינ יענעם ליד דערציילט ער אונדז זײַנ יִכעס, אז זײַנ טאטע האָט געוועבט „דעם פאָדעם פונ כאבאד" און ביז 13 יאָר האָט אים דערצויגנ ר' דאָווידל סקווערער:

ר' דאָווידל, ר' דאָווידל, דער ווײַסער ייִד,
ר' דאָווידל, ר' דאָווידל אינ בלויענ זײַד,
פאר מיר האָט זײַנ וואָרט זיכ הײַנט צעבליט,
ווי א געזאנג אינ שניייקער ווײַט.
ר' דאָווידל, ר' דאָווידל דער זילבערנער שטריק,
איכ וויג זיכ אפ אימ, ווי דער אומרו פונ זייגער,
ר' דאָווידל, ר' דאָווידל, אָט זע ווי איכ ליג —
א שולדיקער — איכ, און דו — דער קאטיינער".

דאָס איז, ווײַזט אויס, אויכ לויט דער ליניע פונ שטודירנ די נעשאָמע פונ די קענגנערישע קלאסנ...

און מ. ל. האלפערנ איז פונ פארצווייפלונג אוועק זוכנ מאריא מאגדאלע־נענ גאָר צו דעם פויפסט אינ רוימ. זײַנ ליד הייסט טאקע „און עס כויזעקט דער רוימער":

„ווער עס קניט פאר זײַנ ווײַב, ווי דער פריסטער אינ קלויסטער
פאר דער מוטער מיטנ הייליקנ קינד —
איכ זוכ מאריא מאגדאלענא,
ווי זײַנ אויגנליכט א מענטש, וואָס איז בלינד".

און דאָוויד גאָלדשטיינ באשליסט, אז ס'איז א „גזאר":

„קיינמאָל מער קיינ רו ניט האָבנ
ליגט אפ מיר א בלינדער גזאר,
ווער עס וועט מײַנ קיווער גראָבנ,
גראָבט פאר מיר, און פאר מײַנ צאר.
עלנט מײַנער — מײַנ באגלייטער
מײַנער ביז מײַנ סאָפ וועט זײַנ.
גראָבט מײַנ קיווער טיפער, ברייטער
ס'איז פאר מיר און פאר מײַנ פײַנ".

מיר קענען גאָלדשטיינען פאַרזיכערן, אַז ווען מיר וועלן גראָבן דעם קיי־ווער פאַר זײַן קלאַס, וועלן מיר אים גראָבן טיפער, ברייטער. איצט קען ער שוין זײַן רויִק און זיך לערנען פון ראָלניקס לעוואָנע.

און זעט נאָר, ווי אומבאַהאָלפן, נעבעכדיק עס איז ארן ראַפּאָפּאָרטס לעבן:

„אין מײַנע פולווער־בליצנדיקע רעגעס,
אין מײַנע רעגעס פון פאַרנעם,
הער איך אַזאַ לויערן,
הער איך אַזאַ טרויערן,
פאַרנעם איך דיך, לעבן מײַנס...
און איינער אין מיר אַזאַ הויכער, אַ גרויער
פאַרגייט זיך אין געוווי פון באַדרויער —
לעבן, לעבן מײַנס...״

אַ ראַכמאָנעס, בענעמאָנעס, אַף אַזאַ יונגן מענטשן און שוין אַזוי אָפּהענ־טיק און אומקומענדיק.

אָט וואָס „די וואָכ״ האָט געמאַכט פון דעם אַרבעטער ראַפּאָפּאָרטן, וועל־כער האָט געקענט ווערן אַ פּראָלעטאַרישער שרײַבער. אָבער אַזאַ פּאָנעם האָט שוין דאָס לעבן, ווען מע פאָלגט ראָלניקן און מע לערנט זיך פון דער לע־וואָנע אָדער פון די זיבן אַלטע „וואָכ״־ייִדן.

און אָט איז נאָך אַ קאָרבן, נאָך אַ יונג־פאַרשניטן לעבן—אַלעף קאַצ:

„אונטער אַ שווערן פאַרפרוירענעם טײַך
שווימט דער פאַרלאָרענער שווימער.
ער זוכט אַ באַפרײַונג פון אײַזיקן דעק,
וואָס האַלט אים פאַרטפּיסעט
און וועגט אַף זײַן קאָפּ
און גלעט אים מיט קאַלטקײַט
און שלעפּט אים אַראָפּ
צום גרונט פון פאַרגליווערטע סאָפּן״.

איז ווילט איר וויסן, פאַרוואָס ער איז אַ פאַרלוירענער שווימער, און וואָס האָט ער געזוכט אונטערן טײַך? איז הערט, וואָס ער וויל געפינען:

„ווי קאָן איך געפינען דעם זין פון צעריסענע שיימעס
פאַרשטויבטע,
און דאָס פאַרבאָרגענע ליכט פון כאַלוימעס צעשטערטע
אַנטפּלעקן:
צו זינגען דאָס שטומע פאַרלוירענע ליד פון מײַן טאַטן?״

אַז מע לאָזט זיך אַוועק אונטער דעם שווערן פאַרפרוירענעם טײַך פון דער „וואָכ״ זוכן דעם זינען פון צעריסענע פאַרשטויבטע שיימעס, דאָס ליכט פון צעשטערטע כאַלוימעס אַנטפּלעקן: צו זינגען דאָס שטומע ליד פון טאַטן,— מוז מען ווערן אַ פאַרלוירענער שווימער.

און די יונגע מאלקע לי זינגט „רות״־געזאנגענע וועגן „דריי ווײַבער מיט פארצאָגטע, פארשעמטע לײַבער״. און ב. לאפין זינגט פון „יאָסעפס כאָלעם״, און יאָסעף ראָלניק רעדט מיט גאָט:

„אונדזער לעבן איז א שמאָלער, קרישלדיקער וועג,
מיר גייען און מיר מוזן גיין אים טראָט בא טראָט.
גליטש און האָגל, טיפע טאָלן, הויכער אָפגרונט־ברעג, —
מירן קומען אפ דער נאכט אהיים צו גאָט״.

און איינער פון די גאָר יינגסטע פּאָעטן, וואָס „די וואָכ״ האָט אנטדעקט— ד. ל. טעלער — זינגט דאָס „ליד פון א מיטלמאן״ און וועגן „סאָד פון דער וועלט״. און ווו, מיינט איר, האָט ער געפונען דעם סאָד פון דער וועלט? אנטפלעקט ער אונדז דעם גרויסן סאָד:

„איז מענטשן גאָר ניט איינגעפאלן, אז א מעס זאָל טראָגן
דעם סאָד פון דער וועלט
אפן לײַב אופגעהאנגען...״

ווי איר זעט, האָט ער שנעל אנטדעקט דעם סאָד פון לייוויקס מיסטיק און אויך אָנגעהויבן מיט א מעס. ער האָט אויך איבערגענומען דעם „מיטלמאן״־לאנגווײַל פון די סימבאָליקער און מיסטיקער. אין זײַן ליד פון א „מיטלמאן״ שרײַבט ער:

„זיץ איך מיט די זקיינים פאר די טויערן פון שטאָט,
און עס פון איין שיסל מיט דער לאנגווײַל״.

אָבער ער האָט דאָך פאָרט יונג בלוט אין זיך. קעמפן אין אים „ליידן־שאפטן״, דערציילט ער אונדז אין זײַן ליד „ליידנשאפטן״:

„ווי פארוואונדעטע און גויסעסדיקע זעלנער,
אין דער שפעטער נאכט־שאָ
אפן אײַנגעשטילטן שלאכטפעלד,
וויען אונדזערע בלוטן מיטן אָנקום פונעם אָוונט;
און זיי יאָמערן, ווי כצאָס פארבײַ
קעץ, וואָס רויען אין די מיסטן...
פויזעט א מענטש אפן בויך,
גראבלט די ערד מיט די נעגל,
דריגעט מיט די פיס,
העשעט מיט אָטעם פון וואנזין,
און זײַנע ליפן סלונען מיטן אָפּשוים פון אוראלטע טײַוועס״.

ס׳וועט שוין זײַן פון דעם גענוג. א פּאָעט, וואָס טראָגט ארײַן אזעלכע קעצ־רויענדיקע מיסטן־„ליידנשאפטן״ און „אוראלטע טײַוועס״ האָט בעע־מעס פארדינט דעם לייטארטיקל, וואָס „די וואָכ״ האָט אים געווידמעט.

און דער צווייטער פון די גאָר יונגע „איבערמענטשן״ און דערלייזער״, וואָס „די וואָכ״ האָט אנטדעקט — מוישע אײַזנשטאט — האָט באלד אָנגעהויבן ווי א „געטלעכער״ „וואָכ״־פּאָעט:

„ס׳איז מײַן אומפארמײַדלעכער געבאָט:
ווארטן, נישט דערווארטן זיך, און שטרעבן,
זוכן דעם אָזיס פון א גאָט
אין דער גרויסער וויסטעניש פון לעבן״.

אויך דער דריטער פון די דריי יונגע „וואָכ״־גרענאַדירן זינגט מינאָר און פארנאַכטיק:

„און דער פארנאַכט שטייט אַף דעם ראַנד פון נאַכט
און מיט איין רויטן אויג קוקט אין דער ווײַט,
און ערגעץ-ווו מיט לאַנגע שאָטן־פינגער טײַט און שווײַגט...״

מענאַכעם באַריישאַ שווײַגט אָבער ניט. ער האָט מעקאַנע געווען דעם יונגן טעלערס „ליד פון א מיטלמאַנ״ און צעזונגען זיך וועגן דעם מיטלמאַנס „באַלעבאָסטע״:

„די באַלעבאָסטע שטייט אין קיך און שיילט קאַרטאָפל.
די באַלעבאָסטע שיילט א ציבעלע אין קיך.
די באַלעבאָסטע מיט די ווייכע פוכקע פינגער בראָקט א ציבעלע אין קיך.
די באַלעבאָסטע, א געזונט אין אירע ווײַסע הענט,
שיילט ווײַסע מאַנדלען פון דער ברוינער שאָל.
קומט אַרײַן דער מאַן אין שווערן רעקל, איינעם לעדערנעם,
מיט די כאָלעווקעס און רימענטע פארשטײַפט אַרום די ליטקעס,
קלאַפט ער אָפ די פיס און פרעגט: — האָסטו עפּעס, האַרצ מײַנס?
טרייסלט זי אַראָפּ דעם שניי פון רעקל, הענגט אים אויף צו טריקענען.
און זאָגט: — ווילסטו עפשער אביסל ציבעלקע מיט אייער?
עסט דער באַלעבאָס באַם גרויסן קיך־טיש ציבעלע מיט אייער —
די באַלעבאָסטע מיט די רויטע פלאַמען אַף די ווײַסע באַקן
ציט אַרויס די בלעך מיט מאַנדל־קיכעלעך פון אויוון.״

דאָס דאָזיקע ליד האָט כאָטש איינע מײַלע, עס איז אָן סימבאָליקע און אָן מיס־טיקע... דערפאַר איז די טעמע א ביז גאָר וויכטיקע און דער געדאַנק מינאַסטאַם אויך ניט ווייניק וויכטיק. אויב מענאַכעם וועט זיך ווײַטער פארפולקומען אין דער דאָזיקער ריכטונג, קען ער נאָך אָנשרײַבן א גאַנצן קאָכבוך אין פערזן.

מיר געפינען נאָך אַרן צייטלינס „פינף לידער פון טויט און געשלעכט״: „פארטאָג איז זי געלעגן בלוי״, „דאָס ליד פון דעם טויט אין פּאַריזשער קאַ־פע־הויז״, „כופע־נאַכט־ליד״, „ליד פון מעס און קינד״, „טויטנלאַנד, אָדער די לעצטע טיר״. די נעמען אליין, דוכט זיך, זאָגן אונדז שוין גענוג וועגן זייער כאַראַקטער.

דאַניעל טשאַרני לערנט זיך אויך פון ראָלניקס לעוואָנע. נאָר אים אַרט א ריי קאַשעס:

„דער ציפערבלאַט אַף דער לעוואָנע
באַווײַזט אַף כאָצי־עלעף.
צווי הינט סקאַוועשען מיט קאַוואָנע
אַף שלעפעריקע שוועלן,
א דריטער שטייט דעם קאָפּ פאַריסן
צום טעלערל פון הימל,
נאָר ווער קאָן וויסן, ווער קאָן וויסן —
צי וואַכט ער, צי ער דרימלט?״

אָס האָט איר אײַך נאָך א וויכטיקע פּראָבלעם פאַר די „וואָכ״־גײַסטער! און אויב דאַניעל טשאַרני באַשעפטיקט זיך מיט הינט און מיט הינטיש

סקאָוואָטשען, איז עפֿראַיִם אויערבאַך אַ נאָענטער באַקאַנטער מיט „ווײַסע פֿערד" און „בלינדע העראָלדן":

„אף ווײַסע פֿערד זײַנען אָנגעקומען די בלינדע העראָלדן
און זײַנען געפֿאַלן אין שטויב פֿאַר די טויער־היטער,
פֿון הימל האָבן אַרונטערגעהאַנגען גאָלדענע טראָלדן
און אויסגעוויגט דעם פֿאַרנאַכט פֿון אונדזערע געמיטער.

העראָלדן בלינדע, פֿון אונדזערע פֿאַרנאַכטן די אָנזאָגער,
די ווײַסע אײַערע פֿערד ווי מידע, טונקעלע כוואַליעס שוימען,
און איר אַליין ליגט אויסגעצויגן, הונגעריק און מאָגער,
און לאַנג איז שוין פֿאַרשוווּמען דער רויך פֿון לעצטן קוימען.

די בלינדע העראָלדן האָבן די קוילעס זייערע אויפֿגעהויבן,
די שוימיקע פֿערד מיט בלינדקײַט אין דער נאַכט אַרײַן זיי צו באַלייטן.
די קאָפּיטעס האָבן מיט בייזקײַט דעם שליאַך גענומען שטויבן
און אויפֿגעאַקערט דאָס זאַמד ווי שניי אין ווינטערדיקע בייטן".

בײַ טשאַרנינ סקאָוואָטשען הינט מיט קאָוואָנע, און בײַ אויערבאַכן הייבן אויף קוילעס בלינדע העראָלדן אף ווײַסע פֿערד. אין דער ייִדישער פּאָעזיע פֿון די „שריפֿטן" האָבן גאַלאָפּירט מאַני לייבס „בלויע פֿערדלעך מיט פֿאַרשאַרצטע עקן", און אין דער „וואָך"־פּאָעזיע גאַלאָפּירן „בלינדע העראָלדן אף ווײַסע פֿערד מיט גאָלדענע טראָלדן".

און וואָס קענען מער טאָן בלינדע העראָלדן, ווי נאָר אויפֿהייבן זייערע קוילעס און באַלייטן די שוימיקע פֿערד מיט בלינדקײַט אין דער נאַכט אַרײַן.

און אָט זינגט נאָך אַ באַנאַכטיקער „בלינדער העראָלד" בער האָראָוויץ וועגן זײַן ביטערן מאַזל און אויסוועגלאָזיקײַט:

„איך האָב מיך איבער מײַנע טעג פֿאַרטראַכט
אַזוי צאַאַר־פֿול און טרויעריק רײַך,
ווי טעמנע אָלכעס טיף באַנאַכט
איבערן גייענדיקן שטילן טײַך.
איך האָב פֿאַרטראַכט מיך איבער מײַנע טעג,
וואָס גייען אַריבער אַזוי וויסט און פּוסט —
ס'טרעפֿט מײַן מאַזל נישט צו מיר דעם וועג,
ווו קען עס זײַן? אָ, וואָלט איך דאָס געוווּסט!"

וויסט און פּוסט. — ריכטיק. פֿאַרוואָס מיינט אָבער האָראָוויץ, אַז ס'איז רײַך?

קאַפּצאָנעס, קאַפּצאָנעס!

און דער „בלינדער העראָלד" מענדעל נײַגרעשל האָט זיך שוין עפּעס דערוווּסט. ער האָט געפֿונען דעם וועג צו זײַן מאַזל:

„ס'איז פֿול מײַן וואָך און אָוונטיק מײַן פֿרײַטיק —
און עפּעס רופֿט מיך, רופֿט אַוועק פֿונדאַנען
(אין יעדן אָטעם איז דער טויט פֿאַראַנען!).
און איך האָב, גאָט, דעם גרויסן רוף פֿאַרשטאַנען! — —"

און אַט רופט זיך איבער מיט נײַגרעשלענ פײַנבערג. אויך ער האָט דער־הערט גאָטס גרויסנ רופ און איז אויך גרייט צו פארלאָזנ די „ברודנע וועלט", און ער פארענדיקט מיט אַט די שורעס:

„כ'בינ ארויס אונטער רויטע פאָנענ —
און פארגיי אונטער שווארצער פאָנ".

דאָס איז ווירקלעך געווענ דער סאַפ פונ אלע „בלינדע הערא֗לדנ". נאָר מיט לײַוויקנ איז געשענ א נעס. לײַוויק, וואָס האָט אונדז שוינ דערציילט, אז

„דער אויסלייזער ליגט אינ זײַנ אָרנ
אַנגעטאָנ אינ פאראדנע קליידער —
און צוקאָפּנס אימ ברענענ צוויי ליכט" —

— איז צוריק לעבעדיק געוואָרנ. דער „אויסלייזער" איז אופגעשטאנענ טכיִעס האמייסים. זײַנ גרויסע פאָעמע „וואָלקנס א הינטערנ וואלד" פארענדיקט זיך אזוי:

„איכ באטראכט מײַנ גאנצנ אויסזעג, איכ קוק אפ מײַנע הענט:
דער רייעך פונ גאָטס אָפּגעריסנ לײַב הערט זיך פונ מיר און פונ דער ערד ארומ,
רייעך פונ טראכט, פונ געבורט — אַט דאָ אינדערמיטנ פונ וועלט,
באמ ברעג פונ א וואלד, האָסטו מיכ נאָכאמאָל באשאפנ, באשעפער,
האָסטו מיכ א צווייטנ מאָל, א צווייטנ מאָל געבוירנ,
געבוירנ און איבערגעלאָזט ליגנ מיט שפורנ פונ בלוט אפ מײַנ פּאָנעמ. —
— באשעפער — באשעפער!" —

דער אויסלייזער איז א צווייט מאָל געבוירנ געוואָרנ. א נײַער מאָשיִעך קומט אָנ, א נײַער דערלייזער האָט זיך באוויזנ. לאָמיר דערמיט פארענדיקנ מיט דער פאָעזיע פונ דער „וואָכ". לאָמיר פארענדיקנ מיט אנ אמעריקאנישנ (גוטנ) סאָפ.

„די וואָכ" האָט א קארג יאָר געלעבט און איז געשטאָרבנ. לײַוויקס „וואָכ" איז שפּעטער אופגעשטאנענ טכיִעס האמייסים אינ דעמ זשורנאל „יִדיש" פונ דער יִדישער קולטור־געזעלשאפט. די אויסגעשפּראָכנ בורזשואזע און נאציאָנאליסטישע פּאָזיציעס פונ דער „וואָכ" טרעטנ נאָכ ארויס בוילעטער אינעמ זשורנאל „יִדיש".

לײַוויק, ווי אלע „בלינדע הערא֗לדנ" פונ דער „וואָכ", קענענ מיט פולע רעכט אפ זיך זאָגנ:

„איכ בינ ארויס אונטער רויטע פאָנענ — און פארגיי אונטער שווארצער פאָנ".

דאָס איז א גלענצנדיקע מאָטאָ און עפּיטאַפ אפ דער „וואָכ". זי איז דערשינענ אונטער קלוימערשטע רויטע פאָנענ, און איז געשטאָרבנ אונטער דער שווארצער פאָנ פונ שאָוויניזמ און קאָמוניסטנ־פרעסערײַ.

דער „בלינדער הערא֗לדיזמ" ווערט אויך דורכגעפירט אינ די קורצע רעצענזיעס אפ די ביכער, וואָס זײַנענ געווענ געדרוקט אינ דער „וואָכ". אָט איז א קריטישע רעצענזיע פונ מ. ל. ה. אפנ בוך „יאגד" פונ כאסיע

קופערמאַן. נאָכן אָפּשטעלן זיך אויף די ריין־פאָרמאַליסטישע עלעמענטן פונעם בוך, פאַרענדיקט מ. ל. ה. אין אַ „טכינע״־נוסח:

„און איטלעכער פון אונדז איז ניט מער, ווי אַ ב ל י נ ד ע ר אין וואַלד. און ווען מע דערהערט דאָס קול פון אַ קינד, וואָס איילט זיך באַם האַנט אָנצונעמען, איז דאָס אויגנבליקט, און אוואַדע, פריידט מען זיך״.

אַ צווייטע רעצענזיע איבער דעם לידער־בוך „ייִדן״ פון נאַפּטאָלי גראָס, ווי עס ווערט געזאָגט, —

„אַז ס׳גאַנצע בעסטעדרעש דערהויבט זיך העכער
אַריבער אַלע הײַזער, דעכער אין דער גאַס״, —

פאַרענדיקט מ. ל. ה. אַזוי:

„אָבער גראָס באַווײַזט אָן אַ היטל אַפן קאָפּ די פרומקייט פון שטעטל און ווערט ניט ניספּאָעל דערפון. זײַן אינסטרומענט איז ניט דאָס ייִדישלעכע פּי־דעלע, וואָס מע קאָן זיך אַ שאָקל טאָן באַ דעם ווי באַ שמוינעסרע, נאָר די גווייִשע גיטאַר עפּשער, וואָס ער האָט מיט זײַן ערלעך דיכטעריש בלוט פאַר־ייִדישט אַזויווי מיר אַלע״.

און אָט איז נאָך איין בײַשפּיל, ווי מ. באַריישאָ שרײַבט קריטיק (2־טער מײַ 1930).

„אַמאָל אין אַ יויוול״.
(זאַמלבוך פאַר בעלעטריסטיק, וואַרשע, 1929).

געזונט זאָלן זײַן די פּאָעטן!

אַ מענטש דאַרף שרײַבן אַ רעצענזיע. און אַז מע איז גראָד נישט גע־שטימט צו שרײַבן אַ רעצענזיע — וואָס זאָל מען טאָן? עפנט מען דאָס בוך און מע הייבט אָן ווידער לייענען שוין דאָס איינמאָל געלייענטע און מע שטויסט זיך אָן אַף אַ פּאָר שורעס און ס׳עפנט זיך די טויער.

קאַדיע מאַלאַדאַווסקי זעט ייִרמעיאָהון. זאָגט זי צו אים:

„דײַנע פיס, ווי די פיס פון אַ קעמל,
וואָס האָפּט ניט צו וואַרפן די מאַסע,
און גרויס איז די (דער ?) מידבער
און ווײַט איז דאָס וואַסער —
אַזוי דײַנע פיס ייִרמעיאָהו״.

זי זעט אים ווײַטער גיין: צום קייסער באַנאַכט און איבער מערק צו מענטשן. אָבער פאַר מיר איז גענוג דאָס איינציקע בילד פונעם נאָווי „מיט די פיס פון אַ קעמל״.

מיר דערמאָנט זיך אַן אַנדער דיכטערן, לעסיאַ אוקראַינקאַ, וואָס האָט אויך געזען ייִרמעיאָהון. באַ קאַדיען איז ער דינער, צאַרפּולער, אייגענער. אָט פאַר־גלײַך איך שוין, אָט בין איך שוין אינדערהיים. אַדאַנק, כ׳טע קאַדיע! דער־נאָך קומט״ — — — אַלץ אינעם זעלביקן שניט.

אַבי מענאַכעם האָט געפונען באַ קאַדיען אַ נאָווי, וואָס גייט צום קייסער באַנאַכט, כאָטש מיט פיס פון אַ קעמל, איז ער שוין באַ זיך אינדערהיים,

איז ער שוין צופרידן און דאנקט. אז מע זאָגט איבערמענטשן, אויסלייזער, דערלייזער און „בלינדע העראָלדן" — איז דאָך ניט שייַך.

אָט אזא פּאָנעם האָט אויך די נעוויַישע קריטיק אין דער „וואָך".

אָפּענע דיבורים געפינען מיר אין אַ ארטיקל פון לעיעלעס „דער קינסטלער אין דער געזעלשאפט" („די וואָך" 24־טער יאנואר, 1930):

„...יאָ, די „וואָך"־פּאָעזיע ביז איצט קאָן ניט פארשאפן קיין צופיל נאכעס־רועך די, וואָס שרייַען „פּאָדאווייַ פּראָלעטארישע לידער, פּאָדאווייַ סאָציאַלע לידער!". די „וואָך"־פּאָעזיע, פון זייער שטאנדפונקט, איז מוירעדיק אינדיווי־דואַליסטיש. מע שטויסט זיך אָן אָן סאָציאַלע מאָטיוון, אָן סאָציאַלער אָנרע־גונג אין מ. ל. האלפּערנס א ליד, אין ה. לייוויקס, אין עפראַיִם אויערבאכס, אין עסטער שומיאטשערס און אנדערע. בעדערעך קלאל אָבער — נישט סאָ־ציאַל.

לאָמיר דעריבער מוידע זייַן: מיר שרייַבן אינדיווידואליסטישע לידער. וואָס־זשע זאָל מען טאָן? דערפון איז בלויז קלאָר, אז דער יאָכיד, דער איי־נצנער איך אינטערעסירט אונדז זייער שטארק. די פראגע איז נאָר — צי איז עס טאקע אזא „ראק", צי איז עס א שרעקלעכער פארניכטנדיקער „קאנסער" (ראק), ניט דאָ געדאכט?"

און לעיעלעס ענטפערט:

„אָן דער פרייַער קונסט הייַנט און אלעמאָל וועט די סאָציאַליסטישע געזעלשאפט זייַן ניט מער, ווי אן איבערגעקערטער, פרימיטיווער אינדיווידוא־ליזם, א מין פּאראדאָקסאל־קלינגענדיקער קלאל־אינדיווידואליזם, וואָס וועט אונטערדריקעריש אויסבלאָזן אלע ליכטער, און אין פינצטערניש, מוראשקע־מעסיק מאָנאָטאָן רעציטירן: ארבעט, ארבעט, ארבעט! — און אלייַן אויס־גיין".

„די אינזיכיסטן, — זאָגט ווייַטער לעיעלעס, — האָבן אופגעהויבן א רעוואָלט קעגן דער שטימונג־ענגשאפט און שטימונג־פארקראָכנקייַט פון די „יונגע", האָבן געעפנט פענצטער נאָך פענצטער פאר סאָציאַלע וויזיעס. און איבערראשטע דערזעען מיר, ווי אָט די פריידיקער פון ברייטן פארנעם און מער סאָציאַל־קייַט רופן זיך „אינזיכיסטן", און ווי עס ציט זיי קעסיידער צום אינדיווידועלסטן אויסדרוק. געוויס, דאָס איז געווען אין אָנהייב, און פון אָנהייב איז מען שוין אוועק א היפּשן מעהאלעך".

און ווילט איר דאָך וויסן, וואָס איז דאָס פאר א כייַע לעיעלעס „העכער סאָציאַל־באוווסטזייַן", טאָ הערט ווי ער אלייַן פארטייַטשט עס:

„דער מאָשיעך־מאָטיוו אין אונדזער ליטעראטור, וואָס ציט זייַן מאָקער פון פערעצעס אָנרעג, איז דער גרעסטער צושטייַער צום העכערן סאָציאַלן באַ־וווסטזייַן, וואָס די נייַע יידישע ליטעראטור האָט געבראכט".

און דער איבערוף גייט אָן. מיט א נומער שפּעטער איז אן ארטיקל וועגן יעהויאָשן און זייַן טאנאך־איבערזעצונג אפ יידיש שרייַבט מענאכעם:

„גאנצע פופצן יאָר איבער איין ארבעט, און די ארבעט איז א טאנאך־איבערזעצונג, און די ארבעט האלט קעסיידער נאָענט בא די קוואלן פון רע־

ליגיעזער דערהויבונג, מאמעש געבאָדן זיך אין רעליגיעזער דיכטונג — דאַרף מען בלינד זײַן נישט צו זען, אַז אין דער אַרבעט האָט אַ מענטש זיך באַפרידיקט און אויסגעלעבט — רעליגיעז.

און אַז די רעליגיע, דער „העכערער זין״ האָבן אָפּגענומען דאָס זייעריקע, האָט זיך דער מענטש געקענט פרײַער שפּילן אין ריינער, אין פּאָעטישער פּאָעזיע.

זײַנען גליקלעכער די, וואָס זײַנען געקומען אין אַ שפּעטערדיקן דאָר, געקומען שוין דורכויס־וועלטלעכע, האָבן לײַכט אָפּגעטרייסלט פון זיך דאָס עטיש־רעליגיעזע און געקענט אַריסטרעטן ווי „ריינע״ פּאָעטן, פּאָעטישע פּאָעטן? עפּשער...

אָבער בא דעם גרעסטן טייל אויך פון אונדזער דאָר האָט זיך נאָך די צווייענדיקייט נישט אופגעלייזט. זי האָט זיך בלויז קלאָרער דערקענט, זי האָט אָנגעטאַפּט דעם שורעש (וואָרצל) אין זיך און גייט באוווסטזיניקער צום סינטעז״.

מיר האָבן געבראַכט אַזעלכע לאַנגע ציטאַטעס פון ביידנס אַרטיקלען, ווײַל אין זיי געפינען מיר דעם אויסגאַנג־פּונקט, דעם מעהוס פון דער אידעאָלאָגיש־קינסטלערישער פיזיאָנאָמיע פון דער „וואָכ״־ליטעראַטור, ווי ביכלאַל פון דער בורזשואַזער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע.

מענאַכעם איז זיך מוידע, אַז בא דעם גרעסטן טייל פון אונדזער דאָר (געמיינט פון די יידישע בורזשואַזע שרײַבער) איז די צווייענדיקייט נישט אופגעלייזט. זיי האָבן פון זיך נאָך ניט אָפּגעטרייסלט,—וואָס ער רופט,— דאָס „עטיש־רעליגיעזע״, דאָס הייסט, זיי שטעקן נאָך ופּעסט אין דער אַלטער וועלט, עס ציט זיי נאָך צום בעסמעדרעש, צום אַטאָבעכאַרטאָניזם, צום מאָשיכיזם, צו דער „אָריענטאַלער יערושע״. און ניט אומזיסט שווימבלט און גריבלט עס אין זייער ליטעראַטור, ווי מיר האָבן שוין געזען, מיט בעסמעדרעש, מיט גוטע און אַלטע יידן, מיט ר׳ דאָווידל סקווערערס, מיט באַשעפער, מיט גאָט, נעוויִים, מיטן שעם און שיימעס, מיט ליכט און מיזבייכעס און כאַלאָפים און טאַרעבערעטער און קוואָרים און גוירל און מאַזל און... ביינאַשמאָשעס און דאַוונען מײַריוו און שפּרינגען קאָדעש. און ס׳איז אויך ניט קיין צופאַל די רעליגיעז־מעליצעדיקע שפּראַך, מיט וועלכער עס באַנוצן זיך לעיעלעס און מענאַכעם אַפילע אין זייערע אַרטיקלען, אַשטייגער, ווי אין די געבראַכטע ציטאַטעס: „פון דער ווײַטן שטייט ערגעץ דער גײַער, דער וווּנדערלעכער״, „עס גייט אַ גרויסע מאַכנע גייער״, „דער כאָלעם פון דער מאָשיעכ־געשטאַלט״, „דער גרויסער קנויל פון דער העלדישער אויסגעבענקטער פיגור״. עס זײַנען נישט קיין צופאַל אויך די „פּאַרפּלאָנטערנישן״, די אינדיווידואַליסטישע „פינצטערנישן״ בא לייוויקן, ווי דער שלייער אַפ סימבאָלן אַפ סימבאָלן אין דער גאַנצער פּאָעזיע פון דער „וואָכ״.

וועגן לייוויקן זאָגט לעיעלעס:

„זײַן סאָציאַלקײַט, פּראָלעטאַרישקײַט איז טיף און עכט. אָבער קיינער איז ניט מער פאַרפּלאָנטערט אין אינדיוויִדואַליסטישע „פינצטערנישן״, ווי ער. איז

לייוויק אויך א מוסטערהאפטער בײַשפּיל צו פאַרשטיין דעם גאַנצן איניען „העכער סאָציאַל באַוווסטזײַן".

אַז לייוויק איז א מוסטער פון פאַרפלאָנטערטקײַט און אינדיווידואַליסטישע „פּינצטערנישן" איז געוויס ריכטיק. ס'איז אָבער ביז גאָר פאַלש דער טעזיס, אַז לייוויקס סאָציאַלקײַט און פּראָלעטאַרישקײַט איז טיף און עכט. ריכטיק וועט זײַן צו זאָגן פונקט פאַרקערט: לייוויקס סאָציאַלקײַט און פּראָלעטאַרישקײַט איז נישט טיף און נישט עכט; דער בעסטער באַווײַז פאַר דעם איז טאַקע זײַן פאַרפלאָנטערטקײַט אין אינדיווידואַליסטישע „פּינצטערנישן". און דאָס זעלביקע איז מיט אַלע יידישע שרײַבער, וואָס זײַנען פאַרפלאָנטערט אין אינדיווידואַליסטישע „פּינצטערנישן". די מיסטיק, די סימבאָליק און אַלע „פּינצטערנישן" און רעליגיעזע מאָטיוון בא די שרײַבער זײַנען טאַקע א רעזולטאַט פון זייער אַנטיפּראָלעטאַרישקײַט, א רעזולטאַט פון זייער אויסגעוואָרצלטקײַט און באַדנלאָזיקײַט, א רעזולטאַט פון דעם, וואָס זיי דריקן אויס די אידעאָלאָגיע פון קלאַסן, וואָס זײַנען פאַרמישפּעט צום אומקום.

קלאָגט זיך דאָך לייוויק אַליין אין דער „וואָך" פאַרן 14־טן פעבר־ראַל 1930:

„און אָט — אַמעריקע. איך וווין שוין דאָ 15 יאָר, און אַלע מײַנע קאָלעגן וווינען שוין דאָ אַזוי לאַנג און נאָך לענגער פון מיר, און — צו אַמעריקע זײַנען מיר נאָך מיטן האַרצן נישט צוגעפאַלן. מיר האָבן אַמעריקע נאָך נישט מעקאַבל געווען" (אויפגענומען). און דאָס, זאָגט לייוויק, איז „א פאַטאַלער מאָ־מענט אין אונדזער היגער ליטעראַטור".

און פאַרוואָס האָבן זיי נישט „מעקאַבל" געווען אַמעריקע? פאַרוואָס זײַנען זיי געבליבן באָדנלאָזיק? פאַרוואָס האָבן זיי זיך נישט באַהעפט מיטן אַמערי־קאַנישן אַרבעטער־קלאַס? ווײַל זיי זײַנען קלײנבירגערלעכע אינטעליגענטן, וואָס שטעקן נאָך אין בעסמעדרעש־ייִדישקײַט. זיי ציט נאָך צו די ר' דאָווידל סקווערערס. זיי בענקען נאָך צו מאָשיעכן. זיי וואַקלען זיך שטענדיק, ווי אַלע קלײנבירגער, צווישן דעם פּראָלעטאַריאַט מיט דער בורזשואַזיע. זיי האָבן „האָפענונג און שרעק". זיי מאַכן איין טריט פאָרויס און צוויי טריט אַפּצוריק. דאָס „פּינטעלע ייִד" איז בא זיי וויכטיקער פאַרן פּראָלעטאַרישן קאַמף.

די יידישע בורזשואַזע שרײַבער פון לייוויקס שניט האָבן מוירע פאַרן פּראָ־לעטאַריאַט, האָבן מוירע פאַר דער אָנקומענדיקער רעוואָליוציע, האָבן מוירע פאַר דער פּראָלעטאַרישער ווירקלעכקײַט. זיי פּרוּוון קעמפן קעגן זייער גורל. זיי באַ־קעמפן די רעוואָליוציאָנערע אַרבעטער־באַוועגונג. זיי פילן אָבער די נאָענטקײַט פון דער „קאַטאַסטראָפע" — פּרוּוון זיי אַנטלויפן פון דער ווירקלעכקײַט. פּרוּוון זיי זיך טרייסטן מיט „אויסגעטרוימטע, אויסגעבענקטע מאָשיעך־געשטאַלטן", פּרוּוון זיי זיך באַרוישן מיט אינדיווידואַליסטישע „פּינצטערנישן", מיט רעליגיעזע טראַנסן, מיט מיסטיק און סימבאָליק. אָבער אַפילו די „בלינדע העראָלדן" לייע־גען דאָס געשריפטס אָפ דער וואַנט, זיי ווייסן דעם „גזאַר", זיי פילן זייער אומפאַרמײַדלעכן אומקום.

דערפאר געפינענ מיר אינ דער ליטעראטור פונ דער „וואָכ" אזא גערע־טעניש אפ רעליגיעז־מאָשיכיסטישע, מיסטיש־סימבאָליסטישע, שאָוויניסטישע אונ עגאָצענטריסטישע אידייעס, עמאָציעס אונ שטימונגענ!

דערפאר געפינענ מיר אינ דער ליטעראטור פונ דער „וואָכ" אזויפיל אלט־קײַט, מידקײַט, אומעט, צאר, טרויער, יִיִעש, מאָרעשכוירע, לאנגווײַל, נעבעכדי־קײַט, אומבאהאָלפנקײַט, אויסוועגלאָזיקײַט, באָדנלאָזיקײַט, אויסגעוואָרצלטקײַט, גרויקײַט, אונטערטעניקײַט, קרענקלעכע עראָטיק, צווייפל, זעלבסטפײַניקונג, זעלבסטגריבלעניש, זעלבסטפארליבטקײַט אונ זעלבסטקרייציקונג, יערידע, טויט אונ אומקום — דערפאר אזא קראָנקע־געזאנג!

צוזאמענפאָר פונ דער קולטור־געזעלשאפט

אפ דער עפענונג פונעם ערשטנ צוזאמענפאָר פונ דער יִידישער קולטור־געזעלשאפט, וואָס איז פאָרגעקומענ אינ א האלב יאָר ארום נאָכ די געשעע־נישנ אינ פאלעסטינע, האָט זיכ לייוויק אינ זײַנ רעדע מיסוואדע געווענ, אז „דעמ ערשטנ מאָל דער איכ פאר א פארזאמלונג, ווו איכ פיל ניט קיינ ווי־דערשפרוכ אינ זיכ". ער איז אסאכ מאָל אופגעטראָטנ אפ פארזאמלונגענ בא די קאָמוניסטנ, האָט ער געזאָגט, אונ האָט זיכ דאָרטנ קיינמאָל גוט ניט געפילט — אונ דאָ, צווישנ די בורזשואזע „גײַסטיקע יִידנ" איז אימ א מע־כײַע. ער האָט זיכ ענדלעכ דערקענט. ער האָט דערקענט זײַנ מינ. אונ מיט אָט דער „דערקענטעניש" האָט ער באגריסט די „כאוויירימ, דעלעגאטנ אונ געסט".

קיינ ארבעטער זײַנענ צומ אָוונט ניט געקומענ, ניט געקוקט אפ דעמ גרויסנ פויקנ אינ דער באלעבאטישער פרעסע וועגנ דעמ „ערשטנ יִידישנ קולטור־צוזאמענפאָר אינ אמעריקע" אונ ניט געקוקט אפ די ברייט אנאָנסיר־טע „אטראקציאָנענ", ווי ד״ר כאיִמ זשיטלאָווסקי אונ זאלמענ רייזענ, וועמענ מע האָט פאר דעמ צוועק ספּעציעל אראָפּגעבראכט אזש פונ אייראָפּע. עס זײַנענ געקומענ: די פענ־קנעכטישע שרײַבער־מישפּאָכע, די לערער פונ די בורזשואזע שולנ, די פראָפעסיאָנעלע „אינטעליגענצ", די „גײַסטער" פונ דעמ יִידישנ באלעבאטישנ געמויזעכצ אונ ארויסגעשפּיגענע רענעגאטנ אונ פארע־טער פונ דער רעוואָליוציאָנערער ארבעטער־באוועגונג.

אונ פארמאָסטנ האָבנ זיכ די „גײַסטער" דאָרטנ זייער גרויס, ווי פאר א נײַעמ „מאטנ טוירע". מע האָט גערעדט וועגנ דעמ יִידישיזמ, אלס נײַער „רעוואָליוציאָנערער פילאָסאָפיע", אלס נײַעמ ציל, „נײַעמ רעליגיעזנ אינהאלט פונ יִידישנ גײַסטיקנ לעבנ", אלס „גײַסטיק־נאציאָנאלער יִידישער היימ", „נא־ציאָנאלער הייליקײַט", „נאציאָנאל־פסיכישער באהעפטונג־קראפט" א. אז. וו. א. ד. גל. מע האָט זיכ מאמעש געבאָדנ אינ „הייליקײַט" אונ „גײַסטיקײַט". וואָס אָבער זײַנענ אינדערעמעסנ אויסנ געווענ די „גײַסטער"?

ד״ר כאיִמ זשיטלאָווסקי, דער פאָרזיצער, האָט, פארשטייט זיכ, אָנגעהויבנ זײַנ רעדע מיט דער „גרויסער היסטאָרישער באדײַטונג" פונ דעמ צוזאמענפאָר.

ער האָט גערעדט דעריקער וועגן דער „יידישער אינטעליגענץ" און האָט אַנט־וויקלט אַ נײַע טשיקאַווע רעאַקציאָנערע טעאָריע. יעדעס פֿאָלק — האָט ער געזאָגט — האָט צוויי הײמען: אַ מאַטעריעלע און אַ גײַסטיק־נאַציאָנאַלע. אַ מאַטעריעלע (ניט עקאָנאָמישע) פֿאַרן גוף פֿונעם פֿאָלק, און אַ גײַסטיקע—פֿאַר דער נעשאָמע פֿונעם פֿאָלק. בײַ ייִדן, זאָגט ער, זײַנען די צוויי הײמען צע־טײלט. אָנשטאָט דעם רעליגיעזן אינהאַלט פֿונעם ייִדישן גײַסטיקן לעבן פֿון אַמאָל בויט זיך איצט אַ נײַער אינהאַלט — דער ייִדישיזם, די ייִדישע קולטור איז געוואָרן די נאַציאָנאַלע פּסיכישע באַהעפֿטונג־קראַפֿט, וואָס בינדט פּאַקטיש צונויף אַלע ייִדן פֿון דער וועלט.

די אַלוועלטלעכע ייִדישע פּראַגע — האָט זשיטלאָווסקי דערקלערט — איז אַ נאַציאָנאַלע און זי איז אַזוי פֿאַרוויקלט, אַז עס וועט עפּשער גײַטיק זײַן די אַרײַנמישונג פֿון דער גאַנצער וועלט צו לײזן זי (אײן ייִדישיסטישער גאָט ווייסט, וואָס ער האָט געמײנט דערמיט). בײַ זשיטלאָווסקין איז אויך אויס־געקומען, אַז די גײַסטיקע נאַציאָנאַלע ייִדישע הײם איז אַ „פֿאַרבאַדינג" פֿאַר דער מאַטעריעלער ייִדישער הײם.

מע האָט געהאַלטן ד״ר זשיטלאָווסקין פֿאַר אַן עקלעקטיקער, נאָר דאָ איז ער שוין אײנגאַנצן און ניט מאַסקירט אַריבער אויף אידעאַליסטישע רעלסן און האָט, ווי אַלע מעטאַפיזיקער און אידעאַליסטן, געמאַכט דעם „גײַסט" פֿאַרן פֿונדאַמענט פֿון דער וועלט. און נאָך אַזאַ רעדע האָט שוין ניט אומזיסט דערקלערט לײוויק, וועלכער איז אַלעמאָל זײער אינטים מיט מיסטיק, מיט די מאַהאַראַלס און גוילעמס, אַז דער אָוונט איז בײַ אים אַ „רעליגיעזע איבער־לעבונג".

דער „אומפּאַרטײיִשער" גאַסט פֿון אײראָפּע זאַלמען רײזען האָט אויך גע־וויזן, אַז ער שטײט ניט אויף פֿון זײַנע „כאַווײרים". רײדנדיק וועגן דער ייִדי־שער קולטור־טעטיקײַט איבער דער גאַנצער וועלט, האָט ער דערמאָנט, אַז אין ראַטנפֿאַרבאַנד לערנט זיך 150 טויזנט קינדער אין די ייִדישע שולן, אַז עס איז דאָרטן פֿאַראַן 5000 ייִדישע לערער. ער האָט אָבער דערבײַ פֿאַרגעשטעלט די זאַך אַזוי, ווי די גראַנדיעזע קולטור־אַרבעט אויף ייִדיש וואָלט געטאָן ווערן ניט פֿון דער פּאַרטײ און פֿון דער ראַטן־רעגירונג, נאָר פֿון עפּעס „באַהאַלטענע" ייִדישיסטן, אַז די ייִדישע קאָמוניסטן זײַנען קלוימערשט קעגן דער ייִדישער קולטור־אַרבעט. קעדײ דאָס לעצטע צו באַשטעטיקן, האָט ער דערצײלט וועגן אַ באַגעגעניש אויף דער שיף מיט אַ יונג ייִדישן מײדל פֿון מינסק, וואָס האָט אים געזאָגט: „יאַ ניע גאָוואָריו פּאָ יעוורײסקי, פּאָטאָמו טשטאָ יאַ ניע פּריזנאַיו עטאָהאָ יאַזיקאַ". דער גאַנצער ריזיקער אַרבעט אויף ייִדיש אין ראַטנפֿאַרבאַנד, וואָס האָט ניט צו זיך קײן גלײַכן, האָט ער אָפּגעגעבן אין זײַן באַריכט ווײניקער פּלאַץ, ווי אַלע לענדער און לענדלעך, וווּ די ייִדישע קולטור־טעטיקײַט איז ווי אַ שפּילכל לעגאַבע דער אַרבעט אין דעם ראַטנפֿאַרבאַנד. אָט אַזאַ „אומפּאַר־טײיִשן" באַריכט האָט אָפּגעגעבן דער „אומפּאַרטײיִשער" גאַסט.

זאַלמען רײזען האָט דעמאָלט אויך דערקלערט, אַז „ייִדיש איז אַ קײלע, דעם אינהאַלט וועט שוין אַרײַנגיסן יעדער אײנער, ווי ער באַגרײַפֿט". דאָס

גראָד איז עמעס, מע דאַרף נאָר צוגעבן, אַז פאַר דער קולטור־געזעלשאַפט
יז כאַראַקטעריסטיש בלויז איין אינהאַלט — דער אַנטיפּראָלעטאַרישער.

און דער אַרבעטער־פייַנטלעכער אינהאַלט, וואָס די קולטור־געזעלשאַפט
האָט אַרייַנגעגאָסן אין דער „קיילע", וועט אונדז קלאָר ווערן פון די דעבאַטן
איבער די רעזאָלוציעס אָפּן צוזאַמענפאָר.

ווען מע האָט אַרייַנגעטראָגן די דעקלאַראַציע אָדער די אַזויגערופענע
פּאָליטישע רעזאָלוציע פונעם „קולטור"־צוזאַמענפאָר, זייַנען דערבייַ פאָרגעקר־
מען ניט קיין „קולטור־דעבאַטן", נאָר אַן עמעסע וואַקכאַנאַליע. איבער צוויי שאָ־
צייַט האָבן צענדליקער רעדנער דעבאַטירט: מיינט איר וואָס? דאָס איין־און־
איינציקע אומגליקלעכע וואָרט „ספּעציעל".

די רעזאָליוציע האָט זיך אָנגעהויבן מיט די ווערטער „דער ייִדישיזם,
וואָס איז... אַזוי און אַזוי"... און זיך געענדיקט מיט די ווערטער „אין העס־
קעמ מיט אָט די איבערצייַגונגען רופט דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון דער
שער קולטור־געזעלשאַפט אין אַמעריקע די ייִדישע פאָלקס־מאַסן בכלל
און ספּעציעל די ייִדישע אַרבעטערשאַפט, אָן כילעק פון פּאָליטישער
אָדער פּאַרטיי־ריכטונג, אָנצושליסן זיך אָן דער קולטור־געזעלשאַפט פאַר דער
אַרבעט צו באַפעסטיקן די ביז־איצטיקע און צו געווינען וואָס מער נייַע קול־
טור־פּאָזיציעס פאַר אונדזערע מאַסן דאָ אין לאַנד".

די דעבאַטן וועגן אָט דעם פונקט האָבן דעמאַסקירט די גאַנצע קולטור־
געזעלשאַפט און אויפגעדעקט איר אַרבעטער־פייַנטלעכן פּאַרצעף. איך וועל
פּרווון איבערגעבן אַ טייל מיינונגען, וואָס זייַנען אַרויסגעזאָגט געוואָרן בייַם
עבאַטן.

וואָס איז בא דער קולטור־געזעלשאַפט „ייִדישע קולטור"? — טאַלמעטויִרעס
אַפּ ייִדיש, דאַוונען אָפּ ייִדיש — האָט איינער געזאָגט. „איך שליס אַפּילע
ניט אויס דעם „מאָרגן־זשורנאַל", — האָט געזאָגט ש. ניגער.

וואָס איז די באַציִונג פון דער קולטור־געזעלשאַפט צום אַרבעטער? —
„דערשרעקט זיך ניט, וואָס „די פרייַהייַט" וועט זאָגן. אַרבעטער זייַנען בלויז
אַ טייל פון פאָלק" (ד"ר איקס). „מע דאַרף ניט געבן דער אַרבעטערשאַפט
דעם אויבנאָן. מע דאַרף אויסשטרייַכן דאָס וואָרט „ספּעציעל" (ל. לערער).
„דעם אַרבעטער ציט מען פון אַלע זייַטן, דאַרפן מיר אים אויך ציִען. דאָס
קליינבירגערטום קומט אַליין" (י. לעווין). „קליינבירגער זייַנען די פירער פון־
נעם סאָציאַליזם" (זשיטלאָווסקי).

צוליב וואָס לאָדט איין די קולטור־געזעלשאַפט „ספּעציעל" די אַרבעטער־
שאַפט? — „מע האָט געזאָגט די אַרבעטער, אַז מיר זייַנען קעגן זיי. מוז מען
דעריבער האָבן דעם פּאָסעק" (אַ מענטש מיט רעליגיעזער איבערלעבונג, ווי
לייוויק, קען זיך ניט באַגיין אָן אַ פּאָסעק). „מע קען זיך ניט העלפן, אויב
ניט זיי זייַנען מיר אַ גאָרנישט" (גלאַנץ). „פון אַ געזעלשאַפטלעך־מאָראַלישן
שטאַנדפּונקט בין איך קעגן דעם וואָרט „ספּעציעל", אָבער צוליב פּסיכאָלאָ־
גישע מאָטיוון, ווייַל עס פאַרשאַפט געוויסע מענטשן פאַרגעניגן, וועל איך
שטימען פאַר דער רעזאָליוציע" (ניגער). „עס איז ניט אָן אַ מיין, מיר זייַ־

בּען אַלע פון איין קלאַס. מיר אָריִענטירן זיך ניט ספּעציִעל אויף די אַרבעטער, זיי וועלן נאָך פאָדערן פון אונדז פּראָלעטאַרישע קולטור און ליטעראַטור״ (מוקדוני).

ס׳וועט זײַן, דאַכט זיך, גענוג. די פיזיאָנאָמיע פון דער קולטור־געזעלשאַפט, איר אַרבעטער־פײַנטלעכער מעהוס טרעט דאָ אַרויס גאַנץ בּולעט.

זאמלבוך „יוניאָן סקווער"

„שפּרייט זיך האַרט און טראָציק
דער רויטער „יוניאָן סקווער",
ווי אַ סאָוועטן־לאַנד,
וואָס ברויזט אקשאַנעסדיק
און ליכטיקט זיך אַרויס
פון שויס פון בורזשואַזן גסיסע־בראַנד".

(י. גרינשפּאַן—„יוניאָן סקווער")

די קאָלעקטיווע אָנשטרענגונג פונעם „פּראָלעטפּען" האָט אין דעקאַבער 1930 געבוירן דאָס זאמלבוך „יוניאָן סקווער". דאָס איז געווען דער גרעסטער ליטעראַרישער אויפטו פון „פּראָלעטפּען" ביז פעברואַל 1933, ביז ס'האָט אָנגעהויבן דערשיינען „דער סיגנאַל", דער אָרגאַן פון „פּראָלעטפּען".

„יוניאָן סקווער" איז טאַקע אַ גאַנץ דיק בוך פון 340 גרויסע בוך־זייטן. ער איז רעדאַקטירט געוואָרן פון אַ רעדקאָלעגיע, וואָס איז באַשטאַנען פון די כאַווערים: וויליאַם אייבראַמס, י. גרינשפּאַן, ב. מאָזער, א. פּרינץ און אַרן קורץ.

אינעם לייטאַרטיקל „די יידישע בורזשואַזיע און די יידישע אַרבעטער" ווערט געזאָגט, אַז „יוניאָן סקווער" דערשיינט אין אַ פּעריאָד, ווען דער יידישער פּראָלעטאַריאַט זייט בא זייט מיטן גאַנצן אַמעריקאַנישן אַרבעטער־קלאַס האָט דורכגעפירט אַ ריי רעוואָלוציאָנערע קאַמפן און זיך אַוועקגעשטעלט ווי אַ רעוואָלוציאָנערער פאַקטאָר אינעם אַמעריקאַנישן קלאַסנקאַמף. די יערידע פון דער בורזשואַזיע אין דער גאַנצער וועלט און אויך פון דער אַמעריקאַנישער בורזשואַזיע איז שוין אָנגעצייכנט אפן פאָן פון דער גרויסער היסטאָרישער טקופע פון אימפּעריאַליסטישע מילכאָמעס, קאָלאָניאַלע רעוואָלטן און סאָציאַלער רעוואָלוציע.

די קאָנטררעוואָלוציאָנערע יערידע־שטימונגען פון דער „איסט בראָדוויי־ער" טקופע זיינען פאַרביטן פון רעוואָלוציאָנערן אויפברויז, וואָס קומט פון 13 יאָר סאָוועטן־מאַכט און פון די רעוואָלוציאָנערע קאַמפן אין אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער; „יוניאָן סקווער" איז דערפאַר דער אויסדרוק פון אַן אויפגייענדיקן קלאַס, בעשאַס „איסט בראָדוויי"—מיט וועלכן נאָמען זי זאָל זיך היינט ניט רופן, וואָס פאַר אַן אָרגאַניזאַציאָנעלע אָדער קולטורעלע פאַרמעס זי זאָל ניט אָננעמען — איז היינט די ליטעראַטור פון אַ קלאַס, וועלכער

איז פארמישפעט צום אונטערגאנג. „יוניאָן סקווער" ציט די יעניקע פון אלע קלאסן־שלאכטן קעגן קאפיטאליזם אין אלע ווינקעלעך פון דער וועלט; „איסט בראָדוויי" ציט איר יעניקע פון דער מוירע פארן אומקום פון דער בור־זשואזיע.

א צווייטער לייטארטיקל „די ליניע פון „פראָלעטפען" און „יוניאָן סקווער" דערציילט, וויאַזוי דער „פראָלעטפען" איז געבוירן געוואָרן „אין א שטורעם־דיקן קלאסן־מאָמענט אף דער אמעריקאניש־יידישער ארבעטער־גאס", ביים דער פאלעסטינע־וואקכאנאליע, און גיט איבער אויך דעם אינהאלט פון דער פרינציפּן־דערקלערונג פונעם „פראָלעטפען" אין דער פאָלגנדיקער פאָרמולי־רונג:

„דער „פראָלעטפען" דערקלערט: די קונסט־צוליב־קונסט־טעאָריע איז א בורזשואזע אויסטראכטעניש צוליב אופהאלטן די איינהייט פון דער נאציע, פונקט ווי די רעליגיע, וועלכע שטייט קלוימערשט העכער פון קלאסן. די קונסט־צוליב־קונסט־טעאָריע איז א מיטל צו זייען דעם נאציאָנאליסטישן סאם אין די מאסן, צו וועקן בא זיי פאטריאָטיזם פארן פאָטערלאנד, צו פעסטיקן זייער גלויבן, אז קולטור איז א ווינקל, אף וועלכן עס קאָנען זיך אייניקן אלע קלאסן. אָט אזא איז די אופגאבע פון די קלוימערשט אומפארטייאישע קולטור־טרעגער.

דער „פראָלעטפען" זאָגט, אז נאציאָנאלע קולטור אין א קאפיטאליסטיש לאנד איז א געווער אין די הענט פון דעם הערשנדיקן קלאס צום אונטער־דריקן די ארבעטער־מאסן, פונקט ווי דעמאָקראטיע איז א מיטל אין די הענט פון דער בורזשואזיע צו באווירקן דעם ארבעטער־קלאס אזוי, אז עס זאָל אים זיין שווער צו דערזען דעם טאָכ פון דער בורזשואזער דיקטאטור.

די בורזשואזיע, א קליינע מינדערהייט פון דער געזעלשאפט, מוז אָנווענדן די אלע „קולטור"־מיטלען (קלויסטערס, נאציאָנאליזם, נאציאָנאלע קולטור), קעדיי איינצוהאלטן די מאכט איבער דער גרויסער מערהייט פון דער באפעלקערונג, איבערן פראָלעטאריאט.

אף דער בורזשואזער איינשטעלונג: נאציע איז העכער פון קלאס, ווייל נאציע שליסט איין קלאסן אויך, ענטפערן מיר מיט די ווערטער פון אונדזער פירער לענין: „עס זיינען פאראן צוויי נאציעס אין יעדער מאָדערנער נאציע. עס זיינען פאראן צוויי נאציאָנאלע קולטורן אין יעדער נאציאָנאלער קולטור".

דער „פראָלעטפען" דערקלערט: יעדער איינער, וואָס רעדט אין א קאפי־טאליסטיש לאנד וועגן נאציאָנאלער קולטור, פארטיידיקט די איינהייט פון דער נאציע, לייקנט מיט דעם אליין דעם קלאסנקאמף און איז א סויניע פונעם ארבעטער־קלאס. דער „פראָלעטפען" נעמט אָן מיטן גאנצן הארצן סטאלינס איינשטעלונג איבער דער פראגע פון נאציאָנאלער קולטור. כאָטש סטאלין האָט אף דעם 15־טן צוזאמענפאָר פון דער אלפארבאנדישער פארטיי קלאָר גע־מאכט דעם אינהאלט פון נאציאָנאלער קולטור. ער האָט געזאָגט:

„וואָס איז נאציאָנאלע קולטור אונטער דער הערשאפט פון דער נאציאָנא־לער בורזשואזיע? א קולטור, וואָס איז בורזשואז לויטן אינהאלט און נא־

ציִאָנאַל לויט דער פאָרם, וואָס איר ציל איז צו סאַמען די מאַסן מיטן נאַציִאָנאַליסטישן גיפט און צו פאַרשטאַרקן די הערשאַפט פון דער בורזשואַזיִע. וואָס איז אַזוינס נאַציִאָנאַלע קולטור אונטער דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט? אַ קולטור, וואָס איז **סאָציִאַליסטיש** לויטן אינהאַלט און נאַציִאָנאַל לויט איר פאָרם, וואָס איר ציל איז צו דערציִען די מאַסן אין גייַסט פון אינטערנאַציִאָנאַליזם און צו פאַרשטאַרקן די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט".

אַ דריטער לייטאַרטיקל „די קולטוריִסטן און דער „פּראָלעטפּען" דערקלערט, אַז דאָס „זאַמלבוך איז נישט בלויז אַן אויסדרוק פון אָרגאַניזאַציִאָנעלן ווילן צו גיין אַפ פּראָלעטאַרישע וועגן אין דער ליטעראַטור. עס איז דער סיגנאַל, וואָס שטעלט אויף די פּראָלעטאַרישע קויכעס אין פאָדערגרונט פון ליטעראַרישן שאַפן. די ליטעראַטן, וואָס גרופּירן זיך אין און אַרום „יוניאָן סקווער", זייַנען דער איינציקער מאַמאָשעסדיקער ליטעראַרישער קויעך, וואָס טראָגט אין זיך די ליטעראַרישע גאָב פאַרן אַרבעטער־קלאַס".

נאָך אַ לייטאַרטיקל „אין דער ריי מיט אַלע רעוואָליוציִאָנערע אָרגאַניזאַציעס" דריקט אויס די באַציִונג פונעם „פּראָלעטפּען" צו דער אַמעריקאַנישער קאָם־פּאַרטיי. דאָרט ווערט געזאָגט:

„דער „פּראָלעטפּען" איז ניט קיין פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע. דער „פּראָלעטפּען" שטעלט זיך אָבער אינגאַנצן אין דינסט צו דער פּאַרטיי פון אַרבעטער־קלאַס. דער אַוואַנגאַרד פונעם אַרבעטער־קלאַס האָט ניט און קאָן ניט האָבן קיין אַנדערע אינטערעסן אויסער די אינטערעסן פון אַרבעטער־קלאַס. אַפ די פּלייצעס פון דער פּאַרטיי איז אויסגעפאַלן צו טראָגן די געשיכטלעכע ראָליע פון באַפרייַען דעם אַרבעטער־קלאַס. די אָרגאַניזאַציע „פּראָלעטפּען" איז מע־כוייעוו מיט וואָרט און שריפט צו באַדינען די פּאַרטיי, העלפן איר אין אַלע אירע קאַמפן קעגן הערשנדיקן קלאַס".

די לייטאַרטיקלען פון דעם זאַמלבוך פאַרענדיקן זיך מיט דער פאָלגנדי־קער באַגריסונג צו די פּראָלעטאַרישע שרייַבער אין ראַטנפאַרבאַנד און אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער:

דער „פּראָלעפּען" שיקט זייַן רעוואָליוציִאָנערן גרוס די פּראָלעטאַרישע שרייַבער־אָרגאַניזאַציעס אין סאָוועטנפאַרבאַנד און צו די פּראָלעטאַרישע שרייַבער־גרופּעס אין אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער.

דער „פּראָלעטפּען" פאָלגט נאָך מיט ברענענדיקן אייפער יעדע ליטעראַרישע דערגרייכונג אין סאָוועטנפאַרבאַנד, וווּ עס ווערט געשאַפן אַ פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור.

די אַלע לייטאַרטיקלען, וואָס דאַרפן זייַן פּראָגראַם־אַרטיקלען, לייַדן דערפון, וואָס אין זיי ווערט ניט פאַנאַנדערגעוויקלט קיין קריטיק און זעלבסט־קריטיק פון די אידעאָלאָגישע אָפּנייגן פון די פּראָלעטפּענישע שאַפונגען, עס ווערט ניט געגעבן קיין כאַראַקטעריסטיק פון דער שעפערישער פּראָדוקציע פון די מיטגלידער פונעם פּראָלעטפּען און עס ווערן ניט באַלויכטן די „די־פערענצירונג־פּראָצעסן אין די רייען פון די פּראָלעטאַרישע שרייַבער", די

„דיפערענצירונג־פּראָצעסן", וועלכע ווערן דערמאָנט בלויז ווי א פאַקט. די אר־טיקלען לײַדן אויך דערפון, וואָס אין זיי ווערן ניט אָנגעצייכנט די ספּעציפישע שעפּעריש־ליטעראַרישע אויפגאַבעס און פּערספּעקטיוון פון די פּראָלעטפּעניקעס. די אַרטיקלען זײַנען צו אַלגעמיין־דעקלעראַטיוו, זיי האָבן די פאָרמעס פון פּאָליטישע פּראָגראַמעס. עמעס, דער „פּראָלעטפּען" פאַרייניקט ניט בלויז בעלעטרי־סטן, נאָר אויך פּובליציסטן. דאָס זאַמלבוך טראָגט אָבער דאָך קימאַט אויסשליס־לעך א ליטעראַרישן כאַראַקטער, און די אַלע אויבנאָנגעוויזענע מאָמענטן האָבן געדאַרפט פאַרסאַכאַקלט ווערן אין די לייטאַרטיקלען. באַזונדערס נאָך האָט דאָס געדאַרפט געטאָן ווערן דערפאַר, ווײַל אין די איבעריקע אַרטיקלען וועגן ליטעראַטור, וואָס זײַנען געדרוקט אינעם זאַמלבוך, אײַנגעשלאָסן אויך דעם אַרטיקל פון דעם שרײַבער פון די שורעס, איז דאָס אויך ניט געגעבן געוואָרן.

דער אַרטיקל פון מיילעך עפּשטיין „אין קאַמף געבוירן" האָט דעם כאַ־ראַקטער בלויז פון א באַגריסונג. די אַלע זאַכן, וואָס פעלן אין די לייטאַר־טיקלען, ווערן אויך פון אים ניט באַלויכטן. ער פּרוווט פונדעסטוועגן אונדז געבן אַן ענטפער טאַקע אויף דער פראַגע, פאַרוואָס עס ווערן איגנאָרירט די שעפערישע ליטעראַטור־פּראָבלעמעס אין די לייטאַרטיקלען. ער זאָגט: „גוט איז, ווען אַן אָרגאַניזאַציע ווערט געבוירן אין שטורעם פון קאַמף. דאָס איז די מײַלע פון „פּראָלעטפּען". ער האָט זיך גלײַך דערפילט ווי א גליד פון א קריגס־אַרמיי, און ניט סטאַם א קלוב, וואָס דאַרף ערשט אויס־דעבאַטירן זײַן אינהאַלט. גלײַכצײַטיק איז דאָס א כיסאָרן. ניט געווען קיין צײַט אויסצוקריסטאַליזירן די אידעאָלאָגיע פון די מערסטע יונגע פּראָלעטאַרישע שרײַבער".

דער דאָזיקער טעזיס איז, פאַרשטייט זיך, ניט קיין ריכטיקער. מיר ווייסן, אַז דאַפקע אין קאַמף קריסטאַליזירט זיך אויס די קלאַסן־אידעאָלאָגיע. דער־פאַר איז אָבער ריכטיק, וואָס ער שרײַבט באַלד נאָכדעם:

„זאָל עס גלײַך געזאָגט ווערן: דער יידישער טייל פון דער קאָמוניסטי־שער באַוועגונג טראָגט אויף זיך אַסאַך שולד. אויב ביז איצט הערשט נאָך טיילווײַז אומקלאָרקײַט אין די רייען פון „פּראָלעטפּען", איז דאָס גרעסטנ־טייל אונדזער שולד. מיר האָבן ניט באַשאַפן די באַדינגונגען, וואָס זײַנען מעסוגל אויסצוהאָדעווען און אויסהאַמערן א פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור. מיר האָבן זיך צופיל און אומבאַרעכטיקט געצאַצקעט מיט די אַריבערגעקומענע און געוועזענע. דערבײַ פאַרנאַכלעסיקט די יונגע שפּראָצונגען אין אונדזער אייי־גענעם לאַגער".

דער צווייטער אַרטיקל, א גאַנץ היפּשער, פון י. פּאָמעראַנץ, אונטערן קעפּל „דער סאָוועטישער אײַנפלוס אויף דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע", גיט ניט גענוג גרינטלעכן מאַטעריאַל אויף צו באַרעכטיקן דעם טיטל פונעם אַרטיקל. ער גיט הויפּטזאַכלעך א קורצן איבערבליק איבער דער פאָרגעשיכטע פונעם „פּראָלעטפּען" און שטעלט זיך אָפּ בא איר גרינדונג. אינעם אַרטיקל ווערט געזאָגט:

„די שלאָג־טעמאטיק פון די סאָוועטישע פּראָלעטארישע שרײַבער צו העלפן דעם ארבעטער־קלאס אפּ אלע עטאפּן פון זײַנע קלאסנקאמפן איז אויך ארײַנגעטראָגן געוואָרן אין דער אמעריקאנישער ליטעראטור"...

..."אין הינזיכט פון פאָרם האָבן די סאָוועטישע פּראָלעטארישע שרײַבער מיט זייערע פּראָסטע, געזונטע, פרישצאפּלדיקע, מונטערע און יאָנטעוודיקע קלאנגען, מאָטיוון און פאָרמעס זיכער געהאט א גרויסע האשפּאָע אפּ אונדזערע יונגע פּראָלעטארישע שרײַבער. זיי באפרײַען זיך אלץ מער פון די אינזיכיסטישע, רייזעניסטישע און ליוויקיסטישע פינטיפליושקעס. די פּראָבלעמעס פון פאָרם און סטיל זײַנען נאָך ניט געוואָרן אקטועל אין „פּראָלעטפּען". אָבער געזונטע זוכענישן און טענדענצן מערקן זיך שוין בא אלע פּראָלעטארישע שרײַבער. עס אנטוויקלען זיך אויך נײַע יונגע פּראָלעטארישע ליטעראטור־קריטיקער".

אין דעם אינטערעסאנטן ארטיקל „קאָמוניסטישע ליטעראטור־קריטיק" פון ל. טאלמי פּאָלעמיזירט ער מיט אן אמעריקאנישן קריטיקער הענרי האזליט, וועלכער האלט, ווי אלע בורזשואזע קריטיק־מאנדארינען, אז קריטיק, פּונקט ווי ליטעראטור, איז און דארף זײַן „אפּאָליטיש" און בעמיילע „אגעזעלשאפטלעכ".

„א ליטעראריש ווערק — שרײַבט טאלמי — פירט אויס א געזעלשאפטלעכע פונקציע. די פראגע וועגן דעם גראד טאלאנט אָדער קונסט, וואָס דאָס ווערק פארמאָגט, קאָן דעם מארקסיסטישן קריטיקער אינטערעסירן נאָר אין דעם זינען, וואָס דאָס באשטימט די עפעקטיווקײַט, דיווירקזאמקײַט פון אָט דער פונקציע".

און ער פארטײַטשט דאָס אזוי:

„פון אָט דעם שטאנדפונקט איז א ווערק—אויב עס איז שעדלעכ—אפּ קיין ברעקל ניט ווייניקער שעדלעכ דערפון, וואָס עס איז געשריבן מיט א הויכן גראד קונסט. פארקערט—עס איז נאָך מער שעדלעכ. עס איז נישט די אופגאבע פון קאָמוניסטישער קריטיק צו פארמינדערן און אונטערשאצן דעם קינסטלערישן ווערט פון אזא ווערק. עס איז יאָ איר אופגאבע אָנצוווײַזן, אז אָט דער „ווערט" איז אסאך ווערט פאר דער בורזשואזיע, אָבער שעדלעכ פאר די אינטערעסן פון פּראָלעטאריאט.

און פּונקט אזוי ווערט די נוצלעכקײַט פון א פּראָלעטאריש־רעוואָליוציאָנער ווערק נישט גרעסער, ווען עס איז געשריבן מיט ווייניקער טאלאנט. דער ווערט פון אזא ווערק פארן פּראָלעטאריאט ווענדט זיך אויך אין דעם גראד קונסט, וואָס דער שרײַבער פארמאָגט".

„דער שרײַבער איז א געזעלשאפטלעכע באשעפעניש, און זײַן ווערק איז א סאָציאלע פונקציע. און ווי אזעלכע ווערן זיי באטראכט פון דער קאָמוניסטישער קריטיק.

וואָס איז דער געזעלשאפטלעכער מעהוס פון אָט דער באשעפעניש און וואָס איז דער סאָציאלער כאראקטער פון אָט דער פונקציע?—דאָס איז די פראגע. און דאן: מיט וועלכער מאָס טאלאנט אָדער קונסט איז די טרײַבקראפט, וואָס באוועגט אים?"

דאָ האָבן מיר אָן שום סאָפעק אין א געוויסער מאָס אן אָפּהילך פון פלעכאנאָווס בארימטע צוויי אקטן פון מארקסיסטישער קריטיק.

דער ארטיקל פון ב. מאָזער „די יידישע פראָלעטארישע קינדער־שולן אין אמעריקע" ריעדט וועגן אָפּשאפן די „גרעסטע" שטערונג פאר דער קלאסנדערציִונג פון די יידישע ארבעטער־קינדער: „וואָס די יידישע רעוואָליוציאָנערע ארבעטער האָבן נאָך ניט באנומען, ווי וויכטיק עס איז פאר זייערע קינדערס דערציִונג די פראָלעטארישע קינדער־שול". דעריקער אָבער אטאקירט ער יענע, וואָס האלטן, אז מע דארף ניט קיין פראָלעטארישע קינדער־שול אין דער יידישער שפראך, די אופשטעלער פון דער טעאָריע פון א ביזרעוואָלירציאָנערן פעריאָד און פון א נאָכ־רעוואָליוציאָנערן,—פון דער טעאָריע, אז אין ראטנפארבאנד דארף מען יאָ יידישע קינדער־שולן, אין אמעריקע אָבער ניט.

עס געפינט זיך נאָך א טעאטער־פעליעטאָן „רעווע כינע!" פון א. מ. מאנדעלבוים וועגן דער שטעלונג פון טרעטיאקאָווס „ריטשי קיטײַ!" אף דער אמעריקאנישער בורזשואזער בינע.

אינעם זאמלבוך זײַנען אריין נײַן דערציילונגען, אן איינאקטער, א הומאָרעסקע, צוויי גרויסע פאָעמעס און עטלעכע צענדליק לידער פון זעכצן דיכטער. א גאנץ גרויסער מאטעריאל. וועגן זאמלבוך איז דערשינען אסאך קריטישע ארטיקלען אין דער „פרײַהײַט" און „האמער". אַלגינס אָפּשאצונג פון דער בעלעטריסטיק אין „יוניאָן סקווער" איז אויך איבערגעדרוקט אין זאמלבוך „אין שאָטן פון טליעס", וואָס איז דערשינען אין כארקאָוו.

עס דארף אויך דערמאנט ווערן די „פראָלעטפען"־אויסגאבע פונעם 13־טן דעקאבער 1930 „דער רויטער האָן". דאָס איז א ספּעציעלער הומאָריסטיש־סאטירישער זשורנאל, וואָס איז ארויסגעגעבן געוואָרן צום 1־טן אזויגערופענעם „פראָלעטפען"־באַל אין ניו־יאָרק. די „פראָלעטפען"־בעלער זײַנען, אגעוו, געוואָרן א שטענדיקע יערלעכע יובילעי־פארווײַלונג פונעם פראָלעטארישן שרײַבער־פארבאנד.

די יידישע פראָלעטארישע קינדער־שולן אין אמעריקע געפינען זיך אין רעשוס פונעם גרויסן אינטערנאציאָנאלן ארבעטער־אָרדן, וואָס האָט זיך געגרינדעט אין 1930 יאָר. דער אָרדן גיט ארויס דעם כוידעש־זשורנאל „פונק". דער בעלעטריסטישער אָפּטייל פונעם זשורנאל ווערט צונויפגעשטעלט פון די מאטעריאלן, וואָס עס גיבן די מיטגלידער פונעם „פראָלעטפען". דער אָרדן פירט א ריזיקע קולטור־ארבעט. ער האָט אויך זײַנע אייגענעם פארלאג, וואָס גיט ארויס, אכוץ דעם „פונק", אויך שול־ביכער, כרעסטאָמאטיעס און פּאָליטישגעזעלשאפטלעכע ביכער.

זאָל דאָ שוין אויך דערמאנט ווערן נאָך א כוידעש־זשורנאל אף יידיש, וואָס דערשײַנט אין ניו־יאָרק אכוץ דעם „האמער" און „פונק"—דאָס איז דער „איקאָר", דער אָרגאן פון דער אָרגאניזאציע, וואָס טראָגט דעם זעלביקן נאָמען. דאָס איז די אמעריקאנישע געזעלשאפט צו העלפן דער יידישער קאָלאָניזאציע אין בירעבידזשאן. דער „איקאָר" גיט אויך ארויס אן „איקאָר־יאָרבוך", וואָס

האָט געוויינלעך א גרויסע בעלעטריסטישע אָפּטיילונג מיט די ווערק פון די פּראָלעטפּעניקעס.

עס דערשיינען אויך אין ניו־יאָרק: „ארבעטער־קלוב", דער אָרגאַן פון די יידישע רעוואָלוציאָנערע ארבעטער־קלובן, און „נאָדל־אַרבעטער", אָרגאַן פון דעם רעוואָלוציאָנערן אינדוסטריעלן נאָדל־פאַריין.

וועגן דעם צושטאַנד פונעם „פּראָלעטפּען" צום כוידעש מיי 1931 געפינען מיר א באריכט אין דעם זשורנאַל „דער האמער" פאַר יענעם כוידעש, געשריבן פונעם כ׳ מ. אָלגין. כ׳ אָלגין האָט דעמלט געהאַלטן באַם אוועקפאָרן אין ראַטנפאַרבאַנד, און ער האָט „אָנגעצייכנט די ליניע", ווי ער שרייבט, לויט וועלכער ער וועט אין ראַטנפאַרבאַנד אָפּגעבן א באריכט וועגן דעם דעמאָלטיקן צושטאַנד פון דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור אין אמעריקע.

אין אַלגעמיין האָט כ׳ אָלגין ריכטיק באַלויכטן די דעמאָלטיקע לאַגע פונעם „פּראָלעטפּען". נאָר וועגן ער האָט גערעדט וועגן אָביעקטיווע און סוביעקטיווע סיבעס פון די פעלערן און שוואַכקייטן פונעם „פּראָלעטפּען", האָט ער פאַרפעלט צו ריידן וועגן נאָך אייניקע וויכטיקע סוביעקטיווע מאָמענטן, וואָס האָבן טאָרמאָזירט די אַנטוויקלונג פונעם „פּראָלעטפּען". ס׳איז ריכטיק, אַז די גרעסטע געפאַר איז געווען די רעכטע געפאַר, אַז זי איז געקומען פון די רעכטע עלעמענטן. ס׳איז אָבער ניט ריכטיק, אַז עס זיינען גאָר אינגאַנצן ניט געווען קיין „לינקסיסטישע" איבערבויגנס. אַזעלכע זיינען יאָ געווען, און זיי האָבן בלויז געדינט צו פאַרשטאַרקן די רעכטע עלעמענטן. כ׳ אָלגין איגנאָרירט דאָרט אינגאַנצן די פראַגע וועגן דעם מאַנגל אין מאַרקסיסטישער ליטעראַטור־קריטיק און אויך די ניט גענוגנדיקע פּאַרטיייִשע אָנפירונג מיט דער ליטעראַטור. כ׳ אָלגין אליין, ווי דער גרעסטער אויטאָריטעט אין אמעריקע איבער מאַרקסיסטישע ליטעראַטור־פראַגעס, טראָגט אויך אַסאַך שולד פאַר דעם. ס׳איז א פאַקט, אַז די פּובליציסטן, וואָס האָבן אויסגעמאַכט א גרויסן טייל פון די מיטגלידער פונעם „פּראָלעטפּען", האָבן איגנאָרירט די אָרגאַניזאַציע און זיך אפילו דאָרטן זעלטן באַוויזן צו א פאַרזאַמלונג. און די פּובליציסטן זיינען צום גרעסטן טייל געווען די, וואָס האָבן געדאַרפט און געקענט אַסאַך ביישטײַערן צו דער פּאַרטיייִשער אָנפירונג מיט דער ליטעראַטור. די אָרגאַניזאַציע איז געווען קימאַט אינגאַנצן אָנגעוויזן אַפ די יונגע פּראָלעטאַרישע בעלעטריסטן. עמעס, די כאַווײרים אָלגין און אַנדערע וועלן קענען אָנווייזן אַסאַך אָביעקטיווע סיבעס פאַר זייער אומאַקטיוויקייט אינעם „פּראָלעטפּען" גופע. אַפ די פאַרזאַמלונגען פון די פּאַרטיי־פראַקציעס, אין פאַרבינדונג מיט אויסשליסלעכע לאַגעס אין „פּראָלעטפּען", פלעגן זיי, פאַרשטייט זיך, יאָ זיין. מע האָט אָבער געדאַרפט וואַרטן אַלעמאָל, ביז דער „פּראָלעטפּען" פלעגט שטיין פאַר א שאַרפן קריזיס, אַז מע זאָל צוזאַמענרופן פראַקציעס און מע זאָל זיך פאַרנעמען מיטן „פּראָלעטפּען". ווען זיי וואָלטן אָבער די גאַנצע צייט געהאַט אַן אויג און אַקטיוו אָנגעפירט מיט דער ארבעט פונעם „פּראָלעטפּען", וואָלט עפשער ניט געקומען צו קיין

קריזיסן, וואָלטן ניט געקומען צו די אַלע פּעלערן, וואָלט געווען אסאך א בעסערע לאגע. אָביעקטיוו זײַנען זיי געווען אלע פארנומען, איך מיין דעריקער אזעלכע, ווי כ׳ אָלגין, מיט בעעמעס וויכטיקער פּארטיי־ארבעט. ס׳איז אָבער א פאקט, אז די פּארטייאישע אָנפירונג מיט דער ליטעראטור איז געווען ניט קיין גענוגנדיקע, און דאָס איז אסאך שולדיק אין די פעלערן. דאָס דארף מען אויך האָבן אינזינען באַם אנאליזירן דעם דעמאָלטיקן צושטאנד. ס׳זײַנען געווען נאָך אנדערע סיבעס, ווי דאָס „פּראָדוצירן פארן אייגענעם שופלאָד״, ווי דאָס, וואָס די ווערק פון די פּראָלעטארישע שרײַבער פלעגן ליגן זייער לאנג ניט געדרוקט אין דער „פרײַהײַט״, ווײַל אָלגין צי עמעצער אנדערש האָט ניט געהאט קיין צײַט דאָס איבערצולייענען א. אז. וו.

דער רעכטער אָפּאָרטוניזם איז אָבער געווען א רעאַלע געפאר אין „פּראָלעטפּען״. אמשטארקסטן איז ער געווען פארטראָטן דורך לייב סאָבּרין, קאַץ, גרינשפּאן, קאָן און קראַוועץ. ס׳איז אין יענער צײַט געקומען דערצו, אז סאָבּרין, קאַץ, גרינשפּאן און קראַוועץ זאָלן אינגאנצן ארויספאלן אָדער אויסגעשלאָסן ווערן פונעם „פּראָלעטפּען״. ס׳איז אויך אינטערעסאנט, אז זייער ליניע אין דער ליטעראטור איז אויך געגאנגען האנט אין האנט מיט א רעכטן קורס אינעם פּאָליטישן און עקאָנאָמישן קאמף. די זעלביקע קראַוועץ און סאָבּרין זײַנען דעמאָלט אפ א צײַט געווען אריבערגעגאנגען אינעם לאגער פון לאָוועסטאָניזם בענעגייע דעם יוניאָן־קאמף, וואָס איז דעמאָלט אָנגעגאנגען. אָט די אַלע כאווײרים זײַנען איצט צוריק אין „פּראָלעטפּען״. זיי האָבן זיך ארומגעזען, צו וואָס זייערע בלאָנדזשענישן קענען דערפירן.

אינעם „האמער״ פאר מארט—אַפּריל 1931 געפינען מיר אין דעם ליד „צום פּראָליט־פּראָנט״ פאָלגנדיקע שורעס, וואָס האָבן א שײַכעס צו דער דיסקוסיע מיט די כאווײרים פון רעכטס (אגעוו, איז דאָס א כאראקטעריסטיק פון סאָבּרינען):

„סאָבּרין, מײַן טײַערער כאווער,
פארוואָס ביינאשמאָשעס?
שעפּס־קאָפּ געקרויזטער, טשיקאַווער,
ווו זײַנען דײַנע אָפּהאָלסטערער[1])־לידער
מיט „העמערלעך קליינע ווי קינדערשע צאצקעס״,
די ארבעט, דאָס לעבן?
לייבל,
צום טײַוול! —
דײַנע כאווײרים צעשטויסן קאָשטשאָלן,
צעגיסן די גלעקער אפּ מעש צו מאשינען,
צעשיסן דעם צאַר
און פארברענען דעם אומעט,
נאָר דו גייסט אומעט
„מיט קעצישע טריט״.
ווו איז א ליד, אז מיר זאָלן גלייבן?
עס זאָל ניט געפעלן שוין מער מוישע לייבן...״

---

1) מעבל־ארבעטער.

מוישע־לייב האלפערן האָט אין לייוויקס „וואָכ" אמאָל געשריבן אן ארטיקל וועגן די יונגע פראָלעטארישע שרײַבער, אין וועלכן ער האָט געלויבט סאָברינען אלס א זייער טאלאנטפולן. האלפערן האָט ציטירט סאָברינס א לייוויקיסטיש־סימבאָליסטיש ליד וועגן „בלודנע הינט" און האָט געראָטן דעם יונגן דיכטער, ער זאָל שרײַבן נאָר אזעלכע לידער און ניט קיין קעמפעריש־פּאָליטישע לידער, וואָס געפעלן דער „פרײַהײַט" און ווערן אפּ אים „ארופגעצוווּנגען". און וועגן דעם רעדט זיך עס אין דער ווענדונג פון פלאטנערן צו סאָברינען אינעם ציטירטן ליד.

און נישט נאָר צאר, אומעט און קעציש־הינטיש־סימבאָליסטישע אָפּנייגן געפינען מיר דעמלט אין „פראָלעטפּען" אלס אויסדרוק פון דער רעכטער געפאר. מיר געפינען אויך אסאך אנדערע. צום בײַשפּיל, זוכנדיק דאָס עקזאָטישע, מאָלן די יונגע פראָלעט־שרײַבער דעם „טרעמפּ" (בראָדיאגע). דאָ, דוכט זיך זיי, געפינט מען סאָציאלן פּראָטעסט. דער טרעמפּ איז אָבער ניט קיין רעוואָליוציאָנער, העכסטנס איז ער א לומפּן־פּראָלעטאריער, ער איז א קלײנבירגערלעכער ראדיקאל, אן אנארכיסטישער בונטאר. צו וואָס זוכן פארשווינען, וואָס זײַנען ניט באקאנט דעם שרײַבער גופא, ווען ארום קאָכט און ברויזט דאָס ארבעטער־לעבן, דער קלאסנקאמף?

זוכנדיק קראפט און אָפנהארציקײַט, זייער נייטיקע און גוטע זאכן, פארגעמען זיך אנדערע מיט שילדערן די סעקסועלע פארלאנגען אין אָפענע ווערטער. דאָס דארף בא זיי הייסן א מין אופשטאנד קעגן דער בורזשואזער מאָראל. אמאָל האָט מוישע־לייב האלפערן געפּרוּווט ארײַנפירן אין דער „פרײַהײַט" דעם ענלעכן קולט פון „גראָבע רייד", און „די פרײַהײַט" אליין האָט דאָס שיר ניט געהאט אָנגענומען אלס אן אויסדרוק פון רעוואָליוציאָנערישקײַט. דאָס סעקסועלע לעבן פארנעמט טאקע א וויכטיק אָרט אין דער מענטשלעכער געזעלשאפט, אָבער אָפּטיילן און אויסטיילן עס פון אלע איבעריקע סאָציאלע מאָמענטן אין דעם לעבן פון די קלאסן איז שעדלעך און דארף זײַן פרעמד דער פראָלעטארישער ליטעראטור.

אייניקע שרײַבער, וואָס ארבעטן אליין נאָך איצט אין פאבריק, שילדערן אין זייערע ווערק אינדיווידועלע איבערלעבונגען אָן א פארבינדונג מיטן סאָציאלן גאנצן, אָן איבערגעבן די קלאסן־וואָרצלען פון דער אינדיווידועלער פסיכיק. זיי פארגעסן אָפּט, אז ניט יעדע איבערלעבונג פון דעם ארבעטער איז פראָלעטאריש. אנדערע מאָלן בלויז דאָס אויבערפלעכלעכע, דעם שאבלאָן פונעם ארבעטער־לעבן, זיי שרײַבן נישט טיף, ניט לעבעדיק, ניט אָרגאניזירט, ניט קאָנצענטרירט, ניט רעאליסטיש א. אז. וו. מיט איין וואָרט — ניט פראָלעטאריש.

די ארבעטער־קולטור־פעדעראציע

אין יוני 1931 האָט זיך געגרינדעט די „ארבעטער־קולטור־פעדעראציע" פון ניו־יאָרק, צו וועלכער עס האָט זיך אָנגעשלאָסן דער „פראָלעטפּען", ווי אלע אנדערע פראָלעטארישע קולטורעלע און ליטערארישע אָרגאניזאציעס פון די

פארשיידענע נאציאָנאַליטעטן פון אמעריקע. די גרינדונג פון דער דזשאָן ריד־קלוב איז אַר־גאַניזאַציע האָט פאַרברייטערט די מעגלעכקייט פאַר דער אַנטוויקלונג פון פּראָ־לעטאַרישער קולטור אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

דער עקאָנאָמישער קריזיס, וואָס האָט אויפגעטרייסלט די יסודות פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, האָט ראַדיקאַליזירט ניט בלויז די אַרבעטער, נאָר אויך א גרויסן טייל פון דער אינטעליגענץ, פון די קינסטלער און מענטשן פון די אַזויגערופענע „פרייע" פּראָפעסיעס. דער קריזיס האָט אין זיי צעשטערט די אילוזיעס וועגן „פּראָספּעריטי", וועגן דעם „הויכן אַמעריקאַנישן לעבנס־סטאַנדאַרט" א. אז. וו., וואָס דער הערשנדיקער קלאַס האָט אזוי אינטענסיוו געשפּרייט. אַסאַך פון דער אינטעליגענץ האָט דער קריזיס אויפגעוועקט פון זייער גליַיכגילט צו סאָציאַלע פּראָגרעס און געבראַכט נענטער צו די אַרבע־טער. טויזנטער אינזשעניערן, מוזיקער, לערער, שרייַבער, קינסטלער און צייַ־טונג־מענטשן גייען איצט דאָרט אַרום איבער די גאַסן אָן א מעגלעכקייט צו קריגן באַשעפטיקונג. נאָך אַפילו פאַר דעם קריזיס האָבן די ראַציאָנאַליזאַציע, די טעכנאָלאָגישע אויסבעסערונגען און די טרעסטיפיקאַציע (צום בייַשפּיל, צונויפגיסונג פון צייַטונגען) אַרויסגעוואָרפן אויף די גאַסן גרויסע מאַסן קוואַליפיצירטע אַרבעטער.

אינעם פאַרלויף פון דער צעפוילונג פון דער בורזשואַזער קולטור און פונעם אויפשטייַג פון דער קולטור פונעם פּראָלעטאַריאַט האָט די פאַרערגערטע עקאָ־נאָמישע און סאָציאַלע לאַגע פון דער אינטעלעקטועלער אינטעליגענץ אַרויסגע־רופן צווישן זיי א טיפן סאָציאַלן אומברויז. דאָס האָט געשטויסן אַסאַך פון זיי צו מאַכן אַן אַנטשיידנדיקן קער אויף לינקס. דאָס האָבן מיר געזען אין דעם פאַל מיט די באַרימטע אַמעריקאַנישע שרייַבער, ווי שערוווד אַנדערסאָן, טע־אָדאָר דרייזער, וואַלדאָ פראַנק א. א. דער דאָזיקער קער אויף לינקס איז, פאַר־שטייט זיך, ניט באַ אַלעמען פון דער זעלביקער שטאַרקייט.

אָט די ראַדיקאַליזאַציע האָט אין אָנהייב פונעם קריזיס באַקומען איר אָר־גאַניזאַציאָנעלן אויסדרוק אין דער אויספאָרמירונג פונעם ערשטן אַמעריקאַנישן פאַריין פון רעוואָלוציאָנערע שרייַבער און קינסטלער „דזשאָן ריד־קלוב". דער דאָזיקער קלוב האָט זיך געגרינדעט אין אָקטיאַבער 1929 קימאַט גלייַכצייַטיק מיטן „פּראָלעטפּען" (סענטיאַבער 1929). דער דזשאָנריד־קלוב האָט איבער־גענומען די רעדאַקציע פונעם זשורנאַל „ניו־מעסעס", וואָס איז א וויכטיקער כוידעש־זשורנאַל פון רעוואָלוציאָנערער ליטעראַטור און קולטור. איינער פון זייַנע גרינדער און רעדאַקטערס איז דער באַוווסטער אַמעריקאַנישער רעוואָלוציאָ־נערער שרייַבער מייקל גאָלד. דאָס האָט געגעבן א שטויס פאָרויס דער גאַנ־צער פּראָלעטאַרישער קולטור־באַוועגונג, וועלכע האָט געפונען איר אָרגאַני־זאַציאָנעלע פאָרם אין דער אַרבעטער־קולטור־פעדעראַציע.

די אַרבעטער־קולטור־פעדעראַציע פון ניו־יאָרק איז געשאַפן געוואָרן אויף א גרויסער קאָנפערענץ, אויף וועלכער עס זייַנען געווען פאַרטראָטן 170 אָרגאַ־ניזאַציעס מיט א מיטגלידערשאַפט פון אַרום 20 טויזנט. זי איז אויפגעקומען אין דעם שאַרפסטן פאַרלויף פונעם קאַפּיטאַליסטישן קריזיס. זי איז געווען אַפן

קולטור־פראָנט דער אויסדרוק פונעמ קאמפּס־ווילנ, וואָס האָט באהערשט טויזנטער ארבעטער, אומצוואוארפנ די סיסטעמ, וואָס ברענגט מיט זיכ אומפארמײַדלעכ קריזיסנ, נויט, הונגער־טויט, מילכאָמעס. קעגנ דער רעאקציאָנערער קאפּיטא־ ליסטישער ליטעראטור אונ אירע רעפאָרמיסטישע מעשאָרימ האָט זי אוועקגע־ שטעלט די זיכ גיכ אנטוויקלענדיקע קויכעס פונ דער רעוואָליוציאָנערער פּראָ־ לעטארישער ליטעראטור. דער פארעטערישער פּאָליטיק פונ קלאסנ־מיטארבעט אפנ געביט פונ קולטור אונ דער אָפענער אָדער פארשטעלטער שטיצע די רעאקציאָנערע אָרגאניזאציעס האָט זי אנטקעגנגעשטעלט די פּאָליטיק פונ קלאסנ־ קאמפּ אינ געביט פונ קולטור, די פּאָליטיק פונ שטיצנ אָפּנ אלע רעוואָליוציאָנערע אָרגאניזאציעס פונעמ ארבעטער־קלאס. די פעדעראציע האָט דערקלערט א קאמפּ דער אידעאָלאָגישער רעאקציע, דעמ פאשיזמ, דעמ מיסטיציזמ, דער ליבעראלער אקראָבאטישקײַט אונ די פּסעוודאָ־ויסנשאפטלעכע אפּאָלאָגיעס, וואָס זײַנענ געוואָרנ די פּלאטפאָרמע פונ די קולטורעלע פארטרעטער פונעמ קאפּיטאליזמ. זי האָט דערקלערט, אז זי שטייט פעסט אפ דער פּלאטפאָרמע פונעמ דיאלעקטישנ מאטעריאליזמ, פונ דער לערע פונ מארקס־ענגעלס אונ לענינ.

אינ מעשעכ פונ אסאכ יאָרנ האָבנ אמעריקאנישע ארבעטער־אָרגאניזאציעס פונ פארשיידענע נאציאָנאליטעטנ געפירט א קולטורעלע טעטיקײַט אינ פאר־ שיידענע פאָרמעס. די דאָזיקע טעטיקײַט איז אָבער ניט געווענ קאָאָרדינירט. כוצדעמ האָט זי דאָסראָוו געהאט א שײַכעס צו די אזויגערופענע פרעמד־ שפּראכיקע ארבעטער. קלײנע קולטורעלע אינדזלענ זײַנענ געווענ אויסגעוואָקסנ צווישנ די פארשיידענע נאציאָנאליטעטנ, אונ כאָטש זיי האָבנ אלע געהאט אלגעמײנע צילנ, איז אָבער צווישנ זיי נישט געווענ קײנ קאָנטאקט. נאָכמער, די דאָזיקע ארבעט איז געווענ מערסטנס באגרענעצט מיט די גרויסע שטעט אונ מיט די פאָרגעשריטענע ארבעטער, בעשאס די ברײטע מאסנ אינ די שעפּער אונ פאבריקנ אונ ספּעציעל די ארבעטער, וואָס זײַנענ געבוירנ געוואָרנ אינ אמעריקע, זײַנענ גאָר אינגאנצנ ניט באריִרט געוואָרנ.

קעדיי צו באזײַטיקנ די דאָזיקע פעלערנ אונ פארברײטערנ אונ אנטוויקלענ די קולטור־טעטיקײַט, אלס א געווער אינ די קאמפּנ פונ די ארבעטער, איז אויסגעפאָרמירט געוואָרנ אָט די ארבעטער־קולטור־פעדעראציע פונעמ ניו־יאָרקער געגנט. דער 5־טער קאָנגרעס פונעמ רויטנ פּראָפינטערנ אונ די כארקאָווער קאָנפערענצ פונ רעוואָליוציאָנערע שרײַבער אונ קינסטלער, וואָס איז פאָרגעקומענ מיט א יאָר פריער, האָבנ געגעבנ דעמ אומיטלבארנ שטויס צו דער גרינדונג פונ דער דאָזיקער פעדעראציע. די דערפארונגענ פונ די הויכ־אנטוויקלטע פּראָלעטארישע קולטור־באוועגונגענ אינ סאָוועטנ־פארבאנד אונ אינ דײַטשלאנד האָבנ דער פעדעראציע געוויזנ דעמ וועג. דער וועג איז: צו די פאבריקנ אונ פּראָפעסיאָנעלע פאריײנענ! די רעוואָליוציאָנערע פּראָפעסיאָנעלע פאריײנענ מוזנ ווערנ אינדערעמעסנ דער באזיס פאר דער גאנצער קולטור־ארבעט. פונ דאָרט וועט אָט די ארבעט ארײַנדרינגענ אינ די אנדערע מאסנ־אָרגאניזאציעס, אינ די איזאָלירטע אינדוסטריעלע אונ לאנדווירטשאפטלעכע ווינקלענ, אינ די

שטרײַק־קאַמפן און פּאָליטישע קאַמפּאַניעס, אין אַלע מינים טעטיקײַטן פון דעם אַרבעטער־קלאַס.

די אַרבעטער־קולטור־פעדעראַציע האָט שפּעטער, אין 1932, געבוירן די אַמעריקאַנישע רעוואָליוציאָנערע שרײַבער־פעדעראַציע. די שרײַבער־פעדעראַציע האָט אין אויגוסט 1932 אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַן אייגענעם אָרגאַן אַ „מאָנאַטלעכע ליטעראַרישע אויסגאַבע". דערווײַל איז דערשינען בלויז 4 נומערן. דער אָרגאַן ווערט ניט אַרויסגעגעבן פאַרן אײנצל־פאַרקויף. זײַן צוועק איז הויפּטזאַכלעך צו באַדינען די פּראָלעטאַרישע צײַטונגען און זשורנאַלן מיט פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור. אין דעם אַרײַנפיר־וואָרט צום ערשטן נומער ווערט אַזוי געזאָגט:

„די כּוידעשדיקע ליטעראַרישע אויסגאַבע ברענגט צום פאָדערגרונט אַרבעטער־שרײַבער און פּראָפעסיאָנעלע שרײַבער, וואָס האָבן אָנערקענט, אַז זייערע עמעסע אינטערעסן, אין יעדן הינזיכט, זײַנען מיט די פּראָדוצירער און שאַפער. זי ברענגט דאָס שאַפן פון פרעמדשפּראַכיקן שרײַבער אין אַמעריקע, וואָס איז געהאַלטן געוואָרן איזאָלירט איבער שפּראַך־באַריערן. זי ברענגט צונויף מענטשן־שרײַבער, וואָס האָבן רעוואָלטירט קעגן דער אַלטער וועלט און אומזיסט געליטן דערפון, וואָס זיי זײַנען געווען אַליין.

צו דערמוטיקן אַזעלכע שרײַבער צו לייזן זייערע פּראָבלעמען, צו פאַרבעסערן זייער קאָנטאַקט מיטן לייענער־קרײַז, צו אַנטוויקלען נײַע שרײַבער, קריטיקער, רעפּאָרטיאָרן און קאָרעספּאָנדענטן — דאָס זײַנען די [illegible] אויפגאַבעס פון דער רעוואָליוציאָנערער שרײַבער־פעדעראַציע".

די ערשטע פיר נומערן האָבן באַוויזן, אַז אין די געדיכטענישן פונעם אַמעריקאַנישן לעבן צווישן די האָרעפּאַשנע מאַסן, סײַ צווישן די געבוירענע אַמעריקאַנער און סײַ צווישן די, וועלכע האָבן עמיגרירט קיין אַמעריקע פון אַנדערע לענדער, צווישן די אַרבעטנדיקע פון דער גרויסער צאָל פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן אין אַמעריקע, געפינט זיך אַסאַך טאַלאַנטפולע רעוואָליוציאָנערע שרײַבער, פון וועלכע עס וועט זיך אַנטוויקלען די אַמעריקאַנישע פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור.

דער „פּראָלעטפען" איז אָנגעשלאָסן אין דער דאָזיקער פעדעראַציע. די רעוואָליוציאָנערע שרײַבער־פעדעראַציע גרופּירט אַרום זיך אַלע פּראָלעטאַרישע שרײַבער, וואָס שאַפן אויף פאַרשיידענע שפּראַכן. זי שאַפט דעם בונד צווישן אַלע פּראָלעטאַרישע שרײַבער אין אַמעריקע. זי שאַפט אַן אַ ל אַ מ ע ר י ק אַ־נ י ש ן פּ ר אָ ל ע ט פ ע נ־פ ר אָ נ ט, אַ באַזע פאַר דער מעכטיקער אַמעריקאַנישער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור, פאַר אַ גרויסער פּראָלעטאַרישער קולטור אין אַמעריקע.

פּראָלעטפען־אָוונטן

אין „פּראָלעטפען" קומט פאַר די גאַנצע צײַט אַ פאַרשיידנאַרטיקע אידעאָלאָגישע און פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע טעטיקײַט. עס ווערן געפירט דיסקוסיעס וועגן שעפערישן מעטאָד, מע קעמפט קעגן די פאַרשיידענע אָפּנייגן, ווי סימ־

באָליזם בא מענקע קאַץ א. א.; קעגן מעכאַנישן אָביעקטיוויזם און יערידע־שטימונגען בא קראַוועצן, סאָברינען, גרינשפּאַנען א. א.; קעגן די שטעטל־און „אַלטע היים"־מאָטיוון בא לאַמפּעל און אנד.; קעגן די טרעמפּ־מאָטיוון, ווי בא יאָסל קאָטען; קעגן פאָרמאַליזם, ווי בא קורצן און אַנדערע; קעגן קליינבירגערלעכקייט, האָפענונגלאָזיקייט, פעסימיזם. עס ווערן געפירט דיסקוסיעס וועגן דעם זשורנאַל „דער האַמער" און וועגן א ריי ביכער און ווערק פון די פראָלעטפּעניקעס.

מע אָרגאַניזירט פּאָליטישע און פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע אָוונטן, ווי דער אָוונט פאַר די קאַנדידאַטן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי בייס דער וואַל־קאָמפּאַניע אין אַמעריקע, ווי דער הירש לעקערט־אָוונט, אַף וועלכן דער „פראָלעטפּען" האָט אויך אָנגענומען א רעזאָליוציע קעגן דער „דאָלער־אינקוויזיע"־העצע פון ביאַליקן און פון אַנדערע פאַשיסטישע שרייבער אין אַמעריקע. גאָר לעצטנס האָט דער „פראָלעטפּען" דורכגעפירט גרויסע יאָרצייט־אָוונטן נאָך עדעלשטאַטן און ווינטשעווסקין.

אין אָנהייב 1932 האָט דער „פראָלעטפּען" אויך אָנגעהויבן גרייטן מאַטעריאַל פאַר צוויי זאַמלביכער. איינער האָט געזאָלט זיין געווידמעט אויסשליסלעך דער טעמע „הונגער (אָדער אַרבעטלאָזיקייט) און מילכאָמע". דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־אָרדן האָט זיי געזאָלט אַרויסגעבן. איבער פאַרשיידענע סיבעס זיינען אָבער די פּלענער ניט דורכגעפירט געוואָרן. הויפּטזאַכלעך האָט דאָ געווירקט דער מאַנגל אין געלט, דער מאַנגל אין א פאַרלאַג.

די געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט פונעם „פראָלעטפּען" אין ניו־יאָרק איז זינט זיין עקזיסטענץ באַשטאַנען הויפּטזאַכלעך אין די אַרויסטרעטונגען פון די מיטגלידער אַף פאַרזאַמלונגען פון אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס. אַזעלכע אַרויסטרעטונגען פלעגן געוויינלעך פאָרקומען יעדער וואָך, אַלע פרייטיק, שאַבעס און זונטיק, ווען עס קומען פאָר די פאַרזאַמלונגען פון פאַרשיידענע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, אַשטייגער, פון א דריי צענדליק אַרבעטער־קלובן, פון א זעקס צענדליק ברענטשעס (אָפּטיילן), פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־אָרדן, פון צענדליקער קינדער־שולן, פון די אַרבעטער־פרויען־אָרגאַניזאַציעס, פון די „איקאָר"־אָפּטיילן א. אז. וו.

די מיטגלידער פון „פראָלעטפּען" פלעגן דאָרטן פאָרלייענען זייערע שאַפונגען, כוצדעם פלעגן זיי אויך ריידן און האַלטן פאָרטראַגן וועגן ליטעראַטור. געוויינלעך פלעגט געטאָן ווערן ביידע זאַכן פאַר אַמאָל. עס פלעגט אויך געמאַכט ווערן ספּעציעלע „פראָלעטפּען"־אָוונטן אין די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס. צו די אָרגאַניזאַציעס פלעגן אַראָפּגעשיקט ווערן גאַנצע „פראָלעטפּען"־בריגאַדעס פון א פינף־זעקס מיטגלידער: פּאָעטן, נאָוועליסטן און פאָרטרעגער. עס פלעגט דערביי געוויינלעך דורכגעפירט ווערן א דיסקוסיע וועגן די שאַפונגען פון די פראָלעטפּעניקעס, אין וועלכער די אַרבעטער פלעגן אַרויסזאָגן זייער מיינונג וועגן די פאָרגעלייענטע ווערק. אַסאַך מאָל פלעגט דער „פראָלעטפּען" דאַרפן שיקן יעדע וואָך א פינף און מער בריגאַדעס אין די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס. אָט די טעטיקייט איז ספּעציעל פאַרברייטערט געוואָרן אין לעצטן יאָר.

קעדיי צו געבן א באגריף, וויאזוי אזעלכע אָוונטן פלעגן דורכגעפירט ווערן, וועל איך דאָ איבערגעבן צוויי באריכטן וועגן אזעלכע „פראָלעטפּען"־אָוונטן, וואָס זיינען געדרוקט געוואָרן אין דער „מאָרגן־פרייהייט". אזעלכע אָוונטן האָט דער „פראָלעטפּען" פאר די לעצטע עטלעכע יאָר דורכגעפירט אין די הונדערטער. פון די בריוולעך אין דער „פרייהייט" ווערט אויך קלאָר דער וויכטיקער באטייט פון די אָוונטן אי פאר די ארבעטער, אי פאר די שרייבער, אי פאר דער גאנצער פּראָלעטארישער קולטור־באוועגונג.

אונטער א קעפּל „גיט אונדז מער אזעלכע אָוונטן" איז אין דער „מאָרגן־פרייהייט" אָפּגעדרוקט דער פאָלגנדיקער באריכט פון אן ארבקאָר וועגן א „פראָלעטפּען"־אָוונט, וואָס איז פאָרגעקומען אין ניו־יאָרק אין דער קאָאָפּעראַטיווער ארבעטער־קאָלאָניע.

„דער „פראָלעטפּען"־אָוונט אין דער קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניע זונטיק, דעם 1־טן יאנואר 1932, האָט באוויזן, מיט וואָס פאר אן אינטערעס אונדזערע כאווערים־לייענער באציִען זיך צו זייערע פּראָלעטארישע שרייבער און דיכטער. ווייט ניט פיל איז אנאָנסירט געוואָרן דער אָוונט, נאָר איינציקע נאָטיצן אין דער „מאָרגן־פרייהייט", און דער אאודיטאָריום איז געווען געפּאקט מיט איבער 5 הונדערט ארבעטער.

און מיר האָבן זיך נישט געניסט. פארבראכט אן אָוונט, וואָס מע וועט פון אים לאנג ריידן אין דער קאָלאָניע. עס איז געווען אן אָוונט פון פרייד און גייסטיקן פארגעניגן.

א גרויסן אינטערעס האָבן די פארזאמלטע ארויסגעוויזן צו די פאָרגעלייענטע דערציילונגען און לידער. דער ערשטער איז געווען כ' כאשמאל מיט אן ערנסט ליד, ניט קיין הומאָריסטיש, ווי מע האָט דערוואַרט (ער איז א הומאָריסט). כ' ראבאָי האָט געלייענט א נייע דערציילונג וועגן א האָרעפּאַשנער געווינערן, וואָס האָט די צוהערער זייער פארינטערעסירט, און שפּעטער האָט דער עולם וועגן דעם אסאך דיסקוסירט. ס'איז באם עולם געווען א פרייד אים צו הערן. עס איז ארויסגעקומען, ווי ער איז נאָרוואָס ארויס פון געפאר און איז איצט ווידער מיט אונדז א געזונטער, נאָך שטארקער ווי פריִער.

כ' שיפריס האָט פאָרגעטראָגן זיינע „פלאקאטן", וואָס האָבן זייער אויסגענומען.

כ' ראָפ פון דזשאָג ריד־קלוב האָט גערעדט וועגן דער דערנענטערונג פון די יונגע אמעריקאנער שרייבער צו אונדזער אידעאָלאָגיע, צו אונדזערע קאמפן. זיין רעפעראַט איז געווען א זאכלעכער און אינטערעסאנטער.

כ' א. קורץ האָט פאָרגעלייענט איינציקע לידער און, ווי שטענדיק, איז מען געווען פון זיי באגייסטערט.

כ' וויליאם אייבראמס האָט געגעבן אן איבערבליק איבער די פראָלעטפּעניש דערגרייכונגען און כעסרוינעס אין די לעצטע דריי יאָר און אָנגעוויזן די מיילעס און פעלערן פוןביידע דערציילונגען. ער האָט גערעדט וועגן דער פראָלעטארישער ליטעראטור. דאָס האָט שפּעטער פארנומען די מערסטע צייט אין דער דיסקוסיע.

און דער לעצטער — דער יינגסטער אונדזערער פון „פּראָלעטפען״ — כ׳ מ. א. סול מיט א ליד „סקאָטסבאָראָ״, וואָס האָט פּאָשעט פארכאַפּט די פארזאמלטע מיט באַגײַסטערונג, און מע האָט דאָט טאקע אויסגעדריקט אין פיל אפּלאָדיסמענטן.

די דיסקוסיע, וואָס איז נאָכן לייענען דורכגעפירט געוואָרן פון די כ״כ קאפּלאן, מאיערס, ליטווין א. א., איז געפירט געוואָרן אף אַן אינטעליגענטן, זאכלעכן אופן. זיי האָבן ארויסגעזאָגט מיינונגען און אָנווייַזונגען צו די פּאָרלייענער, וואָס האָבן זייער פאַרינטערעסירט די פארזאמלטע. אין דעם גאנצן אָוונט האָט געהערשט א מוסטערהאפטע פּראָלעטארישע אָרדענונג.

לאָמיר האָפן, אז אזעלכע אָוונטן וועלן מיר האָבן נאָך פיל דעם ווינטער אין דער קאָלאָניע און אויך אין אנדערע שטאָט־טיילן.

מוישע ראָזענפעלד.

(אַן ארבעטער־קאָרעספּאָנדענט)״.

און אָט איז א צווייטער באריכט פון אזא „פּראָלעטפען״־אָוונט אין בראָנקסער ארבעטער־קלוב אין ניו־יאָרק:

„פרײַטיק אָוונט, דעם 10־טן פעברואר (1932), איז אין בראָנקסער ארבעטער־קלוב פּאָרגעקומען דער ערשטער פּראָלעטפען־אָוונט, וואָס האָט איבערגעלאָזט א זייער גוטן אײַנדרוק אף די אָנוועזנדיקע ארבעטער.

דער פּאָרזיצער כ׳ קאמינסקי האָט אין זײַן קורצער רעדע אָנגעוויזן אף דער נייטיקייט פון אזעלכע אָפטע אָוונטן אין די מאסן־אָרגאניזאציעס, וואָס וועט אסאך העלפן צו דערנעענטערן אונדזערע שרײַבער מיט זייערע לייענער.

פּאָלגנדיקע פּראָלעטפעניקעס האָבן געלייענט זייערע זאכן:

ל. דינסקי, סול און קורצ (לידער); מאָזער (א דערציילונג); דאווידזאָן (גאסנבילדער) און ליפּצין (איינאקטער).

די געלייענטע זאכן האָבן ארויסגערופן א לעבעדיקע דיסקוסיע. אויסער דעם, וואָס עס איז קריטיקירט געוואָרן כ׳ מאָזערס דערציילונג און כ׳ ליפּצינס איינאקטער, און כ׳ סול איז שטארק געלויבט געוואָרן פאר זײַנע לידער, איז דאָרט ארויסגעבראכט געוואָרן די אלט־נײַע טײַנע: פארוואָס דער „פּראָלעטפען״ שאפט ניט גענוג אגיטפּראָפּ־מאטעריאל פאר די דראמסעקציעס פון די קלובן, און פארוואָס די פּראָלעטפעניקעס טרעטן ניט ארײַן אין די קלובן דאָרט צו טאָן פּראקטישע ארבעט.

כ׳ וויליאם אייבראמס האָט פארגליכן צוויי לידער פונעם זשורנאל „יידיש״ מיט די פּאָרגעלייענטע לידער פון די פּראָלעטפעניקעס, וואָס באהאנדלט דעם זעלביקן מאָטיוו, און באוויזן, אז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט צוויי אָנשויונגען, מיט צוויי וועלטן.

ריידנדיק וועגן „פּראָלעטפען״, האָט כ׳ אייבראמס מיט פאקטן באוויזן די דערגרייכונגען פון דרײַ יאָר „פּראָלעטפען״ און אינפאָרמירט די קלוב־טוער, אז זייער טײַנע וועגן מאנגל אין בינע־זאכן איז א היפּש ביסל איבערגעטריבן. די מיטגלידער פון „פּראָלעטפען״ האָבן לויט די שווערע באדינגונגען דאָך געשאפן אסאך זאכן, וואָס זײַנען נאָך ניט אופגעפירט געוואָרן.

די גוטע אופנאמע, וואָס די פראָלעטפעניקעס האָבנ געקראָגנ פונ זייערע לייענער אינ בראָנקסער ארבעטער־קלוב, וועט זיכער ברענגענ גוטע פרוכט.

יאנקעוו פיש״.

אזעלכע אָוונטנ ווערנ דורכגעפירט פונ די אָרטיקע מיטגלידער פונ „פראָ־לעטפענ״ אויכ אינ אנדערע שטעט פונ לאנד: אינ שיקאגאָ, דעטרויט א. א. אמאָל פאָרנ אויכ ארויס פראָלעטפענ־בריגאדעס פונ ניו־יאָרק אינ די דערבײַיִקע נאָענטע אונ אויכ אינ ווײַטע שטעט, קעדיי ארויסצוטרעטנ פאר די דאָרטיקע ארבעטער־אָרגאניזאציעס. וועגנ די יערלעכע „יובילײ״־אָוונטנ פונעם „פראָלעטפענ״ האָב איכ שוינ דערמאנט.

דער באשלוס פונעמ צ.ק. אלקפ(ב) פונעמ 23־טנ אפרעל 1932 וועגנ איבערבויענ די שרײַבער־אָרגאניזאציעס אינ פסרר, אינ וועלכנ די פארטיי האָט נאָכ אמאָל אונטערגעשטרײַכט די וויכטיקייט פונ דער ליטעראטור פארנ סאָציאליסטישנ אופבוי, האָט געהאט אנ אנטשיידנדיקע באדײַטונג אויכ פארנ „פראָלעטפענ״, פאר די פראָלעטארישע שרײַבער אינ אמעריקע, ווי פאר די פראָלעטארישע שרײַבער־אָרגאניזאציעס אינ אלע אנדערע קאפיטאליסטישע לענדער. אינ פארבינדונג מיט אָט דעמ באשלוס פונעמ 23־טנ אפרעל איז געקומענ אויכ די באוווסטע דעקלאראציע פונ „פראָלעט־פענ״.

דעקלאראציע פונ „פּראָלעטפּענ“

דעם 7־טנ יאנואר 1933 האָט דער פּראָלעטארישער שרײַבער־פאריינ „פּראָלעטפּענ“ דורכגעפירט זײַנ דריטנ יערלעכנ קונסט־אָוונט אונ באַל. 15 הונדערט מענטשנ, מערסטנטייל יוגנטלעכע ארבעטער, האָבנ איבערגעפילט דעם זאַל, ווו דער אָוונט איז פאָרגעקומענ. הונדערטער האָבנ געמוזט צוריקגיינ איבער מאנגל אינ אָרט. דאָס איז בעעמעס געווענ א מאסנ־דעמאָנסטראציע פאר דער פּראָלעטארישער ליטעראטור אינ אמעריקע.

דער באריכט־אָפּגעבער אינ דער „מאָרגנ־פרײַהײַט“ פארנ 16־טנ יאנואר 1933 דערציילט, אז „די באגײַסטערונג פונ דעם אוילעם בא דעם אָוונט איז געקומענ צום העכסטנ אויסדרוק, ווענ כ׳ אייבראמס האָט פאָרגעלייענט די פאָלגנדיקע דעקלאראציע פונעם „פּראָלעטפּענ“:

„א רופ צו די ייִדישע ארבעטער אונ א וואָרט צו אייניקע שרײַבער.

די פּראָלעטארישע שרײַבער־אָרגאניזאציע „פּראָלעטפּענ“ רופט אײַכ, רעוואָליוציאָנערע ייִדישע ארבעטער, צו באפעסטיקנ די ביז איצט דערוואָרבענע פּאָזיציעס פונ דער פּראָלעטארישער ליטעראטור אינ אמעריקע אונ דעראָבערנ נײַע קולטורעלע ווערטנ צום דינסט פונ אונדזער פּראָלעטארישנ קאמפ אפ אלע פראָנטנ.

אינ די דרײַ יאָר, וואָס דער „פּראָלעטפּענ“ עקזיסטירט, האָבנ מיר צוזאמענ מיט די רעוואָליוציאָנערע ייִדישע ארבעטער אָפּגעהאלטנ איינ זיג נאָכנ צווייטנ אפ דעם קולטור־פראָנט. מיט דרײַ יאָר צוריק איז נאָכ געשטאנענ א פראגע, טיילווײַז אפילע אינ אונדזערע אייגענע רייענ, צי עס איז בכלל מעגלעכ א פּראָלעטארישע ליטעראטור אינ אמעריקע. הײַנט, נאָכ דרײַ יאָר ארבעט אונ קאמפ, איז ניט נאָר די פראגע פאר אונדז אלעמענ געוואָרנ א געלייזטע, נאָר מיר קענענ שוינ אָנווײַזנ, ערשטנס, אפ דער פיל העכערער אידעאָלאָגישער רײַפקײַט פונ אונדזערע כאווירימ־שרײַבער, צווייטנס, אפ דעם שטײַגנ פונ קוואליטאטיוונ ווערט פונ זייער שרײַבנ. הײַנט מוזנ שוינ אפילע די ערגסטע סאָנימ פונ ארבעטער־קאמפ אפנ קולטור־פראָנטריידנ וועגנ דער „געזעצלעכקײַט“ אָדער „דערלויבבארקײַט“ פונ א פּראָלעטארישער ליטעראטור, אָבער ניט וועגנ איר עקזיסטענצ־מעגלעכקײַט. מיר האָבנ איצט א שרײַבער־קאָלעקטיוו, וואָס איז זייער נאָענט צום לעבנ אונ קאמפ פונ די ארבעטער־מאסנ אונ האָט אינ משכ פונ די לעצטע יאָרנ אויסגעראָטנ פונ זיכ דעם

אזויגערופענעם „גײַסטיקן ווידערווילן" און דעם ביטל — א ירושה פון דער בירגערלעכער וועלט — צו די ארבעטער־מאסן, אלס מאטעריאל פאר זייער שאפונג־ארבעט און אלס נאטירלעכע סוויווע פאר זייער געזעלשאפטלעך־רע־וואָליוציאָנערער טעטיקייט.

ביים מיר פארצייכענען די דערגרייכונגען פון דער פראָלעטארישער ליטע־ראטור, וואָס גייט אופ צוזאמען מיט די פארשארפטע קאמפן פון ארבעטער־קלאס, פארצייכענען מיר אויך די קינסטלערישע ירידע פון דער בירגערלע־כער ליטעראטור, וואָס דינט דער בורזשואזיע אין איר איצטיקן קריטישן, גסי־סעדיקן פעריאָד. די גרעסטע שטערן פון דער יידישער באַלעבאַטישער ליטע־ראטור האָבן אין די לעצטע יאָרן אונטערגעטראָגן ווערק, וואָס אידעאליזירן דעם רעליגיעזן טשאד, דעם כסידישן שימל, ווי זינגער און אש, זײַנען דורכ־געזאפט מיט נאציאָנאלן און ראסן־שאָוויניזם, ווי דער ווײַסער שאָוויניזם בא אָפאטאָשון, אָדער פירן אין די וועגן פון פארצווייפלונג און וויקלען זיך אין מאָנאכישע קיטלען, ווי בא לייוויקן. די בירגערלעכע ליטעראטור, וואָס ווערט געשאפן אין טויטן שאָטן פון אן אונטערגייענדיקן קלאס, איז אויך קינסט־לעריש דעגראדירט. אירע דיכטער האָבן ניט וועלכע ס׳ניט איז צענטראלע אידייע, אָן וועלכער א קינסטלערישע ליטעראטור איז אומעגלעך. זייער אופ־גאבע איז פארטיידיקן די פראָפיט־סיסטעם, וואָס ווערט אופגעריסן פאר אונ־דזערע אויגן.

די ירידע פון די בורזשואזע ליטעראטן ווערט נאָך בולעטער אונטער־געשטרײַכט אין זייערע געזעלשאפטלעכע ארויסטרעטונגען. די יידישע קולטור־טרעגער זײַנען אין די לעצטע יאָרן געוואָרן אָדער אָפענע שטיצער פון א פאָגראָם־רעזשים, ווי אב. קאהאן, קאָראלניק, ראָזענפעלד, זשיטלאָווסקי, מוקדוני, שאָלעם אש, אָדער אזעלכע, וואָס גיבן זייער האסקאָמע צו דער דאָזיקער פאָליטיק דורכ שווײַגן".

ווײַטער ווערט אין דער דעקלאראציע געזאָגט, אז „קעדיי צו באשיצן דעם ספעקוליאנט, שווארצן בירזשעוויק און קאָנטררעוואָליוציאָנער, הייבט אופ זייער כאַיִם נאכמען ביאליק א בייזווייליק געפלאנטן גוואלדגעשריי וועגן א „דאָלער־אינקוויזיציע"; דער צוועק איז — העלפן די דאָזיקע עלעמענטן פון א געשלאָגענעם פאראזיטישן קלאס אונטערצוגראָבן די פראָלעטארישע דיק־טאטור און העלפן שאפן שטימונג בא די יידישע מאסן אין די קאפיטאליסטי־שע לענדער פאר אימפעריאליסטישער אינטערווענציע.

אין דעם קאמפ קעגן די דאָזיקע קולטוריסטישע פאָגראָם־שטיצער און קאָנטררעוואָליוציאָנערן וועט דער יידישער ארבעטער דארפן געווינען אפ זײַן זײַט אלע יענע עלעמענטן פון דער בירגערלעכ־קולטורעלער וועלט, וואָס הייבן זיך אָן אָפּקערן פון יענעם לאגער און הייבן אָן דערזען דאָס ליכט פון רע־וואָליוציאָנערן אופשטײַג. אלץ, וואָס האָט נאָך אין זיך אביסל סימפאטיע צו די קאמפן פון ארבעטער־קלאס, אלץ, וואָס איז ניט פארזונקען אין טהאָם פון קאפיטאליסטישער דעגענעראציע, הייבט זיך אָן באקערן צום רעוואָליוציאָנערן ארבעטער־פראָנט. דאָס קומט פאָר בא אלע פעלקער".

אין דער דעקלאַראַציע ווערט נאָכדעם אָנגעוויזן אַף די נײַע דערשײַנונגען אין דער יידישער סוויווע אין אמעריקע: דער שרײַבער ל. שאַפּיראָ איז ארויסגעטראָטן פון פּען־קלוב אלס פּראָטעסט קעגן דעם, וואָס דער ערן־פּרעזידענט פון פּען־קלוב איז שאָלעם־אש, ווען פּילסודסקי האָט באַלוינט מיט א מעדאל; פּערעץ הירשביין האָט אונטערגעשריבן א פּראָטעסט קעגן די פּאָגראָמען אין פּוילן א. אז. וו.

„באַגריסנדיק די דאָזיקע דערשײַנונגען אין דער קולטורעלער וועלט אלס סימפּטאָמען, מאכן מיר אין דער זעלביקער צײַט אופמערקזאַם, — זאָגט זיך אין דער דעקלאַראַציע — אַז מע דאַרף ניט איבערטרײַבן זייער קאָנקרעטע באַ־דײַטונג. שאַפּיראָ ווייסט, ווי מיר ווייסן, אז שאָלעם אש איז ניט דער איינ־ציקער ליבלינג פּילסודקיס, פאַראַן נאָך הערן אין דעם פּען־קלוב, וואָס האָבן פאַרן קאַפּיטאַליזם און פאַר פּילסודסקין ניט קיין קלענערע פאַרדינסטן. דער יידישער אַרבעטער פאַרלאַנגט פון פּערעץ הירשביין, פון ל. שאַפּיראָ און פון די אלע, וואָס זײַנען מיט זיי מאַסקים, מער ווי אונטערשריפטן און מער ווי א באַרויגעז אַף יעכידים.

דער „פּראָלעטפּען", וואָס פאָלגט נאָך און שאַצט אָפּ דעם קער לינקס פון יענע ליטעראַטן און קינסטלער, וועמען עס איז ענג געוואָרן אין די בלוטיקע ראַמען פון דער אונטערגייענדיקער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, ווענדעט זיך צו זיי מיט פאָלגנדיקן אַרויסרוף: מיר ווייסן אײַער קינסטלערישן ווערט, און מיר ווייסן גלײַכצײַטיק, אַז אײַך שלעפּן זיך נאָך אַסאַך פון יענע „קולטורעלע טראַנטעס", מיט וואָס דער קאַפּיטאַליזם האָט אײַך באַשאָנקען. נאָר אין די קאַמפּן צווישן אַרבעטער־קלאַס און דער בורזשואַזיע קען יעדער איינער, וואָס וויל כאָטש טיילווײַז צולייגן א האַנט, צולייגן ערלעך און ערנסט און מיט ריינע קאַוואָנעס, געפינען א פּלאַץ אין אונדזערע רייען. אונדז וועט אויס־קומען מיט אײַך צו פּאָלעמיזירן, זיך שלאָגן מיט אונדזערע קולטור־מיטלען און אַזוי־אַרום אויסקריסטאַליזירן אונדזערע פּאָזיציעס. מיר פאַרלאַנגען איינס: אין קאַמף קעגן אלגעמיינעם סוינע פון אַרבעטער־קלאַס זאָלן מיר באַשאַפן איין מעכטיקן פאַראייניקטן קולטורעלן פראָנט.

גרויס איז די אַכרײַעס פון א פּראָלעטאַרישער שרײַבער־אָרגאַניזאַציע אין פּעריאָד פון פאַרשאַרפטע רעוואָליוציאָנערע קאַמפן. טאָג נאָך טאָג וואַקסן אָן ברענענדיקע, פאַרשיידנאַרטיקע פּראָבלעמעס. מיר רופן דעריבער אײַך, יידי־שע אַרבעטער, צו שטיצן דעם באַשלוס פון „פּראָלעטפּען" אַרויסצוגעבן א פּראָלעטאַריש־ליטעראַרישע צײַטשריפט אונטערן נאָמען „סיגנאַל", וואָס זאָל פאַרפעסטיקן אונדזערע ביז איצטיקע דערגרייכונגען, זיך שלאָגן מיטן סוינע, העלפן אויסקריסטאַליזירן אונדזער אידעאָלאָגיע און דעראָבערן נײַע קולטורע־לע פּאָזיציעס.

קעגן אלע קאָנטררעוואָליוציאָנערע עלעמענטן פון יידישן בירגערטום רופן מיר אײַך, יידישע אַרבעטער, צו אַן אומבעראַכמאָנעסדיקן קאַמף. מיר רופן אײַך אָפּצוּוואַרפן דעם סאַם, וואָס זיי גיסן אין די מויכעס פון די אַרבעטער־מאַסן. מיר רופן אײַך צוזאַמען מיט אונדז צו באַשיצן די פּאָזיציעס פון

דער שלאָג־בריגאדע פונ דער אלוועלטלעכער רעוואָליוציע, דעמ סאָוועטנ־פארבאנד.

ייִדישע ארבעטער! בלויז א פראָלעטארישע ליטעראטור, וואָס גייט פאָרויס מיטנ ארבעטער־קלאס, וואָס ווײַזט דעמ וועג צו שטורעמענ די קאפיטאליסטישע באסטיליעס, איז אינ איצטיקנ פעריאָד מעסוגל צו ברענגענ גרויסע קינסטלערישע ווערק. מיר רופנ אײַך, רעוואָליוציאָנערע ייִדישע ארבעטער, צוזאמענ מיט אונדז, פראָלעטארישע שרײַבער, צו בויענ א ליטעראטור, בויענ א קולטורעלנ פראָנט, וואָס זאָל העלפנ צעשטערנ די איצטיקע קאפיטאליסטישע וועלט צוזאמענ מיט אירע קולטור־מעשאָרסימ".

אָט די דעקלאראציע פונעמ „פראָלעטפענ" אונ זײַנ ווענדונג צו די ייִדישע לינקע ליטעראטנ אונ קינסטלער, „וועמענ עס איז ענג געוואָרנ אינ די בלוטיקע ראמענ פונ דער אונטערגייענדיקער קאפיטאליסטישער וועלט", צו „באשאפנ איינ מעכטיקנ קולטורעלנ פראָנט אינ קאמפ קעגנ אלגעמיינעמ סויגע פונ ארבעטער־קלאס", קעגנ דעמ ייִדישנ קולטור־פאשיזמ — איז דער אָנהייב פונ א נײַעמ קאפיטל אינ דער געשיכטע פונעמ קאמפ פאר פראָלעטארישער ליטעראטור אינ אמעריקע. מע קאָנ ארויסשטעלנ דערווידערונגענ קעגנ געוויסע פאָרמולירונגענ אינ דער דעקלאראציע. אינ אלגעמיינ אָבער איז די דעקלאראציע זייער סימפטאָמאטיש פאר דער אויסגעקעמפטער פעסטער פאָזיציע פונעמ „פראָלעטפענ". זי איז אויכ אינ איינקלאנג מיט דער ליניע פונעמ קאָמינטערנ אונ פראָפינטערנ צו שאפנ א פארייניקטנ פראָנט קעגנ דעמ פאשיזמ. זי איז אויכ, ווי מיר האָבנ שוינ דערמאנט, אנ אָפקלאנג פונעמ היסטאָרישנ באשלוס פונעמ צ.ק. אלקפ(ב.) פונעמ 23־טנ אפרעל 1932.

דער רופ פונעמ „פראָלעטפענ" האָט באזונדערס געטראָפנ די, וואָס האלטנ זיכ פאר לינקע, קימאט פאר רעוואָליוציאָנערנ — אונ זײַנענ אינ דער ווירקלעכקײַט גאָר ווײַט דערפונ. עס האָבנ זיכ אָנגעכאפט די ערשטע צוויי מיט־ארבעטער פונ „טאָג", וואָס קאָקעטירנ מיט רעוואָליוציע — ב. צ. גאָלדבערג אונ א. גלאנצ (לעיעלעס). זייער רעאגירנ אפ דער דעקלאראציע איז באשטאנענ דערינ, וואָס זיי האָבנ געפרווט ארופווארפנ אפ די קאָמוניסטנ די שולד, פארוואָס די קלוימערשט לינקע שרײַבער געפינענ זיכ אינעמ פאשיסטישנ לאגער. דער לעצטער האָט זיכ באנוגנט בלויז מיט דעמ, וואָס ער האָט געשריבנ אינעמ זשורנאל „ייִדיש": עט, ס'וועט ניט אויסהאלטנ! באלד וועלנ זיי כאראָטע האָבנ! אונ ב. צ. גאָלדבערג איז באלד, אינ צוויי טעג ארומ נאָכנ פארעפנטלעכנ די „פראָלעטפענ"־דעקלאראציע, ארויסגעקרעגנ מיט „פאקטנ".

זײַנ הויפט־טײַנע איז געווענ, אז מע האָט „פארטריבנ" לייוויקנ אונ געצוווּנגענ רייזענענ צו גיינ אינ „פאָרווערטס".

בא אָט דער געלעגנהײַט, האלט איכ, איז קעדײַ אָפצופרישנ די געשיכטע רייזענ־לייוויק. אינ ראטנפארבאנד געפינענ זיכ אזעלכע, פאר וועמענ די געשיכטע איז נאָכ ביז איצט ניט אינגאנצנ קלאָר. רעדנדיק וועגנ דער פאלעסטינע־וואקכאנאליע, האָבנ מיר שוינ פריִער געהאט אופגעקלערט

אין א געוויסער מאָס די געשיכטע. מיר האָבן שוין אויך גערעדט וועגן דעם אין פארבינדונג מיט דער רעזאָליוציע פונעם צוזאמענפאָר פון די קלובן און באם אנאַליזירן די צײַטשריפט „וואָך". ס'וועט אָבער זײַן וויכ־טיק איבערצוגעבן געוויער די איינצלהײַטן, וואָס מיר געפינען וועגן דעם איניען אין דער „מאָרגן־פרײַהײַט" אין די ארטיקלען פון די כ"כ נאָוויק און זאלצמאן.

כ' זאלצמאן האָט פערזענלעך אסאך מיטגעהאָלפן ארײַנצוברענגען רייזענען אין דער „פרײַהײַט". ער האָט זיך אויך באטייליקט אינעם אויסארבעטן דעם אָפּמאך, וואָס האָט ענדלעך ארײַנגעבראכט רייזענען אין דער רעדאקציע. און כ' זאלצמאן דערציילט, אז א לאנגע צײַט פאר זײַן ארײַנקומען אין דער „פרײַהײַט" האָט רייזען אָנגעקניפּט פארבינדונגען מיט פירנדיקע כאוויירים פון דער רעדאקציע. בא יעדער באגעגעניש פלעגט רייזען שרײַען, אז אים איז ענג אין „טאָג", אז ער איז מיט דער לינקער באוועגונג און אירע קאמפן, אז „די פרײַהײַט" איז זײַן צײַטונג, אז ער האָט פײַנט דעם „טאָג" א. אז. וו.

פלעגט מען אים זאָגן: אויב אזוי, טאָ פארוואָס קומט איר טאקע ניט צו דער „פרײַהײַט"? אף דעם פלעגט ער אָנגעבן קאָלערליי טערוצים.

ס'איז געקומען רייזנס יובילײ אינעם יאָר 1926. „די פרײַהײַט", וואָס האָט דעמלט געהאט א שוואכקײַט צו בארימטע נעמען ביכלאַל און צו רייזענען ביפראט, האָט באשלאָסן: „צוציִען" רייזענען, ניט געקוקט אף זײַנע וואקלע־נישג. כאָטש ער האָט דעמלט מיטגעארבעט אינעם בורזשואזן „טאָג", האָט „די פרײַהײַט" גערופן די יידישע ארבעטער צו פײַערן זײַן יובילײ. דאָס איז זיכער געווען אן אקט פון אָפּאָרטוניזם. די קאוואָנע איז געווען — זאָגט זאלצמאן — אָפּצורײַסן רייזענען פון די סאָנים פונעם ארבעטער־קלאס. עס איז שוין פּאָריבער אסאך כאדאָשים נאָכן יובילײ ביז רייזען האָט בא זיך געפּויעלט צו ברענגען דעם גרויסן „קאָרבן" און אריבערצוגיין אין דער „פרײַהײַט". דערבײַ האָט מען אים געמוזט גאראנטירן 60 דאָלער א וואָך, און אויך גא־ראנטירן, אז ער וועט זײַנע סכירעס טאקע באקומען יעדע וואָך, וואָס עס זאָל זיך ניט מאכן!

אין „טאָג" האָט ער דעמלט געקראָגן 75 דאָלער א וואָך. רייזענען האָט דעמלט שטארק געארט, וואָס אין דער „פרײַהײַט" וועט מען אים צאָלן ווייניקער. ער האָט זיך שטארק געוואקלט, ביז ער האָט זיך אויסגערעכנט, אז ער וועט „אָפּמאכן" די 15 דאָלער אף אנדערע וועגן: ליטערארישע אָוונטן, ארויספאָרן אין פארשיידענע שטעט, ארויסגעבן זײַנע ביכער א. אז. וו.

ניט רייזען האָט דאָ געבראכט א קאָרבן. אינדערעמעסן איז „די פרײַהײַט" געווען דער קאָרבן דערמיט, וואָס זי האָט געדארפט צושטימען צו רייזענס באדינגונגען און זיך געמוזט אָנשטרענגען ביז ווייטעק די באדינגונגען אויס־צופילן. בײַס די אנדערע שרײַבער פון דער „פרײַהײַט" האָבן וואָכן נאָכאנאנד — ווי עס פאסירט אָפט — ניט באקומען קיין איין סענט, פלעגט רייזען יעדער וואָך מוזן באקומען די צוגעזאָגטע סומע. און טאָמער פלעגט מען פארשפעטיקן אף א טאָג, איז געווען הימל עפן זיך, א ביטערער סקאנדאל (אפילע די לעצטע

זאָכ, ווענ רייזענ האָט שוינ געשטעקט אינ דער ציִען־וואקכאנאליע, האָט ער פונדעסטוועגנ ניט פארפעלט איינצומאָנענ זיינס).

ווענ רייזענס רייזע אונ וועגנ זיינ צוריקער פונעם ראטנפארבאנד — האָב איכ שוינ פריִער געשריבנ. ס'איז, אלזאָ, א ליגנ, ווענ מע שרייבט, אז מע האָט געצוווּנגענ רייזענענ צו גייג אינ „פאָרווערטס".

וועגנ לייוויקנ האָב איכ אויכ פריִער דערמאָנט. מיט לייוויקנ אונ מיט מענאכעמענ האָט „די פרייהייט" נאָכ מיט א צייט פריִער פאר דער וואק־כאנאליע געהאט געפירט א קאמפ קעגנ זייערע פרווונ אָנצוזאפנ די „פרייהייט" מיט יידישיסטישע טענדענצנ. מע האָט זיכ אָבער מיט אלע קויכעס באמיט צו ווירקנ אפ לייוויקנ, ער זאָל אינ דער „פרייהייט" דורכפירנ אונדזער ליניע.

די יידישע ביוראָ פונ דער קאָמפארטיי האָט אָפּגעהאלטנ אסאכ ספעציִעלע קאָנפערענצנ מיט לייוויקנ, דעמ אומפארטייִשנ, קעדיי צו איבערצייגנ אימ אינ דער שעדלעכקייט פונ די טענדענצנ, וואָס ער ברענגט אריינ אונ וויל ארייננברענגענ אינ דער „פרייהייט". בא דער ערשטער געלעגנהייט איז לייוויק אריבער אינעמ לאגער פונ די ביטערסטע סאָנים פונ די ארבעטער. בייס דער ציִען־וואקכאנאליע טרעפנ מיר אימ שוינ אינ דער שפיצ פונ א גאנצער גרופע, וואָס האָט געפירט אנ אויסראָט־פּאָליטיק בענעגייע דער „פרייהייט". אָט דאָס זיינענ די עמעסע פאקטנ.

גאָלדבערג גיט אויכ אָנצוהערנ, אז לייוויק האָט ווידער געוואָלט אָנ־הייבנ ארבעטנ אינ דער „מאָרגנ־פרייהייט" אונ מע האָט אימ „פארטריבנ" אונ „געצוווּנגענ" צו ווערנ א „פייפער־הענגער" (טאפעטנ־קלעפער, „אָבוישטשיק"). וועגנ דעמ זיינענ פארשפרייט לעגענדעס (אונ לייוויק אליינ האָט זיי געהאָלפנ פארשפרייטנ) אויכ צווישנ סאָוועטישע שרייבער. ס'איז דעריבער קעדיי זיי אופצורייסנ אונ אופצוקלערנ די עמעסע לאגע.

ס'איז עמעס — גיט איבער כ' נאָוויק, — אז לייוויק האָט נאָכ מיט אָנדער־האלבנ יאָר צוריק געוואָלט אָנקומענ אינ דער „מאָרגנ־פרייהייט". וואָס האָט מענ אימ געענטפערט? „די מאָרגנ־פרייהייט" איז דער אָרגאנ פונ דער קאָ־מוניסטישער פארטיי אפ יידיש, אונ מע קאָנ ניט סטאמ אזוי „אָנקומענ". אינ דער „מאָרגנ־פרייהייט" ארבעטנ קאָמוניסטנ. די ניט פארטייִשע צווישנ די דרויסנדיקע מיטארבעטער זיינענ אזעלכע, וואָס האָבנ אָנגענומענ די אָנפירונג פונ דער קאָמוניסטישער פארטיי. אויב עמעצער וויל ווערנ א מיטארבעטער אינ דער „מאָרגנ־פרייהייט", מוז ער האָבנ אָט די קוואליפיקאציע. אונ מע דארפ באווייזנ, אז מע האָט אזא קוואליפיקאציע דורכ א באשטימטער פאָרמ פונ טעטיקייט, דורכ קאמפ קעגנ דער בורזשואזיִע אונ קעגנ דעמ סאָ־ציִאל־פאשיזמ, דורכ קאמפ קעגנ זייער קולטור מיט דער פענ, מיטנ מויל אונ דורכ אקטיוונ אָנטייל אינ דער רעוואָליוציִאָנערער באוועגונג, אינעמ קאמפ פארנ סאָוועטנ־פארבאנד, קעגנ דער אימפעריִאליסטישער מילכאָמע, קעגנ די פאשיסטישע פּאָגראָמענ א. ד. גל. עס איז פאראנ אסאכ געלע־גנהייטנ.

פאפירענע דערקלערונגענ אליינ זיינענ ניט גענוג.

און לייוויקן האָט מען פאַרגעלייגט אַ וועג. קום אַרייַן אין די רעוואָלוציאָנערע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס — אַרבעטער־קלובן, „איקאָר", פרייַנט פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־אָרדן, אין דעם פּראָפּאַרייַן. לייוויק האָט אָט דעם וועג נישט געוואָלט אָננעמען. נאָך יעדן פּרוּוו צו פאַרבינדן זיך מיט דער „מאָרגן־פרייַהייַט" האָט מען אים באַלד געזען — אַף אַ יובילײ פון אַ מיטאַרבעטער פון אַ געל־שאָוויניסטישער צייַטונג (און ער האָט ניט אויסגענוצט דעם יובילײ קעדיי צו באַקעמפן די געל־שאָוויניסטישע צייַטונג!), אָדער אַלס מיטאַרבעטער פון אַ זשורנאַל צוזאַמען מיט זשיטלאָווסקין און אַנדערע סאָנים פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג און פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און אין אײנעם פּען־קלוב מיט שאָלעם אַשן, און אַזוי ביז היינטיקן טאָג. און אָט דאָס האָט טאַקע באַוויזן, ווי ריכטיק „די מאָרגן־פרייַהייַט" האָט געהאַנדלט בענוגע לייוויקן.

דאָס האָט אויך באַוויזן לייוויקס אַרטיקל אינעם ערשטן נומער פונעם זשורנאַל „יידיש" פאַרן 18־טן נאָיאַבער 1932. לייוויק זאָגט דאָרטן:

„ס'איז געווען אַ מאָמענט, ווען ס'האָט זיך געדאַכט, אַז דער רעוואָלוציאָנערער קאָמוניזם וועט אַרייַנברענגען אין אונדזער ליטעראַטור באַנייַונג, דערהויבונג... אָבער צום אומגליק האָט ער אַרייַנגעשטאָכן אַ מעסער אין אונדזער געשיכטלעכן מעהוס... קיין ליטעראַטור אַפּן סמאַכ פון דער דאָזיקער אידייע איז אין אַמעריקע ניט געוואָרן... די אידייע איז דאָ אָנגעטאָן אין אַ לעוווש פון באַנאַלקייַט, פון פּראָזעס, אָן אַ שפּור פון אינדיווידואַליטעט, אָן דעם רייעכ פון לעבן.

מיר דאַרפן טאָן דאָס פאַרקערטע: אַנטקעגן פאַרלייקענונג — אַרויסשטעלן באַשטעטיקונג. אַלץ, וואָס איז ניי קינסטלעריש, אַרויסהייבן. אָנשטאָט נוסעכ פון שאַבלאָן — אינדיווידואַליטעט... און איבעראַל — געוויסן".

לייוויק איז, הייסט עס, געקומען צו דער איבערצייַגונג, אַז אַפּן „סמאַכ" פונעם רעוואָלוציאָנערן קאָמוניזם קען מען קיין ליטעראַטור ניט שאַפן. ער פּראָקלאַמירט דעם לאָזונג פון „אַרויסהייבן" אַלץ, וואָס איז „ניי קינסטלעריש", און איבער אַלץ — „אינדיווידואַליטעט" און „געוויסן". ווי מיר זעען, זייַנען דאָס די זעלביקע לאָזונגען, וואָס זייַנען פּראָקלאַמירט געוואָרן אינעם ערשטן נומער פון דער „וואָכ" פאַרן 4־טער אָקטיאַבער 1929, באַלד נאָך לייוויקס דעזערטירן פון דער „פרייַהייַט". ס'איז קלאָר, אַז פאַר אַזאַ לייוויקן האָבן זיך ניט געקענט עפענען די טירן פון דער „פרייַהייַט".

אַ שאָד, וואָס איבער מאַנגל אין אָרט קאָן איך ניט געבן קיין ברייטערע אָפּשאַצונג אויך פון דאָס „אַרויסגעהויבענע, ניי קינסטלערישע" אין דער ליטעראַטור פונעם זשורנאַל „יידיש". אייניקע מוסטערן וועלן אָבער זייַן גענוג אַף צו געבן אַ פאַרשטעלונג וועגן דער דאָזיקער ליטעראַטור.

מיר געפינען אינעם ערשטן נומער פון „יידיש" אַזעלכע „ניי־קינסטלערישע" פערלדיקע שורעס, ווי גלאַטשטיינס ליד. גלאַטשטיין געפינט אינמיטן גרויסשטאָטישן ווירוואַר פון ניו־יאָרק אַ דאָרף „מיט שעפּסענער שטילקייַט", מיט אַ באָרוועס מיידל, וואָס „וואַרעמט דעם שטיין מיט איר געזעס" (ווייַער גע־

וויסנהאפטיק) און ווי „לאנגזאם גייט אָפּ א קאראוואן פון שאָטנס", „באלאָדענע מיט זעק, מיט רענצלעך רייד און שטומקייט".

אין א דאָרף „מיט שעפּסענער שטילקייט" געפינען זיך, נאטירלעך, אויך „אומעטיקע שניטער". און אויערבאך זינגט נאָך לייוויקן:

„מיר, די אומעטיקע שניטער,
שניידן אָפּ די לעצטע גארבן;
ווער וועט זייען אונדזערע גיטער?
ווער וועט אונדזער אומעט ארבן?" (יארשענען)

און ווייטער:

„דעם גורל, שניטער, וועט איר ניט פארמיידן —
מיר דארפן ווייטער אונדזער אומעט שפּרייטן".

אָט וואָס די „ארויסגעהויבענע ניי־קינסטלערישע" ליטעראטור לייוויקס האָט זיך געשטעלט פאר איר נייעם צוועק: „אומעט שפּרייטן!" דאָס האָבן דאָך אָבער די רעאקציאָנערע שרייבער אלעמאָל געטאָן. די יידישע ארבעטער זיינען זיי מוחל דעם אומעט מיטן גרעסטן קאָוועד. זיי ווילן אים גאָרניט „ארבן". און ס'איז טאקע זייער „טראָוועררדיק" און ביטער פאר די „אומעטיקע שניטער" פון אן אונטערגייענדיקן קלאס, וואָס זייערע גיטער וועט קיינער ניט זייען, וואָס די גיטער וועט מען אוועקנעמען און מאכן פון זיי קאָלעקטיוון און קאָמונעס, וואָס מע וועט בויען א פּראָלעטארישע ליטעראטור ניט קיין ניי־קינסטלערישע „אומעט"־ליטעראטור — טאקע דורך דעם רעוואָליוציאָנערן קאָמוניזם.

און אָט איז אין דעם זעלביקן נומער נאָך אביסל „ניי־קינסטלערישע" פּערל פון לייוויקס „ארויסגעהויבענער" ליטעראטור:

„אינערע וועלט מיינע, העל בלייב אין מיר!
לאָז ניט קיין קינע אריין דורך דיין טיר.
לאָז ניט קיין סינע אריבער דיין שוועל".

גוואלדיק ניי! ס'זאָל ניט זיין קיין קינע, ניט קיין סינע, אויס, הייסט עס, קלאסנקאמף, קלאסן־מילכאָמעס! און אזוי שרייבן אלע אנדערע. קיין אונטערשייד וועמעס דאָס איז:

„בין איך אלט־מאָדיש — דער שעד זאָל עס נעמען —
וועל איך היינט זינגען פון (פינצטערן) בארג אין זיך שעמען".

אלט־מאָדיש — זאָגט איר, ניי־קינסטלעריש — זאָגט לייוויק.

„עס ליגט דער בארמענען אף דרערד — אונדזער גלויבן...
מיר אליין האָבן דאָך אופגעהויבן,
און מיר אליין מיר וויסן:
ס'איז אזוי באשערט".

ס'איז באשערט צו פארלירן דעם גלויבן. ס'איז באשערט צו זיין אומעטיק און צו באוויינען בארמענענס אָדער „אָוונט אין פעלד". בארמענענס, שלעפּעדיקייט, אומעטיקייט, פאטאליסטישער אומעט — אָט וואָס לייוויק וויל אריינברענגען אין דער ליטעראטור, אלס דאָס „ארויסגעהויבענע ניי־קינסטלערישע" אין קעגנזאץ צו דער „שאבלאָנער, באנאלער" פּראָלעטארישער ליטעראטור „אָן א שפּור פון אינדיווידואליטעט, אָן דעם רייעך פון לעבן"!

אָפּקלאַנג פונ דער דעקלאַראַציע

אפ דער דעקלאַראַציע פונעם „פּראָלעטפּענ“ האָט זיכ אויכ אָפּגערופנ מיט צוויי בריוו אינ דער „פרײַהײַט“ דער שרײַבער ל. שאַפּירא, איינער פונ די, צו וועמענ דער רופ איז געווענ ספּעציעל געווענדעט. די בריוו דעקנ אופ דעם אידעאָלאָגישנ פּלאָנטער, וואָס הערשט נאָכ בא אָט דעם שרײַבער.

דער ערשטער בריוו פונ ל. שאַפּיראָ איז אָפּגעדרוקט אינ דער „מאָרגנ פרײַהײַט“ פאַרנ 27 פעוורואַל 1933.

די טײַנע פונ ל. שאַפּיראָ אינעם ערשטנ בריוו, אַז זײַנ לינקשאַפט, — אָט „אַזעלכע ווי זי איז“, דאַטירט זיכ בוכשטעבלעכ פונעם ערשטנ טאָג פונ דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע, ווערט אָפּגעלייקנט פונ זײַנ בריוו גופא. ל. שאַפּיראָ האָט מיסטאָמע פאַרגעסנ, וואָס זײַנ גאָר אינטימער שטענדיקער באַגלייטער לאַמעד שינ... האָט געשריבנ אינ דער „וואָכ“ פאַרנ 11־טנ אָקטיאַבער 1929. ווענ מיר עס אימ דערמאַנענ. וועגנ נאַדירס אַרטיקל „צאַר־וואָקכאַנאַליע“ אינ דער „פרײַהײַט“, וואָס איז געווענ געווענדעט קעגנ די דעזערטירנ, זאָגט דאָרטנ לאַמעד שינ אַזוי: „אונ מוישע נאַדיר האָט זיכ געשטעלט אפ דער זײַט פונ די, וואָס האָבנ אינ זייער בלינדנ מאַניאַקאַלישנ לויפ אַריבערגעטראָטנ אַלע גרענעצנ: ביז צום באַגריסנ די פּאַלעסטינער פּאָגראָמענ, אָדער — זאָל זײַנ — דעמ אַראַבישנ אופשטאַנד אינ זײַנ פּאָגראָם־פּאַזע“. אונ לאַמעד שינ וואָרנט נאַדירנ קעגנ דער „פרײַהײַט“, וועלכע וועט מיט אימ טאָנ, ווי ס'האָט געטראָפנ נאַדירס אַ העלד פונ נאַראַיעוו, וועלכע וועט אימ „לאָזנ שטיינ אַ נאַקעטנ אונ אַנ עלנטנ אפנ ברעג פונ טײַכ“ אונ וועט אַנטלויפנ מיט זײַנע מאַלבושים. פונ יענעמ לאַמעד שינ ביז דעמ ל. שאַפּיראָ, וועלכער האָט געבעטנ דרוקנ אינ דער „פרײַהײַט“ וועגנ דעמ, אַז ער טרעט אַרויס פונעמ פּענ־קלוב אַלס פּראָטעסט, וואָס שאָלעמ אַש איז דאָרט אַנ ערב־מיטגליד אונ וועלכער האָט איצט געשריבנ אינ דער „פרײַהײַט“ דעמ בריוו אַלס איינער, וואָס אַנערקענט דעמ וויכטיקסטנ „פּונקט“, זײַנ „טעכניק“ אונ „ענדציל“ — איז באַשטימט פאַראַנ אַ געוויסער טראָט פאָרויס. שאַפּיראָ פאַרדרייט אויכ די פאַקטנ, ווענ ער שרײַבט, אַז דער „פּראָלעטפּענ“ האָט ניט ריכטיק אָפּגעשאַצט די ווענדונג אפ לינקס, וואָס איז די לעצטע צײַט צו מערקנ בא געוויסע ייִדישע שרײַבער — די ווענדונג, וועלכע איז אַ מינ אָפּשפּיגלונג פונ דעמ, וואָס עס קומט פאָר בא דער אַמעריקאַנישער אינטעליגענץ. דער קער אפ לינקס איז אָבער נאָר איינ זײַט פונ דער מאַטבייע. פּונקט ווי ס'איז פאַראַנ אַ ווענדונג אפ לינקס מיצאַד געוויסע ייִדישע שרײַבער, פּונקט אַזוי האָט אינ דער זעלביקער צײַט אַ צאָל אַנדערע עוואָליוציאָניזירט אפ רעכטס. אַזאַ עוואָליוציע אפ רעכטס האָבנ מיר, אַשטייגער, געזענ בא לייוויקנ, בא מענאַכעמענ, בא רייזענענ אונ בא אַ גאַנצער רײ אַנדערע. די קלוימערשטע „לינקשאַפט“ פונ די לייוויקס אונ קאָמפּ. האָט דעריבער געמוזט באַקעמפט ווערנ. די זעלביקע „לינקע“ האָבנ דאָכ שאַפּיראָנ אַליינ אַטאַקירט אינ „ייִדיש“ פאַר זײַנ בריוול אינ דער „פרײַהײַט“ אונ פאַר זײַנ אַרויסטרעטונג פונעם פּענ־קלוב.

און וויבאַלד אזוי, האָט „די פרײַהײַט" געהאַנדלט ריכטיק, וואָס ניט יעדע „לינקע" פּראַזע האָט זי אָנגענומען פאַר אַן עמעסן קער אַף לינקס.

ס'איז ריכטיק, ווי שאַפּיראָ זאָגט, אַז דאָס „ליכט" באַזײַטיקט נאָך ניט די דאָזיקע פּראָגעס. ווען שאַפּיראָ וואָלט אָבער באַנוצט דאָס ליכט פון מאַרקס־לענינישער דיאַלעקטיק, וואָלט ער, פאַרשטייט זיך, ניט באַזײַטיקט, נאָר גע־קאָנט לייזן די פּראָגעס. ער וואָלט דעמלט ניט געקאָנט שרײַבן „מענטשן האָבן אויך זייערע אויפגאַבעס, וואָס מעגן זײַן אויך אײַערע". סטאַם מענטשן, סטאַם אויפגאַבעס און סטאַם זייערע און אײַערע. ס'איז קלאָר, אַז דאָס איז געשריבן גאָר אָן דעם „ליכט". ווען ס'וואָלט זיך געהאַנדלט בלויז וועגן געוויסע „פּאַנאַנדערגעגאַנגענע געדאַנקען" וואָלט ער דאָך ניט געקענט אײַנגאַנצן שטיין אָן א זײַט פון „דעם סאַמע וויכטיקסטן פּונקט", אין וועלכן ער גלייבט. אין אַלע אַנדערע פּראָטים האָט אים „די פרײַהײַט" זייער ריכטיק געענטפערט, אַז דער נאַציאָנאַליזם, וואָס איז בא אים נאָך ניט אויסגעלעבט, איז בא אים געווען וויכטיקער, ווי דער גאַנצער קלאַסנקאַמף פאַר דעם וויכ־טיקסטן פּונקט און ענדציל.

דער צווייטער בריוו פון ל. שאַפּיראָ איז דערשינען דעם 13־טן מאַרץ 1933.

דער בריוו ווערט באַגלייט מיט פאָלגנדיקן ענטפער פון דער „פרײַ־הײַט"־רעדאַקציע:

„וואָס־זשע לאָזט אונדז דאָס אַלץ הערן? דאָס לאָזט אונדז הערן, אַז ל. שאַ־פּיראָ האָט מיט דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי טיף־גייענדיקע מיינונג־פאַרשיידנ־הײַטן. עס לאָזט אונדז הערן, אַז א מענטש קען דעקלארירן זײַן אײַנשטימי־קײַט מיט „וויכטיקסטן פּונקט" — און טאַקע באַלד דעקלאַרירן זײַן ניט־אײַנשטימיקײַט מיט דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין דער נאַציאָנאַלער פּראַ־גע און אין דער פראַגע וועגן קלאַסנקאַמף אין ליטעראַטור.

ווי איז דאָס מעגלעך? עס איז טאַקע ניט מעגלעך. ווער עס אַנערקענט רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם, פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור און די קלאַסנלאָ־זע געזעלשאַפט — אויב ער אַנערקענט דאָס אַלץ באַוווסטזיניק און אין דער פולער מאָס, קאָן ניט האָבן קיין מיינונג־פאַרשיידנהײַטן מיט דער קאָמוניסטי־שער פּאַרטיי אין פונדאַמענטאַלע פּראַגעס. ווידער צוריק: אויב א מענטש גייט זיך פּאַנאַנדער מיט דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין דער נאַציאָנאַלער פּראַגע און אין דער פראַגע וועגן קלאַסנקאַמף אין ליטעראַטור, איז זײַן מעל־דונג וועגן „וויכטיקסטן פּונקט" אונטער א גרויסן פּראַגעצייכן. אָבער מיר ווילן ניט אַרײַנגיין מיט ל. שאַפּיראָ אין א דיסקוסיע וועגן עצעם איניען.

ל. שאַפּיראָ איז ניט צופרידן מיט אונדזער שטעלונג צו דער נאַציאָנאַלער פּראַגע. ער דערקלערט, אַז פאַר אונדז האָט דער קלאַסנקאַמף „פּאָשעט אַראָפּ־געשוווּנקען יידיש־נאַציאָנאַלע פּראַגעס", און פאַר אים — ניט. די ווער־טער זײַנען באַקאַנט, צו באַקאַנט. מיר האָבן זיי געהערט פון לייוויקן און מעגאַכעמען, ווען זיי האָבן זיך נאָך באַטייליקט אין דער „פרײַהײַט". מיר האָבן זיי געהערט אין דער „וואָך" און אין „יידיש". מיר קענען די טערמי־

נאָלאָגיע. זי באַטײַט — אנערקענענ די ייִדישע נאַציאָנאַלע (בורזשואזע) קול־טור, ווי עפּעס אַזוינס, וואָס דער אַרבעטער־קלאַס דאַרף העלפֿנ בויענ. דורכ־געטראַכט ביזנ סאָפֿ, באַטײַט זי — קלאַסנ־מיטאַרבעטערשאַפֿט מיט דער בור־זשואַזיע אַפֿנ קולטורעלנ געביט (און פונדאַנענ איז נאָר איינ טריט צו אַנדערע געביטנ).

באַקאַנטע ווערטער, באַקאַנטע באַגריפֿנ. „נאַציאָנאַליזם", נאָר ניט „שאָוויניזם". „נאַציאָנאַליזם" האָט אָבער נאָר איינ זינענ: פֿאַרייניקונג פֿונ אַלע קלאַסנ אַרומ עפּעס, וואָס האָט אַ ווערט פֿאַר דער גאַנצער נאַציע. קיינ אַנ־דער נאַציאָנאַליזמ איז ניטאָ — באַ ייִדנ. באַ די קאָלאָניאַל־אונטערגעדריקטע נאַציאָנאַליטעטנ, באַ די נעגערס אינ די פֿאַרייניקטע שטאַטנ, קאָנ זײַנ אַ רע־וואָליוציאָנערער נאַציאָנאַליזמ. באַ ייִדנ איז דאָס ניט מעגלעכ. דעריבער איז ייִדי־שער „נאַציאָנאַליזמ" (זשיטלאָווסקיס, לייוויקס, ניגערס, ניט ווייניקער ווי דעמ ליבאַוויטשער רעבנס און ביאַליקס) גאָר אַ נאָענטער שאָכנ מיט „שאָוויניזמ". וויאַזוי מע קאָנ ניט פֿאַרנ בורזשואַזנ נאַציאָנאַליזמ מיט שאָוויניזמ, וויאַזוי מע קענ דענקענ וועגנ אַ ייִדישנ נאַציאָנאַליזמ, וועלכער איז ניט בורזשואַז, און דאָס פֿאַרנ מיט סאָציאַלער רעוואָליוציע און מיט פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור, איז ל. שאַפּיראָס זאַכ. ניט וועגנ דעמ האַנדלט זיכ עס דאָ.

ל. שאַפּיראָ איז, נאַטירלעכ, ניט מסכים מיט דער שטעלונג פֿונ דער קאָמ־פּאַרטיי צו ליטעראַרישער אַרבעט. ער מאַכט זיכ לײַכט דעמ איניקנ דורכ דעמ, וואָס ער פּראָטעסטירט קעגנ „מאָנונג פֿונ דרויסנ". ער איז גערעכט, אַז מע דאַרפֿ ניט כאַנפֿענענ דעמ אַרבעטער און מע דאַרפֿ ניט סענטימענטאַל באַווי־נענ זײַנ שיקזאַל. אָבער דאָס זײַנענ איסנווייניקסטע, פֿאַרמעלע זאַכנ. ל. שאַ־פּיראָ ענטפֿערט ניט אַפֿ דער גרונט־פֿראַגע, וואָס מיר האָבנ אַוועקגעשטעלט אינ אונדזער ענטפֿער אַפֿ זײַנ ערשטנ בריוו: „וואָס דאַרפֿ אַ שרײַבער, לויט זײַנ מיינונג, טאָנ אַלס שרײַבער, קעדיי צו דינענ דער זאַכ פֿונ דער פּראָ־לעטאַרישער רעוואָליוציע און פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור, וואָס ער, ל. שאַפּיראָ, איז מיט איר מסכים, ווי מיט דעמ „וויכטיקסטנ פּונקט"? ל. שאַפּיראָ ענט־פֿערט, אַז ער איז פֿאַר „נייטראַלער" ליטעראַטור, דאָס הייסט פֿאַר אַזאַ ליטע־ראַטור, וואָס שטעלט זיכ ניט פֿאַר קיינ ציל צו דינענ דעמ אַרבעטער־קלאַס, וואָס איז ניט דורכגעדרונגענ מיט דער אידעאָלאָגיע און לעבנס־עמפּפֿינדונג פֿונ דעמ קלאַסנקאַמפּ און וואָס קענ דינענ אַלע קלאַסנ. ל. שאַפּיראָ דער־מאַנט אונדז וועגנ „קולטורעלער ירושה", פֿונ וועלכער די קאָמוניסטישע פּאַרטיי באַרויבט קלומערשט דעמ אַרבעטער, פֿאַרגעסנדיק דערבײַ, אַז עס איז ניט די אויפֿגאַבע פֿונעמ אַרבעטער־קלאַס צו בויענ אָדער צו העלפֿנ בויענ די בורזשואַז־קולטורעלע ירושה.

אויכ אָט די שטעלונג איז ניט נײַ. מיר האָבנ זי געהערט פֿונ אַסאַכ בורזשו־אַזע שרײַבער. מיר האָבנ זי געהערט פֿונ די ייִדישע „קולטוריסטנ". מיר באַ־מערקנ אָבער דערבײַ די גאַנצ אייגנטימלעכע דערשײַנונג, אַז גראָד אינ דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור, ווו מע „מאָנט" און מע פּאָדערט, און מע אַרבעט אַפֿ באַשטעלונג און מע אינטערעסירט זיכ דאַפֿקע יאָ מיט דעמ, וואָס עס טוט

זיך אינ „דעמ שרײַבערס לאַבאָראַטאָריע", אונ מע דערקלערט, אז אָט די לאַ־באָראַטאָריע איז ביכלאל ניט קײנ „פּריוואַט־זאַכ", נאָר א זאַכ, וואָס דער קלאַס האָט א רעכט צו וויסנ, וויאַזוי אונ וואָס דאָרט טוט זיך — גראָד דאָרט, ווו ל. שאַפּיראָ זאָגט, אז ער וואָלט זיך געפּילט זײער אומבאַקוועמ, מערקנ זיך, אפילע לויט ל. שאַפּיראָס אײגענער באַמערקונג, „באַדײַטנדיקע דערפאָלגנ", אונ עס קומענ צו „פרישע, יונגע טאַלאַנטנ". אונ גראָד דאָרט, ווו מע היט אָפּ „די יעכידישע לאַבאָראַטאָריע", ווי דעמ שוואַרצאַפּל פונעמ אויג, ווו מע פאַר־דערט ניט אונ מע מאָנט ניט (ס'הײסט מאָנענ מאָנט מענ יאָ, ווײַל די בור־זשואַזע שרײַבער, זײַענדיק א טײל פונ דער בורזשואַזער וועלט אונ זײַענדיק דורכגעדרונגענ מיט איר אידעאָלאָגיע אונ לעבנ־באַנעמ, שרײַבנ אפּ דער באַ־שטעלונג פונ דער בורזשואַזיע) — גראָד דאָרט באַמערקט זיך א פּאַרוויאַנעג פונ קויכעס, אנ עלטערשוואַכקײַט אונ א ניט־אופשטײַג פונ נײַע, פרישע טאַ־לאַנטנ.

אָבער אויך דאָס איז ל. שאַפּיראָס אײגענע פּראָבלעמ. מיר זײַנענ זי דאָ ניט אויסנ צו דיסקוטירנ. ל. שאַפּיראָס ווידערשפּרוכנ זײַנענ ל. שאַפּיראָס ווידערשפּרוכנ. אונ ניט דאָס ווערט דאָ באַטראַכט.

מיר ווילנ נאָר פרעגנ אײנס: מיט וואָס פּאָרט קענ א שרײַבער, וואָס דערקלערט זיך פאַר א לינקנ אונ פאַר אנ אָנהענגער פונ דער רעוואָליוציע, אַרויסווײַזנ זײַנ לינקיזמ? געזעלשאַפטלעכע אַרבעט, זאָגט ל. שאַפּיראָ, איז פאַר א שרײַבער לאַוו דאַפקע (ניט קײנ מוז — א. פּ.). קלאַסנ־ליטעראַטור — כאָלילע: בעסער „נײטראַלע" ליטעראַטור. קלאַסנ־באַשטעלונג — שלעכט. נו, טאָ וואָס־זשע זאָל טאָנ אזא שרײַבער צו באַהויפּטנ זײַנ לינקיזמ?

דאָס האָט א שײַכעס ניט נאָר צו ל. שאַפּיראָ. עס זײַנענ פאַראַנ יידישע קולטורטוער, וואָס בילדנ א זײער אקטיווע טײל פונ דעמ בורזשואַזנ לאַגער. זײ קעמפנ אינ יידישע באַלעבאַטישע צײַטונגענ די מילכאָמעס פונ דער בור־זשואַזיע. זײ נוצנ אויס אַלע קויכעס צו באַקעמפנ די רעוואָליוציע, דעמ אַר־בעטער־קלאַס, די פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור, דעמ אופבוי פונ דעמ סאָציאַליזמ— אונ אינ דער זעלביקער צײַט זײַנענ זײ „לינקע". פרעגט זיך: איז גענוג אײנ דעקלאַראַציע, אָדער מע דאַרפ טאָנ עפּעס מאַמאָשעסדיקס, קעדײ צו זײַנ א לינקער?

אונדז האָט לענינ געלערנט צו דערקענענ מענטשנ ניט לויט זײערע דע־קלאַראַציעס, נאָר לויט זײער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. שריפטשטעלערישע אַרבעט איז אויך געזעלשאַפטלעכע אַרבעט. ווענ א שריפטשטעלער איז לינק, דאַרפ דאָס קודעמקאָל זיך אויסדריקנ אינ זײַנ שרײַבנ.

די פראַגע בלײַבט די זעלביקע, וואָס מיר האָבנ אופגעשטעלט צוריק מיט צוויי וואָכנ, אונ וואָס ל. שאַפּיראָ האָט אפּ איר אפילע ניט געפּרווט ענטפערנ:

„אויב ל. שאַפּיראָ אונ זײַנ גלײַכנ גײענ זיך פאַנאַנדער מיטנ פּראָלעטפּענ נאָר אינ „געוויסע פּונקטנ", טאָ ווי קומט עס, וואָס זײ האָבנ זיך אינ ערגעץ ניט באַטײליקט רעוואָליוציאָנער? אויב אָבער דאָס פאַנאַנדערגײנ זיך איז אזוי

שטאַרק, אַז די „אָפּיצ׳עלע שטעלונג״ דערלאָזט ניט די באַטייליקונג (און ל. שאַפּיראָס היינטיקע דעקלאַראַציע האָט נאָר באַוויזן, אַז דאָס פּאַנאַנדערגיין איז געגנוג ערנסט), טאָ ווו איז דער לינקיזם?

נ. ב. — מיר האַלטן, אַז דערמיט איז די דיסקוסיע פאַרענדיקט״.

ל. שאַפּיראָס צווייטער בריוו האָט נאָכמער באַוויזן דעם אידעאָלאָגישן פּלאָנטער און די ווידערשפּרוכן אין זיין געדאַנקענגאַנג, ווי בא די איבעריקע שרייבער פון זיין גליַיכן. דאָס האָט זיך אויסגעדריקט אויך אין דער פאָרם און אינעם סטיל פון זיינע בריוו. ער האָט זיך באַמיט צו שרייבן זייער די־פּלאָמאַטיש. די בריוו זיינען פול מיט אַבסטראַקציעס, פּאַראַלגעמיינערונגען און פּילפּוליסטישע „קאָמפּליקאַציעס״. ווען מע זאָל דאָס אַלץ דעשיפרירן, וועלן מיר דאָרט געפינען אַלע גוט באַקאַנטע בורזשואַז־אידעאַליסטישע, נאַציאָ־נאַליסטישע און קונסט־טעאָריעס.

דער קלאַסנקאַמף, זאָגט שאַפּיראָ, האָט אַראָפּגעשווענקט די יידיש־נאַציאָ־נאַלע פּראַגעס, און מעמיילע איז אים אויסגעקומען, זאָגט ער, צו שטעלן דעם טראָפּ אַפּ אַ ווינקל פונעם עפנטלעכן לעבן, וואָס די קאָמוניסטן האָבן פאַר־דיינפאַכט ביז צום פאַרשווינדן, און פאַר אים איז עס אַ שווערע קאָמפּליקאַ־ציע. דער טראָפּ — דאָס איז דער גוט באַקאַנטער „פּינטעלע ייד״־שטאַנדפּונקט פון דער בורזשואַזיע. דאָס „פּינטעלע ייד״ — דאָס איז שאַפּיראָס „שווערע קאָמפּליקאַציע״, פון וועלכער ער האָט זיך נאָך ניט באַפרייט.

ער האָט צופיל פאַרפּלאָנטערט דעם איניען, אַז אַ שרייבער דאַרף זיין אַ געזעלשאַפטלעכער טוער. דער פּלאָנטער נעמט זיך דערפון, וואָס ער האַלט פון אַ ספּעציעלער „דיכטערישער פליכט, וועלכע דער דיכטער וועט ניט אוועקגעבן פאַר אַלע פליכטן אין דער וועלט, ווייל שרייבערס פאַרלאַנגט דעם גאַנצן מענטשן, — און מער״. דער „און מער״ איז שוין פאַשעט מיסטיק, וואָ־רעם, וואָס קען שוין זיין מער, ווי דעם גאַנצן מענטשן? דאָס איז שוין פאַשעט פון „יענער זייט גרענעץ״, דאָס שמעקט שוין מיט טעאָריעס יענזייטיקע. און וואָס איז דאָס פאַר אַ ספּעציעלע „דיכטערישע פליכט״, וועלכע איז איבער אַלע פליכטן? און וואָס באַטייט, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט טונקעלע, נאָך אַלץ ניט אויסגעפאָרשטע קויכעס, וואָס זיינען ניט אינ־גאַנצן אונטער אונדזער קאָנטראָל? קונסט איז, הייסט עס, אַ טונקעלער, ניט־אויסגעפאָרשטער איניען, וואָס קאָן ניט ווערן קאָנטראָלירט. דער קינסטלער איז, הייסט עס, אויסער קאָנטראָל. וואָס־זשע לאָזט אונדז דאָס אַלץ הערן? דאָס לאָזט ער אונדז הערן, אַז קונסט קומט קלוימערשט פון קוואַלן, וואָס זיינען אויסערן סייכל, אויסערן לעבן, אויסער די קלאַסן, אַז קונסט קומט פון אינ־טויציע, פון אונטערבאַוווסטזיין, פון הייליקן גייסט, פון געטלעכקייט. און דערפאַר איז דער קינסטלער „איבער אַלע פליכטן״. ער איז, הייסט עס, אַ מין שוטעף צו דעם וועלט־באַשעפער, אַ פונק פון גאָט אַליין, ער איז אַליין אַ באַשעפער און אַ גאָט. מיר האָבן דאָ דעם הונדערט־פּראָצענטיקן בורזשואַזן אידעאַליזם.

און דערפון ווערט שוין קלאָר שאפּיראָס „טראָפּ״ און „פּינטעלע ייד״־נאַציאָנאַליזם. און דערפאר זאָגט שאפּיראָ, אז „י ע ד ע ר״ שרייבער האָט זיך ז יי נ ע וועגן פון צוגאנג צו דער פּראָבלעם („אויב דער שרייבער איז א רע־וואָליוציאָנער, מוז זיך עס אויסדריקן אין זיינ שרייבנ״) און זיינ א יי ג ע נ ע אָפּשאצונג פון די דערגרייכטע רעזולטאטנ. ס׳איז ניטאָ, לויט שאפּיראָן, קיין קלאסנ־צוגאנג צו ליטעראטור. קלאסנקאמפּ — יאָ, נאָר ניט אינ דער ליטע־ראטור. אינ דער ליטעראטור האָט יעדער שרייבער זיינע אייגענע וועגן, זיינ אייגענעם צוגאנג, זיינ אייגענע אָפּשאצונג. יעדער איינציקער שרייבער האָט אנ אנדער צוגאנג און אנ אנדער אָפּשאצונג. וויפל שרייבער, אזויפיל צוגאנגען און אזויפיל אָפּשאצונגען. יעדער שרייבער — א מינ, א קלאס פאר זיך, א „יעכידישע לאַבאָראַטאָריע״. לייוויקס אינדיווידואַליטעט און געוויסנ!

מיר געפינענ בא שאפּיראָן אויך די אידעאליסטישע דיסטאנצ־טעאָריע, אז דאָס נאָענטע צוגיינ צום קאָנקרעטנ מאטעריאל קענ שעדיקנ די קונסט. דאָס, וואָס שאפּיראָ שרייבט וועגן „נייטראַלע״ ווערק און וועגנ באַרויבנ דעם ארבעטער פון דער גאנצער קולטורעלער „ירושע״, איז שווער אפילע פאנאנ־דערשיפרירנ. „דער פסאקדינ, אז נייטראַלע ווערק זיינען שוין דערמיט אלייִנ שעדלעך, וואָס זיי זיינען נייטראַל, — זאָגט שאפּיראָ, — האָט זיך ארויסגעצייגט פאר א צווייזייטיקער שווערד״. מיר ווייסנ אָבער, אז אפּאָליטיק איז אויך פּאָ־ליטיק. נייטראַלע ווערק זיינען שעדלעך ניט דערמיט, וואָס זיי זיינען נייטראַל, נאָר ווייל זיי פארמאסקירנ א פיינטלעכע קלאסנ־אָריענטאציע. קיינ ווירקלעך נייטראַלע ווערק זיינען ניט פאראנ.

איז נאָכאמאָל: וואָס־זשע לאָזט אונדז דאָס אלצ הערנ? דאָס לאָזט אונדז הערנ, אז מע קענ ניט אנערקענענ דעם „וויכטיקסטנ פּונקט״, דעם רעוואָליוציאָנערנ סאָציאַליזם און פּראָלעטארישע דיקטאטור אָנ דער מארקס־לענינישער דיאַלעקטישער טעאָריע פון קלאסנקאמפּ. „אָנ דער רעוואָליוציאָנערער טעאָריע — האָט לענינ געזאָגט — איז ניט מעגלעך קיינ רעוואָליוציאָנערע ארבעטער־באַ־וועגונג״. אָנ דעם „ליכט״ פונעם מארקסיזם־לענינים וועט שאפּיראָ ניט קאָנענ בייקומענ זיינע בורזשואזע טעאָריעס, ווי אינ דער נאציאָנאלער פראגע, אזוי אויך אינ דער פראגע פון קונסט און ליטעראטור. און מיט אָט דעם „ליכט״ וועט ער פארשטיינ, אז פארטייִשקייט גופע (זעלבסטפארשטענדלעך, פּראָלעטא־רישע פארטייִשקייט) איז א מיטל ריכטיק צו דערקענענ וועלט, לעבנ, מענטש, נאציאָנאלע פארהעלטענישנ, ליטעראטור א. אז. וו.

אינ דעם ענטפער פון דער „מאָרגנ־פרייהייט״ אפּ שאפּיראָס צווייטנ בריוו, וואָס איז אינ גרונט א ריכטיקער, געפינענ מיר אָבער אייניקע ניט פּינקטלעכע פאָרמולירונגען און איינשטעלונגען.

אינ דעם ענטפער ווערט, צום ביישפּיל, געזאָגט: „ער (שאפּיראָ) איז גערעכט, אז מע דארפ ניט כאנפענען דעם ארבעטער און מע דארפ ניט סענטימענטאל באוויינענ זיינ שיקזאל. אָבער דאָס זיינען אויסנווייניקסטע, פאָרמעלע זאכנ״. ניינ, כאוויירים! דאָס זיינען שוינ גאָרניט קיינ „אויסנווייניקסטע, פאָרמעלע זאכנ״. דאָס איז בורזשואז־פילאנטראָפּישער צוגאנג צום ארבעטער־קלאס, דאָס

זיינען אידעאָלאָגישע זאַכן. בלויז אויסנווייניקסטע, פאָרמעלע זאַכן זיינען איבערהויפּט ניט פאַראַן. דעם „וויאַזוי" קען מען ניט און מע טאָר קיינמאָל ניט אָפּטיילן פון דעם „וואָס", מע טאָר ניט אָפּרייסן די פאָרם פונעם אינהאַלט. זיי זיינען דיאַלעקטיש איינהייטלעך אין זייער ווידערשפּרעכלעכקייט.

עס ווערט אויך געזאָגט: „ס'איז ניט די אויפגאַבע פונעם אַרבעטער־קלאַס צו בויען אָדער העלפן בויען די בורזשואַז־קולטורעלע ירושה". ערשטנס, קען מען א ירושה ניט בויען און ניט העלפן בויען. בויען איז בכלל ניט שייך צו זאָגן אף ירושה. די קולטור־ירושה פון דער בורזשואַזיע דאַרף און וועט דער אַרבעטער־קלאַס ניט בויען, נאָר איבערנעמען. ס'פאַרשטייט זיך, אַז ער וועט זי ניט איבערנעמען מיט האַק און פּאַק, נאָר ער וועט זי פריער קריטיש איבעראַרבעטן, אויסנוצנדיק די ווערטפולע עלעמענטן אירע פאַר דער בויונג פון דער פּראָלעטאַרישער קולטור, וועלכע וועט אַרויסשטויסן און פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון דער בורזשואַזער קולטור.

מע דאַרף זאָגן, אַז די פּראָבלעם פון ירושה איז נאָך ביז איצט ניט אויפגעהויבן געוואָרן אין אַמעריקע. די פּראָלעטאַרישע קריטיקער דאַרפן זי אָבער פאַנאַנדעראַרבעטן. מיט דער הילף פון דער מאַרקס־לעניניסטער טעאָריע וועט די דאָזיקע פּראָבלעם אָן ספק געפינען איר ריכטיקע לייזונג. דערווייל אָבער האָבן מיר אַזאַ טרויעריקן פאַקט, וואָס מע האָט נאָך אין אַמעריקע אפילו ווי געהעריק ניט אויפגעהויבן די ירושה־פּראָבלעם בנוגע די ערשטע יידישע רעוואָלוציאָנערע דיכטער (ווינטשעווסקי, עדעלשטאַט און באָווער). דער כ' קאַלמען מאַרמאָר איז דער איינציקער, וועלכער האָט מיט זיינע פאָרשונגען וועגן ווינטשעווסקין און עדעלשטאַטן שוין ביז איצט אָפּגעטאָן א גרויסע אַרבעט אף דעם געביט. אָבער אויך די יונגע ליטעראַטור־קריטישע קרעפטן פונעם „פּראָלעטפּען" דאַרפן זיך נעמען פאַר אָט דער אַרבעט, וועלכע איז פון גרויס וויכטיקייט ניט בלויז פאַר דער יידישער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור אין אַמעריקע.

דער בריוו־אויסטויש האָט אונדז באַוויזן, אַז ל. שאַפּיראָ און זיין גלייכן זיינען נאָך ניט פאַרטיק איבערצוגיין אינעם לאַגער פון אַרבעטער־קלאַס. זיי דאַרפן זיך נאָך באַפרייען פון א היפּשן באַגאַזש פון בורזשואַזע אידעאָלאָגישע „טראַנטעס", און זייער איינשטימונג מיטן וויכטיקסטן פּונקט וועלן זיי דאַרפן דערווייזן דורך זייערע ווייטערדיקע ווערק און האַנדלונגען.

„דער סיגנאַל"

דאָס דערשײַנען פֿונעם „סיגנאַל", פֿון דער צײַטשריפֿט פֿאַר ליטעראַטור און קריטיק, וועלכע ווערט אַרויסגעגעבן פֿונעם „פּראָלעטפּען", באַצייכנט אַ נײַעם אופֿשטײַג אין דער אַמעריקאַנישער ייִדישער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור, זי עפֿנט אַ נײַ רויט בלעטל אין דער געשיכטע פֿון דעם קאַמף פֿאַר פּראָלע־טאַרישער ליטעראַטור אין אַמעריקע.

„דער סיגנאַל" ווערט אָנגעפֿירט פֿון אַ רעדקאָלעגיע אין באַשטאַנד פֿון די כאַווײרים: וויליאַם אייבראַמס, ב. פֿענסטער, אַרן קורץ, א. ראַבאָי און ד. יוקלסאָן. רעדאַקציע סעקרעטאַר: א. ראַבאָי; פֿאַרוואַלטער: אַרן קורץ.

עס איז שוין דערשינען זעקס נומערן (2 טאָפּלטע) פֿונעם זשורנאַל. דער ערשטער נומער איז דערשינען אין פֿעברואַר 1933, אין 32 זײַטן. אין אים איז געגעבן אַ ריי לידער, דערציילונגען, רעצענזיעס, אַרטיקלען וועגן ליטע־ראַטור און אַנדערע מאַטעריאַלן. אַכוץ די לייטאַרטיקלען זײַנען דאָרט אָפּגע־דרוקט באַגריסונגען פֿונעם כ' אָלגין, רעדאַקטער פֿון דער „מאָרגן־פֿרײַהײַט", פֿונעם כ' זיסקינד ליעוו און פֿון דער רעוואָליוציאָנערער אַמעריקאַנישער שרײַבער־פֿעדעראַציע. אין דעם ערשטן נומער באַטייליקן זיך די פֿאָלגנדיקע שרײַבער: אַרן קורץ, סאָרע באַרקאַן, מ. א. סול, קאַלמען מאַרמאָר, סעם ליפּצין, א. ראַבאָי, פֿיליפּ ראַף, ל. לאַמפּעל, כאַים שוואַרץ, מאַרטין בירנבוים, פֿייסעך מאַרקוס, מוישע נאַדיר, ל. יורמאַן, ב. פֿענסטער, ב. מאָזער.

אין דער „מאָרגן פֿרײַהײַט" פֿאַרן 6־טן מאַרט, 1933, געפֿינען מיר אַ באַריכט פֿון דעם אָוונט צום דערשײַנען פֿונעם ערשטן נומער „סיגנאַל",— פֿון דעם באַנקעט, וואָס איז אײַנגעאָרדנט געוואָרן דעם 26־טן פֿעברואַל אינעם ייִדישן אַרבעטער־אוניווערסיטעט. אף דעם באַנקעט איז פֿאָרגעקומען אַ הייסע דיסקוסיע וועגן פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור. פֿון דער דיסקוסיע קאָנען מיר זיך דערוויסן וועגן דעם „סיגנאַל" און וועגן דעם צושטאַנד אפֿן פּראָלעטפּענישן פֿראָנט אין אַמעריקע. ס'וועט דעריבער זײַן קעדײַ צו באַקענען זיך מיט דעם אינהאַלט פֿון דער דאָזיקער דיסקוסיע.

כ' אָלגין, וועלכער האָט באַגריסט דעם „סיגנאַל" אינעם נאָמען פֿון דער רעדאַקציע „מאָרגן־פֿרײַהײַט", האָט אונטערגעפֿירט אַ סאַכאַקל פֿון די דערגרייכונגען, שוואַכקײַטן, אופֿגאַבעס און פּערספּעקטיוון פֿונעם „פּראָלעט־פּען". דער „פּראָלעטפּען", האָט געזאָגט כ' אָלגין, האָט פֿאַר די לעצטע דרײַ יאָר דורכגעמאַכט אַ באַדײַטנדיקן אַנטוויקלונג־וועג. ביז צוריק מיט דרײַ יאָר איז דער וועג פֿאַר דער נײַער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור געווען טיילווײַז

פארבלאָקירט דורכ באלעבאטישע „מיטלויפער", וועלכע האָבנ פארנומענ בא אונדז די ערשטע פּאָזיציעס, אונ דורכ דער ניט ריכטיקער ליניע פונ די אָנפירנדיקע פארטיי־כאוויירימ אפנ געביט פונ ליטעראטור. פאר די לעצטע דרײַ יאָר, דאָס הייסט זינט דער פאָרמעלער גרינדונג פונעמ „פראָלעטפענ", זײַנענ אָט די שטרויכלונגענ אינ א גרויסער מאָס פארשווונדנ. וואָס איז דערגרייכט געוואָרנ פאר אָט די יאָרנ? ערשטנס, איז געשאפנ געוואָרנ א ברייטע מאסנ־סוויווע פאר די יידישע פראָלעטארישע שרײַבער — אסאכ א ברייטערע אונ אופנעמפייקערע, ווי צוריק מיט עטלעכע יאָר. דאָס איז דערגרייכט געוואָרנ אדאנק דער טעטיקײַט פונ דער קאָמוניסטישער פארטיי אינ א צײַט, ווענ דער קריזיס רעוואָליוציאָניזירט די מאסנ, אונ דער סאָוועטנ־פארבאנד ווײַזט דעמ וועג פונ סאָציאליסטישנ אופבוי. צווייטנס, איז אינ אזא סאָציאלער אטמאָספער פאָרגעקומענ די אידעאָלאָגישע צוזאמענשמעלצונג פונ די פארשיידענע עלעמענטנ, וואָס האָבנ געבילדעט דעמ „פראָלעטפענ". אויב צוריק מיט דרײַ יאָר האָט א „פראָלעטפענ"־מיטגליד נאָכ געקענט אָפנ אָדער באהאלטנ אויסדריקנ א צווייפל, צי עס איז פאראנ אזא זאכ, ווי פראָלעטארישע ליטעראטור, זײַנענ איצט אלע איבערצײַגט, אז דער ליטערארישער פראָנט דארפ זײַנ א טייל פונ דעמ פראָלעטארישנ קלאסנ־פראָנט. דריטנס, איז דער „פראָלעטפענ" ביכלאל רײַפער געוואָרנ. אסאכ שרײַבער האָבנ מער אנטוויקלט זייערע קויכעס, נײַע קומענ אָנ פונ די פראָלעטארישע רייענ. מיר האָבנ שוינ אנ אויסגעקריסטאליזירטנ קערנ, א צוציִונג־צענטער פאר נײַע שרײַבער פונ דער ארבעטער־מאסע, ניט געקוקט אפ די אָדער יענע רעשטנ פונ בורזשואזנ אײַנפלוס.

אויב דאָס איז אָבער א גרויסע דערגרייכונג, אויב דאָס איז דער באָדנ, אפ וועלכנ עס קענ אונ ס'וועט געשאפנ ווערנ אנ ערנסטע פראָלעטארישע ליטעראטור, קענ מענ דאָס ניט זאָגנ וועגנ דער קוואליטעט פונ דער ליטערארישער ארבעט. דער פארלאנג „זיכ איבערצובערעכנ", די שטרעבונג צו שטעלנ זיכ אפ א פראָלעטארישער ליניע האָט אָפט געפירט דערצו, אז די טעכניש־קינסטלערישע זײַט פונ די ארבעטנ האָט געליטנ. די אויסבעסערונג אינעמ אינהאלט איז דאָ אונ דאָרטנ פאָרגעקומענ אפנ כעזשבנ פונ א פארערגערונג אינ דער באארבעטונג. אזוי האָט זיכ געקענט באשאפנ א סיטואציע, אז מיר זאָלנ האָבנ „מאָדעס": פריִער איז געווענ די הערשנדיקע טעמע: דעמאָנסטראציע, יוניאָנ סקווער, „פיקעט־ליינ" [1]; שפעטער איז געקומענ די טעמע: ארבעטלאָזיקײַט, אונ צוזאמענ דערמיט די טעמע „דערוואכונג צומ קלאסנ־באוווסטזײַנ". אינ יעדנ פאל האָבנ די שרײַבער וויניק אינדיווידואליזירט, וויניק קאָנקרעטיזירט, זיכ וויניק אינטערעסירט מיטנ לעבעדיקנ מענטשנ — אונ דער רעזולטאט איז געווענ, אז די טעמעס זײַנענ זייער שנעל געוואָרנ אויסגעדראָשנ אונ האָבנ אָנגעהויבנ דערעסנ.

דאָכ איז אפילע דורכ די דאָזיקע פראָבעס עפעס דערגרייכט געוואָרנ. דער ליטערארישער באָדנ איז אָנגעזעטיקט געוואָרנ. די שרײַבער האָבנ אינ אלגעמיינ

1) פונ שטרײַק־שטייגער.

און אין גאנצן גענומען באקומען מער זיכערקייט. זייער קלאסן־מאטעריאל איז בא זיי געוואָרן מער נאטירלעך. די אדעקוואטע באהאנדלונג פונעם מאטער־יאל שטייט שוין פאר פילע ווי א דרינגענדיקע פּראָבּלעם. א דראנג צו זען דאָס לעבּן אין זײַן פולער קאָנקרעטקייט לאָזט זיך מערקן אין דער לעצטער צײַט. דאָס, וואָס די פארצייכענונג האָט זיך באוויזן אפ דער ארענע, איז א וויכטיקער סימען.

די פארגאנגענע דרײַ־פערטהאלבן יאָר זײַנען דעריבער געווען פרוכט־בארע יאָרן. זיי האָבן געשאפן דאָס, וואָס ס׳מאכט מעגלעך א ווײַטערדיקע פיל שנעלערע אנטוויקלונג.

די דאָזיקע אנטוויקלונג פאָדערט קוידעםקאָל אן ע ר נ ס ט ע ר ע ב א צ י ו נ ג פ ו נ ד י ש ר ײַ ב ע ר צ ו ז י י ע ר א ר ב ע ט. די כאוויירים שרײַבער האָבן זיך אָפט צו לײַכט געמאכט די אופגאבע, צו אָפט געשעפּט זייער „אינספּיראציע״ פון דער סומע דערפארונגען, וואָס האָט זיך צופעליק אָנגעזאמלט אין זייער באוווסטזײַן, אָנשטאָט צו גיין און זיך ב א ר ײַ כ ע ר ן מיט דערפארונגען אפ א סיסטעמאטיש־געפּלאנטן שטייגער.

צווייטנס, אָדער עפּשער ערשטנס, איז נייטיק פאר אונדזערע שרײַבער, זיי זאָלן זיך מער אונטערשמידן אידעאָלאָגיש. א פּראָלעטארישער שרײַבער קען ניט אויספילן זײַן פליכט, ווען ער איז ניט פארבונדן אפן ענגסטן אויפן מיט דעם קלאסנקאמף, און ער קען ניט זײַן ערנסט פארבונדן מיטן קלאסנקאמף, און ער קען ניט דינען דעם קלאסנקאמף מיט זײַנע ליטעראַרישע ארבעטן, אויב עס הינקט בא אים די אידעאָלאָגיש־טעאָרעטישע צוגרייטונג. אָן א רע־וואָליוציאָנערער טעאָריע קען ניט זײַן ניט בלויז קיין רעוואָליוציאָנערע באווע־גונג, נאָר אויך קיין רעוואָליוציאָנער־פּראָלעטארישע ליטעראטור.

דריטנס, ד א ר פ ן א ו נ ד ז ע ר ע ש ר ײַ ב ע ר א ו י ס א ר ב ע ט ן א ו ן ב א ר ײַ כ ע ר ן ז י י ע ר ט ע מ א ט י ק. מיר דארפן האָבן ניט בלויז דעם שאַפ — דאָ איז בא אונדז א גוואלדיקער, שרײַענדיקער בלויז, וועלכער דארף וואָס גיכער אויסגעפילט ווערן און וואָס ווענן אים מוז מען בעעמעס אופהייבן דעם אליארעם־סיגנאל — און ניט בלויז די ארבעטלאָזיקייט און די ארבעטער־פּראָ־טעסטן, נאָר דאָס גאנצע ברייטע געזעלשאפטלעכע לעבן, דאָס גאנצע פארשיידנ־ארטיקע סאָציאַלע געוועב, געזען מיט מארקסיסטיש־לענינסטישער אופאסונג און פאָרגעשטעלט דורך לעבעדיקע קאָנקרעטע פּערזאָנען.

פערטנס, דארפן די פּראָלעטארישע שרײַבער זיך פארהאלטן מיט מער אופ־מערקזאמקייט צו זייערע ארבעט־מעטאָדן. די אומצעטיילבארקייט פון קלאסנ־פאָרמע מיט קלאסן־אינהאלט אין א פּראָלעטארישן ווערק איז א פאקט, וואָס, צום באדויערן, ווערט בא אונדז אָפט פארזען. מיר אָפּערירן אָפט מיט טעכ־נישע מיטלען, גענומענע פון דער בורזשואזער ליטעראטור. אין אסאך פּראַטים דארפן זיך אונדזערע שרײַבער פּ אָ ש ע ט ל ע ר נ ע ן צ ו ז ײַ ן פּ א ס י ק ע מ ײַ ס ט ע ר ס.

אָבער די דאָזיקע ארבעט, זאָגט אָלגין, איז איצט אסאך לײַכטער, ווי זי איז געווען פריִער. לאָמיר ניט פארגעסן, אז מיר האָבן אן ארבעטער־אוילעם,

װעלכער האָט שױן באַקומען אַ ברײטע און פֿאַרשײדנאַרטיקע קלאַסנקאַמפּ־דערציִונג. די פֿאָדערונגען פֿון אָט דעם אױפֿלעם זײַנען שטאַרק אױסגעװאַקסן. דעם עמעס געזאָגט, זײַנען דאָך די שרײַבער פֿון פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור אַף אַנדערע שפּראַכן אין אַמעריקע אונדז מעקאַנע אַף אונדזער קולטורעלער מאַסן־אױדיטאָריע.

צוריק מיט דרײַ יאָר האָבן מיר ניט געהאַט קײן אַרבקאָרן. אונטערן „פּראָ־לעטפֿען" און צוליב דער נײטיקײט פֿון אַזאַ אָרגאַניזאַציע האָבן מיר איצט אַ פֿאַרצװײַגטע נעץ אַרבקאָרן.

אין װעלכן פּראַט זײַנען מיר אַמערסטן צוריקגעשטאַנען? עס פֿעלט אונדז ליטעראַרישע קריטיק. דאָס מײנט,—פּירערשאַפֿט. דאָס דאַרף פֿאַרפֿולט װערן דורך קאָלעקטיװער אַרבעט. „דער סיגנאַל" דאַרט זײַן דער אָרגאַן, װעלכער פֿירט אָן און קריסטאַליזירט די אַרבעטן פֿונעם „פּראָלעטפֿען". אינעם „סיג־נאַל" פֿעלט נאָך מער פּאָלעמיק, ס'פֿעלט קאַמף קעגן דעם סױנע, קאַמף קעגן „ייִדיש" — קעגן ניגעריזם, באַלעבאַטישער קריטיק און ביכלאַל קעגן דעם גאַנצן באַלעבאַטישן װעלטל.

כ' אָלגין שליסט מיט דער באַמערקונג, אַז אױב די פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור אַף ייִדיש אין די פֿאַרײניקטע שטאַטן האָט געמאַכט אַ גרױסן טריט פֿאָרױס פֿאַר די לעצטע דרײַ יאָר, האָט אָבער דער פּראָלעטאַרישער קלאַסנקאַמף געמאַכט בעערעך אַ פֿיל גרעסערן טריט פֿאָרױס. אַזױ, אַז די צוריקגעשטאַנענקײַט פֿון דער ליטעראַטור לעגאַבע דעם אַװאַנגאַרד פֿון דעם קלאַסנקאַמף איז איצט פּראָפּאָרציִאָנעל גרעסער, װי זי איז געװען צוריק מיט פֿינף יאָר.

די צװײטע װיכטיקע רעדע האָט געהאַלטן כ' װיליאַם אײבראַמס, אײנער פֿון די פּיִאָנערן און פֿון די אַקטיװסטע טוער אַפֿן „פּראָלעטפֿען"־פֿראָנט.

כ' אײבראַמס האָט געזאָגט:

מיר האָבן לאַנגע יאָרן געװאַרט אַף אַזאַ װאַרעם װאָרט, װי מיר האָבן דאָ הײַנט געהערט. דאָס אַלײן באַרעכטיקט שױן דאָס דערשײַנען פֿונעם ער־שטן נומער „סיגנאַל", ניט געקוקט אַף אַלע זײַנע שװאַכקײַטן. כ' אָלגינס אַנאַליז פֿונעם „פּראָלעטפֿען" דאַרף אונדז לערנען, אַז מיר האָבן שױן אין דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור באַשטימטע דערגרײכונגען. מיר קוקן אַפֿן כ' אָל־גינען, װי אַף אַ מענטשן מיט אַ ברײטן מאַרקסיסטישן װיסן, װאָס קען און דאַרף שפּילן די סאַמע פֿירנדיקסטע ראָליע אין דער אַנטװיקלונג פֿון אַ פּראָ־לעטאַרישער ליטעראַטור אין אַמעריקע.

אומגערעכט זײַנען די כאַװײרים, װעלכע רעדן װעגן דעם, אַז עס זײַנען געװען אָביעקטיװע סיבעס, פֿאַרװאָס די פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור איז ניט געװאָקסן. אַף אָביעקטיװיזם באַרופֿן זיך אַסאַך אָפּאָרטוניסטן, װעלכע װילן אַראָפּװאַרפֿן פֿון זיך די פֿאַראַנטװאָרטלעכקײַט פֿאַר באַגאַנגענע פֿעלערן. די שולד ליגט אין אונדז. דאָ זײַנען פֿאַראַנטװאָרטלעך די סוביעקטיװע עלעמענטן. מיר האָבן אַלײן ניט דערלאָזט, עס זאָל װאַקסן אַ פּראָלעטאַרישע ליטע־ראַטור.

אָנגעהויכט מיט בירגערלעכער קולטור, האָבן מיר, פון איין זײַט, געבענקט „אהיים" און, פון דער צווייטער זײַט, ניט דערשאַצט די ערשטע שפּראָצן אין אונדזערע אייגענע רייען. כ׳ אָלגין איז גערעכט, ווען ער רעדט וועגן דעם, אַז לייוויק און אַנדערע האָבן פאַרבלאָקירט דעם וועג פאַר די יונגע פּראָלעטאַרישע שרײַבער־קאַדרען. אָבער אויסער דעם דאַרף מען דאָך געדענקען, אַז דעם „פּראָלעטפּען" גופא האָט מען געדאַרפט איבערברעכן, אַז מע האָט געדאַרפט אויסברענען די ירושה פון איסט בראָדוויי. ווי לאַנג איז דאָס, ווי מיר האָבן געדאַרפט איינעם־צוויי־דרײַ הייסן פאַרמאַכן די טיר פון דער צווייטער זײַט, און איינער האָט אונדז אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער טיר? די אַלע עלעמענטן האָבן מיר אין זיך היינט בײַגעקומען. מיר זײַנען אַלע רײַפער, און די שטימונג אַרום אונדז ענדערט זיך אויך. דער „אַרטעף", לעמאָשל, וועלכער איז נאָך אַ שטיקל מעהאַלעך פון צו זײַן אַן אויסגעפורעמטער קינסטלערישער טעאַטער אין אַלע פּראָטים, האָט אויך אונטער פרעמדע ווירקונגען געדרייט מיט דער נאָז אָפּ „פּראָלעטפּעניש" אַרבעטן. אַזוי איז אויך געווען באַ אַנדערע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס. די דאָזיקע באַציִונג און אַטמאָספער זײַנען ניט געקומען פון די אַרבעטער, נאָר פון אונדזער אייגענער שלעכטער ירושה, און פון דעם, וואָס מיר אַלע פונויבן זײַנען געווען אָנגעהויכט מיט בורזשואַזער קולטור.

איצט באַם דערשײַנען פונעם „סיגנאַל" פילן מיר אַלע, אַז די דאָזיקע שטימונג ענדערט זיך, אַז אונדזערע כאַווײרים האָבן זיך אין אַלגעמיין און אינגאַנצן אידעאָלאָגיש איבערגעבראָכן, און איצט שטייט די פּראָבלעם פון אַרבעטן איבער זיך, פון אָנהייבן בעעמעס שרײַבן אַזוי, אַז מיר זאָלן דאָס קאָנען אַ נאָמען געבן ליטעראַטור — פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור. מיר האָבן אַ געזונטן קאַדער שרײַבער. מע דאַרף בלויז געפינען דאָס אָרט פאַר יעדן פון זיי.

טאַקע דערפאַר, וואָס מיר טרעטן אַרײַן אין אַ נײַעם פּעריאָד פון אַרבעט און אַקטיוויקײַט אויפן געזעלשאַפטלעך־קולטורעלן געביט, קאָן מען ניט פאַרבייגן דאָס, וואָס באַ כאַווײרים פילט זיך נאָך, אַז זיי פאַרציִען אַ שטריקל ערגעץ אין דער „אייביקײַט" אַרײַן. פאַר דער אייביקײַט זאָל זיך דער היסטאָריקער זאָרגן. פאַרן קלאַסנקאַמף, פאַר אָרגאַניזירן מיט אונדזער ליטעראַטור דעם אַרבעטער צום קאַמף, היינט שוין — דאָס איז אונדזער אויפגאַבע. מיר אַלע ווייסן די דאָזיקע אויפגאַבע, מיר אַלע פאַרשטייען זי, און מיר מוזן זי אַלעמאָל האַלטן אין פּאָדערגרונט פון אונדזער אַרבעט. לאָמיר האַלטן אין זינען, אַז אַרום די פײַערן פון „פּראָלעטפּען" איז אויסגעוואַקסן אַ כאַוועער סול, איז צוריקגעקומען כ׳ ראַבאָי, זײַנען צוריקגעקומען גרינשפּאַן, סאָברין, מעינקע קאַץ.

כ׳ אייבראַמס באַרירט נאָך אַ ריי פּראָבלעמעס וועגן די סאָנ׳ים, וועגן איסט בראָדוויי און וועגן דעם אַזויגערופענעם לעבעדיקן מענטש, וואָס פעלט נאָך אין דער „פּראָלעטפּען"־ליטעראַטור. ער ווײַזט אָן, אַז ווײַבאַלד מע האָט באַ אונדז אָנגעהויבן ריידן וועגן ליטעראַטור, ווי וועגן אַ גרויסן און וויכטיקן איניען, ווײַבאַלד מע האָט באַשאַפן די וואַרעמקײַט אַרום דעם, וועלן אויך

מוזן קומען די ארבעטן. וואָרעם, ווען מע רעדט וועגן מענטשן, מוז מען געדענקען, אז אפילע אין דער יידישער פראָלעטארישער ליטעראטור פון ראטנפארבאנד האָט געקומען יאָרן, ביז עס האָט זיך אויסגעשיילט א מענטש, א טיפאזש, וועלכן מע זאָל קאָנען זען בוילעט. דאָס איז פאר אונדז ניט קיין אנטשולדיקונג. מיר מוזן גיין אין זייערע פוסטריט, און מיר וועלן אופבויען א געזונטע, א קרעפטיקע פראָלעטארישע ליטעראטור.

כ׳ אייבראמס האָט אויך אָנגעוויזן אין זייַן רעדע, אז בא אונדז מעג מען שוין הייַנט פארשטיין, אז אונדזער ליטעראטור דארף אינגאנצן שטיין צו דינסט דער פארטיי פונעם ארבעטער־קלאס. אָן אונדזער קאָמוניסטישער פארטיי איז איבערהויפט ניט מעגלעך קיין פראָלעטארישע ליטעראטור אין אמעריקע, אָבער דאָס הייסט גאָרניט, אז מיר טוען דער פארטיי א טויווע, ווען מיר זאָגן, אז זי האָט אלעמאָל געגעבן די ריכטיקע ליניע. ס׳זייַנען געווען צייַטן פון לאָווסטאָניזם. ס׳זייַנען געווען צייַטן, ווען איינצלנע כאוויירים און גרופעס האָבן געמאכט פעלערן, האָבן סייַ אין די טרייד־יוניאָנס, סייַ אינעם ארבעטער־רינג, סייַ בענעגייע ליטעראטור פארקריפלט די פארטיי־ליניע. אין גרונט גענומען אָבער קאָן ניט געמאָלט זייַן קיין פראָלעטארישע ליטעראטור אָן דער געזונטער אָנפירונג מיצאד דער קאָמפארטיי פונעם ארבעטער־קלאס.

כ׳ קורץ האָט גערעדט וועגן דעם, אז אינעם ערשטן נומער „סיגנאל״ פעלט „וועגן דער פראָבלעם מענטש און מעטאָד פון אונדזער ליטעראטור״, וואָס דאָס דארף זייַן דער רוקנביין פון זשורנאל. מיט דער פראגע וועגן „מענטש״ מיינט מען אינעם „פראָלעטפען״ די פראגע וועגן שעפערישן מעטאָד, קאָנקרעט: די פראגע וועגן סאָציאַליסטישן רעאליזם, ווי מע וואָלט געזאָגט אין ראטנפארבאנד. דאָס אופהייבן אָט די טייַנע וויַזט שוין אליין אף דעם גרויסן וווקס אינעם „פראָלעטפען״.

כ׳ שיפריס רעדט וועגן דער אטמאָספער, אין וועלכער ס׳איז אויסגעקומען צו ארבעטן. „די מאָרגן־פרייַהייַט״, האָט ער געזאָגט, האָט געפאָדערט באלדיקע ארבעטן און האָט גאנץ אָפט געטריבן צו פארפלאכונג. „דער סיגנאל״, זאָגט ער, וועט זייַן דערפאר וויכטיק, וואָס דאָרט וועט זייַן די מעגלעכקייַט פאר קריסטאליזירונג און פארטיפונג. דאָס וועט בעשומויפן ניט שטערן, נאָר עס וועט העלפן דער ארבעט פארן טאָגטעגלעכן קאמפ פון די ארבעטער־מאסן.

כ׳ מאָזער האָט אָנגעוויזן, אז די יידישע ארבעטער האָבן נאָך מיט יאָרן צוריק איַינגעזען, אז די לייוויקס און מענאכעמס זייַנען אונדז פרעמד. דאָס האָבן אויך אָנגעוויזן אסאך פראָלעטפען־מיטגלידער נאָך איידער ס׳איז געווען א „פראָלעטפען״. אויך דער „פראָלעטפען״ האָט זיך, ווי אלע אנדערע אָרגאניזאציעס, דורכגעראנגלט א וועג דורך אסאך שוועריקייַטן און אנטאגאָניזמען. עס האָט ביז איצט געפעלט די כאווערישע מיטארבעטשאפט, וואָס ער האָפט, אז זי וועט זייַן איצט, מיטן דערשייַנען פונעם „סיגנאל״.

כ׳ ליפצין האָט אָנגעוויזן, אז „דער סיגנאל״ וועט זייַן דאָס בעסטע מיטל צו היילן דאָס, וואָס איז נאָך אומגעזונט אין די שרייַבער. און אומגעזונטע עלעמענטן זייַנען נאָך פאראן, און היילן מוז מען.

כ׳ פרידמאַן האָט אויך גערעדט וועגן דער פּראָבלעם „מענטש״. ער ווייזט אָן, אַז די שרײַבער זײַנען ניט געווען אין די ארבעטער־רייען און האָבן ניט געקאָנט דעם ארבעטער. די שרײַבער זײַנען פונדעסטוועגן ניט צוריקגעגאַנגען, נאָר געוואַקסן. מע האָט זיי ניט געכאָוועט, ניט געוואָרעמט. זיי האָבן מיט־אמאָל ניט געקענט ארויסשפּרינגען.

כאַוווער־פאַווער האָט אָנגעוויזן, אַז די ארבעט אין „פּראָלעטפּען״ האָט זיך געגעבן א שטאַרקן רוק פאָרויס פאַר הײַנטיקן ווינטער. עס באַשאַפט זיך א נײַענטערע באַציִונג, עס ווערט געשאַפן א בונד צווישן די שרײַבער מיט די מאַסן־ארבעטער. פריִער האָט מען געפאָדערט: גיב דעמאָנסטראַציע, יוניאָן סקווער — לויף, גיב! איצט א נײַס — פּאַרטיפונג. מע האָט געדאַרפט פאָרויס־זען דעם וועג, ניט פאַרפירן די שרײַבער אין א טעמפּן ווינקל, וואָלטן זיי שוין הײַנט פיל מער דערגרייכט. שולדיק איז דאָ די פירערשאַפט מיט דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור אין אמעריקע.

אין דער דיסקוסיע איז ריכטיק קימאַט אַלץ, וואָס אַלע האָבן געזאָגט. אין די „מאָדעס״, וועגן וועלכע כ׳ אָלגין האָט גערעדט, איז אַסאַך שולדיק „די פרײַהײַט״ און כ׳ אָלגין אַליין, ווי עס האָבן אָנגעוויזן שיפּריס און פאַווער. אין טאָג איז עס געווען א געזונטער קער מיטן פּאָנעם צו די טאָגטעגלעכע נויטן פון דעם אמעריקאַנישן ארבעטער־קלאַס. דעם לאָזונג האָט נאָך ארויסגעשטעלט די פּראָלעטאַרישע שרײַבער־גרופּע „יוניאָן סקווער״. מע האָט אָבער געהאַט אי־בערגעבויגן דעם שטעקן.

די פּראָבלעמעס: מאַרקס־לענינישע ליטעראַטור־קריטיק און פּאַרטיי־ישע אָנ־פירונג, סאָציאַליסטישער רעאַליזם, קוואַליטעט, פּאַרטיפונג, מאַרקס־לענינישע דערציִונג, ווי אויך די פּראָבלעם פון ירושע, סײַ בענוגע דער יידישער בורזשואזער קולטור און ליטעראַטור, סײַ בענוגע די ערשטע יידישע ארבע־טער־דיכטער, סײַ בענוגע דער אמעריקאַנישער ליטעראַטור ביכלאַל, און דער קאַמף קעגן די בורזשואזע אײַנפלוסן און טראַדיציעס — דאָס זײַנען די צענט־ראַלע פּראָבלעמעס און אויפגאַבעס, וואָס שטייען פאַר דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור אין אמעריקע און פאַרן „פּראָלעטפּען״.

„דער סיגנאַל״ איז אַן אָנזאָג דערויף, אַז אָט די אויפגאַבעס וועלן ווי גע־העריק רעאַליזירט ווערן. דער „פּראָלעטפּען״ וועט העלפן אַנטדעקן און שאַפן די פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור פאַרן אמעריקאַנישן פּראָלעטאַריאַט און מיט דעם אמעריקאַנישן פּראָלעטאַריאַט. דער „פּראָלעטפּען״ וועט שפּילן אַן אָנגע־זעענע ראָליע אינעם קאַמף פונעם יידישן ארבעטער, אַלס א טייל פונעם גאַנצן פּראָלעטאַריאַט, פאַר אַן אמעריקאַנישן אָקטיאַבער, פאַר א סאָוועטן־אמעריקע!

די יידישע סאָוועטישע שרײַבער וועלן געבן דעם „פּראָלעטפּען״ די פולסטע שטיצע און הילף אין זײַן ארבעט.

III. ביאָ-ביבליאָגראַפיע פון די „פּראָלעטפּען"-מיטגלידער

סיגנאל
דער האמער
פעברואר
15c
DER
HAMMER
20c
ICOR
איקאר
PIONEER

מיר האָבן ביז איצט זיך פאַרנומען מיט דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור־באַוועגונג אין אַמעריקע. מיר וועלן איצט איבערגעבן, ווער עס גייט אַרײַן אינעם „פּראָלעטפּען", פון וועמען עס באַשטייט דער אַקטיוו פון דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור אין אַמעריקע און וואָס האָבן די אַמעריקאַנישע פּראָלעטאַרישע שרײַבער שוין באַוויזן צו שאַפן ביז איצט.

מיר גיבן דאָ קורצע כאַראַקטעריסטיקעס און ביאָגראַפיעס פון די „פּראָלעטפּעניקעס" און די ביבליאָגראַפיע פון זייערע ווערק.

אייבראַמס וויליאַם. געבוירן אין 1894 אין שאַוועל, געוו. קאָוונער גוב. (איצט ליטע). דער פאָטער א שוסטער. צו 11 יאָר אָנגעהויבן אַרבעטן אין א פאַבריק. צו 18 יאָר געפירט אין שאַוועל צוויי שטרײַקן, בא נוראָקן אין לעדער־פאַבריק און בא די ברידער קאַהאַן אין קאָנפעקטן־פאַבריק (5 הונדערט אַרבעטער), און צו 19 יאָר, אין 1913, געקומען קיין אַמעריקע. געוואָרן אַקטיוו אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. געאַרבעט באַם אויסלאָדן פראַכט־וואַגאָנעס, אין א פילאַדעלפיער שטאָלגיסערײַ, אין האַפּנס, בא פוטערוואַרג, שנײַדערײַ א. אנד.

אָרגאַניזירט צוזאַמען מיט נאָך 4 כאַווערים די ערשטע לינקע גרופּע אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי דאַון־טאַונער ברענטש (אָפּטייל) 2. געפירט א קאַמף אין די רייען פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי ביז דער גרינדונג פון דער קאָמפּאַרטיי אין 1919. זינט דאַן אין דער פּאַרטיי. אָנגעהויבן שרײַבן טרייד יוניאָן־פּעליעטאָנען אינעם אונטערערדישן קאָמוניסטישן „קאַמף", גלײַכצײַטיק אָנגעפירט מיט בילדונג־קרײַזן אין דער פּאַרטיי. שפּעטער געשריבן אַרטיקלען אינעם אַמעריקאַנער „עמעס" (אונטער שאַכנע עפּשטיינס רעדאַקציע). געפירט א שטאַרקן קאַמף קעגן די רעאַקציאָנערע פּראָפּאַריינישע פירער אין דער „אַמאַלגאַמייטעד" שנײַדער־יוניאָן און דערפאַר אויסגעשלאָסן געוואָרן. אין 1924 געוואָרן א רעדקאָלעגיע־מיטגליד פון דער „פרײַהײַט", געשריבן אַרטיקלען, בילדער, סקיצן, פעליעטאָנען, רעצענזיעס, דערציילונגען א.אז.וו.

בעשאַס זײַן באַזוך אין ראַטנפאַרבאַנד אין 1928 האָט די אוקראַינישע אָפּטיילונג פונעם צענטראַפאַרלאַג אַרויסגעגעבן זײַן בראָשור „די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן" מיט א פאָרוואָרט פון כ׳ שאַכנע עפּשטיין. אין די לעצטע פאָר יאָר אָנגעשריבן א דראַמע „אַרום א פאַבריק", געבויט אַפ מאַטעריאַל פונעם באַרימטן טעקסטיל־שטרײַק אין גאַסטאָניע. פאַרענדיקט א גרעסערע נאָוועלע פונעם יידישן אַרבעטער־לעבן אין ניו־יאָרק. איינער פון די גרינדער פונעם „פּראָלעטפּען" און פון זײַנע אָנפירנדיקסטע

טער. געווען רעדקאָלעגיע־מיטגליד פון „פראָלעטפען״־זאמלונג „יוניאָן סקווער״, איצט רעדקאָלעגיע־מיטגליד פונעם פראָלעטפענישן זשורנאל „סיגנאל״. האָט אויך געדרוקט אסאך ליטעראטור־קריטישע ארטיקלען אין דער „פרײַהײַט״ און אין „האמער״. אויך איבערגעזעצט ליטעראטור פון אנדערע שפראכן. רעדנער, לעקטער, אקטיווער פארטיי־טוער.

אין אמעריקע איז ניט לאנג דערשינען אין פארלאג „סיגנאל״ זײַנע א געדרוקטע נאָוועלע „דער פאטש״. ער האָט אויך צוזאמענגעשטעלט צוזאמען מיטן כ׳ קאלמען מארמאָר דעם „רעוואָליוציאָנערן דעקלאמאטער״ (ניו־יאָרק 1933).

אלמאזאָוו ש. (שלימע פערל). געבוירן אין 1889 אין ראָוונע, געוו. וואָלינער גובערניע (איצט פוילן) אין א פארמעגלעכער פאמיליע. ביז 1913 מיטגעארבעט אין „יוגאָ־זאפאדנאיא וואָלין״, דאן אויסגעוואנדערט קיין קאנאדע, ווו געענדיקט אוניווערסיטעט, געווען א לערער פון ענגליש. א לאנגע צײַט אויך געארבעט אין די יידישע קליינבירגערלעך־ראדיקאלע שולן. בעשאס דער מילכאָמע, אלס גענעראל־סעקרעטאר פונעם „מײַרע־ו־קאנאדער הילפס־פארבאנד פאר די יידישע מילכאָמע־געליטענע״, רעדאקטירט אנדערהאלבן יאָר א מאָנאטשריפט „הילף״, געווען אויך סעקרעטאר פונעם „פארבאנד פון אוקראינער יידן אין מײַרעוו־קאנאדע״ און פון דער „אוקראינער פעדעראציע״ אין מאָנטרעאל. געווען קאָרעספאָנדענט פון „פאָרווערטס״. שפעטער רײַסט ער מיט די בורזשואזע אָרגאניזאציעס און מיט דער בורזשואזער און געל־סאָציאליסטישער פרעסע. א קורצע צײַט נאָכדעם, ווי „די פרײַהײַט״ האָט אָנגעהויבן דערשײַנען, ווערט ער איר שטענדיקער רעדקאָלעגיע־מיטגליד. מיטגליד פון דער קאָמפארטיי. געווען א געוויסע צײַט סעקרעטאר פון „פראָלעטפען״. איצט גענעראל־סעקרעטאר פון „איקאָר״.

א כוץ זשורנאליסטישע ארבעטן געדרוקט אויך דערציילונגען, סקיצן, בילדער און לידער. אין 1932 ארויסגעגעבן א בוך „אף די וועגן פון אמעריקע״ מיט רײַזע־באשרײַבונגען און בילדער פונעם לעבן און קאמף פון די ארבעטער אין אמעריקע. איז אויך א באוווסטער רעדנער און לעקטער.

אָלגין מ. (מוישע־יאָסעף נאָוואָמיסקי). געבוירן אין 1878 אין א דאָרף פון געוו. קיעווער גוב., אומאנער אויעזד. זײַן פאָטער איז געווען א שאפער אין וועלדער. אין יאָר 1900 איז ער אָנגעקומען אפן יורידישן פאקולטעט פון קיעווער אוניווערסיטעט. אין יאנואר 1901 אָפגעגעבן, צוזאמען מיט א פאָר הונדערט אנדערע סטודענטן, אין סאָלדאטן פארן אָנטייל אין די סטודענטישע אומרוען. שפעטער געשפילט א פירנדיקע ראָליע אין דער סטודענטן־באוועגונג.

אין 1904 פארלאָזט כ׳ אָלגין דעם אוניווערסיטעט און פאָרט אריבער קיין ווילנע, שפעטער קיין דווינסק. ער באטייליקט זיך אין יענע יאָרן, ביז זײַן סאמע קומען קיין אמעריקע, אין 1914, זייער אקטיוו אלס אָנפירנדיקער טוער פונעם „בונד״, אלס רעדאקטער פון בונדישע אויסגאבעס א. אז. וו. ער שרײַבט אויך אין יענע יאָרן דערציילונגען און בילדער פונעם רעוואָליוציאָנערן לעבן

און פארעפנטלעכט איבערזיכטן איבער נײַע ליטעראַרישע ווערק. סאָף 1906 פאַרלאָזט ער רוסלאַנד איבער קראַנקײַט, שטודירט אין 1907 אין היידעלבערג סאָציאַלע וויסנשאַפטן און פילאָסאָפיע.

אין 1909 איז ער צוריקגעקומען קיין רוסלאַנד. אין דעם יאָר אויך אַרויסגעגעבן א זאַמלונג בעלעטריסטישע זאַכן „ווען דאָס לעבן רופט", וואָס איז געווען קאָנפיסקירט פון דער צאַרישער מאַכט; אין 1918 איז עס איבערגעדרוקט געוואָרן אונטערן נאָמען „ווען קייטן קלינגען".

אָנהייב 1913 זיך באַזעצט אין ווין, וווּ ער האָט, צווישן אַנדערן, געאַרבעט איבער זײַן דיסערטאַציע „דער אורשפּרונג פון מאַרקסיזם אין רוסלאַנד". די אימפּעריאַליסטישע מילכאָמע האָט אים געטראָפן אין דײַטשלאַנד. ניט קענענדיק זיך אומקערן קיין רוסלאַנד איבער פּאָליציייִשע פאַרפאָלגונגען, איז ער אַוועק קיין אַמעריקע, וווּ אַרײַנגעטראָטן אין דער רעדאַקציע פון „פאָרווערטס".

אין 1915 איז ער מיטרעדאַקטער פון דעם אָרגאַן פון דער יידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע „די נײַע וועלט". אין 1916 איז ער אָנגעקומען אין קאָלומביאַ-אוניווערסיטעט (אין ניו־יאָרק) אפּ דער אָפּטיילונג פון עקאָנאָמיע און סאָציאָלאָגיע. אין 1918 באַקומען דעם טיטל דאָקטער מיטן רעכט צו פאַרנעמען א פּראָפעסער־קאַטעדרע אין אַמעריקאַנער אוניווערסיטעטן. אין 1919 באַשטימט אַלס לעקטער איבער רוסישער סאָציאַלער געשיכטע אין דער ראַדיקאַלער הויכשול „נײַע שול פאַר סאָציאַלער פאָרשונג". אין דעם יאָר אויך אַרויסגעגעבן א בוך קריטיק „אין דער וועלט פון געזאַנגען" מיט פאָרמאַליסטישע און יידישיסטישע אײַנשטעלונגען.

אין 1920 האָט ער באַזוכט דײַטשלאַנד, פראַנקרײַך און דעם ראַטנפאַרבאַנד. אין פרילינג 1921 צוריקגעקומען קיין אַמעריקע, פאַרעפנטלעכט א לאַנגע סעריע אָפּהאַנדלונגען וועגן ראַטנפאַרבאַנד אין „פאָרווערטס" און אין דער ענגלישער פּרעסע פון אַמעריקע.

צו יענער צײַט הייבט אָן אָלגין אָפּגיין פון זײַנע מענשעוויסטישע און באַציאָנאַליסטישע פּאָזיציעס, אפּ וועלכע ער איז געשטאַנען פון סאַמע אָנהייב פון זײַן פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכער טעטיקײַט. נאָך דער שפּאַלטונג אין דער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע אין 1921 ווערט ער א מיטגליד פון דער „וואָרקערס פּאַרטיי". אינגיכן ווערט כ' אָלגין איינער פון די אָנגעזעענסטע טוער אין דעם יידישן טייל פון דער פּאַרטיי און איינער פון די רעדאַקטערס פון דער „פרײַהײַט", וואָס האָט אָנגעהויבן דערשײַנען אין אַפּרעל 1922.

כ' אָלגין האָט אין משעך פון זײַן געזעלשאַפטלעכער טעטיקײַט אָנגעשריבן טויזנטער אַרטיקלען, א גאַנצע ריי אַגיטאַציע־בראָשורעס אין רוסלאַנד און אין אַמעריקע. ער האָט אויך אַסאַך איבערגעזעצט פון רוסיש: „הונגער" פון ש. יושקעוויטש; „דערציילונג וועגן זיבן געהאַנגענע", „קעניג הונגער" און „דער געדאַנק" — פון לעאָניד אַנדרייעוו; פון פויליש: א באַנד דערציילונגען פון עליזע אָרזשעשקאָ; פון דײַטש: „יוגנט־געשיכטע פון אַן אַרבעטערין" פון אַדעלהיים פּאָפּ; פון העברעיִש: צוויי בענד פון מענדעלע מוכער־ספאָרים; פון ענגליש: „די שטימע פון בלוט" פון דזשעק לאָנדאָן און „צענ

טעג, וואָס האָבן אופגעשטורעמט די וועלט" פונעם באַוווּסטן פאַרשטאָרבענעם אמעריקאַנער קאָמוניסט דזשאָן ריד. אין 1921 ארויסגעגעבן „מײַן שטעטל אין אוקראַינע", האָט אָנגעשריבן צוויי ווערק אין ענגליש: „A guide to russian literature" — אַן איבערבליק איבער די וויכטיקסטע רוסישע שרײַבער פון 1820 ביז 1920 און „The soul of the Russian Revolution", אויף יידיש איבערגעזעצט געוואָרן א. נ. „די נשמה פון דער רוסישער רעוואָלוציע" (2 בענדער, 1920).

שפּעטער זײַנען דערשינען זײַנע פאָלגנדע בעלעטריסטישע ביכער אויף יידיש: „פון מײַן טאָגבוך" (געשטאַלטן און סצענעס, פאַרצייכנט אין אמעריקע און סאָוו. רוסלאַנד), ניו־יאָרק 1926; „האָרנילע און יאָעל" (נאָוועלע), 1927; אַ דראַמע „איר פאַרברעכן" (אופגעפירט געוואָרן אין ניו־יאָרקער מאָריס שוואַרץ־טעאַטער). ער האָט אויך איבערגעזעצט אויף ענגליש אַ גאַנצע רײַ פון לענינס ווערק. האָט אָנגעשריבן צענדליקער בראָשורעס אויף יידיש רוסיש און ענגליש.

כ' אָלגין איז איצט איינער פון די אָנגעזעענסטע פּאַרטיי־טוער, ליטעראַטור־קריטיקער, רעדנער און לעקטערס אין אמעריקע. רעדאַקטער פון דער „פרײַהײַט" און „האַמער", מיטרעדאַקטער פונעם זשורנאַל „ניו־מעסעס", מיטאַרבעטער פון „דיילי־וואָרקער" און „קאָמוניסט", ספּעציעלער ניו־יאָרקער קאָרעספּאָנדענט פון דער מאָסקווער „פּראַוודאַ", מיטגליד פון דעם דזשאָן ריד־קלוב, אַ גרינדער פון „פּראָלעטפּען", אַוטאָר פון זײַן פּראָגראַם. ער האָט אויך געשריבן לידער, וועלכע זײַנען אַרײַנגענומען געוואָרן אין דער אַנטאָלאָגיע „די הײַנטצײַטיקע פּראָלעטאַרישע יידישע דיכטונג אין אמעריקע", וואָס איז דערשינען אין מינסק אין 1933.

באַכ פּעסי. געבוירן אין 1903 אין דווינסק. פאָטער געוועזן אַ לערער. אין אמעריקע געקומען אין 1917. אָנגעהויבן אַרבעטן אין שאַפּ אין 1918. אין 1924 באַזוכט דעם לערער־סעמינאַר פונעם אַרבעטער־רינג. שפּעטער געאַרבעט אין אַן אַרבעטער־רינג־שול אַלס געהילף־לערערן. צום ערשטן מאָל אָנגעהויבן דרוקן דערציילונגען אין דער „פרײַהײַט" אין 1926. זינט דעמלט געשריבן, און אויסשליסלעך פאַר דער „פרײַהײַט", דערציילונגען פונעם אַרבעטער־לעבן און אויך אַסאַך פון דעם נעגער־לעבן. אַקטיוו אין דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג. אין 1930 געוואָרן אַ מיטגליד פונעם „פּראָלעטפּען", און אין 1932 אַ מיטגליד פון דער קאָמפּאַרטיי.

באָרקאַן סאָרע. געבוירן אין 1889 אין דווינסק (איצט לאַטוויע). פאָטער געוועזן אַ לערער. צו 11 יאָר אַוועק אַרבעטן אין נאַטאַנזאָנס קנעפּל־פאַבריק. אין 1907 געקומען קיין אמעריקע. אין 1911 אָפּגעדרוקט די ערשטע לידער אין „פאָרווערטס". זינט ס'האָט אָנגעהויבן דערשײַנען „די פרײַהײַט", אָנגעהויבן דאָרטן דרוקן קינדער־לידער, דערציילונגען, אָפּערעטקעס און אײַנאַקטערס. צו דער קינדער־אָפּערעטע „אַ כאַלעם" האָט מען געשאַפן מוזיק, זי איז אין 1925 אופגעפירט געוואָרן אין ניו־יאָרק פון די אַרבעטער־רינג־שולן.

דרוקט זיך אויך אינעם „האמער", אין די „פראָלעטפען"־אויסגאַבעס און אין די כרעסטאָמאַטיעס פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן ארבעטער־אָרדן. איז א מיט־גליד פון דער קאָמפּאַרטיי און פונעם „פראָלעטפען". די קינדער־שולן בּאם ארבעטער־אָרדן פירן אויך אוף דעם „שטומאַק" און „די באפרייאונג פון דער זון". שרײַבט הויפּטזאַכלעך פאר קינדער. האָט גרייט מאַטעריאַלן פאר צוויי ביכער לידער. איינינקע פון אירע לידער האָט מען אריינגענומען אין דער זאמלונג „די הײַנטצײַטיקע פּראָלעט. ייד. דיכטונג אין אמעריקע".

באָרנשטיין מ. געבוירן אין 1895 אינעם שטעטל ליוסאָביק, געוו. סעדליעצער גוב. (איצט פוילן), בא אָרעמע עלטערן. צו 13 יאָר אָנגעהויבן אר־בעטן אין א געשעפט. שפּעטער זיך אריבערגעצויגן קיין ווארשע. סאָף 1913 אָנגעקומען קיין אמעריקע.

געארבעט עטלעכע יאָר אין פאָרדס אוטאָמאָביל־פאבריקן אין דעטרויט. נאָכדעם צוריקגעקומען קיין ניו־יאָרק, אָפּגעדרוקט א ריי דערציילונגען אין דער „צײַט" און אינעם זשורנאל „דאָס וואָרט". געארבעט אין דער קליידער־אינדוסטריע. געדרוקט א ריי ארטיקלען אין דער „פרײַהײַט". די לעצטע צײַט אָפּגעדרוקט דערציילונגען אין דער „מאָרגן־פרײַהײַט" און אין „האמער".

בוכוואלד נ. געבוירן אין 1890 אין לייבון, געוו. וואָלינער גובער־ניע (איצט פוילן) אין א קליינבירגערלעכער פאמיליע. אין 1910 געקומען קיין אמעריקע, ווו שטודירט אינעם אוניווערסיטעט פון דזשאָרדזשיא, אינעם פּאָלי־טעכניקום פון ברוקלין, און אין 1918 געענדיקט דעם אוניווערסיטעט פון שטאט ניו־יאָרק אלס „קאוואליער פון וויסנשאפט". גלײַכצײַטיק געארבעט אלס פארבער. באשטימט געוואָרן אלס דאָצענט אין דעם כימישן דעפּארטאמענט פונעם ניו־יאָרקער קאָלעדזש, אָבער אָנשטאָט דעם זיך אָפּגעגעבן מיט זשורנא־ליסטישער טעטיקײַט, פון אָנהייב אין ענגליש.

זײַנע ערשטע ארטיקלען אין יידיש זײַנען געדרוקט געוואָרן אין „נײַע וועלט" (אָרגאַן פון דער אמעריקאנישער סאָציאַליסטישער פּארטיי) 1918, ווו ער האָט פון דעמלט אָן רעגלמעסיק מיטגעארבעט. זינט דער גרינדונג פון דער „פרײַהײַט" — מיטגליד פון איר רעדאקציע. האָט אויך איבערגעזעצט אף יידיש: אלפאָנס גאָלדשמידס „דאָס לעבן און שטרעבן אין סאָוועט־רוס־לאנד" (1921); א. לונאטשארסקיס „קונסט און סאָציאַליזם"; לענינס „טעאָ־ריע און פּראקטיק פון רעוואָליוציע"; ראָזע ליוקסעמבורגס „רעפאָרם אָדער רעוואָליוציע".

זינט 1925 איז בוכוואלד דער הויפּטלעכער טעאטער־קריטיקער פון דער „פרײַהײַט", פון די הויפּט־טוער אינעם יידישן ארבעטער־טעאטער „ארטעף". בּאארבעט פון ענגליש א דראמע, וואָס איז אונטערן נאָמען „טריקעניש" אופגעפירט געוואָרן אין „ארטעף". פארפאסט טעאטער־שפּילן, וואָס האָבן אויסגעלאכט די שונד־פּרעסע, דעם שונד־טעאטער און די צעפוילטע יידיש־קײַט אין אמעריקע. אָנגעשריבן א ריי בראָשורעס, איבערגעזעצט א ריי ביכער פון רוסיש, פון ענגליש און אנדערע שפּראכן. איז א רעדקאָלעגיע־

מיטגליד פון דער „פרײַהײַט", מיטגליד פון דער קאָמפּאַרטיי, פון „פּראָלעט־פּען" און פון דזשאָן ריד־קלוב.

סאָף 1932 געקומען אַלס ספּעציעלער קאָרעספּאָנדענט פון דער „פרײַהײַט" און „דיילי וואָרקער" אין ראַטנפאַרבאַנד, וווּ געוועזן אַרום אַ יאָר צײַט. אין דער אַמעריקאַנישער קאָמפּרעסע פאַרעפנטלעכט לעצטנס אַ גרויסע צאָל אַרטיקלען וועגן דער סאָצבויונג אין ראַטנפאַרבאַנד. געשריבן אויך איינעקע בראָשורעס וועגן ראַטנפאַרבאַנד. ער האָט אויך צוזאַמענגעשטעלט דעם טעקסט פאַר דער אָראַטאָריע „אָקטיאַבער", מוזיק פון י. שייפער, וואָס ווערט אופגעפירט פון „פרײַהײַט"־געזאַנג־פאַריין אין ניו־יאָרק. זי איז אויך אופגעפירט געוואָרן דעם 17־טן נאָיאַבער 1932, מיט כ' שייפער אַלס דיריגענט, אין כאַרקאָוו.

בירנבוים מאַרטין. געבוירן אין 1904 אין גאַליציע. זײַן פאָטער אַ גוראַלניק. נאָכן אויסברוך פון דער וועלט־מילכאָמע געלעבט אין ווין. אין יאָר 1923 געקומען קיין אַמעריקע. געוואָרן אַ פוטערוואַרג־אַרבעטער. אין יענער צײַט אָנגעהויבן דרוקן לידער אין דער דײַטשישער ניו־יאָרקער „פאָלקס־צײַטונג" און אינעם דײַטשישן קאָמוניסטישן פאַרטיי־אָרגאַן „דער אַרבײַטער". אין 1929 אָנגעהויבן זיך דרוקן אין דער „פרײַהײַט", געוואָרן אַ מיטגליד פונעם „פּראָלעטפּען", אַרויסגעגעבן אַ בוך לידער „ווײַזערס". זיבן לידער זײַנע איז אַרײַנגענומען געוואָרן אינעם בוך „די הײַנטצײַטיקע ייִד. פּראָלעט. דיכטונג אין אַמעריקע".

בירנבוים איז איינער פון די ייִנגסטע און טאַלאַנטפולסטע פּאָעטן אין אַמעריקע. זײַן סטיל איז פריש און קרעפטיק. ער ווײַזט אַרויס אַ זעלבשטענדיקייט אין שפּראַך און אויסדרוק. ס'זײַנען פאַראַן נאָך בא אים אידעאָלאָגישע און קינסטלערישע פעלערן. אין אַסאַך לידער, ספּעציעל פון די ערשטע יאָרן, געפינט מען נאָך בא אים די אַלטע ליבע־ליריק און ריזעניסטישן אײַנפלוס. אַמאָל איז זײַן ליד געווען צעשויבערט, האָט געליטן פון אַ ווערטער־איבערפלוס. די איבערבלײַבעכצן פונעם בורזשואַזן ליריזם האַלטן אָבער בא אים אין פאַרשווינדן. זײַן אינטערעס איז איצט געווענדעט צו די אַרבעטער־קאַמפן, האָגאַם ער איז אָפט נאָך אַלץ אין דער סטאַדיע פון געבן דעקלאַראַטיווע לידער. לעצטנס דרוקט ער שוין מערער לידער מיט אַ קאָנקרעטן צוגאַנג צום פּראָלעטאַרישן לעבן און צו דעם אַרום בכלל. ער וואַקסט אידעאָלאָגיש און קינסטלעריש.

ביילין י. ב. (ייִסראָעל בער). געבוירן אין 1883 אין נאָוואָרעדאָק, געוו. מינסקער גוב. (איצט פּוילן) אין אַ רעליגיעזער פאַמיליע. דערצויגן זיך אין לאָדז. אין 1901 אַרײַן אין „בונד". געוואָרן אַרעסטירט אין וואַרשע אין דעם זעלביקן יאָר. אין 1904 אַרעסטירט אין לאָדז. געזעסן אין די טורמעס פון קאַליש און סעראַדז און זיך באַטייליקט אין די הונגער־שטרײַקן אין דיביידע טורמעס. אין 1906 אַוועקגעפאָרן אין דער שווייץ. אומגעקערט זיך קיין לאָדז סאָף 1907. אַרעסטירט געוואָרן אין מײַ 1908, און נאָך אַ יאָר זיצן אין פאַרשיידענע טפיסעס פאַרשיקט קיין אַסטראַכאַנער גוב.

אָנהייב 1911 געקומען קיין אמעריקע, שטודירט געשיכטע און פילאָסאָפיע אין וואלפאראייזא, אינד. גלײַכצײַטיק באטייליקט זיך ליטעראריש אין דער „יִדישער ארבעטער־וועלט", אין „יִדישער סאָציאַליסט" און אין אנדערע אויסגאבעס. פון 1914 ביז 1918 סעקרעטאר־איבערזעצער פאר דער סאָציאַליסטישער פארטיי אין אמעריקע. אין 1918 געוואָרן רעדאקטער פון „פרײַנד", אָרגאן פונעם „ארבעטער־רינג", און זײַן בילדונג־דירעקטער. געווען אין דער אָפּאָזיציע קעגן די מילכאָמע־„סאָציאַליסטן" און אָנגעפירט מיט דער אָפּאָזיציע אף דעם צוזאמענפאָר פון דער יִדישער פעדעראציע פון דער סאָצ. פארטיי אין מײַ 1918. פון דעמלט אָן אין דעם לינקן פליגל פון דער ס. פּ. ביז דער צווייטער שפּאלטונג צום סאָף 1921, ווען ער איז ארײַן אין דער „וואָרקערס פּארטיי".

זײַנע שריפטן זײַנען צעוואָרפן איבער דער אמעריקאנישער יִדישער פּרע־סע פאר די לעצטע 22 יאָר. געשריבן סקיצן, דערציילונגען, לידער, קריטישע ארטיקלען און איבערזיכטן, היפּשזאכלעכע פּובליציסטיק, פּארעפנטלעכט א ריי ביאָגראפיעס, אין בוך־פאָרם — קארל מארקס און פערדינאנד לאסאל (פאר קינדער). די לעצטע צײַט געדרוקט א גרעסערע ארבעט „שפּינאָזע און דער מאטעריאַליזם" אין „האמער" פאר יאנואר און פעווראל 1933. מיטגליד פונעם „פראָלעטפּען". לעקטער אינעם יִדישן ארבעטער־אוניווערסיטעט, רעדנער און קולטורטוער. איצט רעדקאָלעגיע־מיטגליד און פארוואלטונג־רעדאקטער פונעם „האמער".

בלעכמאַן מ. די גענויע ביאָגראפישע מאָמענטן פון בלעכמאנען זײַנען מיר ניט באקאנט. איך ווייס בלויז, אז ער איצט אלט ארום 40 יאָר, האָט הויכ־שול־בילדונג. געווען א לערער, לעקטער און קולטורטוער. פון אנהײב 1925 איז ער א שטענדיקער מיטארבעטער פון דער „פרײַהײַט", אויך געווען א מיטגליד פון דער רעדקאָלעגיע פון דעם „האמער", מיטגליד פון דער קאָם־פארטיי און „פראָלעטפּען".

בלעכמאנען האָט אכוץ א גרויסער צאָל דערציילונגען, אָנגעשריבן א גרעסער ווערק „וואָטערטאון" — א בילד פון דער יִדישער ראדיקאלער און סאָ־ציאַליסטישער קולטור־וועלט אין אן אמעריקאנישער פּראָווינץ־שטאָט. „אין די זאכן האָט בלעכמאן ארויסגעוויזן א גוטע באקאנטשאפט מיט דער סוויווע, א פייִקײַט צו שילדערן פּלאסטישע פיגורן, א געזונטע אָנגעזעטיקטע שפּראך און א ברייטקײַט פון אופיר. „וואָטערטאון" איז כוצדעם געווען דורכגעדרונ־גען מיט א פײַנעם הומאָר, וואס האָט זיך מאָדנע געפּאָרט מיט א צײַטנווײַז לירישן טאָן. אָט דער ליריזם האָט אָבער ערטערווײַז פארקלענערט דעם ווערט פון דער זאך. אָפּטמאָל האָט ער איבערגעוויגן דעם הומאָר, — און ס'איז ניט געווען קלאָר, צי דער שרײַבער לאכט אָפּ פון די טרעגער פון דער פּראָוויג־ציעלער געזעלשאפטלעכקײַט צווישן יִדן, צי ער האָט ראכמאָנעס אף די אָפּ־געשטאנענע קליינבירגערלעכע טיפּן. א נײַע סעריע פון דעם זעלביקן „וואָ־טערטאון", אָבער שוין מיט א קרעפטיקערן סאטירישן טאָן, האָט בלעכמאן אָנגעהויבן אינעם באנײַטן „האמער"... (מ. אָלגין).

בעלסקי ש. י. געבוירן אין 1891 אין נאָווא יעלנא, געוו. גראָדנער גוב. צו 11 יאָר אָנגעהויבן ארבעטן. נאָך גאָר יונג ווערט ער אריינגעצויגן אין פארשיידענע ארבעטער־קרייזלעך, באקענט זיך מיט דער אונטערערדישער ליטעראטור און באזוכט געהיימע פארזאמלונגען.

אין 1904 וואנדערט ער אויס קיין ניו־יאָרק. ביז דער אָקטיאבער־רעוואָ־ לוציע געפינט ער זיך אונטערן איינפלוס פון דער גרופע „יונגע" און פון די „אינזיכיסטן". ער דערפילט אָבער דעם ווידערשפרוך צווישן זיין אייגענעם ארבעטער־לעבן מיט דער ליטעראטור פון די יידישע בורזשואזע שרייבער.

אין 1921 שליסט ער זיך אָן אָן דער קאָמפארטיי, וועלכע איז דעמלט אונטערערדיש. אינעם זעלביקן יאָר פארלאָזט ער ניו־יאָרק און באזעצט זיך אין קאליפאָרניע. ווען עס גרינדעט זיך די „וואָרקערס־פארטיי", ווערט ער דאָרט א מיטגליד און איז זינט דעמלט טעטיק אין דער קאָמוניסטישער באוועגונג.

אין 1924 הייבט ער זיך אָן דרוקן אין דער „פרייהייט". געווינט דעם 2־טן פריז אין דעם לידער־קאָנקורס. דרוקט זיך אין „האמער", שרייבט לידער פארן לאָס־אנדזשעלעסער „פרייהייט־געזאנג־פאריין". לעצטנס איז ער קולטור־ דירעקטער פון דעם יידישן ארבעטער־קלוב, רעזשיסער פון דער דראמ־ סעקציע.

בערקאָוויטש ל. געבוירן אין 1897 אין אניקסט, געוועז. קאָוונער גוב. (איצט ליטע) אין אן אָרעמער שניידער־פאמיליע. געקראָגן א טראדיציאָ־ נעלע דערציִונג. צו 13 יאָר אויסגעוואנדערט קיין קאנאדע. צו 15 יאָר אָנגע־ הויבן ארבעטן בא פארשיידענע מעלאָכעס. אפן 17־טן יאָר אָנגעהויבן שרייבן און דרוקן לידער און סקיצן אין פראָווינציעלע צייטונגען און פעריאָדישע אויסגאבעס. אין 1925 געקומען קיין ניו־יאָרק, ווו אָנגעהויבן שרייבן לידער פאר קינדער. א טייל פון זיי געדרוקט אינעם „קינדער־זשורנאל" און „קונדעס". שפעטער זיי געדרוקט אויסשליסלעך אין דער „פרייהייט".

דורכגעמאכט צווישן 1915 און 1927 א ריי אידייִשע בלאָנדזשעענישן, גע־ ווען מיטגליד פון דער „יאָנג סאָשעליסט ליג", סאָציאל־דעמאָקראטישער פארטיי און „לינקע" פ. צ. ביז 1927, ווען אריינגעטראָטן אין דער קאָמ־ פארטיי. אין די לעצטע יאָרן טעטיק ארום דער פראָלעטארישער שול־באווע־ גונג. זינט 1929 ווױנט ער אין קאליפאָרניע.

גאָרעליק ל. געבוירן אין 1889 יאָר אין זשלאָבין (ווייסרוסלאנד). צו 17 יאָר געקומען קיין אמעריקע. געארבעט בא פארשיידענע מעלאָכעס. זינט 1911 פארעפנטלעכט לידער אין „פ. א. ש.", „צוקונפט", אינעם זאמלבוך „פון מענטש צו מענטש", אין דער אנטאָלאָגיע „ניו־יאָרק" און אין אנדערע אויסגאבעס. אין 1919 ארויסגעגעבן א זאמלונג „לידער". אינעם זאמלבוך „יונג־שיקאגאָ" און אינעם זשורנאל „איניינעם" געדרוקט ציקלען לידער, וואָס האָבן אים פארבונדן מיט די אזויגערופענע „אינזיכיסטן" אָדער אינטראָס־ פעקטיוויסטן. אין די לידער קומען צום אויסדרוק שטימונגען פון צער און ייִעש אף דעם יידישן כורבן אין דער אלטער היים.

פאר די לעצטע אכט יאָר זיך אויך געדרוקט פֿון צײַט צו צײַט אין דער „פרײַהײַט" און אינעם „האמער". אין 1931 געוואָרן א מיטגליד פֿון דער קאָמפּארטיי. זײַנע לידער פֿון די לעצטע יאָרן זײַנען שוין פֿון דעם לעבן און קאמף פֿון די אמעריקאנישע ארבעטער. עטלעכע פֿון זײַנע לידער זײַנען אויך אײַנגעשלאָסן אין דער זאמלונג „די הײַנטצײַטיקע פּראָלעט. ייד. דיכטונג אין אמעריקע".

גרינשפּאן י. געבוירן אין 1902 אין קלעצק, געוו. מינסקער גוב. פֿאָטער א גלעזער. אין דער צײַט פֿון דער פּוילישער אָקופּאציע עמיגרירט קיין קאנאדע. געווען מיטגליד פֿון דער קאנאדער קאָמפּארטיי פֿון 1922 ביז 1925. שפּעטער אויסגעוואנדערט אין די פֿאראייניקטע שטאטן. א שטיקל צײַט געווען מיטגליד פֿון דער אמעריקאנישער קאָמפּארטיי. געווען א שוכ־ארבעטער. איצט א לערער אין די פּראָלעטארישע קינדער־שולן. שרײַבט שוין 7 יאָר. געדרוקט פֿאר אָט דער צײַט לידער אין „פרײַהײַט" און אין „האמער". בײַם דער גרינדונג פֿון „פּראָלעטפּען" געוואָרן א מיטגליד פֿון דעם דאָזיקן פֿאראיין. שפּעטער, אין דער צײַט פֿון דער אידעאָלאָגישער קריסטאליזאציע פֿונעם פֿאראיין, פֿארטראָטן די רעכטע ריכטונג. פֿאר ארויסגעבן קעגן באשלוס פֿונעם „פּראָלעטפּען" א בוך מיט אנטיפּראָלעטארישע לידער „ערעוו־צײַט" צוזאמען מיט ל. סאָברינען, אויסגעשלאָסן געוואָרן פֿונעם „פּראָלעטפּען" אף אן אומבאשטימטער צײַט. ער האָט שפּעטער אײַנגעזען זײַנע פֿעלערן און איז איצט צוריק אײַנגעשלאָסן געוואָרן אינעם „פּראָלעטפּען". גרייט זיך ארויסגעבן א בוך לידער. פֿון זײַנע גרעסערע פּאָעמעס זײַנען באקאנט: „14־טע גאס" („פּראָלעטפּען"־זאמלונג „יוניאָן סקווער" 1930) און „ס'האָט א ווינט זיך צעווייעט קאפּויר" („האמער", אווגוסט 1932). ער האָט צוזאמענגעשטעלט דעם טעקסט פֿאר דער אָראטאָריע „געוויטער", וואָס ווערט אופגעפֿירט פֿונעם „פרײַהײַט"־געזאנג־פֿאראיין", מיט מוזיק פֿון י. שייפער.

גרינשפּאן האָט אידעאָלאָגיש אסאך געבלאָנדזשעט. געשריבן לידער פֿונעם פּראָלעטארישן קאמף און גלײַכצײַטיק אינדיווידואליסטישע ליריק, סימבאָליסטישע און אפילע מיסטישע לידער. די ניט קלאָרקײַט פֿון זײַן אידעאָלאָגיע האָט באשאפֿן דעם כאאָס פֿון זײַנע בילדער. ער האָט זיך געפֿונען אונטערן אײַנפֿלוס פֿון דער „שריפֿטן"־פּאָעזיע און אידעאָלאָגיע. ער באפֿרײַט זיך אָבער לעצטנס פֿון די רעשטן פֿון פֿרעמדן אײַנפֿלוס. זײַנע לעצטע גרעסערע פּאָעמעס, זײַנען פֿון די בעסטע אין דער איצטיקער יונגער אמעריקאנישער פּראָלעטארישער ליטעראטור.

דאווידזאָן — זע מארגאָליס — דאווידזאָן.

דאווידמאן שלוימע. געבוירן אין יאָר 1900 אין מאָליעוו־פּאָדאָלסק. אין 1916 געארבעט אין אָדעס אף א דראָטן־פֿאבריק. געדינט פֿרײַוויליק 9 כאדאָשים אין דער רויטער ארמיי אין 1919. אינעם זעלביקן יאָר ארויסגעגעבן א ביכעלע לידער „בענקעניש", געדרוקט אין יאמפּאָל־פּאָדאָלסק. אין

1920 געקומען קיין אמעריקע. געארבעט בא פלייש, פרוכט, און געפרעסט העמדער. געדרוקט דערציילונגען אין דער פילאדעלפיער בורזשואזער „יידישער וועלט” אין 1922—1921, נאָכן דערשייַנען פון דער „פרייַהייַט”, דרוקט ער זיך אויסשליסלעך אין דער קאָמפּרעסע. איז א מיטגליד פון דער קאָמפּארטיי. דער איניציאטער פונעם ערשטן יונגן ארבעטער־שרייַבער־פאריין, איינער פון די מיטרעדאקטערס פון דער „יונג־קוזניע”, „יוגנט” און „ספארטאק”. ביז 1933 זייַנען דערשינען אין בראָשור־און בוך־פאָרם זייַנע פאָלגנדיקע ווערק: 1) פאר קינדער: „דער פאבריק־קימענ שטרייַקט”, „דאָס ערשטע נעגערל”, „כאוועֶר לענין האָט געזאָגט”, „בירעבידזשאנ”, „מאָטעלע פון דאָרפ „איקאָר”, „כא־ ווער לענינ”; 2) פאר יוגנט: „די מילכאָמע אין ניו־יאָרק”; 3) פאר דערוואקסענע: „ערשטע טריט”, „ווענ הערצער ברענענ”, „געקניפטע ריטלעכ”. נאָכן פארענדיקנ די לערער־קורסנ באם ארבעטער־רינג אין 1926 ווערט ער א לערער. איצט איז ער לערער אין די יידישע קינדער־שולנ באם ארבעטער־אָרדנ און אקטיווער פארטיי־און קולטורטוער.

דאווידמאנ איז דער אווטער פון א גרויסער צאָל מאָמענט־פארצייכענונגענ, בילדער, עסקיזנ, דראמאטישע עטיודנ. זייַנע טעמעס זייַנענ פונ דער רעוואָליוציאָנערער ארבעטער־באוועגונג אין אלע אירע פאזעס. אליינ א טוער אין דער ארבעטער־באוועגונג, קענ ער אלע אירע פראָבלעמעס און שילדערט זיי גערנ אינ בעלעטריסטישער און האלב־בעלעטריסטישער פאָרמ. זייַנ שפראכ איז קלאָר. זייַנ צוגאנג איז אנ איינפאכער און דירעקטער. ער האָט גרויסע פארדינסטנ אפנ געביט פונ דער פארצייכענונג („אָטשערק”) אָדער קינסטלערישנ רעפּאָרטאזש. ער איז זייער פּראָדוקטיוו, ער דארפ אָבער לענגער אויסטראָגנ זייַנע ווערק און לענגער אפ זיי ארבעטנ. ער איז דער ערשטער פונ די יונגע פּראָלעטארישע פּראָזע־שרייַבער, וואָס האָבנ איבערגעריסנ מיט דער „שריפטנ”־טראדיציע און „אלטע” היימ־דערציילונגענ און זיכ גענומענ פאר אמעריקאנישער ארבעטער־טעמאטיק, פאר שילדערנ דאָס לעבנ און דעמ קאמפ פונ די רעוואָליוציאָנערע ארבעטער אינ אמעריקע. נאָכנ דערשייַנענ פונ דער „פרייַהייַט” איז ער געווענ איינער פונ די ערשטע פּיאָנערנ פונעמ קאמפ פאר א פּראָלעטארישער ליטעראטור אינ אמעריקע. לעצטנס זייַנענ ארויס אינ ניו־יאָרק זייַנע צוויי ביכלעכ: „איציק דער פּיאָנער” (א מייַסעלע) און „מיר ווילנ ברויט” (שפּילנ).

דוואָרקינ מייער. געבוירנ אינ 1893 אינ סטרעשינ (ווייַסרוסלאנד), אינ א האָרעפּאשנער אָרעמער פאמיליע. באזוכט אָוונטשולנ אינ מינסק, יעקאטערינאָסלאוו און ווארשע.

אינ 1908 אָנגעקומענ קיינ אמעריקע און אוועק ארבעטנ אינ שניידער־שעפּער. שפּעטער זיכ גענומענ פאר שווערער דרויסנדיקער ארבעט. אינ די אָוונטנ געשטודירט אינ פארענדיקט פּאָלקס־און מיטלשול. ארייַנ אינ אוניווערסיטעט. איבער מאנגל אונ געלט־מיטלענ אימ געמוזט ווארפנ נאָכ צוויי יאָר שטודירנ. אָנגעהויבנ מיטארבעטנ אינ דער „פרייַהייַט” אלס קאָרעספּאָנדענט און דערציילער זינט איר דערשייַנענ. זיכ אויכ באטייליקט אינ „דיילי וואָרקער” מיט

אַרטיקלען, דערציילונגען און רעוואָלוציאָנערע שפּילן. וווינט איצט אין קליוו־לאַנד, אָהײַאָ.

דינסקי ל. געבוירן אין 1890 אין סוואַלק (איצט ליטע) בײַ רעליגיעזע עלטערן. אַוועק קיין פּאַריז אין 1905. אין 1913 געקומען קיין אַמעריקע. די ערשטע לידער אָפּגעדרוקט אין 1917 אין „גרויסן קונדעס". אין 1922 אַרויס־געגעבן אַ זאַמלונג לירישע לידער „דערוויַל". פון 1922 ביז 1925 געלעבט אין שיקאַגאָ, געווען פאַרבונדן מיט דער גרופּע „יונג־שיקאַגאָ", צוזאַ־מען אַרויסגעגעבן דעם זשורנאַל „אינײנעם". אַלע יאָרן אַ שאַפּ־אַרבעטער בײַ פּעלצן. אַ מיטגליד פון „פּראָלעטפּען" זינט 1932. דרוקט לידער אין דער „פרײַהײַט" און „האַמער".

דײַקסעל ש. געבוירן אין 1886 אין קעשעניעוו, בעסאַראַביע. פאָ־טער געווען אַ שנײַדער. אין דער צײַטונג „בעסעראַבסקאיא זשיזן" האָט ער עטלעכע יאָר צײַט געשריבן פּעליעטאָנען, דערציילונגען און אַרטיקלען. אין יאָר 1912 געקומען קיין אַמעריקע. געשריבן אין די רוסישע צײַטונגען „נאָווי מיר", „רוסקי גאָלאָס" א. אַנד. און אויך געדרוקט דערציילונגען אין „צוקונפט", „פאָרווערטס" און „פרײַע אַרבעטער־שטימע". אין אַמעריקע האָט דײַקסעל געאַרבעט פריִער אין אַ קליידער־פאַבריק, לעצטנס געענדיקט דעם ייִדישן אַרבעטער־אוניווערסיטעט און געוואָרן אַ לערער אין די פראָלעט. קינדער־שולן. זינט „די פרײַהײַט" איז דערשינען דרוקט ער זיך אין דער קאָמ־פּרעסע. איז איצט אַ מיטגליד פון דער קאָמפּאַרטיי.

ש. דײַקסעלס ערשטער באַנד דערציילונגען „די וועגן אין נעפּל" איז אַרויס אין יאָר 1923; דער 2־טער באַנד „אַזיאַטישע דערציילונגען" — אין 1924; דער 3־טער באַנד — „זײַן מאַיעסטעט", און דער 4־טער—„צען אײַנאַקטערס" — זײַנען אַרויס אין יאָר 1925 אין „פרײַהײַט"־פאַרלאַג. אין יאָר 1929 אָנגע־שריבן אַ דראַמע „דער צאָרן פון דער ערד", פונעם לעבן פון די אַמעריקאַ־נישע קוילנגרעבער (די דראַמע איז געשפּילט געוואָרן אין קיִעווער ייִדישן מעלוכע־טעאַטער). דײַקסעל האָט ניט לאַנג צוריק פאַרענדיקט אַ צווייטע דראַמע „טשײַן־גענג" — פונעם לעבן פון די נעגערס אין אַמעריקע. ער האָט נאָך גרייט אַרויסצוגעבן די פאָלגנדיקע ביכער: „אינדיאַנישע דערציילונגען" — פונעם אינ־דיאַנער לעבן אין די שטאַטן אַריזאָנאַ און ניו־מעקסיקאָ; „אײַנאַקטערס" — דראַמאַטישע שפּילן פון אַמעריקאַנישן הונגער און עלנט; קוני־אײַלאַנד" — דערציילונגען וועגן בארימטן „אינדזל פון פרייד" (אָדער „אינדזל פון געלנ טײַוול", ווי גאָרקי האָט אים אָנגערופן); „פּאַרוטשיק ניקאָלסקי" — אַ נאָוועלע פונעם מיליטערישן לעבן אינעם אַלטן רוסלאַנד.

„ש. דײַקסעל איז אײנער פון די עלטערע צווישן דער גרופּע רעוואָלוציאָנערע בעלעטריסטן, האָט אָנגעהויבן ווי אַ בורזשואַזער דערציילער מיט אַ ראַדיקאַלער טענדענץ. ער האָט אינזינען געהאַט דעם אונטערגעדריקטן, אָבער ער האָט זיך מער אָפּגעשטעלט אויף די ליבע־דראַמעס פון אַלערליי אינטעלי־גענטישע, האַלב־אינטעליגענטישע און פּראָלעטאַרישע פאַרשוינען. ער האָט סימפּאַטיזירט מיט דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, אָבער ער האָט זיך הויפּט־

זאכלעכ אינטערעסירט מיט טשיקאווע כאראקטערס און עפעקטן. ער האָט געקענט די מיטלאַזיאַטישע וועלט, ווי ער האָט פאַרבראַכט א געוויסע צײַט, אָבער ער האָט אויכ דאָרטן געזוכט מער דאָס פּיקטאָרעסקע (בילדערישע), ווי דאָס סאָציאַלע. אינ אמעריקע האָט ער פאַרבראַכט א צײַט צווישן די אינדיאַנער, און אינ זײַנע אינדיאַנישע עסקיזן האָט ער געשילדערט די אונטערגעדריקטע לאגע פון די אורשפּרינגלעכע באַלעבאַטים פונעם היגן קאָנטינענט, ער האָט זיכ אָבער אָפּגעגעבן מער מיט אינדיאַנישע לעגענדעס, ווי מיט שילדערן די סאָציאַלע קאָנפליקטן. ערשט אינ די לעצטע יאָרן האָט ער שוינ געפּרוווט ארײַנטראָגן א קלאַסן־מאָטיוו אינ זײַנע דערציילונגען ביכלאל, אינ זײַנע אינדיאַנישע דערציילונגען ביפראט. דײַקסעל איז א געשיקטער בויער פון דראמאטישע עטיודן. אינ זײַנע לעצטע דראמעס באמיט ער זיכ צו געבן דירעקט און אומיטלבאַר קאמפּ־לײַוונטן פון די אמעריקאנישע ארבעטער און אונטערגעדריקטע מאסן" (מ. אָלגין).

הארקאווי לוי. די ביאָגראפישע מאָמענטן פון הארקאווי זײַנען מיר ניט באקאנט. ער „האָט אָנגעהויבן מיט קליינע בילדלעכ פון איסט־סײַדער אָרעמשאפט — און געצויגן האָט אים צו האָפענונגלאָזיקע קאָרבאָנעס פון דער סאָציאַלער אָרדענונג: אן אלטער היימלאָזיקער ארבעטער, א בלינדער בעטלער, א קראנקע אלמאָנע. געשילדערט האָט ער די דאָזיקע טיפּן מיט א געמיש פון עכטער מענטשלעכער ווארעמקײַט, סענטימענטאלער ווייכקײַט און פײַנעם רעזיגנירטן הומאָר. אָפט פלעגט ער שרײַבן לירישע אויסגוסן אינ פּאָעזיע, ווי נאטור־שיינקײַט אלס קאָנטראסט צו סאָציאַלן עלנט האָט געגעבן א פעסימיסטישן טאָן. אינ דער זעלביקער צײַט האָט ער אויכ געשריבן הומאָרעסקן, ווי ער האָט אָפּגעכויזעקט פון די רעכטע. שפּעטער, אונטער דעם אײַנפלוס פון דער וואקסנדיקער ארבעטער־באוועגונג און אונטערן דרוק פון דער קריסטאליזירונג פון דער פּראָלעטארישער אידעאָלאָגיע אפן ליט־פראָנט, הייבט ער אָן שרײַבן ארבעטער־דערציילונגען מיט א קעמפערישן כאראקטער. אויכ דאָ באהאלט ער דעם לירִיזם, די צארטקײַט, די טרוימערישקײַט. אָבער עס הייבט זיכ אָן מערקן מער קראפט אינ זײַן אויסדרוק. הארקאווי גיט זיכ לעצטנס נאָכאנאנד אָפּ מיט רעוואָליוציאָנערע ארבעטער־געשטאלטן.

לוי הארקאווי איז איינער פון די וויניקע רעוו. שרײַבער, וואָס פאַרמאָגן הומאָר. א גרעסערע נאָענטקײַט צו די אקטועלע פראגעס פון דער ארבעטער־באוועגונג וואָלט געגעבן מער קאָנקרעטן שטאָף פאר זײַן הומאָר" (מ. אָלגין).

וויקטאָר אב. (אווראָם וויגדאָראָוויטש). געבוירן אינ 1871 אינ קארטוז־בערעזע (ווײַסרוסלאנד) אינ א רעליגיעזער מישפּאָכע. צו 20 יאָר אוועק אינ אוקראַינע, געווען לערער, געהילפ־בוכהאלטער, פאַרוואלטער פון אפּטייק א.אז.וו. אינ 1904 אויסגעוואנדערט קיינ אמעריקע. געארבעט איבער דרײַ יאָר צײַט אינ ציגאר־פאבריקן אינ שיקאגאָ, ניו־יאָרק און דעטרויט. שפּעטער געארבעט אינ אפּטייקן, געענדיקט אלס פארמאצעווט אינ שיקאגאָ. אינ הארבסט 1904 זיכ אָנגעשלאָסן אָן דער גרופּע „רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראטן". אינ 1905 ארײַנגעטראָטן אינ

ארבעטער־רינג, שפּעטער, מיט אלע לינקע פונעם ארבעטער־רינג, אַרײַן אין נײַ־געגרינדעטן אינטערנאציאָנאלן ארבעטער־אָרדן. מיטגליד פון דער צענטראַל־עקזעקוטיווע (אויספיר־אָרגאַן) פונעם „איקאָר".

מיטגליד פון „פּראָלעפּען" זינט דעקאַבער 1929. אין אָנהייב 1932 אויסגע־וויילט אינעם פּרעזידיום פונעם „פּראָלעטפּען". זינט 1928 מיטגליד פון דער פּאַרטיי.

דאָס ערשטע ליד אין ייִדיש אָפּגעדרוקט אין 1906 אין דער וואָכנשריפט „דער נײַער דאָר" אין שיקאַגאָ. געדרוקט לידער, פּאָעמעס און אַרטיקלען אין „ייִדישע ארבעטער־וועלט", „פֿאָרווערטס", „צײַט־גײַסט", „נײַע־וועלט", „צו־קונפט", „קונדעס", „ייִדישער־קעמפער", „פֿרײַנד", „די צײַט", „ייִדישער סאָ־ציִאַליסט", „דעטרויטער וואָכנבלאַט" און אַנדערע. איבערגעזעצט אַ גאַנצע ריי לידער פון רוסיש, דײַטש און ענגליש. אַריבערגעגאַנגען צו דער „פֿרײַהײַט" גלײַך ווי זי האָט אָנגעהויבן דערשײַנען. געדרוקט אין דער „פֿרײַהײַט" און „האַמער" ציקלען לידער, סעריעס אַרטיקלען, קאָרעספּאָנדענציעס און באַשרײַ־בונגען, זיך אויך געדרוקט אין „פֿונק", אין „איקאָר" און „איקאָר־יאָרבוך".

אין בוך־פֿאָרם אַרויסגעגעבן: „גאַרבן" (לידער) אין 1920 ; „ראָנדזשע גראָביאַנקאָ" (סאַטירישע לידער אין קאַמף קעגן דער פּאַרטעטרישער פֿירערשאַפט פונעם ארבעטער־רינג אין 1926); „אין סאָוועטישן געבוי", אײַנדרוקן פון אַ רײַזע איבערן ראַטנפאַרבאַנד אין 1930. זײַנס אַ ליד (אַ פּאַראָדיע) איז אַרײַן אין דער מינסקער אַנטאָלאָגיע.

ווײַס שיפרע. געבוירן אין 1889 אין קעלעם, געוו. קאָוונער גוב. אין 1906 געקומען קיין אַמעריקע. געלעבט אין פּיטסבורג, שיקאַגאָ און זינט 1917 אין קאַליפאָרניע. איצט טעטיק אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. פֿאַרעפֿנט־לעכט אַסאַך לידער אין אַ ריי צײַטונגען און אויסגאַבעס, און פֿאַר די לעצטע יאָרן זיך געדרוקט אין דער „פֿרײַהײַט", „האַמער" און אין דער קאָמפּרעסע בכלל. אַסאַך פון אירע לידער צייכענען זיך אויס מיט זייער געזונטן אָפּטימיסטישן טאָן. זי שרײַבט מערסטנס אַף טעמעס פון דעם לעבן פון דער ארבעטער־פֿרוי און פונעם ארבעטער־קאַמף בכלל. אַרויסגעגעבן אַ בוך לידער „אין גאַנג" (1932).

ווײַסמאַן נאָכעם. געבוירן אין 1894 אין אַ דערפֿל אין רומעניע. פֿאָטער געווען אַ פּאָסטעלע־מאַכער (לאַפּטיעס פֿאַר פּויערים). דורכגעמאַכט אין בוקאַ־רעסט אַלס עקסטערן אַ לערער־קורס און באַקומען דאָס רעכט צו זײַן אַ גימ־נאַזיע־לערער. אין 1920 אָנגעקומען קיין אַמעריקע. אָנגעהויבן שרײַבן נאָך אין רומעניע לידער און דערציילונגען אַף רומעניש און ייִדיש. ביז דער „פֿרײַהײַט" זיך געדרוקט אין דער בורזשואַזער פּרעסע. שפּעטער אויסשליסלעך אין דער קאָמפּרעסע. מיטגליד פון דער קאָמפּאַרטיי. אין 1926 איז דערשינען זײַן ערשט בוך: „די באַלאַדע פון אַ קינדער־קעמפּ" (קינדער־לידער). גרייט איצט צום דרוק אַ גרויס לידער־בוך „ניו־יאָרק", וואָס שילדערט די רעוואָלוציאָנערע קאַמפן אין אַמעריקע. פינף לידער זײַנע זײַנען אַרײַן אין דער זאַמלונג „די הײַנטצײַטיקע פּראָלעטאַרישע ייִדישע דיכטונג אין אַמעריקע".

ווײַסמאַנס לידער זײַנען קימאַט אַלע דירעקט געווידמעט די קאַמפֿן פֿון די רעוואָליוציאָנערע אַרבעטער אין אַמעריקע. ער האָט געשריבן אַסאַך לידער און מײַסעלעך פֿאַר קינדער. אויך געשריבן אַסאַך דערציילונגען. ער איז ביכלאַל זייער פּראָדוקטיוו. זײַן שטרעבונג גייט אָבער מער אין דער ברייט, ווי אין דער טיף. זײַן שפּראַך איז זייער לײַכט און קלינגענדיק, אָבער ניט גענוג וואָגיק און קאָנצענטרירט. ער האָט באַנוצט פֿאַר דעם נײַעם אינהאַלט די רייזעניסטישע, פֿלאַכע, בלאַסע, צעקראָכענע ליריק. לעצטנס אָבער באַפֿרײַט ער זיך דערפֿון. זײַנע לידער קריגן מער מעטאַל, ווערן קרעפֿטיקער און שלאָגנדיקער.

זלאַטקין ה. י. ד״ר. געבוירן אין 1882 אין באָריסאָוו (ווײַסרוסלאַנד). פֿאָטער געווען אַ שוסטער. צו 11 יאָר אָנגעקומען אין אַ ווילנער יעסוימים־הויז. פֿון דאָרטן אין אַ פֿאַך־שול. צו 16 יאָר זיך אָנגעהויבן גרייטן צו מאַטורע און געלעבט פֿון געבן פּריוואַטע לעקציעס. גלײַכצײַטיק געוואָרן טעטיק אין „בונד״. אין 1904 געקומען קיין אַמעריקע, געאַרבעט אין אַ פֿאַבריק און זיך גלײַכצײַטיק געגרייט צום מעדיצינישן פֿאַקולטעט פֿונעם קאָלומביאַ־אוניווערסיטעט. אין 1915 געענדיקט דעם פֿאַקולטעט, דערנאָך געאַרבעט צוויי יאָר אין לינקאָלן־שפּיטאָל. אין 1928 צוגעשטאַנען צו דער רעוואָליוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג. פֿון יענעם יאָר אָן אָנגעהויבן שרײַבן רעגולער אַרטיקלען וועגן מעדיצינישע פּראָגרעס אין דער „מאָרגן פֿרײַהײַט״. מיטגליד פֿון „פּראָלעטפּען״.

טשערנער פּוליע. געבוירן אין 1901 אין בערשאַד, פּאָדאָליער גוב. פֿאָטער געווען אַ לערער. אין 1921 געקומען קיין אַמעריקע. געוואָרן אַ פֿאַבריק־אַרבעטער, פֿריִער בײַ שטאָל, דערנאָך אין נאָדל־פֿאַך. אין 1925 אַרײַן אין דער פּאַרטיי. אין 1926—27 באַזוכט דעם ייִדישן אַרבעטער־אוניווערסיטעט (געווען איינער פֿון אירע גרינדער), און איז איצט דער סעקרעטאַר פֿונעם אוניווערסיטעט.

אין 1923 י. אָנגעהויבן דרוקן אין דער „מאָרגן־פֿרײַהײַט״ שאַפּ־בילדער, הומאָריסטישע פֿעליעטאָנען, איינאַקטערס און דערציילונגען. אַן איינאַקטער „פּרעסער״ אָפּגעדרוקט אינעם זשורנאַל „יוגנט״, אַ דערציילונג „אויף נײַער ערד״ — אין „יוניאָן סקווער״. אָנגעשריבן אַ דראַמע „אין רויש פֿון מאַשינען״ — פֿון דעם לעבן און קאַמף פֿון די ייִדישע נאָדלפֿאַך־אַרבעטער אין אַמעריקע. די דראַמע איז אויפֿגעפֿירט געוואָרן אין ניו־יאָרק און פֿילאַדעלפֿיע פֿון „אַרטעף״. איז אויך געווען פֿון צײַט צו צײַט אַ שטענדיקער אינעווייניקסטער מיטאַרבעטער פֿון דער „מאָרגן־פֿרײַהײַט״.

פּוליע טשערנער איז איינער פֿון די ייִנגסטע פּראָלעטאַרישע דערציילער אין אַמעריקע. זײַנע בילדער זײַנען נאָענט צו דער ווירקלעכקײַט פֿון שאַפּ, שטרײַק, „פּיקעט־לײַן״, מיטינג־זאַל, פּאַרטיי. זײַנע מענטשן זײַנען עכטע, לעבעדיקע פּראָלעטאַריער—אָט די, וואָס אין די צענדליקער טויזנטער בויען זיי אויף דעם פּראָלעטאַרישן קלאַסן־פֿראָנט. זײַן צוגאַנג צו זיי איז פֿון אַן איינגענעם, אַן אינעווייניקסטן, ער איז אַ טייל פֿון אָט דעם פֿראָנט. ער זוכט נײַע, פּאַסיקע אויסדרוק־מיטלען.

יודיטש. פ. געבוירן אין 1887 אין ברוסילאָוו (קיִעווער געגנט). צו 15 יאָר געוואָרן א סטאָליער. געווען א מיטגליד פון „בונד". אין 1909 אויסגעוואנדערט קיין אמעריקע, ווו ביז 1915 געווען באשעפטיקט בא זײַן פאך. דאן געוואָרן פארוואלטער פון דעם אָרגאן פון דער ייִדישער סאָציאַליסטישער פעדעראציע „די נײַע וועלט" (1914—1922) און פון צײַט צו צײַט געדרוקט דאָרט ארטיקלען. זינט 1923 איינער פון די הויפט־טוער פון דער רעדאקציע „פרײַהײַט", דער הויפט־רעדאקטער איבער אלע איניאָנים, וואָס האָבן א שײַכעס צום קאמף אין דער יוניאָן־באוועגונג. ער האָט אויך געשריבן בילדער און דערציילונגען פון ארבעטער־לעבן און קאמף. א מיטגליד פון דער פארטיי, פאָרזיצער פון „פראָלעטפען". באזוכט דעם ראטנפארבאנד אין 1927, אָנגעשריבן וועגן זײַן באזוך א בוך אין דער פאָרם פון א באריכט פון דער דעלעגאציע פון די לינקע ארבעטער־רינג־ברענטשעס קיין ראטנפארבאנד.

פארעפנטלעכט אסאך גרעסערע ארבעטן וועגן יוניאָן־פראָבלעמעס אינעם קאָמוניסטישן כוידעש־זשורנאל דער „האמער". איז איינער פון די באהאוונטסטע עקספערטן איבער פראגעס פון פראָפבאוועגונג אין אמעריקע.

יוקלסאָן רוווּן. געבוירן אין 1885 אין דאָרף נעבירריוקע, לעבן זשיטאָמיר (קיִעווער געגנט). פאָטער פלעגט זיך פארדינגען אלס אן ארויסהעלפער בא א שניטקרעמער אף יארידן. איז אין עלטער פון 15 יאָר אוועק קיין זשיטאָמיר, געוואָרן אן אָנגעשטעלטער אין א באקאליי־געשעפט. מיט א יאָר שפעטער אוועק ארבעטן אין א דאמפ־מיל, אין נעבירריוקע, ווו געארבעט 6 יאָר. האָט פאר דער צײַט אָרגאניזירט צוויי שטרײַקן — פון די ארבעטער אין דער מיל, און פון די פויערים, וואָס האָבן געפירט מעל און קלײַען קיין זשיטאָמיר.

קיין אמעריקע אָנגעקומען סאָף 1906, געוואָרן א ציגארן־מאכער, האָט זיך באלד גענומען אָרגאניזירן די ציגארן־מאכער, איז געווען זעקס יאָר דער סעקרעטאר פון דער נײַ־געגרינדעטער „פראָגרעסיווער ציגארן־מאכער־יוניאָן פון אמעריקע".

יוקלסאָן איז פאר דער זעלביקער צײַט אויך געווען העכער פיר יאָר דער פאָרזיצער פון די פאראייניקטע ייִדישע געווערקשאפטן אין שיקאגאָ. פאָליטיש האָט ער אין יענער צײַט געהערט צו די „פויאלעציִען", שפעטער—צו די „לינקע" פ. צ. אין 1922 אוועק פון די פ. צ., ווידער צוגעשטאנען צו די פ. צ. אין 1924, ער האָט אָבער יענע רייען באלד פארלאָזט און איז אין 1925 ארײַנגעטראָטן אין דער קאָמפארטיי.

זײַן זשורנאליסטישע טעטיקײַט האָט ער אָנגעהויבן אין 1908 מיט ארטיקלען איבער טרייד יוניאָן־פראָבלעמעס. אין 1925 געקומען קיין ניו־יאָרק און רעדאקטירט דעם אָפיציִעלן זשורנאל (ייִדיש און ענגליש) פון דער יוניאָן פון פוטערוואַרג־ארבעטער, ווען די לינקע האָבן איבערגענומען די יוניאָן. אָנהייב 1926 איז ער געוואָרן א שטענדיקער מיטארבעטער פון דער „פרײַהײַט", שרײַבט מערסטנס ארטיקלען איבער פאָליטיש־געזעלשאפטלעכע פראגעס. מיטגליד פון „פראָלעטפען" זינט זײַן גרינדונג. אקטיוו אין „ארטעף" און „איקאָר".

שרײַבט אָפט פעליעטאָנען, אין דער „פרײַהײַט" אין דער אָפטײלונג „טאָג־אײַן, טאָג־אויס" ביפראָס. איז איצט אויך א רעדקאָלעגיע־מיטגליד פונעם „סיגנאל".

יורמאַן לעאָן. געבוירן אין 1906 אין האָראָדענקאָ, מיזרעך־גאליציע. די עלטערן—הענדלער. בײַם דער מילכאָמע אנטלאָפן מיט די עלטערן אין דײַטש־בעמען. זיך שפּעטער אומגעקערט קיין גאליציע, ווי צו 13 יאָר אוועק ארבעטן אין א צײן־טעכנישער לאבאָראטאָריע. געקומען קיין אמעריקע סאָף 1923. געארבעט בא אסאך פאכן. אין 1925 געוואָרן א פוטערוואַרג־ארבעטער. אין 1927 אָנגעהויבן שרײַבן אפּ דײַטש. געדרוקט אין דער דײַטשישער ניו־יאָרקער „פאָלקס־צײַטונג" א גאנצע ריי לידער, פּאָעמעס, לירישע סקיצן א. אז. וו. שפּעטער—אין דעם דײַטשישן קאָמוניסטישן וואָכנבלאט „דער ארבײַטער". סאָף 1927 ארויסגעגעבן א ביכל דערצײלונגען אין יידיש „צוריק צום לעבן". שפּעטער געדרוקט דערצײלונגען אין דער „פרײַהײַט", „האמער", אויך איין דערצײלונג אין „יוניאָן סקווער". אין דער „פרײַהײַט" אָפּגעדרוקט אנערע 35 דערצײלונגען, א פּאָעמע, א ליד, א ראָמאן „בומציע רעזניק" און עטלעכע און צוואנציק ארטיקלען „אפן אמעריקאנישן שליאך" (רײַזע־באשרײַבונגען). לעצטנס פארענדיקט א גרויסן ראָמאן פונעם אמעריקאנישן לעבן „א הויז באם איסט־דיוועך". איז געווען סעקרעטאריאט־מיטגליד פון „פראָלעפּען".

ל. יורמאן האָט אָנגעהויבן מיט לירישע פּאָעטישע בילדער אין פּראָזע, ביסלעכווײַז איז ער אריבערגעגאנגען צו שילדערונגען פון דעם ארבעטער־לעבן אין אמעריקע. יורמאנס הויפּט־העלדן: דער אמאָליקער אינטעליגענט, וואָס באטײליקט זיך איצט אין דער רעוואָליוציאָנערער ארבעט, און דער אָפּ־געשטאנענער ארבעטער, וואָס הייבט אָן דערוואכן צום קלאסן־באוווסטזײַן. דער לעצטער טיפּ איז פארקערפּערט אין זײַן „בומציע רעזניק"—א ראָמאן־כראָניק פון א יידישן ארבעטער אין ניו־יאָרק.

„יורמאן איז א שווײַגער, ער האָט ניט ליב צו דערקלערן. ער האָט אפילע ניט ליב צו ווײַזן אלצדינג, וואָס ער וויל מאָלן. ער האָט ניט ליב צוצוגיין דירעקט צו דער זאך, וואָס ער באהאנדלט. עס באקומט זיך, ווי ער וואָלט געזוכט אן אומגעריכטן ווינקל, פונוואנען צו קוקן אפּ זײַנע פארשוינען. דאָ זײַנען נאָך רעשטלעך פון בורזשואזע ליטעראטור־טראדיציעס צו זוכן סוידעס, צו „אנען" טיפּענישן אונטערן דעקטוך פון אויגנשײַנלעכע פאקטן" (מ. אָלגין).

יורמאן באמיט זיך לעצטנס גויוועך צו זײַן אָט די טראדיציעס, צו באפרײַען זיך פון זיי, ווײַל אין עצעם איז ער א רעאליסט. ער האָט אן אויג פאר כא־ראקטערן. ער זעט סיטואציעס. ער קען זײַן דינאמיש. ער באפרײַט זיך פון די בורזשואזע פענטעס, וואָס האָבן געהאט געבונדן זײַן שעפערישע קראפט.

כאַוועך־פּאַוועך (גערשן אײַנבינדער). געבוירן אין 1901 אין בער־שאד, וויניצער געגנט, אין אן אָרעמער קלײנבירגערלעכער פאמיליע. פון 12 יאָר אליין זיך אויסגעהאלטן פון לערערײַ אין אָדעס און אין בערשאד. אין דער צײַט פון די פּאָגראָמען אנטלויפן ער קיין רומעניע. איז דאָרטן צוויי־

יאָר אויך באשעפטיקט מיט לערעריי. אָפּגעפאָרן נאָכדעם קיין אמעריקע. זיינע ערשטע קינדער־מייסעלעך געדרוקט אינעם זשורנאל „קינדערלאנד". דער פאר־לאג „מאטאָנעס" פון די שאָלעם־אליי‎כעם־קינדער־שולן האָט אין 1925 ארויס־געגעבן זיינע מייסעלעך אין צוויי ביכער אונטערן נאָמען „כאווער־פאווערס קינדער־מייסעלעך". שפּעטער רייסט ער מיט די דאָזיקע קליינבירגערלעכע שולן. דערנאָך גיט ער ארויס זיין גרעסערע דערציילונג „פון יענער זייט טייך" (די זעלביקע דערציילונג איז ארויס אין מאָסקווע אין „צענטרפארלאג"). דאָס בוך איז אויך איבערגעזעצט געוואָרן אף רוסיש און ארויסגעגעבן געוואָרן פון דער „מאָלאָדאיא גווארדיא".

כאווער־פאווער האָט שוין ביז איצט אָנגעשריבן א הונדערט קינדער־מייסעלעך און עטלעכע קינדער־שפּילן, וואָס זיינען צעזייט און צעשפּרייט איבער די ניו־יאָרקער יידישע צייטונגען און זשורנאלן. זיינע קינדער־מייסעלעך ווערן גערן גענוצט פון די קינדער אין די אמעריקאנישע ארבעטער־שולן, וועלכע פירן אָפּט אוף זיינע קינדער־שפּילן. אין משך פון די לעצטע פיר יאָר האָט געדרוקט אייניקער גערעדרוקט אלע יאָר א גרעסערן ראָמאן, וואָס איז געגאנגען טעגלעך אין „מאָרגן־פרייהייט" אין פּאָרזעצונגען. די ראָמאנען זיינען: „אף יענער זייט טייך" (אף ביידע ברעגן פון דניעסטער), „בראָנזוויל", „קאָפּ דער האָרבאטער", „א שול אין די בראָנקס". אין 1932 אויך אָנגעשריבן די דראמע „האָלד די פאָרט" (געדרוקט אין „האמער" 1932. זי איז שפּעטער אויך איבערגעזעצט געוואָרן אף ענגליש). זי איז אויך געשפּילט געוואָרן אין ארגענטינע, אין הארבסט 1933, און א צווייטע דראמע „סקאָטסבאָראָ".

איינבינדער איז א לענגערע צייט געווען א לערער אין די פּראָלעטארישע שולן. לעצטנס געוואָרן א שטענדיקער מיטארבעטער פון דער „מאָרגן־פריי־הייט". געהערט צו „יוניאָן סקווער" און איצט צו „פּראָלעטפּען".

אין די קינדער־מייסעלעך האָט איינבינדער ארויסגעוויזן פאנטאזיע, שפּילעוודי־קייט, הומאָר, א פארשטענדעניש פאר שפּראך־ווערטן און א באזונדערע קינדעריש־קייט. דאָס האָט די דערציילונגען צוגעגעבן כיינעוודיקע עכטקייט. כאָטש אידעאָלאָגיש זיינען ניט אלע גלייכווערטיק. אין א צאָל דערציילונגען געפינען מיר צופיל סענטימענטאלישקייט און אנדערע קליינבירגערלעכע שטימונגען.

דער ראָמאן „פון יענער זייט טייך" באהאנדלט די רעוואָלוציאָנערע באַ־וועגונג אין רומעניע באלד נאָכן וועלט־קריג. „בראָנזוויל" גיט איבער די געשיכטע פון א יידישן באָכער, וואָס קומט אריבער קיין אמעריקע, ווערט א נאָדל־ארבעטער, שטייט א לאנגע צייט אָן א זייט פון דער ארבעטער־באוועגונג, ווערט נאָכדעם אריינגעצויגן אינעם קאמף און ווערט א רעוואָלוציאָנער. „קאָפּ דער האָרבאטער" גיט איבער דעם אָנוווקס פון די רעוואָלוציאָנערע שטימונ־גען און באוועגונגען אין א שטעטל פון רוסלאנד ביזן יאָר 1917. דאָס דינט בא אים אלס הינטערגרונט פאר דער געשיכטע פון א רעוואָלוציאָנערן אר־בעטער, וואָס באטייליקט זיך נאָכדעם אין דער פעברואר־רעוואָלוציע און אין דער אָקטיאבער־רעוואָלוציע און קומט אום אין קאמף. „א שול אין די בראָנקס" באהאנדלט די רעוואָלוציאָנערע קאמפן פון די לעצטע יאָרן אין ניו־יאָרק.

די דראמע „האָלד די פאָרט" איז וועגן די שטרײַק־קאַמפּן פון די אמעריקאַנישע קױלנגרעבער, און „סקאָטסבאָראָ"—וועגן די אכט אמעריקאַנישע יונגע נעגער־אַרבעטער, וואָס שמאַכטן אין דער טפיסע פון „סקאָטסבאָראָ", אַלאַבאַמאַ סטייט, און וואָס זײַנען דורך אַ בילבול פאַרמישפּט געוואָרן צום טויט אויך אַפּ דעם צווייטן פּראָצעס, וואָס ס'האָבן פאַר זיי אויסגעקעמפט די רעוואָליוציאָנערע אַרבעטער. ער האָט לעצטנס אויך אָנגעשריבן אַ דראַמע פונעם לעבן פון די שנײַדער־אַרבעטער אין אַמעריקע.

אײַנבינדערס טעמאַטיק איז אָריענטירט אַפּ דער רעוואָליוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג, האַגאַם אין „בראָנזוויל" האָט ער, צײַטנווײַז פאַרגעסנדיק די אַלגעמיינע ציל־אײַנשטעלונג, זיך געלאָזט פאַרכאַפּן מיט מאָלן צוליב מאָלן. דער דאָזיקער כיסאָרן איז אין „קאָפּל דער האָרבאַטער" קימאַט אינגאַנצן פאַרשווונדן. כאָטש ס'איז ניט קלאָר, פאַרוואָס קאָפּל מוז דאַפקע זײַן אַ האָרבאַטער. ס'קען זיך באַקומען דער אײַנדרוק, אַז וועגן ניט זײַן פיזישער פעלער, וואָלט ער קיין רעוואָליוציאָנער ניט געוואָרן. די פיגורן, וואָס ער מאָלט, זײַנען אַלעמאָל קלאָר געשילדערט און זיי האָבן זייער אינדיווידועלן כאַראַקטער. די פיגורן שליסן ניט אויס און פאַרשטעלן ניט דעם סאָציאַלן הינטערגרונט, נאָר זיי זײַנען אַליין אַ טייל פון אָט דעם הינטערגרונט, און סימבאָליזירן דאָס גאַנצע. דאָס געוועב פון אײַנבינדערס דערציילונג איז שטענדיק לעבעדיק, שטענדיק פול מיט באַוועגונג, מיט יוגנטלעכן אומרו.

„...אַמאָל באַקומט זיך אָבער דער אײַנדרוק, אז ער האָט אָקאָרשט אופגעעפנט אַ פּאָר נאַיווע אויגן, קוקט אַפּ דער וועלט צום ערשטן מאָל און קען זיך ניט אײַנהאַלטן פון גאַפן איבער יעדן פּיצל. פאַר כאַווער־פּאַוועריען איז דאָס עפּשער גוט, פאַר געריכטן אײַנבינדערן פּאַסט זיך דאָס ניט. געריכטן אײַנבינדער איז אַ דערוואַקסענער און שרײַבט פאַר דערוואַקסענע. ער איז אַ פּראָלעטאַרישער שרײַבער, וואָס דאַרף דורכנעמען די קאָמפּליצירטע סאָציאַלעווירקלעכקײַט מיט די ליכט־שטראַלן פון אַ וויסנשאַפטלעכן קלאַסן־אַנאַליז און זי אַוועקשטעלן אין איר וועזנטלעכקײַט פאַר די אויגן פון די אַרבעטער־מאַסן. דאָ דאַרף מען זיך ניט „ווונדערן". דאָ דאַרף מען פאַרשטעלן און געבן פאַרשטיין מיט די ספּעציפישע מיטלען פון אַ קינסטלער. אײַנבינדער אַנטוויקלט זיך אָבער שנעל, ער אַרבעט איבער זיך. אין זײַנע לעצטע אַרבעטן באַפרײַט ער זיך פון די פעלערן. זײַנע ווערק ווערן קרעפטיקער, אידעאָלאָגיש־אָנגעזעטיקטער און אויסגעהאַלטענער" (מ. אָלגין).

כאַנוקאָוו ל. געבוירן אין 1892 אין דעם גוט אָלכאָוואָ, געוו. פּסקאָווער גוב. פאָטער געווען אַ פלאַקס־הענדלער. אין 1913 אָנגעקומען קיין אַמעריקע. געאַרבעט אין שעפּער בײַ פאַרשיידענע מעלאָכעס, אין פאַבריקן פון שיפּבוי און לאָקאָמאָטיוון. ייִנגלווײַז געשריבן און געדרוקט לידער אַפּ רוסיש. זינט 1915 געדרוקט דערציילונגען אין דער פילאַדעלפיער „ייִדישע וועלט", ווו געוואָרן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער. גלײַכצײַטיק אויך געשריבן אין „אין זיך", „דער צווײַג", „באַם פײַער", „פ. א. ש.", „טאָג" א. ד. גל. געווען אַסאַך יאָרן לערער אין די שאָלעם־אַליכעם־קינדער־שולן.

אין בוך־פֿאָרם ארויסגעגעבן: א זאמלונג דערציילונגען „גרויע הימלען" (1923), וווּ ס׳גייען אויך אריין צוויי זאכן, וואָס שפּיגלען אָפּ די שטימונגען און איבערלעבונגען פֿון די פּאָגראָמען; א זאמלונג מיניאַטורן „אין פרומע שאָען" (1925) לידער און פּראָזע לויט די אָפּטיילונגען „אין שאָטן פֿון ווענט", „הייליקע פײַערן", „ליבע", „טויט", „יאם", „שטיינערנע שוועלן".

שפּעטער זיך דערנעענטערט צו דער רעוואָלוציאָנערער ארבעטער־באַוועגונג און אָנגעהויבן דרוקן דערציילונגען אין „פרײַהײַט" און „האמער". אין דער צײַט פֿון דער ציִען־וואקכאנאליע זיך א וואקל געטאָן. זיך אָנגעשלאָסן אָן דער קולטור־געזעלשאפט און אָן דער „וואָכ". אין 1932 זיך אומגעקערט אינעם רעוואָליוציאָנערן לאגער, געוואָרן א מיטגליד פֿון „פּראָלעטפּען". אין די לעצטע פּאָר יאָר ארויסגעגעבן א בוך דערציילונגען „דער מענטש" און א גרויסע נאָוועלע „סאָבמארינ", ווו ער שילדערט די זינקונג פֿון א מיליטערישער אונטערוואסער־שיף און די איבערלעבונגען פֿון די שיפֿלײַט אונטערן וואסער ביז זייער טויט. דאָס בוך „סאָבמארינ" האָט ארויסגערופֿן אסאך קריטישע ארטיקלען.

כאשמאל (לייביש קאצ). געבוירן אין 1891 אין קרופּקי, געוו. וואָלינער גוב. פֿאָטער א לערער. אָנגעהויבן שרײַבן אין דער הומאָריסטישער אָפּטיילונג פֿון דער „ווארהײַט". אין 1921 ארויסגעגעבן מיט אנדערע הומאָריסטן דעם כוידעש־זשורנאל „דער הומאָריסט". שפּעטער נאָך געשריבן א קורצע צײַט אין דער הומאָריסטישער אָפּטיילונג פֿונעם „טאָג". אין 1926 האָט ער זיך דערנעענטערט צו דער רעווּבאַוועגונג און אָנגעהויבן מיטארבעטן אין דער הומאָריסטישער אָפּטיילונג פֿון דער „פרײַהײַט", דרוקט פעליעטאָנען אין גראמען איבער די פּאָליטישע נײַס פֿון דער וואָך אונטערן נאָמען „רייד—יאָ—גראמען". ער ארבעט אין דער „פרײַהײַט" ביז איצט. שרײַבט אויך פעליעטאָנען (אָן גראמען) און ארטיקלען וועגן קינדער און וועגן דער שול־באַוועגונג. איז א לערער פֿון די פּראָלעטארישע שולן. שרײַבט אויך אין די אויסגאַבעס פֿונעם ארבעטער־אָרדן, שרײַבט אויך „לאנגע" רעציטאציעס און דעקלאמאציעס. רעדאַקטירט לעצטנס צוזאמען מיטן כ׳ ב. פרידמאן די אָפּטיילונג „קינדער־ווינקל" פֿון דער „מאָרגן־פרײַהײַט". זײַנע שאפונגען זײַנען דערשינען אין א בוך „שער און אײַזן" אינעם פארלאג „סיגנאל" אין 1933. האָט אויך ארויסגעגעבן נאָך א ביכל „פּראָ־וואָד" (פּראָלעטארישער וואָדעוויל).

לאוער כאִים. געבוירן אין 1907 אין אָפּאטאָוו, לעבן ראדאָם, פּוילן. זיך געהאָדעוועט בא א זיידן, אן אָרעמען שוסטער. נאָך דער מילכאָמע געוואָרן א היטלמאכער. סאָף 1924 אוועקגעפֿאָרן קיין קאנאדע, דאָרטן געארבעט באַם פאַך. געווען פּראָטאָקאָל־סעקרעטאר פֿון דער היטלמאכער־יוניאָן. אין דער צווייטער העלפֿט 1927 יאָר אָנגעקומען קיין שיקאגאָ. געווען אקטיוו בא די „לינקע" פּ. צ. אין א יאָר ארום איבערגעריסן מיט די פּ. צ. און געוואָרן טעטיק אין דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג. אין אָוונטשול דורכגעמאכט עלעמענטארע און מיטלשול. זיך אָנגעשלאָסן אָן דעם קאָמיוג.

דאַן אָנגעהויבן שיקן אַרבקאָרישע קאָרעספּאָנדענצן אין דער „פרײַהײַט". זיך שפּעטער ספּעציאַליזירט אין דער פאַרצייכענונג. שרײַבט איצט גראָטעסקע בע־לעטריסטישע זאַכן. אַרבעט אין אַ גרויסער פאַרבן־פאַבריק.

לאַמפּל לאַזאַר. געבוירן אין 1904 אין שטעטל קאָנטשוגא, גאַלי־ציע. אין 1920 געקומען קיין אַמעריקע צום פאָטער, וואָס איז אַ נאָדל־אַרבע־טער. זיך אָנגעהויבן דרוקן אין דער „פרײַהײַט". געדרוקט לידער און דער־ציילונגען אויך אינעם „האַמער", אין „יונג־קוזניע", „יוגנט", ספּאַרטאַק", קאַ־נאַדער „קאַמף". אין די לעצטע יאָרן האָט ער אויפגעהערט שרײַבן לידער און אָפּגעדרוקט אין דער „מאָרגן־פרײַהײַט" אַ צאָל דערציילונגען און אַ גרוי־סע נאָוועלע. האַלט איצט באַם פאַרענדיקן אַ גרויסן ראָמאַן פון אַמעריקאַ־נישן אַרבעטער־לעבן. איינער פון די ערשטע מיטגלידער פון די פּראָלעטאַרי־שע שרײַבער־אָרגאַניזאַציעס, מיטגליד פון „פּראָלעטפּען". פון פאַך אַ לע־דער־אַרבעטער.

לאַמפּל איז איינער פון די יינגסטע רעוואָלוציאָנערע דערציילער. ער האָט אַ דערפינדערישע פאַנטאַזיע, אַן אייגענעם אינטימען טאָן, אַן עמאָציאָנעל־אָנ־געזעטיקטע שפּראַך און אַ כוש פאַר כאַראַקטער־שילדערונג. ער פּסיכאָלאָגיזירט אַמאָל צו פיל, איז אָפּטמאָל צו ווייך, צו פאַרטרוימט, צו טונקל. ער איז אָבער אַ פייִקער און אינטערעסאַנטער שרײַבער. ער באַפרײַט זיך לעצנטס פון די בורזשואַזע איינפלוסן און פאַרנעמט זיך צו געבן ברייטע ליוונטן פונעם פּראָלעטאַרישן לעבן אין אַמעריקע.

ליפּצין סעם (אַנקל סעם). געבוירן אין 1893 אין ליפּסק, געוו. סוּוואַלקער גוב. פאָטער אַ שנײַדער. פון 10 יאָר אָנגעהויבן אַרבעטן צוזאַמען מיטן פאָטער. אין 1909 געקומען קיין אַמעריקע. אין דער זעלביקער וואָך זיך אָנגעשלאָסן אָן דער שנײַדער־יוניאָן, אינגיכן אַרײַנגעטראָטן אין דער ס.פ. און געוואָרן אַקטיוו אין ביידע אָרגאַניזאַציעס. גלײַכצײַטיק גענומען שרײַבן לידער צו פּאָ־פּולערע מעלאָדיעס וועגן די קאַמפן אין דער אַרבעטער־גאַס. געשריבן אויך לידער פאַר וואָדעוויל־טעאַטערס אין פּראָלעטאַרישע טעמעס.

ליפּצין איז געווען איינער פון די גרינדער פון דער „אַמאַלגאַמייטעד" שנײַדער־יוניאָן. דאָס איז דאַן געווען אַ גרויסער אויפטו פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג. די גאַנצע צײַט געווען אַקטיוו, ביז די יוניאָן איז פאַרוואַנדלט גע־וואָרן אין אַ נעסט פון רעאַקציע און קאָרופּציע. ער האָט דעמאָלט אויפגע־דעקט די כאַבאַר־געשעפטן פון די פירער. דערפאַר איז ער אויסגעשלאָסן גע־וואָרן פון דער יוניאָן, אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון שאַפּ און נאָך באַגלייט גע־וואָרן מיט פיזישע אָנפאַלן פון די געדונגענע שלעגער פון דער יוניאָן. אין 1917 איז ער אַרעסטירט געוואָרן פאַר אָרגאַניזירן אַן אַנטימיליטאַריסטישע־ליגע. אין 1919 האָט ער געהאָלפן אָרגאַניזירן די ערשטע קאָמוניסטישע צײַטונג „דער קאַמף", געשאַפן דאָס ערשטע געלט, וואָס האָט מעגלעך געמאַכט אַרויס־צוגעבן די צײַטונג. זינט 1920 אַ מיטגליד פון דער אַמעריקאַנישער קאָם־פּאַרטיי.

ליפּצין איז אויך געווען פון די ערשטע גרינדער פון דער רעוואָליוציאָ־נערער נאָדלפאַכ־יוניאָן. האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אין דעם אויפבוי פון דער „פרייהייט". געווען אַ לענגערע צייט פאַרוואַלטער פון די געלט־קאַמפּאַניעס פון דער „מאָרגן־פרייהייט". אין דער „פרייהייט" געשריבן אַסאַך אַרטיקלען איבער יו־ניאָן־פראַגעס און איבער די קאַמפּן פון דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג. זיך אויך באַטייליקט מיט פעליעטאָנען, הומאָרעסקעס, שפּאַסן און מיט „רויטע פעפערלעך".

אין בוך־פאָרם זיינען דערשינען: „אַפן לייטישע געלעכטער", „איך לאַך פון דער וועלט", „רויטע פעפערלעך" (דאָס זיינען מערסטנס הומאָריסטישע דער־ציילונגען און פעליעטאָנען), „לאָמיר זינגען", „מיט געזאַנג אין קאַמף"—לידער און פּאַראָדיעס צו פּאָפּולערע מעלאָדיעס, וואָס ווערן פיל געזונגען. לעצטנס אַרויסגעגעבן אַ נייַ בוך איינאַקטערס און דערציילונגען „פאַר רויטע אָוונטן".

סעם ליפּצין איז אויך געווען ערשטער פאַרוואַלטער פונעם זשורנאַל „סיג־נאַל", וואָס ווערט אַרויסגעגעבן פונעם „פּראָלעטפּען".

לעווין ס. ד. (שמועל־דאָוויד מיכאַלישקער). געבוירן אין 1885 אין מיכאַי־לישאָק, געוו. ווילנער גוב. געקומען קיין אַמעריקע אין 1900. געוואָרן אַ מיט־גליד פון דער ס.פּ. אין 1903. געווען איינער פון די ערשטע אינעם לינקן פליגל פון דער ס.פּ. און פון דער קאָמפּאַרטיי.

גלייך ווי ס'האָט אָנגעהויבן דערשיינען „די פרייהייט", איז ער באַשטימט געוואָרן אַלס באַסטאָנער פאַרוואַלטער פון דער „פרייהייט". שפּעטער—פאַרוואַל־טער אין נואַרק, ניודזשוירסי, ווו אַרעסטירט געוואָרן אין 1930 פאַר זיין טע־טיקייט צווישן די אַרבעטלאָזיקע. די גאַנצע צייט געשריבן קאָרעספּאָנדענציעס אין דער „מאָרגן־פרייהייט" און אויך אין „דיילי וואָרקער". מיטגליד פון „פּראָלעטפּען", איצט אַ מיטאַרבעטער פון דער „מאָרגן־פרייהייט".

לעלטשוק בערטאַ. געבוירן אין 1901 אין פּינסק (איצט פּוילן). פאָטער געווען אַ סויכער. אין 1916 געאַרבעט אַלס אָנפירערן אין אַ קינדער־גאָרטן אין סאָקאָלאָוו, פּוילן. אין 1917 שטודירט אין וואַרשע און שליסט זיך אָן דער דראַמסעקציע פון די „לינקע" פּ.צ. אין 1920 אַוועק קיין פּאַלעסטינע, זיך באַזעצט אין אַ קאָלאָניע אַלס צייכן־דאָקטער. שפּעטער אַריינגעטראָטן אין פּאַ־לעסטינער טעאַטער. ווערט אַנטוישט אינעם ציוניזם און קומט קיין אַמעריקע. שפּילט אין „מאָריס שוואַרצ קונסט־טעאַטער", אין „אונדזער טעאַטער" און אין אַנדערע טרופּעס. אין 1925 אָנגעהויבן דרוקן דערציילונגען אין דער בור־זשואַזער טעגלעכער פּרעסע. אין 1927 זיך אָנגעשלאָסן אָן דער שרייבער־גרו־פּע „יוניאָן סקוועך".

אין 1929 באַזוכט ראַטנפאַרבאַנד. נאָכן אומקערן זיך קיין אַמעריקע אָנגע־הויבן דרוקן דערציילונגען אין דער „מאָרגן פרייהייט". אין 1931 אַריינגע־טראָטן אינעם קאָלעקטיוו פון דעם אַרבעטער־טעאַטער „אַרטעף". האָט גרייט צום דרוק אַ בוך דערציילונגען.

מאנדעלבוים א. מ. געבוירן אין 1892 אין ליבעשעוו, געוו. מינסקער גוב. בא אָרעמע אַרבעטער־עלטערן. יונגערהייט פאַרלאָזן די היים. געאַרבעט אַלס טאָקער פון סיפאָן־מעכאַניזמען אין וואַרשע. שפּעטער אַן אָנגעשטעלטער אין א קאָנטאָר אין קיִעוו. קיין אַמעריקע געקומען אין 1906. דורכגעמאַכט פאַרשיידענע אימיגראַנטישע וואַנדלונגען: געווען א סיגאַרן־מאַכער, א שאַכטל־מאַכער און געטאָן אַנדערע שווערע אַרבעטן אין ניו־יאָרקער שעפּער. אָנגעהויבן זשורנאַליסטישע טעטיקייט מיט אָפּטע אַרויסטרעטונגען אין דער טאָג־פּרעסע. געשריבן דערציילונגען, פעליעטאָנען, טעאַטער־רעצענזיעס און אַנד. איבער סימפּאַטיעס מיטן קאָמוניזם אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון א בורזשואזער צייטונג אין קאַנאַדע.

פון 1925 ביז 1930 געווען א מיטגליד פון דעם אינעווייניקסטן שרייבער־פּערסאָנאַל אין דער „פרייהייט". פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען, פעליעטאָנען, טעאַטער־רעצענזיעס א. אז. וו. אין „פרייהייט", קאַנאַדער „קאַמף", „פונק" און אַנדערע פּראָלעטאַרישע אויסגאַבעס. א שטיק צייט געפירט די טעאַטער־אָפּטיילונג און אַנדערע אָפּטיילונגען אין דער „פרייהייט". אין 1925 געוואָרן א מיטגליד פון דער פּאַרטיי. איז א מיטגליד פון „פּראָלעטפּען". אַרבעט איצט בא מימאָגראַפיע און מאַלטיגראַפיע.

מאַרגאָלעס — דאַווידזאָן כאַים. געבוירן אין 1891 אין וואַרשע. פּאָטער אַן אַרבעטער. יונג אָנגעהויבן אַרבעטן בא פאַרשיידענע מלאָכעס. אַוועק אין מיליטער־דינסט און זיך באַטייליקט אין דער וועלט־מילכאָמע. שפּעטער אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע. זיך אָנגעהויבן דרוקן אין 1921 אין א פּראָווינץ־צייטונג. באַטייליקט זיך אין דער „פרייהייט" און „האַמער" זינט זייער דערשיינען. אָנגעשריבן און אָפּגעדרוקט א גרויסע צאָל דערציילונגען, א מילכאָמע־ראָמאַן „קאַנאָנען־פלייש", א פיר אַקטן־דראַמע, עטלעכע איינאַקטערס, נאָוועלעס „איווע", „ראָזנבערג דזשוניאָר" און „שימשוין האַגיבער". האָט צוגעגרייט צום דרוק א בוך דערציילונגען „געשלאָסענע רייען". א מיטגליד פון דער קאָמפּאַרטיי און פונעם „פּראָלעטפּען".

אין זיין „ראָזנבערג דזשוניאָר" שטעלט דאַווידזאָן אַוועק א זון, אַן אַרבעטער־פירער אין אַמעריקע קעגן א פּאָטער — א קאַפּיטאַליסט און פאַרביסענעם רעאַקציאָנער. אין זיינע דערציילונגען, בילדער און כאַראַקטער־שטודיעס איז דאַווידזאָנס צוגאַנג אין גרונט א רעוואָלוציאָנערער. זיין שפּראַך איז לייכט און לעבעדיק, זי צייכנט זיך אויס מיט א געוויסער ווייכקייט. ער ליידט נאָך דערווייל פון א געוויסער צעצויגנקייט, פון א נויגונג אָנצוהויפן דעטאַלן, וואָס זיינען ניט אַלעמאָל אומבאַדינגט נייטיק. ער באַפרייט זיך אָבער פון זיינע פעלערן. ער באַקומט אַלעמאָל מער זיכערקייט אין שפּראַך, אין כאַראַקטעריסטיק און אין דער קאָמפּאָזיציע. ער האָט א כוש ניט בלויז פאַר איינצלנע כאַראַקטערס, נאָר אויך פאַר א סאָציאַלער אַטמאָספער, וועלכע ער שילדערט מיט געלונגענע שטריכן.

מאַרמאָר קאַלמען. געבוירן אין 1876 אין מייִשאַגאָלע, געוו. ווילנער גוב. זייַן פּאָטער, א לאַמדן און א מאַסקיל, איז געווען אן ערדאַרבעטער, דערנאָך זיך פּארנומען מיט מיסכער. אין 1894 האָט קאַלמען מאַרמאָר געוואָרפן דאָס גרייטן זיך צו מאַטורע, זיך אויסגעלערנט טאָקערייַ, צוגעשטאַנען צו די רעוואָליוציאָנערע קרייַזלעך. זעקס־זיבן יאָר שפּעטער, אַלס סטודענט אין דער שווייץ, געוואָרן א ציִעניסט, און נאָכדעם, אין ענגלאַנד, א פּויאַלעציִעניסט. שטודירט אין בערנער און פרייַבורגער אוניווערסיטעטן. אין 1906 געקומען קיין אמעריקע. אין 1914 געריסן מיט די „פּויאַלעציִען“ און געוואָרן א מיטגליד פון דער סאָציאַליסטישער פּארטיי. אין 1920 זיך אָנגעשלאָסן אָן דער אומלעגאַלער קאָמוניסטישער פּארטיי פון אמעריקע און זיך באַזעצט אין ניו־יאָרק. געווען די גאַנצע צייַט טעטיק אויך אַלס קולטור־און שול־טוער.

מאַרמאָר האָט אָנגעהויבן זייַן ליטעראַרישע טעטיקייַט אין 1901 מיט איבערזעצונגען. שפּעטער זיך באַטייליקט מיט פּובליציסטישע, וויסנשאַפטלעכע און קריטישע אַרטיקלען אין א גרויסער צאָל ייִדישע טעגלעכע צייַטונגען פון ענגלאַנד און אמעריקע, ווי אויך אין וואָכנבלעטער און מאָנאַט־זשורנאַלן, און אין אייניקע העברייִשע און ענגלישע צייַטשריפטן. אַליין אַרויסגעגעבן און רעדאַקטירט א ריי זשורנאַלן, וואָכנבלעטער און צייַטונגען אין ענגלאַנד און אמעריקע, צווישן זיי די לינקע־סאָציאַליסטישע טעגלעכע „וועלט“. אין ניו־יאָרק געווען רעדאַקטער פונעם אונטערערדישן „קאָמוניסט“ און א מיטגליד פון דער רעדקאָלעגיע פון די וואָכנבלעטער „עמעס“ און „נייַע וועלט־עמעס“, דער אָפיציעלער אָרגאַן פון דער ייִדישער סעקציע פון דער „וואָרקערס“־פּארטיי, וואָס איז אין אַפּריל 1922 פּאַרוואַנדלט געוואָרן אין דער טעגלעכער צייַטונג „פרייַהייַט“. אין דער „פרייַהייַט“ איז כ׳ מאַרמאָר געווען איינער פון די הויפּט־מיטאַרבעטער, דאָרט געפירט די ביבליאָגראַפיש־קריטישע אָפּטיילונג „צווישן ביכער און זשורנאַלן“. אויך געווען מיטרעדאַקטער פון קאָמוניסטישן כוידעש־זשורנאַל „דער האַמער“, וווּ געדרוקט גרעסערע מאָנאָגראַפישע אַרבעטן וועגן אַרן ליבערמאַנען, ווינטשעווסקין, עדעלשטאַטן און אַסאַך אַנדערע וויכטיקע אַרבעטן.

ער האָט פּאַרעפנטלעכט אין דער „פרייַהייַט“ א גרויסע אַרבעט אויסגערעכנט אַף צוויי בענדער „געשיכטע פון קלאַסנקאַמף פון אַלטערטום ביז הייַנט“ (ערשטער באַנד „קלאַסנקאַמפן אין אַלטערטום“ דערשינען אין בוך־פאָרם אין 1933) און הונדערטער ביִאָגראַפיעס פון „וועגווייַזער פון דער מענטשהייַט“ פאַר די לעצטע טויזנטער יאָרן, אויך א סעריע ביִאָגראַפיעס פאַר קינדער „אַמאָל איז געווען איינער“. ער האָט צונויפגעשטעלט צוזאַמען מיטן כ׳ וויליאַם אייבראַמס א „רעוואָליוציאָנערן דעקלאַמאַטער“ (ניו־יאָרק, 1933). האָט איבערגעזעצט אָסקאַר ווייַלדס „דע פּראָפונדיס“ און געשריבן אן אַרייַנפיר „אָסקאַר ווייַלד און זייַן טראַגעדיע“; געשריבן פאָרווערטער צו א גאַנצער ריי ווערק. האָט געזאַמלט און באַאַרבעט פיל מאַטעריאַל צו דער געשיכטע פון דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג און פון דער ייִדישער פּרעסע און ליטעראַטור אין אמעריקע.

מארמאָרס גרעסט ווערק איז די אויסגאַבע פון אַלע שאַפונגען פון מאָריס ווינטשעווסקי אין צען בענדער, וואָס ער האָט רעדאַקטירט. דער ערשטער באַנד איז זײַנע אַ מאָנאָגראַפיע וועגן ווינטשעווסקין. די אויסגאַבע איז דער־שינען אין דעם „פרײַהײַט״־פאַרלאַג.

כ׳ מארמאָר איז די לעצטע עטלעכע יאָר געווען קולטור־דירעקטאָר פונעם אינטערנאַציאָנאַלן ארבעטער אָרדן, סעקרעטאַר פון זײַנע שולן און רעדאַקטאָר פונעם כוידעש־זשורנאַל „דער פונק״. אין אויגוסט 1933 איז ער געקומען קיין ראַטנפאַרבאַנד לויט דער אײַנלאַדונג פונעם וויסנשאַפטלעכ־פאָרשערישן אינסטיטוט פאַר יידישער פראָלעטאַרישער קולטור פון דער אַלוקראַיִנישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע אין קיִעוו.

מאָוד זוני. געבוירן אין 1892 אין וואַשליקאָווע, געוו. גראָדנער גוב. אין אַ קליינבירגערלעכער מישפּאָכע. די גאַנצע קינדער־יאָרן „געצייכנט און געמאָלט אויף די ספאָרים און צעשניצט די סטענדערס אין בעסמעדרעש״, אויפגעפירט פורעם־שפּילן א. ד. גל. צו 12 אָדער 13 יאָר (שוין זײַנע עלטערן געהאַט פאַר־לאָרן) אוועק קיין אַמעריקע, געאַרבעט אַלס שיק־ייִנגל אין אַ שפּײַז־קראָם, בײַ פּרויען־בלוזקעס, בײַ ציגאַרן און אַנדערע אַרבעטן. אין די אָוונטן געלערנט אין אַ רעגירונג־שול, שפּעטער אין די קונסט־שולן: „קופּער יוניאָן״, „קונסט־אַקאַדעמיע״ און אַנד. אין יאָר 1909 אָנגעהויבן מיטאַרבעטן אַלס קאַרטוניסט אין די ניו־יאָרקער הומאָריסטישע זשורנאַלן און צײַטונגען. איליוסטרירט און קאַליגראַפירט אַ ריי ביכער. ביז 1924 מיטגעאַרבעט אין אַ ריי זשורנאַלן, געמאָלט פּלאַקאַטן, דעקאָראַציעס און קאָסטיומען — צוזאַמען מיט יאָסל קאָטלער — פאַרן קונסט־טעאַטער צו „די באָבע יאַכנע״ און אַנדערע פּיעסעס. אין 1925 געשאַפן צוזאַמען מיט יאָסל קאָטלער דעם טעאַטער „מאָדיקאָט״ (יידישער מאַריאָנעטן־טעאַטער). געשריבן פאַר „מאָדיקאָט״: שפּיל „קעניג אַכאַשווייראָש״, אַ סאַטירע אויף דער מעגילע; „דער לײַטישער מענטש״, סאָציאַלע סאַטירע; „דער מאַגיד״ (גראָטעסק), אַ פּאַראָדיע אויפן „דיבוק״ און אַנדערע. אין 1929 טורנירט איבער אייראָפּע מיט „מאָדיקאָט״־שפּילן. שפּעטער זיך דער־נעענטערט צו דער רעוואָליוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג. אין 1932 באַזוכט דעם ראַטנפאַרבאַנד, געשפּילט אין מאָסקווע, מינסק און אַנדערע גרעסערע און קלענערע שטעט אין ווײַסרוסלאַנד. געשריבן קינדער־מײַסעלעך, קינדער־לידער און גראָטעסקן. אין די לעצטע יאָרן זיך אָפּט באַטייליקט אין דער הומאָריסטישער אָפּטיילונג פון דער „פרײַהײַט״ „די קראָפּעווע״ מיט פּעליע־טאָנען אין גראַמען און אָן גראַמען. לעצטנס געשריבן אַ סעריע פּעליעטאָנען אין דער „מ. פ.״ וועגן מ. אָשעראָוויטשעס פּאַסקווילן אין „פאָרווערטס״ קעגן דעם ראַטנפאַרבאַנד. מיטגליד פון „פּראָלעטפּען״.

מאָזער ב. געבאָרן אין 1894 אין יאַגעלניצע (גאַליציע) בײַ אַ פאָטער אַ קליין־הענדלער. אין דער יוגנט געלערנט אין טשערנאָוויצער טעכנישער שול און אין ווינער האַנדלס־אַקאַדעמיע.

ביז הײַנט אַרויסגעגעבן אַ באַנד נאָוועלעס, אַן איינאַקטער און אַ קינדער־

ראָמאַן „בעני״. ער האָט אויך איבערגעזעצט אַנדערסענען אַף ייִדיש. שפּעטער זיך אָנגעהויבן דרוקן אין דער קאָמוניסטישער פּרעסע. מאָזער איז פֿון די ערשטע מיטגלידער אין דער שרײַבער־גרופּע „יוניאָן סקווער״ און פֿונעם „פּראָ־לעטפּען״. איז אַ לערער פֿון די פּראָלעטאַרישע קינדער שולן. מאָזער איז איצט אַ מיטגליד פֿון דער קאָמפּאַרטיי (פֿריִער געווען אַ מיטגליד פֿון די „פּויאַלע־ציוֹנען״).

מאָזער איז איינער פֿון די פּראַקטישע טוער אַפֿן פֿראָנט פֿון קלאַסן קאַמף. זײַן אינטערעס אַלס קינסטלער איז געווענדעט אַף די טאָג־פּראָבלעמעס פֿון דער אַרבעט. ער האָט אַן אויג פֿאַרן שײַנעם און דראַמאַטישן אין אָט דער אַרבעט. ער מאָלט עס מיט דײַטלעכע, אָפּטמאָל גענוג שטאַרקע שטריכן. זײַן שרײַבן איז פֿול מיט וואַרעמקײַט, כאָטש עס טראָגט אָפּט דעם כאַראַקטער פֿון אַ פֿאָטאָגראַפֿישן עטיוד. זײַן „בעני״, דער ערשטער ראָמאַן פֿאַר קינדער אין דער אַמעריקאַנישער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור, איז געשריבן לעבעדיק, כאָטש ניט אַלעמאָל אויסגעהאַלטן פּראָלעטאַריש. ס׳זײַנען פֿאַראַן דאָרט שפּורן פֿון לייוויקיזם און פֿון אַנדערע בורזשואַזע איזמען. מאָזער האָט אויך געשריבן אַסאַך פּאַרצייכענונגען לויט דער ליניע פֿון קונסט־רעפּאָרטאַזש. גרייט צום דרוק אַ בוך נאָוועלעס „אַפֿן ראַנד פֿון דער צײַט״.

מילער ל. געבוירן אין 1889 אין לאַנאָוויץ (וואָלין) אין אַ ראַבאָנישער פֿאַמיליע. געוואַקסן און דערצויגן געוואָרן אין בענדער, בעסאַראַביע. אין 1906 אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, ווו געאַרבעט בײַ פֿאַרשיידענע מעלאָכעס, אויך געהאַנדלט. אָנגעהויבן שרײַבן נאָך אין דער אַלטער היים. אין 1910 דעביוטירט אין דער „פֿ. אַ. ש.״ זינט דאַן זיך באַטייליקט הויפּטזאַכלעך מיט לידער אין פֿאַרשיידענע צײַטשריפֿטן און זאַמלביכער.

געשטאַנען נאָענט צו די זאַמלביכער „שריפֿטן״ און געווען מיטרעדאַקטער פֿון די ערשטע צוויי ביכער. אין באַנד פֿינף געדרוקט אַ ראָמאַן „אַבע״ (1920). אין ראָמאַן געשילדערט די איבערלעבונגען פֿון אַ ייִדישן יונגנמאַן אין אַמעריקע, וואָס זײַן פֿאַמיליע איז אומגעקומען אין אַ פּאָגראָם בעשאַס דער מילכאָמע. אין בוך־פֿאָרם פֿאַרעפֿנטלעכט לידער „אַף גאַטס וועלט״ (1919), געשריבן אונטער די אײַנדרוקן פֿון דער מילכאָמע און פּאָגראָמען. האָט איבער־געזעצט אַ בוך לידער פֿון וואָלט וויטמען (אייניקע פֿון זיי געדרוקט אין די „שריפֿטן״). אין אָקטיאַבער 1925 געגרינדעט אין שיקאַגאָ די אויסגאַבע „קולטור״, איליוסטרירטע וואָכנבלאַט פֿאַר ליטעראַטור, קונסט און אַלגעמיינע קולטור־איניאָנים, ווו פֿאַרעפֿנטלעכט, אַלס רעדאַקטער, אַ ריי „קולטוריסטישע״ אַרטיקלען.

אין 1928 רײַסט ער מיט דער בורזשואַזער פּרעסע און האָט זיך אָנגעהויבן באַ־טייליקן אין דער קאָמוניסטישער פּרעסע. אין די לעצטע יאָרן דרוקט ער זיך אויס־שליסלעך אין דער „פֿרײַהײַט״, „האַמער״ און אין אַנדערע קאָמוניסטישע אויסגאַ־בעס. פֿאַר די לעצטע יאָרן האָט זיך אײַנגאַנצן געביטן דער אינהאַלט פֿון זײַנע לידער, זיי זײַנען געווידמעט אויסשליסלעך דעם רעוואָליוציאָנערן קאַמף, זיי האָבן

באַקומענע פרישע קראַפט און שטאַרקע בילדערישקייט. מילער איז איצט אַ לערער אין די פּראָלעטאַרישע שולן באַם אַרבעטער־אָרדן. איז אַ מיטגליד פון „פּראָלעטפּען". ער האָט אָנגעשריבן אַ ריי קינדער־מײַסעס און קינדער־שפּילן, וואָס ווערן אויך אויפגעפירט פון די קינדער פון די פּראָלעטאַרישע שולן. אייניקע פון זײַנע לעצטע לידער זײַנען אַרײַנגענומען אין דער מינסקער זאַמלונג.

מײַזעל א. געבוירן אין בערעזין (ווײַסרוסלאַנד). פון 12 מיט אַ האַלב יאָר אָן געאַרבעט. געקומען קיין אַמעריקע אין 1911. געאַרבעט, נאָכדעם—אַ לערער אין אַרבעטער־שולן, איצט אין די קינדער־שולן באַם אַרבעטער־אָרדן. אָנגעהויבן שרײַבן לידער און דערציילונגען נאָך אין „נײַע וועלט־עמעס" און שפּעטער (ביז איצט) — אין דער „פרײַהייט", „האַמער" און אין אַלע אַנדערע רעוואָליוציאָנערע אויסגאַבעס. אַרויסגעגעבן מיט עטלעכע יאָר צוריק אַ בוך דערציילונגען „דער ווײַסער בער" און אַ טעקסט־בוך פאַר די פּראָלעטאַרישע קינדער־שולן וועגן דער געשיכטע פון די ייִדן אין די פאַראייניקטע שטאַטן. אָנגעשריבן לעצטנס אַ דראַמע „העררי סימס".

מײַזעל איז איינער פון די קרעפטיקסטע און בעסטע פּראָלעטאַרישע בעלעטריסטן אין אַמעריקע. האָט אָנגעהויבן מיט בילדער פון פּאַרטיזאַנטיקן שטעטל און פון די כיידער־יאָרן אין דער „אַלטער היים" און פון שילדערונגען פון אָרעמקייט און נויט אין אַמעריקע. מיט דער צײַט האָט ער אַריבערגעטראָגן זײַן הויפּט־אויפמערקזאַמקייט אויף דעם רעוואָליוציאָנערן אַרבעטער־קאַמף אין „גאָלדענעם" לאַנד.

„מײַזעל איז אַ מײַסטער פון דער קורצער דערציילונג. אין אַ ווערק פון עטלעכע בלעטלעך געלינגט אים אָפּט אַרײַנצופּאַסן אַ וויכטיקן און קאָמפּליצירטן אינהאַלט. זײַן שפּראַך איז שאַרף, מעצומצעם. די באַהאַנדלונג פונעם שטאָף — דירעקט און נאַטירלעך. ער איז רעאַליסטיש... וואָס דאָס האָט אים ניט געשטערט צו זײַן ציטנוויַיז לירישׂ" (מ. אָלגין).

מײַזעל האָט געשריבן אַ מאַסע בילדער פון שטאָט, דאָס הייסט, פון ניו־יאָרק. ער האָט זיך די לעצטע צײַט שטאַרק אַנטוויקלט אַלס פּראָלעטאַרישער שרײַבער. אין זײַנע לעצטע דערציילונגען אין דער „פרײַהייט" און „האַמער" האָט ער דערגרייכט צו אַ הויכער שטופע פון אידעאָלאָגיש־קינסטלערישער רײַפקייט.

מעלצער פּײַוול. געבוירן אין 1893 אין ראַדאוץ, בוקאָווינע. פאָטער אַ לערער. געקומען קיין אַמעריקע, אָנגעהויבן דרוקן ייִדישע לידער אין „גלײַכהייט", „נײַע וועלט", „ייִדישע אַרבעטער־שטימע", „וועגן", „דאָס ייִדישע וואָרט", „פעדער" און אַנד. געדרוקט אויך איבערזעצונגען פון סערבישע פאָלקס־לידער. שפּעטער געריסן מיט דער בורזשואַזער פּרעסע. אין דער „פרײַהייט" געדרוקט קינדער־לידער און קינדער־מײַסעלעך. אַרויסגעגעבן אַ בוך קינדער־לידער „שטאָט און דאָרף". מיטגליד פון „פּראָלעטפּען" זינט 1930. זיך באַטייליקט אינעם זאַמלבוך „יוניאָן סקווער". גרייט זיך אַרויסצוגעבן אַ נײַ בוך קינדער־לידער און אַ בוך לידער. זײַנע דרײַ לידער האָט מען אַרײַנגענומען אין דער מינסקער זאַמלונג.

נאַדיר משה (יצחק רײַז). געבוירן אין 1885 אין נאַראַיעוו, מיזרעך גאַליציע (איצט פּוילן). דער פֿאָטער אַ הענדלער, שפּעטער אַ לערער פֿון דײַטש. געקומען קיין אַמעריקע אין 1898. פֿון 16 יאָר אָן געטאָן פֿאַרשיידענע אַרבעטן. אין 1902 אָנגעהויבן שרײַבן לידער, סקיצן און אַרטיקלען. מיט דער אַנטשטייונג פֿון די ייִדישע הומאָריסטישע צײַטשריפֿטן באַקומען די מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען זײַן טאַלאַנט אַלס הומאָריסט. אין זײַן ערשטן בוך „ווילדע רויזן", 1915, איז ער שוין אַרויס אונטער זײַן נײַעם נאָמען משה נאַדיר. די דאָזיקע עראָטישע מיניאַטורן, „טומלדיק פֿאַרשײַט, אומעטיק פֿרעך, איידעלע גראָבקייט", האָבן אָנגעמאַכט אַ ראַש. צו יענער צײַט איז נ. געשטאַנען נאָענט צו דער מאָנאַטשריפֿט „ליטעראַטור און לעבן" פֿון די „יונגע". צוזאַמען מיט מ. ל. האַלפּערנען רעדאַקטירט דאָס זאַמלבוך „פֿון מענטש צו מענטש" (1916). שפּעטער אָנגעהויבן שרײַבן אין „טאָג" זײַנע ליריש־פֿילאָסאָפֿישע מיניאַטורן „פֿון מענטש צו מענטש", וואָס האָט אים געמאַכט אַ נאָמען אַלס איינעם פֿון די גרעסטע ייִדישע סטיליסטן. אין דער „פֿרײַהייט" האָט ער אַ ריי יאָרן געשריבן טאָג־אײַן, טאָג־אויס זײַנע אייגנאַרטיקע פֿעליעטאָנען אונטערן נאָמען „פֿון נעכטן ביז מאָרגן" און שפּעטער „פּען־און־ביקס", אין וועלכע ער באַרירט אַף זײַן שטייגער אויך די פֿאַרשיידענע אַקטועלע פּראָבלעמעס פֿון דער ייִדישער קולטור, ליטעראַטור, טעאַטער, געזעלשאַפֿטלעכקייט.

נ. האָט אויך אָנגעשריבן אַ ריי דראַמען, ווי „קלויסטער־בערג", „סוקסעס" (דערפֿאָלג), „דער לעצטער ייִד", „די טראַגעדיע פֿון גאָרנישט", „יעזוס עכאָד" (איינער), „עליאָהו האַנאָווי" (דראַמאַטישע פּאָעמע), „מאָשיעך אין אַמעריקע" און אַ ריי איינאַקטערס, ווי „מענטשעלעך", „די מעשוגאָים", אַן אָפּערעטע. אינאיינעם מיט מ. ל. האַלפּערנען אָנגעשריבן אַ דראַמע „אונטער דער לאַסט פֿון צײַלעם". אַ צאָל פֿון זיי, ווי „סוקסעס", „דער לעצטער ייִד", „די טראַגעדיע פֿון גאָרנישט", „מאָשיעך אין אַמעריקע" און אַנדערע, ווי אויך זײַנע איינאַקטערס זײַנען אויפֿגעפֿירט געוואָרן אַף דער בינע. זײַן נאָענטקייט צום טעאַטער האָט ער געבראַכט צום אויסדרוק אויך אין די צענדליקער אַרטיקלען און רעצענזיעס וועגן טעאַטער, אין וועלכע ער האָט ניט געשוינט דעם שונד און די וואולגאַרקייט פֿון דער ייִדישער אַמעריקאַנישער בינע. האָט אויך געשריבן זייער פֿיל עסייען איבער ייִדישע און ניט ייִדישע דיכטער; האָט זייער פֿיל איבערגעזעצט אַף ייִדיש, אַשטייגער, אַנאַטאָל פֿראַנס ראָמאַן „די רויטע ליליע"; פּעטער אַלטענבערגס בוך „ווי איך זע עס"; קימאַט אַלע ווערק פֿון דזשעראָם ק. דזשעראָם, אַסאַך זאַכן פֿון מאַרק טוועין; דזשיימס אָניעלס דראַמע „די האָריקע מאַלפּע"; הויפּטמאַנס דראַמאַטישע פּאָעמע „דער פֿאַרזונקענער גלאָק" (איבערדיכטונג); האָט דראַמאַטיזירט לעוו טאָלסטויס נאָוועלע „דער טויט פֿון איוואַן איליטש", פֿאַרייִדישט רודיאַרד קיפּלינגס „Just so stories" אונטערן נאָמען „פֿאַרוואָס־און פֿאַרווען־געשיכטן". געשריבן אויך אַסאַך אין ענגליש, דאָסראָוו גאַנץ אַנדערע זאַכן, ווי אין ייִדיש, דערהויפּט עסייען, אַרויסגעגעבן אויך אַ בוך אונטערן נאָמען „Peh el Peh" און פֿאַרענגלישט שאָלעם־אַלייכעמס קאָמעדיע „שווער צו זײַן אַ ייִד".

אָנגעשריבן א גאנץ בוך בוך לידער א. נ. „דעלוזיעס". אין בוך־פאָרם זיינען נאָך אַרויס: „פון מענטש צו מענטש", „מייסעלעך מיט א מאָראל און איסגעטראַכטע זאכן", „קום שפאצירן, געליבטע, און פליטער פלירט", „אין ווילדן ווערטער־וואלד", „מיינע הענט האָבן פארגאָסן דאָס דאָזיקע בלוט" — וועגן ביכער און טעאטער. אין פארלאג „פרייהייט" זיינען ארויס: „אונטער דער זון" (1926); „א לאַמפּ אפן פענצטער" (1929); „דערלאנג אהער די וועלט, בורזשוי!"; „א וועלט מיט ארבעט". אסאך פון זיינע ווערק זיינען נאָך ניטאָ אין בוך־פאָרם. „די פרייהייט" גרייט א זעקסבענדיקע זאמלונג פון זיינע ווערק.

אסאך פון זיינע זאכן זיינען איבערגעזעצט אין פארשיידענע שפראכן: דייטש, פראנצויזיש, רוסיש, פויליש, ענגליש.

לאָמיר זען, ווי גאדיר מאָלט זיין אייגענעם פּאָרטרעט פון זיין ערשטן (ביז ער האָט זיך דערנעענטערט צו דער רעוואָליוציאָנערער ארבעטער־באווע־גונג) פעריאָד:

„ווי איינער לייגט גראָז־קוואדראטן,
פליכיקע ערד צו פארדעקן,
אזוי פוץ איך מיך אויס אין קראוואטן,
דריי מיך ארום אייגענעם שטעקן...

איך וואקס מיך אריין שוין צוביסלעך
אין היגער אין שטייניקער ערד;
איך וואקס מיטן קאָפּ ארונטער —
איך וואקס — פארקערט.

מיין וואָרצל, ער בלייבט אין דער לופטן,
צו ערד און צו צייט ניט באהאָפטן,
דער טאָג טרעפט מיך אָן א צעדולטן,
די נאכט טרעפט מיך אָן א פארגאפטן.

עס פרעסט מיך די פוסטקייט, ווי זשאווער,
איך וועיב מיט פארזשאווערטע טרערן;
אפ וויצ־בלעטער זויערע מ'קען הײנט
ס'פארזשאווערט געלעכטער מיינס הערן.

א האק בין איך — ליג איך פארגעסן,
מיין שטאָל איז פאראָסט און פארשטומפּיקט,
איך האָב מיך געפרעגט אפ די ברוגעמס,
זיי האָבן געפירט מיך צו זומפּן..." („א וועלט מיט ארבעט").

און אָט ווי ער מאָלט די צייט, וואָס ער האָט מיטגעארבעט אין דער „קוגל"־צייטונג „טאָג" און דאָרטן געפירט א טעגלעכע אָפּטיילונג „פון מענטש צו מענטש":

„רעדאקטער פון „טאָג"
איז חיליאם ערליך,
ארויסגעשיקעפּט מאמעש
פון ליטעראַרישער ברעדלאַין [1]).

---

[1]) די ריי, וווּ מע שטייט נאָך צדאָקע־ברויט.

א ייִד מיט א טאליע
און לאסאלישע לאָקן,
א קאָפּ ווי א ציבער
אפּ אויסוואַשן זאָקן.

זײַן סטאַזש: איבערזעצונג
פון אָפּערן־טעקסטן
(געדרוקט אינעם יאָר
נײַנצן הונדערט און זעקסטן).

געווען ערשט אנומלט
סאָציאַל־דעמאָקראַט,
און הײַנט א רעדאקטער
פון קוגלדיק בלאט.

א מאלעך מיט הערנער,
א טײַפל מיט פליגל:
איז לייג איך צום „טאָג" צו
מײַן טרויעריקן ציגל.

איך מענטשל-צו־מענטשל,
זידל גאָט, זידל לײַט,
פון אלע בלוטיקע ווונדן
בין איך ווײַט.

לאָז איך אראָפּ מײַנע שטערן,
פארהאק איך מײַן ניכטערע טיר.
שרײַב איך: „מײַן צאר איז געפליטערט,
מײַן צאר איז א צירונג פאר מיר" („א וועלט מיט ארבעט").

און אָט ווי נאדיר האָט אופגענומען דעם סאָף פון דער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע און די רוסלענדישע רעוואָליוציע:

„איז אָנגעקומען דאָס יאָר נײַנצנאכצן,
האָט אויסגעבראָכן פרידן אין לאנד,
איז מען געוואָרן אביסל מעטושטעש,
ניט געווען שוין צו פרידן געוווינט.

איז די לופט צו מילכאָמע—פּסיכאָזיש,
איז דער פרידן־פּאראד—א קאָנוווּלס,
צעבראָכן זיך שטעכיקע צאמען,
פלאצט שיר פון סימכע דער פּולס.

אפּ ערד פילאדעלפיער—טרעפט מיך
היסטאָרישער טאָג, ווען ניקאָלײַ
דאנקט אָפּ פון טראָן, און עס ווערט
א שקלאפן־פאָלק „פרײַ".

פליעסקעט מײַן הארץ אויס א בראוואָ,
אפּ בלעטער פון „ייִדישער וועלט",

צעוויג איך פון „מענטשלעכן שטאנדפונקט״
אין „ליבערטי (פרײַהײַט)־גלאָק״[1]) דעם שפּאַלט.

פאַרפלאָנטערט אין אייגענעם גאָרטן—
דער גאָרטן די גרייס ווי א שפּאַן—
פאַר אלעם האָב איך דאָך געליטן,
„אלס איינער פון ייִדישן שטאַם״.

איז ליכטיק ווי ווײַנטרויב
דער גרינלעכער בלאָטער,
און פּאָש איז א טאַטע,
און פערשינג—א פּאָטער.

איז געקומען דער טאָג,
ווען ס׳האָט לעניִן געזאָגט:
„זאָל טאָגן אָט דאָרט,
ווו ס׳האָט נאָך נישט געטאָגט״. („א וועלט מיט ארבעט״)

איז געקומען פאַר נאַדירן אָט דער טאָג: ס׳איז געקומען „די פרײַהײַט״, געקומען דער דריטער פעריאָד, געקומען דער „פּראָלעטפּען״. נאַדיר שרײַבט זײַן „צאַר־וואַקכאַנאַליע״. נאַדיר שרײַבט זײַנע לידער אונטערן נאָמען „דריטער פעריאָד״, ער וואַקסט שוין גלײַך, ניט—„פאַרקערט״, „מיטן קאָפּ אַרונטער״. ער שרײַבט שוין מער ניט „מײַן צאַר איז געפּליטערט, מײַן צאַר איז א צירונג פאַר מיר״. ער דרייט זיך שוין מער ניט „ארום אייגענעם שטעקן״... אף „וויצבלעטער זויערע״ הערט מען שוין מער ניט זײַן „פאַרזשאַווערט געלעכטער״. ער שרײַבט שוין מער ניט אין קיין „קוגל״־בלעטער. ער שרײַבט שוין מער ניט פון „מענטשלעכן שטאַנדפּונקט״ און „אלס איינער פון ייִדישן שטאַם״. עס פרעסט אים שוין מער ניט „די פּוסטקײַט״, דער טאָג טרעפט אים שוין מער ניט אָן קיין „צעדולטן״, ער האָט געפונען „א וועלט מיט ארבעט״. געפונען „די גרויסע, אלץ ארומנעמענדיקע אידייע״, געפונען „עקסטאַז״, און פּאָדערט איצט „דערלאַנג אהער די וועלט, בורזשוי!״.

און וועגן נאַדירס איצטיקן „דריטער פּעריאָד״ שרײַבט שוין אזוי דער מאַרקסיסטישער קריטיקער ד. ק. אין דער זאַמלונג „די הײַנטצײַטיקע פּראָלעטאַרישע ייִדישע דיכטונג אין אמעריקע״:

...„אויך נאַדיר איז אָפּטמאָל פּאַטעטיש („געזאָטלט״, „אונטער דער ערד״ און אנד.), דאָס איז אָבער בא אים בלויז איין עלעמענט פון די פּילצאָליקע, זייער פאַרשיידנאַרטיקע און ווידערשפּרעכלעכע עלעמענטן אין זײַן שאַפונג. זײַן פּאַטעטיק ווידער איז אָפּט סימבאָליסטיש באַהויכט. ביכלאַל איז נאַדיר זייער שטאַרק אין זײַן נעגאַציע: אינעם סאַטירישן פּעליעטאָן, פּאַמפלעט, פּאַראָדיע א. אז. וו. דאָרטן איז ער בײַסיק, גאַליק, שאַרפזיניק. דאָרט איז די שפּראַך בא אים א שפּרודלדיק־שעפערישע, דאָס בילד—קאַריקאַטוראַרטיק פאַר־

---

1) „פרײַהײַט גלאָק״, דורך וועלכן מ׳האָט געקלונגען אין פילאַדעלפיע אין 1776, ווען די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן זיך דערקלערט אומאָפּהענגיק פון ענגלאַנד.

שאַרפֿט. אַלץ שלאָגט טרעפֿלעך אין פּינטל. גייט ער אָבער אַריבער צו פּאָזי־טיווע דערשײַנונגען, איז אָדער ער ווערט פֿלאַקאַטנמעסיק, אָדער ער ווערט זיסלעך־סענטימענטאַל (ווי אין „בורזשוי, דערלאַנג אַהער די וועלט!", ווען ער פּרוווט זיך מאָלן די צוקונפֿט). דאָס באַווײַזט, אַז דער גרויסער דיכטער אונ־דזערער האָט נאָך ניט גענוג טיף באַנומען אונדזער רעוואָליוציאָנערע ווירק־לעכקײַט, אַז ער באַהערשט נאָך ניט אין דער געהעריקער מאָס דעם פּראָלע־טאַרישן מעטאָד.

די לעצטע יאָרן,—באַזונדערס נאָכן העסלעכן פּאַראַט פֿון לייוויק, רייזנע עט קאָמפּ—זענען מיר באַ נאַדירן אַ קאָלאָסאַלן אידייִיש־קינסטלערישן וווּקס. נאַדיר האָט אַנטשלאָסן זיך איבערבאַוואָפֿנט. ער האָט סובלימירט דעם געווע־זענעם באָהעמיש־אינטעליגענטישן כויזעק אין פּאָליטיש־פֿאַרשאַרפֿטער סאַטירע. די קלייִנבירגערלעכע אַנאַרכיסטיש־אינדיווידואַליסטישע בונטאַרישקײַט — איז ציל־געווענדטער, קלאָסעווער, פּראָלעטאַרישער קעמפֿערישקײַט א. אז. וו. שעפֿע־ריש אָבער קען נאָך ניט נאַדיר, ווי געהעריק איז, זיך צאַמען. ער איז נאָך ניט גענוג שעפֿעריש דיסציפּלינירט, ער צעוואַרפֿט זיך אָפֿט, צעבײַט זיך אַף קליינינקייטן (גראָד ניט זײַן סעריע „פֿען און ביקס" האָבן מיר דאָ אינזינען. פֿאַרקערט, מיר שאַצן זייער הויך אָט די געזעלשאַפֿטלעכע אַקטיוועקייט, די פּאָ־ליטישע פֿאַרשאַרפֿטקײַט נאַדירס באַם באַלויכטן פֿאַרשיידנערליי טאָג־פּראָגעס פֿון וויכטיקן פּאָליטישן באַטײַט). ניט געקוקט אַף דעם, וואָס אויך דאָרטן זײַ־נען צעשאָטן עכטע קונסט־פּערל, איז פֿונדעסטוועגן אַ שאָד צעשפּליטערן זיך צעשטויבן זיך. אָנשטאָט זײַן עקסצענטריש־פֿאַרשווענדעריש, דאַרף נאַדיר ווערן מער קאָנסטרוקטיוו־בויעריש. דעמלט וועלן אויך זײַנע קלעפּ איבער אונ־דזערע קלאַסן־סאָנים זײַן מער ווירקפֿול, מער פֿאַרניכטנדיק. נאַדירס סאַטירע וואָרצלט, אָן שום סאָפֿעק, אין דער שאַפֿונג פֿון ווינטשעווסקין (באַזונדערס האָט נאַדיר אַסאַך געיאַרשנט פֿון דעם ייִדנס פֿעליעטאָנען). נאַדיר גופֿע אָבער האָט שוין הײַנט אַ גאַנצע ריי טאַלמידים (כאַשמאַל, אַמכאָ, יאָסל קאָטלער און אַנד.). זײַן אײַנפֿלוס איז זייער גרויס אַף דער גאַנצער פּראָלעטאַרישער ליטע־ראַטור אין אַמעריקע. כאַראַקטעריסטיש איז, אַז צענדליקער נאַדירישע אויס־דרוקן זײַנען שוין אַזוי אַרײַנגעדרונגען אין די גערעדכטע מאַסן אַמעריקאַנער ייִדישע אַרבעטער, אַז זיי ווערן שוין אַפֿילע באַנוצט אין פּאַרטייִשע אויפֿ־רופֿן..."

און בעעמעס: פֿון נאַדירס גאַנצן בוך לידער „דעלוזיעס", וואָס ער האָט געדרוקט אײַנציקווײַז אין דער „פֿרײַהײַט", ביז זײַנע „דריטער פֿעריאָד"־לידער—איז פּאָלג מיך אַ גאַנג. נאָך אין 1925, ווען ער האָט שוין געאַרבעט עטלעכע יאָר אין דער „פֿרײַהײַט", האָט נאַדיר אַף זײַן עפֿנטלעכן מאַסעווען יובילייִ־אָוונט געוואָרפֿן דאָס טרויעריק־באַרימטע ווערטל צו די אַרבעטער, אַז זיי האָבן בלויז אינזינען „ברויט מיט פּוטער". ער האָט שפּעטער זיך פֿון אים אָפּ־געטרייסלט. דאָס האָט דעמלט אַרויסגערופֿן אַ גרויסע דיסקוסיע אין דער „פֿרײַהײַט". אָבער פֿון זײַן „ברויט מיט פּוטער" ביז „דערלאַנג אַהער די וועלט, בורזשוי!" און „אַ וועלט מיט אַרבעט"—איז גאָר אַ ווײַטער מעהאַלעך.

נאַדיר האָט געבראַכט קאָלאָסאַלע נוצן דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג
אין אַמעריקע דערהויפּט מיט זײַנע פאַרניכטנדיקע, פײַלנשאַרפע אַטאַקעס קעגן
די אַרבעטער־פֿײַנט און די פעך־קנעכט פון דער ייִדישער בורזשואַזער פּרעסע.
זײַנע דעמאַסקירנדיקע פעליעטאָנען און אַרטיקלען קעגן ביאַליקן, אַב. קאַהאַ־
נען, ניגערן, זשיטלאָווסקין, קאָראַלניקן, מוקדוינין און קעגן די צאַר־וואַקכאַנאַ־
ליקער האָבן ניט קיין גלײַכן מיט זייער צילטרעפלעכקײַט. נאַדיר דינט לעצטנס
בעמעס דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג מיט „פען און ביקס”.

נאָוויק פּייסעך. געבוירן אין 1891 אין בריסק (איצט פּוילן) אין
אַ פאַמיליע פון אָרעמע קרעמער. געקראָגן אַ טראַדיציאָנעלע דערציִונג.
צו 16 יאָר געוואָרן אַ פאַבריק־אַרבעטער. אין 1907 צוגעשטאַנען צום
„בונד”. אין 1910 אַוועק קיין ציריך (שווייץ), געאַרבעט בײַ זײַן פאַך (מעכאַניק
בײַ גילדזן־און פּאַפּיראָסן־מאַשינעס). אין אָנהייב 1913 געקומען קיין אַמעריקע,
געאַרבעט אין שאַפּ (דעגן־מאַנטלען). אין 1915 געוואָרן געהילף־סעקרעטאַר
פון דער ייִדישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע פון אַמעריקע און סעקרע־
טאַר פון איר אָרגאַן „נײַע וועלט”. דאָ הייבט ער אָן זײַן זשורנאַליסטישע
טעטיקײַט. אין 1917 צוריקגעקומען קיין רוסלאַנד. אַוועק אַרבעטן אין אַ פאַ־
בריק (מאָסקווע). אין 1919 אַריבער אין ווילנע, ווו געווען רעדאַקטער פון אַ „בונ־
דישער” צײַטונג. אין 1920 געווען איינער פון די רעדאַקטערס פונעם ווילנער
ייִדישיסטישן „טאָג”. אין זומער 1920 געקומען צוריק אין ניו־יאָרק, מיטגעאַרבעט
אין „פאָרווערטס”. זומער 1921 געעפנט אַ דיסקוסיע אין דער דאָזיקער צײַטונג
וועגן דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, ווי אַ קעגנער, און אין סענטיאַבער, בײַס
דער צווייטער שפּאַלטונג אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, אַוועק פון „פאָר־
ווערטס”, און צום סאָף פון דעם יאָר אַרײַן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי
(אין איר לעגאַלן אַפּאַראַט „וואָרקערס”־פּאַרטיי). ער איז שפּעטער העכער אַ יאָר
צײַט געווען אַוועקגעגאַנגען, נאָר אין יאָר 1924 צוריקגעקומען צו דער פּאַרטיי.
האָט געהאָלפן, אין אַפּריל 1922, גרינדן די „פרײַהײַט”. געווען אַ צײַט פּאַרטרעטער
פון רעדאַקטער פון דער צײַטונג. אין 1927 רעדאַקטירט דעם וואָכן־אָרגאַן פונעם
נאָדל־אַרבעטער־פאַריין „איינִיקײַט”. באַזוכט ראַטנפאַרבאַנד אין 1929 און 1932.
אָנגעשריבן די בראָשורעס: „די פאַרשווערונג אין מינעאָלאַ”, ניו־יאָרק 1928
(מינעאָלאַ איז אַ שטעטל לעבן ניו־יאָרק, ווו שטרײַקנדיקע נאָדל־אַרבעטער זײַ־
נען געווען אין טורמע־געפאַר); „דער 16־טער ציוניסטישער קאָנגרעס און
דער אויפשטאַנד אין פּאַלעסטינע”, כאַרקאָוו 1929; „די לאַגע פון די ייִדן אין
ראַטנפאַרבאַנד”, ניו־יאָרק 1930; „אַמעריקאַנער גליקן”, מאָסקווע 1930; „פּאַ־
לעסטינע אָן אַ פאָרויכעס”, מינסק 1932 (נאָך אַ באַזוך אין פּאַלעסטינע, דער־
שינען אויך אין פּוילן); „דער קעסלגרוב—פּוילן”, ניו־יאָרק 1933; און אָפּגע־
דרוקט אַ גרעסערע אַרבעט: „פּאַלעסטינע, די אַראַבער, דער ציוניזם” (150
זײַטן), ניו־יאָרק 1932.

סאַנדלער פּ. (נ. וואַגנער). געבוירן אין 1905 אין דעם שטעטל זאָסלע,
געוו. ווילנער גוב. פאָטער געווען אַ שנײַדער, אין 1912 אַוועקגעפאָרן קיין

אמעריקע. אין 1915 איז פ. ס. מיט זײַן פאַמיליע געוואָרן א טייל פון דער „בעזשענצעס"־ארמיי. געוועז פריִער אין מאָסקווע, שפּעטער אין ניזשני־נאָוו־גאָראָד און סאמארע. דאָרט אריַינגענומען געוואָרן אין א קינדערהיים, און אין דער צײַט פונעם הונגער אריבערגעשיקט געוואָרן קיין האָמלער גוב. געוווינט א שטיק צײַט אין סטאראָדוב, נאָוואָזיבקאָוו און אין האָמעל.

אָנהייב 1923 אָנגעקומען קיין אמעריקע. געארבעט בא מענער־קליידער און אין אנדערע פאכן. איצט בא סוועטערס און באָד־קאָסטיומען. איז א טוער אין דער רעוואָלוציאָנערער ארבעטער־באוועגונג אין פילאדעלפיע. אָנגעהויבן שרײַבן פאר דער „מאָרגן־פרײַהײַט" אין 1926, ווען מע האָט אָנגעהויבן ארויסגעבן א פילאדעלפיער זײַט. געדרוקט ארטיקלען אויך אינעם „איקאָר", „פונק", „אייניקײַט" און אנדערע.

סאָברין לייב, געבוירן אין 1907 אין קאליבעלאָדי, געוו. קיִעווער גוב. אָנהייב 1921 אָנגעקומען קיין אמעריקע. געארבעט בא פארשיידענע מעלאַכעס, איצט אינעם פאך פון האנט־בײַטלען. מיטגליד פון דער רעוואָליוציאָנערער און אינדוסטריִעלער יוניאָן פון מעטאל־ארבעטער. אין 1927 אָנגעהויבן שרײַבן לידער, געדרוקט אין דער „פרײַהײַט" און אינעם „האמער". ארײַן אין „פראָ־לעטפען" נאָך זײַן גרינדונג. אין 1931 פארטראָטן די רעכטע ריכטונג, ארויסגע־שלאָסן געוואָרן אינײנעם מיט גרינשפאנען פאר ארויסגעבן דאָס אנטיפּראָלע־טארישע לידער־בוך „ערעוו־צײַט", זיך דערקײַקלט א געוויסע צײַט אויך צום לאָוועסטאָניזם אין דער יוניאָן־באוועגונג. שפּעטער אײַנגעזען זײַנע טעותן, צוריק אריַינגענומען געוואָרן אינעם „פראָלעטפען". לעצטנס אריבערגעגאנגען צו פּראָזע, אָפּגעדרוקט אין דער „מאָרגן־פרײַהײַט" קאפּיטלען פון א ראָמאן „קאָלומביא דרעס קאָ".

„לייב סאָברין האָט אין אייניקע יאָרן פון זײַן שרײַבן זיך ארויסגעוויזן פאר א קינסטלער פון זעלטענער בילדערישקײַט און קויעך. זײַנע פערזן קענען זײַן ווי אויסגעגאָסן פון מעטאל און האָבן די קוואליטעט פון סקולפּטור. פאראן אין זיי א וואָגיקײַט, וואָס איז אין פולער הארמאָניע מיט אינדוסטריִע־לער שווער־ארבעט אין א גרויסער מאָדערנער שטאָט.

ער איז אָבער ווי דערשראָקן געוואָרן פון דער גרויסשטאָט. ער האָט בלויז געזען דעם געלן פוילן דאלעס פון ארויסגעשטויסענע און צעדריקטע. ער האָט געזען בלויז דעם אונטערשלאק ניט נאָר פון דער קאפּיטאליסטישער גרויסשטאָט, נאָר אויך פון די האָרעפּאשנע מאסן גופא. ער האָט זיך אלייג אידענטיפיצירט מיט די באנקראָטירטע לעבנס, וואָס האָבן מער ניט קיין אויס־זיכט און קיין זין. ער האָט זיך אזויפיל געגראָבן אין יענע טויטע און דעגע־נערירטע צעלן, ווו האָפענונג איז א כויזעק, אז די האָפענונגלאָזיקײַט האָט אָנגעהויבן ארויסרײַסען פון זײַנע שורעס. ער האָט עס געפרוווט פארטיידיקן אין „פראָלעטפען" אין נאָמען פון אָביעקטיוויזם. ער האָט פּראָטעסטירט קעגן דער קאפּיטאליסטישער געזעלשאפט דורך ארויסרוקן די שימל־און עקל־זײַטן פון א וועלט, ווו עס האָט זיך ניט געזען קיין שימער פון אויסלייז. צוליב זײַן ניט מארקסיסטישער דיִאלעקטיק, צוליב זײַן מעכאנישן אָביעקטיוויזם האָט

ער ניט געזען די אויסלייזונג, ער איז לאַנג געווען געפּענטעט אין די בורזשר־אזע אײַנפלוסן, וואָס האָבן אים ניט דערלאָזט אנטוויקלען און אנטדעקן זײַן טאַלאַנט. לעצטנס אָבער באַפרײַט ער זיך פון זײַנע בורזשואזע פּענטעס און גייט אפן וועג פון געזונטן פּראָלעטאַרישן שאַפן" (מ. אָלגין).

סול מ. א. געבוירן אין 1908 אין דעם שטעטל פּאָדגאַיִצע, גאַליציע. אין 1923 אָנגעקומען קיין אמעריקע, געאַרבעט בײַ פאַרשיידענע מעלאָכעס. פאַרענדיקט אַן ענגלישע מיטלשול, באַזוכט קורסן אין סיטי קאַלעדזש און געשטודירט אַ יאָר אינעם ניו־יאָרקער אוניווערסיטעט. אָנגעהויבן שרײַבן אין ענגליש אין דעם זשורנאַל פון דער מיטלשול. שפּעטער אָנגעהויבן שרײַבן יידיש און אָפּגעדרוקט אין 1928 אינעם בורזשואזן זשורנאַל „אמעריקאַנער" אַ בילד אין פּראָזע און צוויי לידער. אין 1931 פאַרלאָזט ניו־יאָרקער אוניווערסיטעט און אַרײַן אינעם יידישן אַרבעטער־אוניווערסיטעט. אינעם זעלביקן יאָר אָנגע־הויבן דרוקן לידער אין דער „פרײַהײַט" און שפּעטער אויך אינעם „האַמער". איצט לערער אין די פּראָלעטאַרישע קינדער־שולן באַם אָרדן. מיטגליד פון דער פּאַרטיי, מיטגליד פונעם „פּראָלעטפּען". געווען ערשטער רעדאַקציע־סעקרעטאַר פונעם „סיגנאַל". סול איז איינער פון די יינגסטע, אָבער פּילצו־זאָגנדיקסטע דיכטער אין אמעריקע.

סיגאַלאָווסקי ב. געבוירן אין 1901 אין דאָרף מעדווין, געוו. קיִעווער גוב. אין אַן אָרעמער קליינבירגערלעכער פאַמיליע. באַלד נאָך דער פעברואַל־רעוואָלוציע אָנגעקומען לערנען זיך אין דער נײַ־געגרינדעטער גימ־נאַזיע אינעם שטעטל ליניץ. שפּעטער — אין ליפּאָוועצער רעאַל־שול. זיך דורכ־געלעבט פון געבן פּריוואַטע לעקציעס. אין 1919 געאַרבעט אין אַ קאַנצעלײַא־ריע פון אַ רויטן באַטאַליאָן, און אין 1920 אין וויניצער „אָפּראָדקאָמגוב". געקומען קיין אמעריקע אין 1922, געאַרבעט אין פאַבריקן און בײַ בויען הײַ־זער, געוואָרן אַ סטאָליער. געווען אַ יאָר צײַט אַ לערער אין די פּראָלעט. קינדער־שולן, אַרבעט איצט אין אַ קראָם.

צו פופצן יאָר אָנגעהויבן שרײַבן לידער. לויט דעם ראַט פון דאָוויד האָפשטיין, אָנגעהויבן שרײַבן פּראָזע. די ערשטע דערציילונגען געדרוקט אין דער קעשעניִעווער בורזשואזער צײַטונג „דער ייד". אין אמעריקע די ערשטע יאָרן געדרוקט סקיצן אין דער יידישער און רוסישער בורזשואזער פּרעסע. פון 1928 געדרוקט דערציילונגען בלויז אין דער „מאָרגן־פרײַהײַט" און צײַטנווײַז אינעם „נאָווי מיר", אָרגאַן פון דער קאָמפּאַרטיי. מיטגליד פון „פּראָלעטפּען".

סיגאַלאָווסקי האָט זייער אַ לעבעדיקן דערציילער־טאַלאַנט, ער גייט אָבער דערווײַל ערשט צו צו פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור. די הויפּט־קראַפט פון זײַן שרײַבן ווײַזט זיך אַרויס אינעם מאָלן דאָס אוקראַיִנישע דאָרף, די אוקראַיִנישע פויערים אין דער ערשטער צײַט פון דער רעוואָלוציע.

סעלצער דאָוויד. געבוירן אין 1904 אין סאָראָקי, בעסאַראַביע, אין אַ שניידער־פאַמיליע. אין 1917 אָנגעקומען לערנען זיך אין דער שטאָטישער

גימנאזיע. אין 1920 פארלאָזט ער די גימנאזיע קעגן דעם ווילן פון זײַנע עלטערן און ווערט א לערן־ייִנגל אין א דרוקערײַ, ווו זעקס כאדאָשים זיך געלערנט זעצן שריפט. סאָף 1920 געקומען קיין אמעריקע, געארבעט אין דרוד־קערײַען, און אין סאָף 1922 געוואָרן מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער יוגנט־ליג (אמעריקאנישער קאָמיוג). אין 1924 ארײַנגעטראָטן אין דער קאָמוניסטי־שער פארטיי. אין 1928 געוואָרן קולטור־דירעקטער פון די ניו־יאָרקער ארבע־טער־קלובן. אין 1929 באשטימט פון דער פארטיי אלס אָנפירער פון דער ארבעט צווישן נעגערס אין דער בראָנקסער סעקציע פון דער פארטיי. אָנ־הייב 1931 געווען רעדאקציע־סעקרעטאר פון דער „מ. פ.״, אין 1932 געווען ניײַס־רעדאקטער. אָנהייב 1933 אריבערגעשיקט געוואָרן קיין דעטרויט אלס סעקרעטאר פון דער ייִדביוראָ פון דער פארטיי און פארטרעטער פון דער „מאָרגן־פרײַהײַט״.

סעלצער האָט, אכוץ זײַן זשורנאליסטישער טעטיקײַט, נאָך אין 1921 גע־דרוקט אין בורזשואזן זשורנאל „אמעריקאנער״ א סעריע קינדער־לידער. אויך געדרוקט לידער אין „יונג־קוזניע״; געדרוקט קינדער־מײַסעלעך אין דער „פרײַהײַט״. געשריבן גרעסערע פובליציסטישע ארבעטן: „הונדערט יאָר קאמפ פאר נעגער־רעכט״ (אין די נומערן פאר אפרעל־מארט 1931 פון דער „מאָרגן־פרײַהײַט״) און „די ראָליע פון די ארבעטער־קלובן אינעם קלאסן־קאמפ״ (אינעם „האמער״ פאר פעווראל 1932).

עווין יאנקל. געבוירן אין 1888 אין בירזש, געוו. קאָוונער גוב. פאָטער א שנײַדער־ארבעטער. אין 1904 איז י. ע. ארײַנגעטראָטן אין „בונד״. אין 1905 אסאך מאָל ארעסטירט געוואָרן. פון 1910 ביז 1913 געווען אונטער פאָליציי־אויפ־זיכט. אין 1915 געפירט אומלעגאלע רעוואָליוציאָנערע ארבעט אין אָדעס. אין 1917 ארײַנגעטראָטן אין דער באָלשעוויסטישער פארטיי. אין 1921 אריבערגעפאָרן קיין ליטע און געהאָלפן גרינדן די „קולטור־ליגע״. איבערן טעראָר אין ליטע געצווונגען געווען אין 1922 אוועקצופאָרן קיין אמעריקע. באלד געוואָרן אקטיוו אין דער אמעריקאנישער פארטיי און אין דעם רעוואָליוציאָנערן פליגל פונעם מענער־שנײַדער־פראָפאריין „אמאלגאמייטעד״. פון 1922 געשריבן אין דער קאָמפרעסע אונטערן נאָמען „לייזער דער רויטער״ ארבקאָרישע קאָרעס־פאָנדענצן און האלב־בעלעטריסטישע בילדער פון פאבריק, גאס און פונעם לעבן און קאמפ פון די אמעריקאנישע ארבעטער. איצט סעקרעטאר און גרינ־דער פון דער ארבקאָרן־אָרגאניזאציע בא דער „מאָרגן־פרײַהײַט״.

עפשטיין מיילעך (עפלטרעגער). געבוירן אין 1889 אין ראָזשינוי, געוו. גראָדנער גוב. בא אָרעמע עלטערן. האָט געלערנט אין כיידער און יעשיווע. געווען א לערער אין ארבעטער־קרײַזלעך פון 13 יאָר אָן. אין ראָזשינוי זײַנען געווען אסאך גארבער און וועבער. געזעסן פיר מאָל אין טורמע: אין ראָ־זשינוי, אין ביאלעסטאָק (1906), אין לאָדז (1908) און אין ווארשע (1913).

נאָך דעם ארעסט אין ווארשע אָפּגעפאָרן קיין אמעריקע. געארבעט פריִער אלס לערער אין די ייִדיש־וועלטלעכע שולן (קליינבירגערלעכע), נאָכדעם אינעם

„טאָג". די אַקטיאַבער־רעוואָליוציע האָט בא אים אַרויסגערופן אַ גרויסע נײַסטיקע איבערקערעניש, ניט געקענט מער פאַרבלײַבן אין „טאָג", וועלכער האָט געפירט אַן אינטערווענציע־פּאָליטיק. אין 1920 אַרײַן אין דער פּויאַלע־ציוניסטישער „צײַט", וואָס פלעגט אין יענער צײַט צוליב פאַרשיידענע מאַ־נעווריר־טײַמים דערלויבן אַפּ אירע זײַטן אַ פּרײַנטלעך וואָרט וועגן דער סאָוועטנמאַכט. גלײַכצײַטיק מיטגעאַרבעט אונטערן נאָמען מ. גישין אין דער ערשטער צײַטשריפט פונעם לינקן פליגל („עמעס", שפּעטער „קאַמף"), וואָס איז שפּעטער געוואָרן דער ערשטער וועכנטלעכער אָרגאַן פון דער ייִדישער סעקציע פון דער קאָמפּאַרטײ אין אַמעריקע. געפירט דאָרטן די אָפּטיילונג „פאַר איין אינדוסטריעלער יוניאָן", געווען אַ נאָענטער סימפּאַטיקער פון דער קאָמפּאַרטײ, אָבער ניט קיין מיטגליד.

אַרײַנגעטראָטן אין דער אומלעגאַלער קאָמפּאַרטײ ערשט אין 1921. געוואָרן אַ מיטאַרבעטער פון דער „פרײַהײַט" — פונעם ערשטן טאָג פון איר דערשײַ־נען. געווען אַ מיטגליד פון דער רעדקאָלעגיע, אַ מיטרעדאַקטער און פאַראַנט־וואָרטלעכער רעדאַקטער אין פאַרשיידענע צײַטן. אינעם לעצטן אַמט געווען פינף יאָר צײַט. אויך געווען אַ מיטגליד פון דער רעדאַקציע פונעם „האַמער". אין 1930, נאָך אַ רײַזע פון זעקס כאָדאָשים איבערן ראַטנפאַרבאַנד, אָנגעשריבן אַ בוך „סאָוועטנפאַרבאַנד בויט סאָציאַליזם". דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־אָרדן. אין ראַטנפאַרבאַנד אָנ־געשריבן אַ ביכל „דער קריזיס אין אַמעריקע", אַרויס אַפּ ייִדיש, אוקראַיִניש און דײַטש. געדרוקט אַרטיקלען אינעם כוידעש־זשורנאַל „קאָמוניסט", אָפיצי־עלער טעאָרעטישער אָרגאַן פון דער פּאַרטײ, און אין אַנדערע קאָמ. אויסגאַבעס.

געווען ערשטער פּאָרזיצער פונעם „פּראָלעטפּען". מיטגליד פון דער רעד־קאָלעגיע פון „סאָוועט ראָשיע טודיי" (דער ראַטנפאַרבאַנד הײַנט־צו־טאָג), דער אָרגאַן פון דער געזעלשאַפט „פרײַנט פונעם ראַטנפאַרבאַנד".

עפּראָס ייִצחאָק. געבוירן אין 1896 אינעם שטעטל באַדקע, געוו. גראָד־נער גוב. בא באַלעבאַטישע עלטערן. ביז 15 יאָר געלערנט אין ישיוועס. צו 17 יאָר אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע. זיך אויסגעלערנט די אַרבעט פון אַ פּור־טערמאַכער, נאָך מערסטנס געאַרבעט און אַרבעט אויך איצט בא אויטאָמאָבילן. זיך אָנגעהויבן דרוקן אינעם יאָר 1921. געדרוקט אַסאַך לידער אין פאַרשיי־דענע זשורנאַלן. אין די לעצטע יאָרן הויפּטזאַכלעך אין דער קאָמפּורעסע. מיט־גליד פון „פּראָלעטפּען".

פּאָמעראַנץ אַלעקסאַנדער. געבוירן אין 1901 אין גראָדנע. פאָטער — אַ מעשׂנגיסער. געקראָגן אַ ייִדישע טראַדיציאָנעלע דערציִונג. בעשאַס דער אימ־פּעריאַליסטישער מילכאָמע געאַרבעט אין פּאָטערס וואַרשטאַט. אין 1918 געווען אַ שטיקל צײַט אַ מיטגליד פון די פּ. צ. אין 1919 פאַרעפנטלעכט אין אַ גראָדנער צײַטונג זײַן ערשט ליד. אָנהייב 1921 געקומען קיין אַמעריקע (ניו־יאָרק). דרײַ יאָר געאַרבעט אין אַ לאָמפּן־פאַבריק. גלײַכצײַטיק באַזוכט און געענדיקט דעם ייִדישן לערער־סעמינאַר פון „אַרבעטער־רינג" אין ניו־יאָרק,

אינעם 3־טן נומער „פרייַהייַט" (5־טער אפרעל 1922) אָפּגעדרוקט צומ ערשטנ מאָל א ליד אינ פּראָזע „שענדעליערס" (לאָמפּנ). אינ 1923 אריַינגעטראָטנ אינ קאָמיוג, אינ 1924—געוואָרנ א מיטגליד פונ דער קאָמפּארטיי. די גאנצע צייַט פארעפנטלעכט לידער, סקיצנ, דערציילונגענ, איבערזעצונגענ פונ רוסיש אונ אנדערע שפּראכנ, ארטיקלענ אונ רעצענזיעס—דערהויפּט אינ „פרייַהייַט", אינ קאנאדער קאָמצייַטונג „קאמפּ", אינ די זשורנאלנ „יונג־קוזניע", „יוגנט" אונ „ספּארטאק" (פונ וועלכע ער איז געווענ רעדאקטער), וואָס זייַנענ ארויסגעגעבנ געוואָרנ פונעמ „יונגנ ארבעטער־שרייַבער־פאריינ" (פונ וועלכנ ער איז געווענ סעקרעטאר). אינ 1926 בייסנ דערשייַנענ פונעמ קאָמוניסטישנ כוידעש־זשורנאל „דער האמער" געווענ דאָרטנ די ערשטע אכט כאדאָשימ דער סעקרעטאר אונ געהילפ פונעמ רעדאקטער כ' אָלגינ. נאָכדעמ געוואָרנ רעדקאָלעגיע־מיטגליד פונ דער „פרייַהייַט", ווו געארבעט מיט קליינע איבעררייַסנ ביז זייַנ אָפּפאָרנ קיינ ראטנפארבאנד, זומער 1932 (געשריבנ אויכ אונטער די נעמענ: אלעקסאנדער, י. פּאָמעראנצ, יעהושוע פּאָמעראנצ, יעהושוע גראָדנער אונ אנד.).

זינט 1933 געפינט ער זיכ אינ קיִעוו, אלס אספּיראנט אינ דער סעקציע פאר ליטעראטור אונ קריטיק פונ דעמ אינסטיטוט פאר ייִדישער פּראָלעטארישער קולטור.

פלאטנער אייַזיק. געבוירנ אינ 1896 אינ סאָקאָלאָוו, פוילנ. פאָטער געווענ א שנייַדער. ביז 1921 געווענ א פּארטיי־טוער אונ קולטורטוער אינ דער פּארטיי פונ די „פּויאלעציִענ" אינ פוילנ אונ אינ ליטע. נאָכדעמ אָפּגעפאָרנ קיינ אמעריקע, ווו ער איז אָפּגעגאנגענ פונ די פּ. צ. ער איז פונ די ערשטע מיטגלידער פונ דער פּראָלעטארישער שרייַבער־גרופּע „יוניאָנ סקווער" אונ „פּראָלעטפּענ". מיטארבעטער אינ דער קאָמפּרעסע. די ערשטע יאָרנ אינ אמעריקע געארבעט אינ א פאבריק, שפּעטער געווענ א לערער אינ די פּראָלעטארישע קינדער־שולנ. ארויסגעגעבנ א בוכ לידער „וואָס דער טאָג דערציילט" (1930). אינ 1932 געקומענ קיינ ראטנפארבאנד, ווו ער געפינט זיכ אויכ איצט.

זייַנ ניו־יאָרקער בוכ לידער באשטייט פונ פיר טיילנ: ארבעט אונ געזאנג, שטאָט, סקווערנ אונ וואָס דער טאָג דערציילט. אינ דעמ ערשטנ טייל פילט זיכ ניט די אמעריקאנישעווירקלעכקייַט. פלאטנערס פּראָלעטאריער בא דער ארבעט איז א „צוקונפטיקער", רעאלער איז פלאטנער אינעמ צווייטנ אונ אינעמ דריטנ טייל, ווו ער מאָלט ניו־יאָרקער סצענעס. דער פערטער טייל איז א פּאָעמע־שפּיל אינ צוויי בילדער. עס איז שוינ נאָכ דער סאָציִאלער רעוואָליוציע. איינער דערציילט פאר קינדער וועגנ דעמ אמאָליקנ (הייַנטיקנ) לעבנ, אונ נאָכדעמ שילדערט ער דאָס נייַע לעבנ, נאָכ דער רעוואָליוציע. ס'זייַנענ נאָכ דאָ פאראנ עלעמענטנ פונ סימבאָליזמ אונ רעטאָריק.

דער וווּקס פונעמ קריזיס, די ארבעטלאָזיקייַט, ווי דער וווּקס פונ דעמ רעוואָליוציִאָנערנ קולטור־אונ ליטעראטור-פראָנט אינ אמעריקע האָבנ פּאָליטיש פארשארפט זייַנ דיכטונג. פלאטנערס שפּראכ איז א פּאָשעטע, אָבער ניט קיינ אויסגעדראָשנ־שאבלאָנע. פלאטנער האָט אויכ א געזונטנ כוש פאר דער נאטור. ס'פילט זיכ בא אימ די ווירקונג פונ די ערשטע ייִדישע רעוואָליוציִאָנערע שרייַבער.

פלאַטנער האָט די לעצטע יאָרן אָפּגעדרוקט אַ ריי נײַע קאַמף־לידער און פּאָליטיש־פאַרשאַרפטע פּאָעמעס אין דער „פרײַהײַט", „האַמער", ווי אויך אין דער סאָוועטישער פּרעסע, און ספּעציעל אין דער פּרעסע פון מינסק, ווו ער אַרבעט איצט. דרײַצן לידער פלאַטנערס זײַנען אַרײַן אין דער זאַמלונג „די הײַנטצײַטיקע פּראָלעטאַרישע ייִדישע דיכטונג אין אַמעריקע". אין מינסק איז אין 1934 דערשינען 2 ביכלעך פון זײַנע לידער: „פון אַמעריקע" און „פון צוויי לענדער".

פּערלאָוו מאַקס. געבוירן אין 1902 אין אַ שטעטל דאָמבראָוויץ, געוו. וואָלינער גוב. ווען ער איז אַלט געווען צוויי יאָר, איז זײַן פאָטער אוועק־געפאָרן קיין אַמעריקע, ווו ער איז געוואָרן אַ פּרעסער בײַ שנײַדערײַ; מוטער געווען אַ שנײַדערקע, און דערפון געלעבט מיט דער פאַמיליע. געלערנט אין כאַדרים און טאַלמעטוירעס, שפּעטער געפּרוווט טאָן פאַרשיידענע מעלאָכעס. דורכגע־מאַכט די אָקופּאַציע פון די דײַטשן, פּאָליאַקן און פּעטליורעס און זייערע פּאָגראָ־מען, פיל מאָל געווען אין לעבנ־געפאַר. אָנהייב 1922 געקומען פון פּינסק קיין אַמעריקע, באַלד אָנגעהויבן אַרבעטן בײַ פאַרשיידענע פאַכן. אין 1923 זיך ספּעציאַליזירט אַלס מעבל־אַרבעטער, געוואָרן אַ מיטגליד פון דער יוניאָן.

אין 1924 געוואָרן אַן אַקטיווער מיטגליד אין דער „וואָרקערס"־פּאַרטיי. אין אַ יאָר אַרום געוואָרן „אָרגאַניזאַטאָר" פון „דאַונטאַונער בראַנטש" אין דער פּאַרטיי. שפּעטער אויסגעוויילט געוואָרן אַלס מיטגליד אין דער ייִדישער ביוראָ פון דער קאָמפּאַרטיי. געוואָרן אויך אַקטיוו אין דער „יוניאָן". אין 1925 גע־וואָרן אויסגעוויילט אַלס פּרעזידענט (פּאָרזיצער) פונעם „לאָקאַל" (פּראָפּפאַריין).

אין 1923 אָנגעהויבן דרוקן דערציילונגען אין דער „פרײַהײַט", געהאָלפן גרינדן דעם יונגן אַרבעטער־שרײַבער־פאַריין, געווען זײַן ערשטער פּאָרזיצער, זיך געדרוקט אין „יונג־קוזניע", „יוגנט", „ספּאַרטאַק". רעדאַקטירט די קלובן־אָפּטיילונג אין דער „פרײַהײַט" א. אַז. וו. אין 1928 אַרויסגעגעבן צוזאַמען מיט שלוימע דאַווידמאַנען אַ בוך דערציילונגען „געקניפּטע ריטלעך".

אין 1929 אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, ווי אַ לאָווסטאָניסט. שפּעטער דערזען זײַן פעלער און איז אין 1933 צוריק אַרײַנגע־נומען געוואָרן אין דער פּאַרטיי. אָנגעהויבן העלפן בויען דעם רעוואָלוציאָ־נערן מעבל־אַרבעטער־פאַריין. אינעם קאַמף קעגן די רעפאָרמיסטישע פּראָ־פאַריין־ביוראָקראַטן פיל מאָל באַפאַלן געוואָרן און בלוטיק צעשלאָגן געוואָרן. געשריבן אויך אונטער פּסעוודאָנימען: יוינע פּינע, מאָטל גאָלפּער א. אַנד.

פּרינץ א. (איציק גרינבערג). געבוירן אין 1901 אין שטעטל יאַרוגע, ווינניצער געגנט. זיך געלערנט אין קאָמערץ־שול (מאָליעוו־פּאָדאָלסק). שטעלט זיך „אַף די אייגענע פיס" אַלס העברעיִשער לערער. געשריבן לידער אין הע־ברעיִש און רוסיש. זינט 1921 אין רומעניע. דאָרט באַשעפטיקט אַלס לערער.

זינט 1923 אין די פאַראייניקטע שטאַטן. אַרבעט בײַ פאַרשיידענע פאַכן, שטודירט אינעם קאָלומביער אוניווערסיטעט, דערנאָך אינעם ברוקלינער קאָלעדזש פאַר יוריספּרודענץ. ענדיקט אין 1929 אַלס אַדוואָקאַט. דרוקט זיך זינט 1924

אין דער „פעדער", „אופקום". שפּעטער זיך אָנגעשלאָסן אָן דער גרופּע אַר־בעטער־שרײַבער ארום דער „יונג־קוזניע". באַטײליקט זיך אינעם זשורנאַל „יוגנט". דרוקט זיך אין דער „מאָרגן־פרײַהײַט", „האמער", „פונק" און אין אַנדערע רעוו. פּראָלעט. אויסגאַבעס. מיטגליד פון „פּראָלעטפּען". פאַרנעמט דאָרט א צײַט דעם פּאָסטן פון אָרגאַניזיר־סעקרעטאר. זינט סאָף 1930 סעקרעטאר און פאַרוואַלטונג־רעדאַקטאר פון „האמער", שפּעטער — מיטגליד פון דער רע־קאָלעגיע פון דער „מאָרגן־פרײַהײַט", איינער פון דער רעדקאָלעגיע פונעם זאמלבוך „יוניאָן סקווער". פאַרן לעצטן יאָר געווען רעדאַקטאר פון דער וועכנטלעכער קאָמוניסטישער צײַטונג אין קאַנאַדע „דער קאַמף". איצט אַר־בעט ער ווידער אין דער „מאָרגן־פרײַהייט".

גרייט צום דרוק א בוך לידער. פאַרענדיקט א ביכל איבערזעצונגען פון פּרעמדשפּראַכיקע לידער. דרײַ לידער זײַנע זײַנען אַרײַן אין דער זאַמלונג „הײַנטצײַטיקע פּראָלעט. דיכטונג אין אמעריקע". ער שרײַבט דעריקער אָפּ אקטועלע צײַט־טעמעס פונעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף אין אמעריקע. איז איי־נער פון די טאַלאַנטפולסטע יונגע פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור־קריטיקער (שרײַבט אויך אונטער די פּסעוודאָנימען: ד. קאַהיר, א. טאָראָנטער, בער גרין און אַנ־דערע).

פעל—יעלין סאָרע. געבוירן אין 1895 אין שטעטל קריניק, געוו. גראָדנער גוב. האָט געענדיקט גראָדנער גימנאַזיע אין 1912 י. געוואָרן א פּריוואַט־לערערן פון רוסיש אין קריניק. האָט זיך אָנגעשלאָסן אָנעם „בונד".

אין 1920 געקומען קיין אמעריקע, געוואָרן לערערן פון אַן אַרבעטער־רינג־שול אין באָסטאָן. פון דער צײַט אָן הייבט זיך אויך אָן איר שרײַבערישע טעטיקײַט. זיך געדרוקט אין דער אַנאַרכיסטישער „פרײַע אַרבעטער שטימע", „רוסקי גאָלאָס", „נאָווי מיר", שפּעטער אין „די נײַע וועלט", „פרײַהײַט" און „פונק". שרײַבט מערסטנס פאַר קינדער. איין ליד אויך אַרײַן אין דער מינסקער אַנטאָלאָגיע. געקומען קיין אמעריקע אַלס מיטגליד פונעם קאָמוניס־טישן „בונד", אַרײַן אין דער ס. פּ. און שפּעטער אַריבער אין דער „וואָר־קערס"־פּאַרטיי. איז איצט טעטיק אין דער קאָמפּאַרטיי, אין דעם אינטערנאַ־ציאָנאַלן אַרבעטער־אָרדן, באַזונדערס אין דער פרויען־און שול־באַוועגונג. מיטגליד פון „פּראָלעטפּען".

פענסטער ב. (א פּראָלעטאַר—יאַט, בענעדיקט). געבוירן אין 1901 אין א דאָרף לעבן טײַך נאַרעוו (פּוילן). פּאָטער געאַרבעט אין א טאַרטאַק. געקומען קיין ניו־יאָרק אין 1920. טרעט באַלד אַרײַן נאָך אין דער אומלעגאַלער קאָמ־פּאַרטיי. ווען „די פרײַהײַט" דערשײַנט אין 1922, הייבט ער אָן שיקן שאַפּ־קאָרעספּאָנדענצן. גייט אַריבער צו קינדער־מײַסעלעך און לידער, וואָס ער דרוקט פון צײַט צו צײַט אין דער „פרײַהײַט". איז איינער פון די ערשטע אין דעם אַרבעטער־שרײַבער־פאַרייַן און „יונג־קוזניע", ווו ער באַטײליקט זיך מיט לידער פון פאַבריק (ער אַרבעט דעמלט אין א שאַפּ). אין 1928 גיט ער אַרויס א א בוך לידער „רויטע ווינטן". אינעם זעלביקן יאָר ווערט ער א שטענדיקער־

מיטארבעטער פון דער „פרײַהײַט". אכוץ ארטיקלען, שרײַבט ער דאָרטן אָפט פעליעטאָנען אין דער אָפטײלונג „טאָג־אײַן, טאָג אויס" אונטערן נאָמען „א פראָלעטאר — יאט". ארבעט איצט אפ גרעסערע בעלעטריסטישע זאכן. איז איי־נער פון די רעדאקטערס פונעם נײַעם פראָלעטפענישן זשורנאל „סיגנאל". א צאָל קלענערע דראמאטישע שפילן זײַנע איז אופגעפירט געוואָרן דורכ „ארטעפ".

אין „רויטע ווינטן" זײַנען ארײַן לידער, געשאפן אין מעשעך פון פינפ יאָר. ניט אלע לידער זײַנען פון גלײַכן אידעאָלאָגיש־קינסטלערישן ווערט. ער לעבט אָבער מיט דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג, און זײַנע לידער דריקן אויס די איבערלעבונג פון אן ארבעטער אין דער נאָענט פונעם שלאכטפעלד. פונדעסטוועגן פעלן דאָרטן שטארקערע קאמפ־מאָמענטן. זײַן טאָן איז מערסטנס א שטילער, אָבער א ליריקער, זײַנע רייד זײַנען לעבע־דיקע, געזאָגט פון א פול הארצ. ער פארמאָגט אינטימקײַט, פאָלקסטימלעכ־קײַט, ער האָט אויכ אסאכ הומאָר.

„איבער פענסטערס שאפ־לידער שוועבט א „פריידיקער אומעט" אָדער „אר־מעטיקע פרייד". פענסטער ווייסט גענוי דעם ווערט פון ארבעט. ער איז אויכ איבערצײַגט אינעם לעצטן זיג פון ארבעט איבער קאפיטאל, נאָר ער זינגט פון דער אמעריקאנער קעגנווארט, ווו דער מענטש איז נאָכ פארשקלאפט, ווו זײַן ארבעט־קראפט איז פארדונגען צום סוינע. דער זעלביקער שטילער אומעט פילט זיכ אויכ אין פענסטערס „זמירעס" פון אן ארבעטלאָזיקן און אין זײַן בילד פון „פּיקעט־לײַנ". אין די לידער פון דעם בוכ זעט נאָכ ניט פענסטער דעם נײַעם ארבעטער, וואָס שטעלט אָפ די מאשינעס אינמיטן העלן טאָג... ער הערט אין שאפ בלויז דאָס געוויין און ניט די פרייד פון קאמפ" (ק. מאר־מאָר).

אין זײַנע שפּעטערדיקע לעצטע לידער הערן מיר שוין אָבער אלץ מער „די פרייד פון קאמפ".

פריד י. געבוירן אין 1907 אין בערשאד (וויניצער געגנט) אין א מיש־פּאָכע פון קרעמער און ראבאָנים. אין 1921 אָנגעקומען קיין אמעריקע. זיכ באזעצט אין פילאדעלפיע, דאָרט פארענדיקט א קורס פון מיטלשול. זינט 1928 א מיטגליד פון דער פארטיי. סאָפ 1932 זיכ באזעצט אין ניו־יאָרק. אָנהייב 1933 געוואָרן א שטענדיקער מיטארבעטער פון דער „פרײַהײַט" און מיטגליד פונעם „פראָלעטפען".

פרידמאן בעצאלעל. געבוירן אין 1897 אין בריסק (געוו. גראָדנער גובערניע). פאָטער געווען א פאפּיראָסן־מאכער. ארײַנגעטראָטן אין דער „פּוי־אַלעציִען"־פארטיי אין 1916. געארבעט אלס לערער אין א שול פאר קינדער געליטענע פון מילכאָמע אין סאָקאָלאָוו, פוילן. געדרוקט די ערשטע לידער אין ווײַסנבערגס זאמלביכער אין 1919 און אין אנדערע אויסגאבעס. אוועק אין 1920 קיין פאלעסטינע, ווו געארבעט בא לאנדווירטשאפט און שאָסיי־ארבעט. גע־שטאנען אין פאלעסטינע אונטער פּאָליציי־אופזיכט.

אינ 1922 אָנגעקומענ קיינ אמעריקע. געטאָנ פארשיידענע ארבעטנ. אינ 1924 געוואָרנ א לערער אינ די קינדער־שולנ פונעמ „ארבעטער־רינג“. אינ 1927 זיכ אָנגעהויבנ דרוקנ אינ דער „פרייַהייַט“. איינער פונ די גרינדער פונ „יוניאָנ סקווער“־פארייַנ.

אינ 1928 אריַינ אינ דער קאָמפארטיי. אינ 1929 ארויסגעגעבנ א בוכ „באלויכטענע וועגנ“ — מיט לידער, געשריבנ אינ די יאָרנ 1927 — 1929. אינ־עמ זעלביקנ יאָר דערשייַנענ צוויי לערנביכער פאר די קינדער־שולנ באמ א. א. א., וועלכע פרידמאנ האָט צוגעגרייט צוזאמענ מיט ד. טאראנט. רעדאקטירט צוזאמענ מיט כאשמאלנ דעמ קינדער־ווינקל אינ דער „פרייַהייַט“ אינעמ 1931—1932. שרייַבט אסאכ פאר קינדער. גרייט איצט נאָכ צוויי ביכער. איינס — לידער, דאָס צווייטע — איינאקטער־שפּילנ פאר גרויס אונ קליינ. האָט אויכ פארענדיקט א גרעסער פּאָעטיש ווערק: „דער וועג פונ מאָטלענ דעמ שנייַדער“. פרידמאנס אכט לידער זייַנענ אריַינגענומענ געוואָרנ אינ דער מינסקער אנטאָלאָגיע.

פרידמאנס „באלויכטענע וועגנ“ באשטייט הויפּטזאכלעכ פונ צייַט־געזאנגענ. די אכצנ „מאנ־אונ ווייַב“־לידער געהערנ ניט לויט זייער עצעמ צו די באלויכטענע וועגנ... זיי געהערנ צו זייַנע בלאָנדזשענדיקע וועגנ... לויט זייער קליינבירגערלעכנ כאראקטער. פרידמאנ באזינגט דעמ סאָוועטנ־פארבאנד, דעמ 7־טנ נאָיאבער, לענינענ, סאקאָ־וואנצעטי, די שטרייַקנדיקע קוילנגרעבער, דעמ 7־שאָיקנ ארבעט־טאָג, די ייִדישע קאָלאָניזאציע אינ בירעבידזשאנ, די כינעזישע סאָוועטנ, די „פרייַהייַט“, דעמ לערער פונ די ייִדישע פּראָלעטארישע קינדער־שולנ א. אז. וו. ער שרייַבט זייַנע לידער קימאט נאָר אינ פארבינדונג מיט דער אָדער יענער געשעעניש אפנ רעוואָליוציאָנערנ ארבעטער־פראָנט סייַ אינ אמעריקע, סייַ אינעמ סאָוועטנ־פארבאנד. זייַנע לידער זייַנענ קימאט שטענדיק א פּאָעטישע אינטערפּרעטאציע פונ א געוויסנ רעוואָליוציאָנערנ אקט אָדער רעוואָליוציאָנערער דאטע. זייַנ צוגאנג איז א שארפער, קעמפערישער. אָפטמאָל זייַנענ די לידער סכעמאטיש, ניט גענוג אָנגעזעטיקט מיט בילדער אונ געשטאלטנ. אינ זייַנע לעצטע לידער אונ געדרוקטע ווערק אינ דער „פרייַהייַט“ אונ „האמער“ איז אימ געלונגענ אינ א גרויסער מאָס צו באזיגנ דעמ סכעמאטיזמ אונ די טרוקנקייַט פונ אסאכ פונ זייַנע פריִערדיקע שאפונגענ. ס׳איז שוינ אינ זיי אויכ ניט פארבליבנ קיינ סימענ פונ זייַנע אמאָליקע קליינבירגערלעכע „מאנ־אונ־ווייַב“־מאָטיווג.

פרייַמאנ איציק. געבוירנ אינ 1908 אינ בעלצ, בעסאראביע. פּאָטער—א שווארצארבעטער. צו צענ יאָר אָנגעהויבנ ארבעטנ — צוערשט אינ אנ אייל־פאבריק, דערנאָכ אינ א מעטאל־פאבריק אלס טאָקער. אלס לערנייִנגל זיכ באטייליקט אינ א שטרייַק פונ לערנייִנגלעכ, זיכ אויכ באטייליקט אינ דער אומלעגאלער ארבעט פונ דער קאָמפארטיי.

אינ 1927 עמיגרירט קיינ אמעריקע. אינ זעלביקנ יאָר אָנגעהויבנ שרייַבנ לידער. דורכגעמאכט א דריַי־יאָריקנ קורס אינעמ ייִדישנ ארבעטער־אוניווערסיטעט. אינ 1930 דעביוטירט מיט א ליד אינ דער „פרייַהייַט“.

געדרוקט לידער אינעם זאמלבוך „יוניאָן סקווער". זײַנע דרײַ לידער אַרײַנגענו־מען אין דער מינסקער אַנטאָלאָגיע. צווישן זײַנע ניט געדרוקטע זאכן: א דראַ־מע „רעלסן", וועגן דעם לעבן פון דעם אמעריקאנישן מעטאַל־ארבעטער; „פּסיכאָלאָגישע געאָגראַפיע", א פּאָעמע אַף א קולטור־היסטאָרישער טעמע.

קאַפּלאַן ריווקע. געבוירן אין 1899 אין זעלווע, געוו. גראָדנער גוב. פאָטער א „פּראָשעניע"־שרײַבער. געגעבן העברייִשע אורעקן אין וואָלקאָ־וויסק. אין 1917 געקומען קיין אמעריקע. זיך געדרוקט צום ערשטן מאָל אין 1918. אָנגעשריבן א סעריע מילכאָמע־בילדער „בלוט און טרערן" און א סעריע רײַזע־בילדער „קיין אמעריקע" אין דער שיקאגער טעגלעכער ארבעטער־צײַ־טונג — „וועלט". אין 1920 ווערט זי אויס העברייִשע לערערן, ארבעט א גע־וויסע צײַט אין א שאַפּ בײַ שניפּסן. טרעט שפּעטער, אין עטלעכע יאָר ארום, ארײַן אין דער קאָמפּארטיי, ווערט לערערין אין די קינדער־שולן פונעם אר־בעטער־רינג. שרײַבט ארטיקלען וועגן פרויען, קינדער און שול־פּראָבלעמעס אין דער „פרײַהײַט". אין די יאָרן 1929—1931 רעדאקטירט די פרויען־אָפּטײ־לונג פון דער „מאָרגן־פרײַהײַט". איצט א לערערין אין די שולן פונעם אינ־טערנאַציאָנאַלן ארבעטער־אָרדן. שרײַבט איצט א גרעסערע נאָוועלע פונעם לעבן פון די ייִדישע מאסן אין ניו־יאָרקער „איסט סייד".

קאַץ מעינקע. געבוירן אין 1905 אין סווענציאן, געוו. ווילנער גוב. בײַ ארבעטער־עלטערן. געקומען קיין אמעריקע סאָף 1920. עטלעכע יאָר געשטודירט אין אמעריקאנער שולן. איצט א זייגערמאכער פון פאַך. דאָס ערשטע ליד געדרוקט אינעם זשורנאַל „ספּארטאַק". האָט זיך געדרוקט קימאַט אויסשליסלעך אין דער קאָמפּרעסע. זיך אָנגעשלאָסן אינעם „פּראָלעטפּען" בײַ זײַן גרינדונג. שפּעטער געווען איינער פונעם רעכטן פליגל, וואָס האָט באַ־קעמפט די „פּראָלעטפּען"־פירערשאַפט און איר ליניע אין פראַגעס פון פּראָ־לעטארישער ליטעראַטור. איז נאָכדעם אווטאָמאַטיש ארויסגעפאַלן פונעם „פּראָ־לעטפּען" און קעגן דעם באשלוס פון דער אָרגאַניזאַציע ארויסגעגעבן א בוך דעקאַדענטישע אַנטיפּראָלעטארישע לידער, פון וועלכן ער האָט זיך שפּעטער אָפּגעזאָגט. קאַץ האָט שפּעטער אַנערקענט זײַנע טעותן, ער איז צוריק ארײַנ־גענומען געוואָרן אינעם „פּראָלעטפּען". די לעצטע צײַט האָט ער דעביוטירט מיט א צאָל לידער אין דער „פרײַהײַט" און אינעם „האַמער".

„מעינקע קאַץ קעמפט איצט זייער אָנגעשטרענגט צו באַפרײַען זיך פון דעם מיסטיציזם פון דער בורזשואַזער ייִדישער דיכטונג. „ער איז געקומען אין פּראָלעטארישן לאַגער מיט אַן אומגעזונטן אינטערעס פאַר דעם „געהיימ־ניספולן", „ניט־היגן" און „קראַנקן". אריבערטראָגנדיק אָט דעם אינטערעס אַף דער ארבעטער־וועלט, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אַף די כּוישעכדיקע ווינקלען און שפּאַלטן פון דער סאָציאַלער אָרדענונג, ווו ער האָט אַנטדעקט קריפּלען, מאָנסטער־וועזנס, שוידער־געשטאַלטן, וואָס שווימען—גריבלען אין געדיכטן שימל פון א קאַפּיטאַליסטישער גרויסשטאָט. אַנשטאָט אַרויסצושטעלן זיי אין א ריכטיקער פּערספּעקטיוו, אַנשטאָט צו זען עס דיאַלעקטיש, אַנשטאָט אַנצו־

ווײַזן זייער באַציִונג צום סאָציאַלן גאַנצן און דערמיט ניט נאָר דערקלערן זייער אָפּשטאַם, נאָר אויך אָנווײַזן דעם וועג פֿון געזונט מאַכן די וויסטע ווינקלען און דערמיט אומעגלעך מאַכן דעם סאַמע קיום פֿון אַזוינע געשטאַלטן, האָט מעינקע קאַץ פֿאַרמאַכט די פֿענצטער, פֿאַרהאַקט די טירן און געבליבן הויזן מיט זײַנע קאַליקע פֿיגורן. צוליב דעם האָט זיך געמוזט באַקומען, אַז די אומגעזונטקייט איז אַ זעלבסטצוועק, האָט שוין די פֿאָרם פֿון קאַצס שרײַבן מעמיילע געמוזט צוגעפּאַסט ווערן צו שפּרייטן טומאַן, האַלבטונקל.

און דאָס האָט געהייסן — פֿאַרגוואַלטיקן מעינקע קאַצס טאַלאַנט, וואָרעם דער טאַלאַנט איז בעעמעס אַ געזונטער, ערדישער, „היגער" — גאָרניט קיין סימבאָלישער, גאָרניט קיין „פֿון־יענער־זײַטיקער". דעריבער קעמפֿט איצט מעינקע קאַצס טאַלאַנט קעגן מעינקע קאַצס ליטעראַרישער טראַדיציע און אײַנפֿלוס — און דער טאַלאַנט זיגט. מעינקע קאַץ מאַכט אַ גרויסן אָנשטרענג צו באַפֿרײַען זיך פֿון די בײנערדיקע קלאַמערן פֿון זײַנע סקעלעטן. ער גייט אַרויס אַף אַ ברייטן וועג"... (מ. אָלגין).

קאָטלער יאָסל. געבוירן אין 1896 אין שטעטל טראָיאַנאָוו (אוקראַיִנע). פֿאָטער געווען אַ קאַצעוו. נאָך זײַן טויט האָט די מאַמע געלעבט פֿון באַקן ברויט. ווי אַן אָרעמער יאָסעם, דורכגעמאַכט אַ שווערע יוגנט. ליב געהאַט פֿון קינדווײַז אָן צו „שניצן צאַצקעס" און אויך „באַקומען אַ לײדנשאַפֿט צום שײנעם בלויען טינט מיט די געווירעטע בײגעלעך פּאַפּיר". געפּרוווט נאָך צו עלף יאָר זיך לערנען פֿאַרשיידענע מעלאָכעס, צום סאָף אַרײַנגעפֿאַלן אַרבעטן צו אַ שילדן־מאָלער לויט דעם ראַט פֿון אַ פֿעטער, וואָס האָט געהאַלטן, אַז יאָסל האָט אַ טאַלאַנט צו „צייכענען מענטשעלעך". אין 1911 געקומען קיין אַמעריקע. אַ יאָר צײַט געאַרבעט ווידער בײַ אַ שילדן־מאָלער, געשריבן פּלאַקאַטן פֿאַר קינאָ־טעאַטערס, שפּעטער אַוועקגעפֿאָרן צו אַ ברודער אין די דאָרעם־שטאַטן, דאָרט בײַגעוווינט, ווי מע האָט געלינטשט אַ יונגן נעגער, און „דערשמעקט דעם טעם פֿון דער אַמעריקאַנער „פֿרײַהײַט". צוריקגעקומען קיין ניו־יאָרק און געאַרבעט פֿון 1913 ביז 1921 אין אַ גרעסערער שילדן־פֿאַבריק. אין 1921 אַרײַן אין דער ניו־יאָרקער קונסט־אַקאַדעמיע. דורך אַ רעוואָלוציאָנערן מאָלער פּאַס זיך באַקענט מיט דער ראַדיקאַלער באַוועגונג און אָנגעהויבן העלפֿן מיט פּלאַקאַטן און צייכענונגען די אונטערנעמונגען פֿון די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס. שפּעטער אַוועק קיין פֿילאַדעלפֿיע, ווו באַטאָג געאַרבעט בײַ אַ שילדן־מאָלער און גלײַכצײַטיק זיך געלערנט צייכענען אין אַן אָוונטשול. זיך באַקענט מיט מוישע נאַדירן און אונטער זײַן אײַנפֿלוס זיך גענומען אינטערעסירן מיט ליטעראַטור, אָנגעהויבן אַליין שרײַבן און איליוסטרירט מיט צייכענונגען זײַנע אייגענע ווערק.

נאָך דער גרינדונג פֿון דער „פֿרײַהײַט" אָנגעהויבן מיטאַרבעטן סײַ מיט ווערק אין גראַמען און אין פּראָזע, סײַ מיט קאַריקאַטורעס און צייכענונגען און זיך דערנעענטערט צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, אָבער דאָך איז ער די ערשטע יאָרן נאָך געווען פֿול מיט „פֿאַרשיידענע דעקאַדענצן, וואָס האָבן

קיין שײַכעס ניט געהאט מיטן ארבעטער־לעבן". ער האָט נישט געוווסט, ווי־אזוי „ליטעראריש זיך צורירן צו אן ארבעטער". איצט האָט ער זיך שוין „אויסגעריבן" און זיך „מיט אטאַק קלייזײַען באמיט צוצוטראָגן זײַן הילף צום קאמף פון די אמעריקאנער רעוואָליוציאָנערע ארבעטער". ער האָט געשריבן, געצייכנט, געשפילט מאריאָנעטן, און לעצטנס אויסשליסלעך פאר רעוואָליר־ציאָנערע אָרגאניזאציעס. א גרויסן שטויס פאָרויס האָט אים געגעבן דער טורנע איבערן ראטנפארבאנד... „און טאקע די לעצטע זאכן, וואָס ער און זײַן כאווער מאָוד טוען אין מאָלערײַ, שרײַבערײַ, אָדער מאריאָנעטן־שפיל, זײַנען בעסער און נוצלעכער ווי ביז איצט". ער איז א מיטגליד פון „פראָ־לעטפען" און פון דעם דזשאָן ריד־קלוב. אין 1934 האָט ער ארויסגעלאָזט א בוך אונטערן נאָמען „מונטערגאנג". קאָטלער איז אן אויסגעצייכנטער הומאָ־ריסט, אן אייגנארטיקער שרײַבער, א טאַלמיד פון מוישע נאדיר. צוויי סאַ־טירעס זײַנע זײַנען ארײַן אין דער זאמלונג „די הײַנטצײַטיקע פראָלעט. ייד. דיכטונג אין אמעריקע".

קאָפּעלאָוויטש — האָפּמאַן לייע. געבוירן אין 1899 אין ליוועןהאָף, געוו. וויטעבסקער גוב. פאָטער אן ארבעטער. אויסגעוואנדערט קיין לאָנדאָן אין 1906, פון דאָרטן קיין אמעריקע אין 1913. האָט ניט געקראָגן קיין סיס־טעמאטישע בילדונג. געדארפט ארבעטן נאָך אלס קינד. אָנגעהויבן שרײַבן צו פערצן יאָר, זיך געדרוקט אין לאָנדאָנער זשורנאלן. אין 1918 אָנגעהויבן שרײַבן קינדער־לידער און קינדער־מײַסעלעך. פריער זיי געדרוקט אין דער בורזשואזער פרעסע. אין די לעצטע יאָרן — אויסשליסלעך אין דער „פרײַהײַט". זיך אויסגעצייכנט אלס קינדער־שרײַבערין און ארויסגעגעבן דרײַ ביכער וועגן קינדער: „אין קינדערלאנד" (לידער) אין 1919; „קליינע אין דער גרויסער וועלט" (סקיצן) אין 1920; „קינדער־שפּילן" אין 1929.

האָט קימאט אלע יאָרן געארבעט בא שנײַדערײַ, אָבער לעצטנס געוואָרן א לערערין אין די פראָלעט. קינדער־שולן באם אינטערנאציאָנאלן ארבעטער־אָרדן.

קאַרמאַן נ. ד. געבוירן אין 1901 אין ראדאָם, פוילן. פאָטער געווען א קירזשנער, מוטער געהאלטן א שפּײַז־קרעמל. געארבעט בא א היטלמאכער. גע־ווען א מיטגליד פון א פּויאַלעציאָניסטישער אָרגאניזאציע „יוגנט". צו 18 יאָר גענומען געוואָרן אין דער פּוילישער ארמיי. אין 1925 ארעסטירט אין ראדאָם, אָפּגעזעסן דרײַ מיט א האלבן כאדאָשים, דורכגעמאכט א הונגער־שטרײַק פון פיר טעג. שפּעטער ארויסגעלאָזט אונטער פּאָליציייִשער אויפזיכט ביז צום פּראָצעס. אנטלאָפן קיין קובא. דאָרט אין 1926 זיך אינגאנצן אויסגעטשוכעט פון דעם פּויאַלעציאָניסטישן טשאַד. אין האוואנא געוואָרן אן אקטיווער מיטגליד אין דעם קולטור־פאריין און אין דער רעוואָליוציאָנערער יוניאָן פון שוך־ארבעטער.

אין 1927 ארויסגעגעבן אין האוואנא א לידער־זאמלונג „אַפּ אינדזלשער ערד". סאָף 1927 געקומען אין א.פ.ש. געוואָרן טעטיק אין דער רעוובאוועגונג.

איצט מיטגליד פונעם אינטערנאַציאָנאַלנ ארבעטער־אָרדנ, פונ די ארבעטער־קלובנ, פונ דער קאָלדרע־מאַכער־יוניאָנ און פונ דער פּראָלעטאַרישער שרײַבער־גרופּע אינ פילאַדעלפיע. דאָס ערשטע ליד אינ אמעריקע אָפּגעדרוקט אינעם אפּרעל־נומער פונעם „האַמער" פארנ 1928 יאָר. געדרוקט א גרעסערע פּאָעמע „קוילנגרעבער" אינעם אווגוסט־סעפּטיאַבער־נומער „פונק" פארנ 1931 יאָר. געדרוקט אויכ לידער אינ דער „פרײַהײַט" און אינעם „סיגנאַל". דרײַ לידער זײַנענ ארײַנגענומענ געוואָרנ אינ דער מינסקער אנטאָלאָגיע.

קורצ ארנ. געבוירנ אינ יאָר 1891 אינ דער געוו. וויטעבסקער גוב. פאָטער געווענ א גלעזער און א פארבער. אינ 1911 געקומענ קיינ אמעריקע. דאָרט געארבעט אלס פאַבריקמאַכער. גענומענ שרײַבנ אינ 1916. ביז 1926 זיכ געדרוקט אינ דער בורזשואַזער פּרעסע, געווענ איינער פונ מיכל ליכטס אינזיכיסטיש־עסטעטיש־פאָרמאַליסטישער גרופּע. מיטרעדאַקטירט און זיכ באַטייליקט אינ פארשיידענע בורזשואַז־עסטעטישע זשורנאַלנ. זינט 1926 דרוקט ער זיכ אויסשליסלעכ אינ דער קאָמפּרעסע. ער איז מיטגליד פונ דער רעדקאָלעגיע פונעם נײַעם פּראָלעטפּענישנ זשורנאַל „סיגנאַל". פּרעזידיום־מיטגליד פונעם „פּראָלעטפּענ" זינט דער גרינדונג. אינ דער מינסקער אנטאָלאָגיע זײַנענ ארײַנ זײַנע אכט לידער און פּאָעמעס.

די ערשטע הונדערט לידער (אנערעכ) האָט ער אָפּגעדרוקט אינ דער פילאַדעלפיער שווארצער צײַטונג „יידישע וועלט". ביז איצט ארויסגעגעבנ: א „כאַאָטיש" לידער־בוכ „כאַאָס" אינ 1920; „פיגאַראָ" — אנ אווטאָביאָגראַפישע פּאָעמע (1924), וואָס איז „אָנ א געזונטער קלאָרער פּראָלעטאַרישער אָריענטאַציע", ווי קורצ אליינ שרײַבט; „פּלאַקאַטנ" — א בוכ מיט שוינ מער־ווייניקער פּראָלעטאַריש־אָריענטירטע לידער (1928); האָט נאָכ גרייט צומ דרוק ארומ 12 הונדערט בוכ־זײַטנ געדרוקטע און ניט געדרוקטע לידער, פּאָעמעס, דראַמעס, קליינע שפּילנ און עסייענ.

„ארנ קורצ האָט דורכגעמאַכט א גרויסע און געשעענישרײַכע ליניע פונ אנטוויקלונג. פונ א מענטש, וואָס באַזינגט זײַנ צווייפל, צו א מענטשנ, וואָס באַזינגט דעמ אָקטיאַבער; פונ „אינ זיכ" צו רעוואָליוציאָנערע פּלאַקאַטנ; פונ „ראַטגערס סקווער", ווו עס באַגעגענענ זיכ גלאַט „אזויפיל יידנ", צו „יוניאָנ סקווער", ווו דער ארבעטער־אוואַנגאַרד שמידט אויס רעוואָליוציאָנערנ וואָפּנ; פונ „מײַנ טויט" צו דעמ ברייטנ לעבנ פונעמ פּראָלעטאַרישנ קאָלעקטיוו; פונ געשליפענער שטילקײַט צו מעטאַלענעמ שאַל — דאָס איז דער וועג פונ ארנ קורצ. קורצ איז זייער א פרוכטבאַרער פּראָדוצירער. און אפּ יעדנ עטאַפּ פונ זײַנ וועג האָט ער איבערגעלאָזט א היפּש ביסל לידער. הײַנט־צו־טאָג שטייט ער אינמיטנ פונעמ רעוואָליוציאָנערנ קאַמפּ, ווענ ער גיט אָפּ זײַנ גאַנצנ טאַלאַנט.

ער איז איינער פונ די ווייניקע רעוואָליוציאָנערע דיכטער, וואָס האָבנ געשאַפנ בײַסנדיקע סאַטירעס. ער שטייט איצט אפּנ געזונטנ שטאַנדפּונקט, אז יעדע געשעעניש אפּנ רעוואָליוציאָנערנ פּראָלעטאַרישנ פראָנט קענ זײַנ מאַטעריאַל פארנ רעוואָליוציאָנערנ דיכטער. ער שטעלט זיכ אָפּ מיטנ זעלביקנ

אינטערעס אפּן אָנהייב פונעם לערניאָר אין דער ארבעטער־שול, ווי אפּן אָנ־הייב פון נײַעם יאָר אין דער סאָוועטישער געשיכטע; אף דעם פּאראט פון די עסטעטן, ווי אף דעם שטרײַק פון די וועבער; אף דער „פרײַהײַט"־קאמ־פּאניע, ווי אף דעם אופשטאנד אין כינע. אומעטום האָט ער א גרייט וואָרט, א קרעפטיק געזאנג.

ארן קורץ איז איינער פון די גרעסטע טעכנישע מײַסטערס פון דער אמע־ריקאנישער פּאָעזיע. ער איז אָבער אָפּטמאָל צו טעכניש, צו פאָרמאַליסטיש. די סטרוקטור פארשטעלט צײַטנווײַז דעם אינהאַלט. ער גענעראַליזירט[1] צו־פיל. איז אָפט צו רעטאָריש, צו דעקלאראטיוו, צו הילכיק. אָבער קורצס פּאָע־זיע מאכט דורכ א שנעלן ענדערונג־פּראָצעס. קורץ הייבט אָן אַלץ מער צו שאצן דעם דירעקטן און איינפאכן, האגאַם שטארקן און ריטמרײַכן אויסדרוק, וועלכער איז ניט אָפּצוטיילן פון דעם שטאָפלעכן עצעם. ער ווערט פארטיפּ־טער, פּאָשעטער און דאָס מאכט אים עפעקטיווער. ער באפרײַט זיך פון דעם בורזשואז־עסטעטיש־פאָרמאַליסטישן באגאזש. לעצטנס זוכט ער שטארק דעם וועג צום פּראָלעטארישן מעטאָד פאר זײַן רעוואָלוציאָנערן שאפן. און אז מע זוכט — געפינט מען" (מ. אָלגין).

קעניגשטיין י. געבוירן אין 1899 אין פּעטראָקאָוו, פּוילן. פּאָטער א שוסטער. צו עלף יאָר אָנגעהויבן ארבעטן אלס לערייִנגל בא א שנײַדער. אין 1913 אריבערגעפאָרן קיין ווארשע. געארבעט דאָרטן אלס שנײַדער־אר־בעטער. אין 1916 געוואָרן א מיטגליד פון דער „פּוילעצ־ציָן"־פּארטיי. אין 1921 אינײנעם מיט אנדערע ארויסגעגעבן א זאמלונג לידער „אפן וועג". אין 1923 געקומען קיין אמעריקע. דאָרט זיך אויסגעשוכעט פונעם „פּויאַלעצי־ציָ־ניסטישן" משאד. געוואָרן טעטיק אין דער לינקער ארבעטער־באוועגונג. גע־דרוקט לידער אין דער „פרײַהײַט" און אין „פונק". פיר לידער זײַנע זײַנען ארײַנגענומען געוואָרן אין דער מינסקער אנטאָלאָגיע.

קעשיר דאָוויד. געבוירן אין 1903 אין שטעטל זאוויערציע (פּוילן). דער פּאָטער איז פאר דער מילכאָמע אוועק קיין אמעריקע. זײַן מוטער האָט אין די מילכאָמע־יאָרן אָנגעפירט מיט א זייפ־פאבריק און געוואָרן רײַך. געווען עטלעכע יאָר א מיטגליד פון „האשומער האצאָיר", שפּעטער זיך אויסגעניכ־טערט.

אין 1920 געקומען קיין אמעריקע. פּאָטער דאָרט געווען א שנײַדער־אר־בעטער, א פּרעסער. די ערשטע יאָרן איז ד. ק. געווען א לערער, שפּעטער געוואָרן א שפּײַז־ארבעטער, איצט איז ער א מיטגליד פון דער אינדוסטריע־לער יוניאָן, פון דעם ארבעטער־אָרדן און פון „פּראָלעטפּען". די ערשטע שרײַבערישע דעביוטן געמאכט אין דער „פרײַהײַט" אין 1931, זינט דעמאָל אָפּגעדרוקט אין דער קאָמפּרעסע א ריי דערציילונגען, סקיצן און בילדער פון ארבעטער־לעבן און קאמף.

---

1) גענעראַליזירט — פּאראלגעמיינערט.

קראוועצ מ. געבוירנ אינ 1895 אינ סטאָלינ, געוו. מינסקער גוב. פאָטער געווענ א שנײַדער. געקומענ קיינ אמעריקע אינ 1909, באלד אָנגעהויבנ ארבעטנ אינ א פאבריק. צו זעכצנ יאָר שוינ געווענ טעטיק אינ דער ארבעטער־באוועגונג, געוואָרנ א מיטגליד פונ „איַי דאָבעליו דאָבעליו" (סינדיקאליסטישע אָרגאניזאציע). צו 18 יאָר אָנגעהויבנ ארומוואנדערנ אלס אָרגאניזאטער אונ אגיטאטער... געארבעט אינ קוילנגרובנ, שטאָלגיסערײַענ, אײַזנבאנענ, אינ די וועלדער פונ צפונ־אמעריקע. דורכגעמאכט אונ זיכ באטייליקט אינ צענדליקער שטרײַקנ. שפעטער געוואָרנ א מאטראָס אונ געוואנדערט אינ אלע וועלט־טיילנ. אינ 1923 זיכ אָנגעשלאָסנ אינ דער יוניאָנ פונ נאָדל־ארבעטער. געהאָלפנ דעמ קאמפ פונעמ רעוואָליוציאָנערנ פליגל קעגנ די סאָציאַל־רעפאָרמיסטנ. זיכ באטייליקט אינ אלע קאמפנ ביז 1930. געווענ דעלעגירט פונ די שאפ־ארבעטער צו דער ערשטער גרינדונג־פארזאמלונג פונ דער רעוואָליוציאָנערער נאָדל־יוניאָנ. אינ דעמ זעלביקנ יאָר פארלאָזט די רעוואָליוציאָנערע באוועגונג אונטערנ אײַנפלוס פונ די לאָוסטאָניסטנ. אינ 1932 פארשטאנענ זײַנ פעלער, זיכ אומגעקערט אינ דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג אונ שטייט איצט אינ די פאָדערשטע רייענ פונעמ קאמפ קעגנ די רעפאָרמיסטישע פארעטערס.

אָנגעהויבנ שרײַבנ דערציילונגענ אינ 1923, זיכ באטייליקט אינ א צאָל צײַטשריפטנ. שפעטער אָבער אויסשליסלעכ אינ דער „פרײַהײַט". ארויסגעגעבנ א בוכ דערציילונגענ „אפ די וועגנ פונ ווינט". נאָכ א בוכ דערציילונגענ ליגט בא אימ גרייט צומ אָפגעבנ אינ דרוק. קראוועצ איז איינער פונ די באגאבטסטע פראָלעטארישע דערציילער אינ אמעריקע.

ראבאָי אײַזיק. געבוירנ אינ נאָיאבער 1885 אינ זאוואליע, א דאָרפ בא זשוואָניעצ (ניט ווײַט פונ קאמענעצ־פאָדאָלסק). געקראָגנ א כסידישע דערציִונג אינ רישקאנ, בעסאראביע. צו 14 יאָר רעוואָלטירט קעגנ דעמ כסידישנ רעזשימ אונ איז אוועק מיט זײַנ אייגענעמ וועג, זיכ געלערנט רוסיש אונ העברעיִש אונ אינגיכנ זיכ באקאנט מיט דער ליטעראטור אפ די דאָזיקע שפראכנ. גלײַכצײַטיק אוועק צו די האָרעפאשניקעס אונ צו די שטעטלדיקע ארבעטער — מיט זיי זיכ געכאווערט אונ מיט זיי געלערנט.

אינ 1904 האָט די פאָליציי בא אימ אנטדעקט א גומענע דרוקערײַ, אפ וועלכער אײַזיק ראבאָי האָט, ווי די פאָליציי האָט אויסגעטראכט, געדרוקט אומלעגאלע ליטעראטור. מע האָט פארפירט קעגנ אימ א פראָצעס. איז ער אוועק קיינ אמעריקע. אינ א ניו־יאָרקער שאפ זיכ אויסגעלערנט ארבעטנ בא דאמענ־היט, געווענ גרינדער פונ דער „ווײַער פריימ מייקערס יוניאָנ" (פראָפאריינ) אונ געפירט דעמ ערשטנ שטרײַק פונ דער יוניאָנ אינ 1905. פארלאָרנ דעמ שטרײַק אונ געבליבנ אפ דער „בלעק ליסט" (שווארצנ צעטל) בא אלע באלעבאטימ אונ זיכ ארומגעדרייט א גאנצ יאָר ליידיק. דערווײַל אָנגעהויבנ זיכ געמענ ערנסט צומ שרײַבנ דערציילונגענ. אָפגעדרוקט זײַנע ערשטע דערציילונגענ אינ דאָוויד פינסקיס „ארבעטער". די דערציילונגענ האָבנ ארויסגערופנ אויפמערקזאמקײַט.

איבער זײַן שווערער לאגע האָט ער באַשלאָסן אוועקצופאָרן אין דעם באראָן הירש־אינסטיטוט פאַר אַגריקולטור, וווּ ער האָט געלערנט צוויי יאָר צײַט און זיך ספּעציאַליזירט אין האָדעווען פערד. ער אַרבעט אַ לאַנגע צײַט אַף אַ פערמע פון פערדצוכט אין נאָרד־דאַקאָטאַ. דערנאָך באַזעצט ער זיך מיט זײַן פאָטער און מוטער אַף אַ פערמע אין קאָנעקטיקוט סטייט. די גאַנצע צײַט האָט אָבער ראַבאָי קיין מעגלעכקייט ניט צו שרײַבן. די שווערע אַרבעט בײַ דער פערמע נעמט בײַ אים אַוועק זײַן גאַנצע ענערגיע.

ראַבאָיען ציט קיין ניו־יאָרק. און ווען זײַנע קאָלעגן פון דער גרופּע „יונגע" הייבן אָן אַרויסגעבן די זאַמלביכער „שריפטן", פאַרלאָזט ער די פערמע און באַזעצט זיך אין שטאָט. ער ווערט צוריק אַן אַרבעטער בײַ דאַמען־הײט. ער פירט דאַן אַ שטיל, צוריקגעצויגן לעבן. אַרבעט באַטאָג און שרײַבט אין די אָוונטן. אין יענעם יאָר שרײַבט אָן ראַבאָי זײַן „הער גאָלדענבאַרג". דאָס דאָזיקע ווערק מאַכט אַ רושעם אין די ליטעראַרישע קרײַזן. ראַבאָי לעבט זיך אָבער זײַן שטיל לעבן. אַרבעט באַטאָג אין שאַפּ, נעמט ניט קיין אָנטייל אין קיין שום אַרבעטער־קאַמף, ווײַל ער איז שוין „אײַנגעוויגט אין דעם גלויבן, אַז זײַן מיסיע אַף דער וועלט איז נאָר צו שרײַבן... אַז אַ שרײַבער טאָר זיך ניט מישן אין קיינשום פּאָליטישע און עקאָנאָמישע אַקציעס. אַ שרײַבער דאַרף נאָר שטיין פון דער ווײַטנס און זיך צוקוקן — און דערנאָך באַשרײַבן". ווען עס הייבט אָן דערשײַנען „די פרײַהײַט", ווערט דאָרט ראַבאָי אַ מיטאַרבעטער, „אָבער נישט מער ווי אַ מיטאַרבעטער" און בלויז אַף אַ קורצער ווײַלע. נאָכדעם אַרבעט ער 5 יאָר אין „צוקונפט". ער קומט ווידער צו דער „פרײַהײַט" אַף אַ ווײַלע אין 1927—1928. ער באַוויַזט זיך ווידער אַף אַ שטיקל צײַט אין 1929 און טראָגט זיך אָפּ מיט דער וואַקכאַנאַליע־כוואַליע.

לאָמיר לאָזן ראַבאָיען דערציילן מיט זײַנע אייגענע ווערטער וועגן זײַן אַוועקגיין און וועגן זײַן אומקער אין דער „פרײַהײַט". אין זײַן ביאָגראַפיע, וואָס ער האָט צוגעשיקט דעם אינסטיטוט פאַר יידישער פּראָלעטאַרישער קולטור אין קיעוו, שרײַבט ער פּאָלגנדיקס:

„אין 1929, בעשאַס דער פּאַלעסטינער וואַקכאַנאַליע, רעזיגנירט ראַבאָי פון דער „פרײַהײַט" און בלײַבט ווידער דער פּאַסיווער, וואַקלדיקער ראַבאָי. ער אַרבעט שוין בײַ רויכוואַרג אין אַ שאַפּ. שרײַבט זייער ווייניק, ווײַל ער האָט ניט וווּ צו דרוקן. ער איז פאַרביטערט און פול מיט כאַראָטע, פאַרוואָס ער איז אַוועק פון דער „פרײַהײַט". בײַ קיינשום אַנדער צײַטונג אָדער גרופּע קען ראַבאָי ניט געפינען קיין אָנהאַלט, ווײַל אומעטום האָט ראַבאָי געזען שימל און אָפּגעשטאַנענקײַט. דערווײַל איז דער שאַפּ, וווּ ראַבאָי האָט געאַרבעט, אַרויס אין אַ שטרײַק — און דעם שטרײַק האָט געפירט די אינדוסטריעלע יוניאָן (רויטער פּראָפאַריין — אַ. פּ.).

„די כאַווירים פון דער אינדוסטריעלער יוניאָן נעמען ראַבאָיען אַרײַן אין זײַנע רייען. און ראַבאָי זאָגט זיך אַרויס פאַר זיי אָפן, אַז ער וואָלט וועלן צוריק אַרײַנגיין אין דער „פרײַהײַט".

„און אין יול 1932 הייבט ראַבאָי אָן זיך דרוקן צוריק אין דער „פרײַהײַט".

עס קומט פאָר אין אים א גרויסער איבערבראָך. דער עקאָנאָמישער קריזיס אין לאַנד טרעפט ראבאָיען, ווי ער האָט געטראָפן יעדן ארבעטער. און ער האָט זיך ארומגעקוקט, ווי פאלש ער האָט געלעבט אין די עטלעכע צענדליק יאָר פון 1907 ביז 1932 — פאלש אין דעם, אז א שרײַבער באַדאַרף שטיין פונדערווײַטנס און נאָר זיך צוקוקן און דערנאָך באַשרײַבן. איצט איז ראבאָי א מיטגליד אין דער קאָמוניסטישער פארטיי פון אמעריקע, א מיטגליד אין דער רעוואָליוציאָנערער אינדוסטריעלער יוניאָן, א מיטגליד אין דעם אינטער־נאַציאָנאַלן ארבעטער־אָרדן, א מיטגליד אין „פּראָלעטפּען״.

ראבאָי האָט אין זיך דערפילט די אַמאָליקע יוגנט, און ער ארבעט אין אַט די אַלע אָרגאַניזאַציעס און געפינט נאָך גענוג צײַט צו זײַן א מיט־אר־בעטער — ניין, אַ אקטיווער אָנטיילנעמער — אין דער „מאָרגן־פרײַהײַט״, אַלע וואָך מיט א דערציילונג, אין „האַמער״ אַלע כוידעש מיט א גרעסערער זאַך, און אין דעם נײַעם זשורנאַל „סיגנאַל״ מיט דערציילונגען און אַרטיק־לען — ראבאָי פילט, אז ערשט איצט האָט ער זיך געפונען״. ער איז איצט א מיטרעדאקטער פונעם „סיגנאַל״ און סעקרעטאַר פון „פּראָלעטפּען״.

ראבאָיס „הער גאָלדענבארג״ איז פון אים באַארבעט געוואָרן אין א דראַ־מע „שטעכיק דראָט״ (1922—23), וואָס איז אין 1925 אופגעפירט געוואָרן אין „אונדזער טעאַטער״. זײַן צווייטער ראָמאַן איז געווען דער „פּאַס פון יאַם״, און דער דריטער — „דאָס ווילדע לאַנד״. ער האָט זיך הויפּטזאַכלעך געדרוקט אין די זאַמלביכער „שריפטן״, פון צײַט צו צײַט האָט ער געדרוקט אויך קלע־נערע דערציילונגען אין די פארשיידענע יידישע צײַטשריפטן פון אמעריקע, דערהויפּט אין די אויסגאַבעס פון די „יונגע״, ווי „טרוימען אוןווירקלעכקײַט״, „ליטעראַטור און לעבן״, „פון מענטש צו מענטש״, „וועלט־אײַן, וועלט־אויס״, „אינדזל״, „איסט בראָדוויי״, „פּאָעזיע״, „כעדער״, „איניזיכ״, „דאָס וואָרט״, „נײַע וועלט״, „קולטור״, „אונדזער בוך״ און אַנדערע. אין דער „צוקונפט״ געדרוקט זײַנע ראָמאַנען: „בעסאַראַבער יידן״ (אייגענע ערד); „איז געקומען א ייד קיין אמעריקע״ (אָנגעשריבן אין 1922—23) און די דראַמע „יידישע מינהאָגים״ (אָנגעשריבן אין 1924—1925).

אין 1922 האָט ער אָפּגעדרוקט אין דער „פרײַהײַט״ צען בילדער פון ניו־יאָרק, פון א סעריע אונטערן נאָמען „די בײַטש״. אין 1927—1928 אָנגעהויבן דרוקן א ראָמאַן „פּראָסטע מענטשן״ אין דער „פרײַהײַט״ און א ראָמאַן „ער־געץ אין נאָרד־דאַקאָטאַ״ אין „האַמער״, דרוקט איצט קאַפּיטלעכווײַז אין „האַ־מער״, אָנהייבנדיק פון יאַנואַר 1933, דעם ראָמאַן „א מײַסע מיט נײַן ברי־דער״. דרוקט אויך לעצטנס אין דער „פרײַהײַט״ אַסאַך דערציילונגען פונעם ארבעטער לעבן און קאַמף, ווי די גרעסערע נאָוועלע „איזי״ און די סעריע „טיפּעס פון ניו־יאָרק״.

א זאַמלונג פון ראבאָיס ווערק איז ארויס אין דרײַ בענדער אינעם פאַר־לאַג „אמעריקע״: „אין דער ווײַטער וועסט״, „הער גאָלדענבארג״ און אַנדערע דערציילונגען, „נײַ ענגלאַנד״, „דער פּאַס פון יאַם״, „איך דערצייל — שטאָט־נאָוועלן״.

ראבאָי איז איינער פונ די באדײַטנדיקסטע אונ אָריגינעלסטע פאָרשטייער פונ דער נײַער יידישער פּראָזע. זײַנע ווערק צייכענענ זיכ אויס מיט פּאשטעס פונ וואָרט, מיט קלאָרקײַט פונ דער שילדערונג, מיט גרויסער פּאָעטישער בילדערישקײַט אונ לירישקײַט פונעמ טאָנ. אינ זײַנע ערשטע ווערק האָט ער אויסגעדריקט זײַנ טיפע ליבשאפט צו דער נאטור אונ צו דעמ נאטור־מענטשנ, צו דער פרײַקײַט אונ שטילקײַט פונ דער אמעריקאנער פּרעריע, צו ערדארבעט אונ צו די שטומע באשעפענישנ אונ הויז־כײַעס. ער איז דאָרטנ מער דיכטער ווי פּסיכאָלאָג, מער ליריקער ווי ראָמאניסט אונ כאראקטער־שילדערער. האָט א נעגאטיווע באציונג צו דער שטאָט, ווי ער האָט עס אמשארפּטנ אויסגעדריקט אינ דער בילדער־סעריע „די בײַטש". די גרויסשטאָט, האלט ער, „האָט ניט גאָט באשאפנ, נאָר דער טײַוול".

אינ איינקלאנג מיט דעמ „גלויבנ" פונ די „יונגע" (וועלכנ ער האָט אויכ אָנגענומענ, ווי א קליינבירגערלעכער שרײַבער), אז א קינסטלער דארפ זײַנ אפּאָליטיש אונ אסאָציאל, האָט ער איגנאָרירט דעמ קלאסנקאמפ. ער האָט געפּרווט אנטלויפנ פונ דער גרויסשטאָטישער ווירקלעכקײַט צומ פּרימיטיווג אידילישנ נאטור־לעבנ אינ דאָרפ. ער ברענגט ארײַנ אינ דער אמעריקאנער יידישער ליטעראטור דאָס פּויערימ־לעבנ, אָבער זײַנ יידישער ערדארבעטער איז ריכטיקער א יידישער פּערמער־קולאק. זײַנ בענקשאפט נאָכ דעמ דאָרפ־לעבנ פארוואנדלט ער אינ א נאציאָנאלער יידישער בענקשאפט נאָכ ערד מיט א שטארקנ נאציאָנאליסטישנ אונ ציוניסטישנ אונטערטאָנ. אינ די „בעסאראבער יידנ" אידעאליזירט ער די אלטע היימ, די פארגאנגענהײַט. די ניט־אײַנגעוואָרצלטקײַט אונ באָדנלאָזיקײַט פונ די יידישע קליינבירגער שילדערט ער אינ זײַנ „געקומענ א ייד קיינ אמעריקע", ווו ער גיט איבער מיט א מילדנ הומאָר די אומבאהאָלפנקײַט פונ א יידישנ קליינבירגערלעכנ אימיגראנט אינ דער נײַער סוויווע.

די כאראקטערס אינ ראבאָיס ראָמאנענ פעלט רעאלקײַט, פעלט פעסטקײַט. עס איז פאראנ א געוויסע אטמאָספער ארומ די פּערזאָנענ, נאָר עס פעלט זיי א באָדנ. פונ זײַנ באָדנלאָזיקײַט אלס קליינבירגער קומט בא אימ אויכ די „בענקשאפט" נאָכ ערד, נאָכ א באָדנ אונטער די פיס, זיכ ערגעצ אײַנצוּוואָרצלענ, כאָטש אינ פּרימיטיווג דאָרפ־לעבנ. דערפונ נעמט זיכ אויכ זײַנ ווייכער ליריזמ, זײַנ פארנעפּלטקײַט, זײַנ טרוימערישקײַט, זײַנ אימפּרעסיאָניזמ, ווי זײַנ ראָמאנטיזמ אונ אידעאליזאציע פונ נאטור־לעבנ אונ פונ דער פארגאנגענהײַט, פונ דער אלטער היימ.

זינט ער איז אָבער די לעצטע יאָרנ ארײַנ אינ דער „פרײַהײַט" אונ אינ דער קאָמפּארטיי, האָט ער זיכ בעעמעס געפונענ. ער האָט געפונענ א באָדנ אינ דעמ אמעריקאנישנ פּראָלעטאריאט, ער האָט זיכ אײַנגעוואָרצלט אינ דעמ רעוואָליוציאָנערנ קלאסנקאמפ. דאָס איז באלד געוואָרנ קענטיק אינ זײַנע לעצטע ווערק, וואָס ער דרוקט אינ דער „פרײַהײַט" אונ אינעמ „האמער". זײַנ וואָרט האָט צוגעקראָגנ מעטאל. זײַנע כאראקטער־העלדנ זײַנענ פעסטע פּערזאָנענ. זײַנע שילדערונגענ זײַנענ מער רעאליסטיש אונ אָטעמענ מיט דער היצ

פון דעם שלאַכטפעלד, פון דעם הייסן קלאַסנקאַמף אין אַמעריקע. ראַבאָי האָט זיך ערשט פאַרמאָסטן צו מאָלן פאַר אונדז ברייטע ליוונטן פון דעם מעכטיק גרויסן אַמעריקאַנישן לאַנד. ניט לאַנג צוריק אין 1933—1934 האָט ער אָנגע־שריבן אַ נייע דראַמע „מיטן פּנים צום שאָפּ“. דער נאָמען אַליין ווייזט אונדז שוין די נייע אָריענטאַציע פון ראַבאָיען.

ראָנטש י. א. געבוירן אין 1899 אין קאָנין, געוו. קאַלישער גובערניע, אין אַ סאָכרישער פאַמיליע. 1913 געקומען קיין אַמעריקע, געאַרבעט בא פאַר־שיידענע מעלאָכעס. געענדיקט גלייכצייטיק אַן ענגלישע אָוונטיקע מיטלשול. אין 1915 דעביוטירט אין „קונדעס“, וווּ געדרוקט אַסאַך לידער. אין 1918 גע־וואָרן שטענדיקער מיטאַרבעטער אין דער בורזשואַזער טעגלעכער צייטונג „יידישע וועלט“. אַכוץ לידער און דערציילונגען, געשריבן אין דער צייטונג אויך אַרטיקלען אָפּ פּאָליטישע טעמעס. אין 1920 אַרויסגעגעבן אַ זאַמלבוך פון יונגע שיקאַגער שרייבער „יוגענד“, און צוזאַמען מיט זיי אין 1922 אויך אַרויסגעגעבן דאָס זאַמלבוך „יונג־שיקאַגאָ“. אין 1924 געקומען קיין ניו־יאָרק. דאָ דערנעענטערט זיך צו דער רעוואָליוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג, פון דאַן אָן באַטייליקט זיך די גאַנצע צייט אין דער קאָמפּרעסע מיט לידער, דערציילונגען און אַרטיקלען וועגן לי־טעראַטור און קולטור־ענינים. מיטגליד פון „פּראָלעטפּען“. אַרויסגעגעבן אין בוכפאָרם: אַ לידער־זאַמלונג „ווינטן“ (1923); אַ בוך לידער „אינדיאַנער זו־מער“ און אַ בוך אימפּרעסיעס און בילדלעך אין פּראָזע „שאָטנס פון ניו־יאָרק“ (1928).

אין זיינע ערשטע יאָרן האָט ער געשריבן הויפּטזאַכלעך פּערזענלעכע לי־ריק און איז געשטאַנען אונטערן איינפלוס פון די „יונגע“. אין זיינע קאַמפּ־לידער פילט זיך שוין דער איינפלוס פון עדעלשטאַט, באָוושאָווער און ווינ־טשעווסקי. זיינע עסקיזן, דערציילונגען און בילדער צייכענען זיך אויס מיט באָאָבאַכטונג־קראַפט און מיט אַ לירישן טאָן. אַ צאָל לידער זיינע איז אריינ־גענומען געוואָרן אין דער מינסקער אַנטאָלאָגיע.

שולמאַן אַב. געבוירן אין 1901 אין אַ שטעטל שקימיאַן, געוו. קאָוונער גוב. פאָטער אַן אָרעמער שוסטער. ביז דרייצן יאָר געלערנט אין כאַדאָרים און יעשיוועס. שפּעטער זיך געלערנט שניידעריי. איבער דער דייטשישער אָקופּאַ־ציע אין 1915 געוואָרן אַ „בעזשעניעץ“, אַרומגעוואָגלט, און אין אָנהייב 1916 אָנגעשפּאַרט אַזש קיין בלאַגאָוועשטשענסק אַפן אַמור. נאָך דער אָקטיאַבער־רע־וואָליוציע געאַרבעט אין אַ נאַציאָנאַליזירטן שוך־וואַרשטאַט. פאַרזוכט שפּעטער די יאַפּאַנישע און אַמעריקאַנישע אינטערווענציעס. קאָלטשאַקס באַנדיטן האָבן דערהאַרגעט אין כאַבאַראָווסק זיין עלטערן ברודער. ער אַנטלויפט קיין כאַרבין, מאַנדזשוריע, פון דאָרטן אין יאָקאָהאַמאַ, יאַפּאַן, און מיט גרויס מי איז ער אָנגעקומען אָנהייב 1920 קיין אַמעריקע. מאַכט דורך אַלע ליידן פון אַ „גרינעם“ און ווערט אַן אַרבעטער פון ווייכן מעבל. געוואָרן טעטיק אין דער קאָמבאַוועג־גונג. געפירט אַ קאַמף קעגן דער רעפאָרמיסטישער אָנפירונג פון זיין יוניאָן, ווערט אַרויסגעשלאָסן, אָוועקגעשטעלט אַפן שוואַרצן צעטל און בלייבט אָן

אַרבעט נאָך ביזן קריזיס. זינט 1926 אָנגעהויבן דרוקן שאַפּ־בילדער און דערציילונגען אין דער „פרייהייט". מיטגליד פונעם „פּראָלעטפּען".

שוואַרץ כאַים. געבוירן אין 1903 אין דעם שטעטל בערעזין (ווייַסרוסלאַנד). פאָטער געווען א באַלעגאָלע. אין 1908 איז דער פאָטער אוועק קיין אַמעריקע. כאַים שוואַרץ איז אין 1924 געקומען קיין אַמעריקע און געוווינט אין סט. לויס ביז 1933, ווען אַריבערגעפאָרן קיין ניו־יאָרק. איז א טאַפּעטן־קלעפּער. אַקטיוו אין דער רעוובאַוועגונג. זיין ערשט ליד געדרוקט געוואָרן אין „יונג־קוזניע". דערנאָך האָט ער זיך געדרוקט אינעם קאַנאַדער „קאַמף", אין דער „פרייהייט" און אינעם „האַמער". אין 1928 אַרויסגעגעבן א בוך לידער „ערשטע בליטן". גרייט זיך אַרויסצוגעבן א נייעם בוך לידער.

שוואַרצמאַן פּרויקע. געבוירן אין אוקראַינע, אין וויניצע (גענויע דאַטע איז מיר ניט באַקאַנט). איז איצט אַלט אַרום 32 יאָר. אין 1921 געקומען קיין אַמעריקע. געאַרבעט אין א שוך־פאַבריק און בא אַנדערע מעלאָכעס. געווען א לערער אין די „שאָלעם־אַליכעם"־קינדער־שולן. זיך געלערנט אין אַמעריקאַנישע הויכשולן. ערשטער סעקרעטאַר פונעם יידישן אַרבעטער־אוניווערסיטעט. אין אָט דעם אַמט איז ער געווען דריי יאָר צייט. דאָרטן אויך געפירט אין יידיש קורסן פון מיירעוו־אייראָפּיישער ליטעראַטור. איצט לערער אין די פּראָלעטאַרישע קינדער־שולן. גלייכצייטיק פאַרענדיקט ער אן אַגריקולטורעלן אַמעריקאַנישן אוניווערסיטעט. מיטגליד פון דער קאָמפּאַרטיי. איינער פון די גרינדער פון דער פּראָלעטאַרישער שרייבער גרופּע „יוניאָן סקווער". מיטגליד פון „פּראָלעטפּען". אין דער „פרייהייט" און „האַמער" געשריבן וועגן ליטעראַטור און קולטור־פּראָגעס.

אָפּגעדרוקט אין דער קאָמפּרעסע און אין די פּעריאָדישע צייטשריפטן אַסאַך דערציילונגען. אין 1926 אַרויסגעגעבן א דראַמע „פלאַקס" וועגן די גילגולים פון אן אינטעליגענט אין דער צייט פונעם בירגערקריג. אָנגעשריבן א גרויסע נאָוועלע „מאַרבלדייל" און אַנדערע גרעסערע נאָוועלעס, וואָס זיינען נאָך ניט אָפּגעדרוקט.

שיפּריס מוישע. געבוירן אין 1897 אינעם דאָרף קיסניצע, געוו. פּאָדאָליער גוב. געוווינט שפּעטער אין בעלץ, בעסאַראַביע. פאָטער געווען א שויכעט. אין 1914 געקומען קיין אַמעריקע. געוואָרן א היטלמאַכער. דעביוטירט מיט א פּאָר סקיצן אין 1917, ווען אַמעריקע איז אַריינגעטראָטן אין דער מילכאָמע, האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אָן יידישן לעגיאָן. זיך געשלעפּט קיין פּאַלעסטינע דורך קאַנאַדע, ענגלאַנד, פראַנקרייך, איטאַליע און עגיפּטן. ווען ער איז אָנגעקומען קיין פּאַלעסטינע, איז שוין דערקלערט געוואָרן וואָפנשטילשטאַנד. צוריקגעקומען פון דער מילכאָמע, אָנגעהויבן דרוקן לידער און דערציילונגען אין פאַרשיידענע צייטונגען און זשורנאַלן. געווען א נאָענטער מיטאַרבעטער, און א געוויסע צייט מיטרעדאַקטער, פונעם זשורנאַל „די פעדער", געדרוקט עטלעכע יאָר יעדע וואָך דערציילונגען אינעם „מאָרגן־זשורנאַל", גלייכצייטיק געאַרבעט אין שאַפּ אַלס א היטלמאַכער און געהאַלטן, אַז „קינסטלער דאַרפן זיך ניט מישן אין פּאָליטיק".

אינ 1927 איבערגעריסנ אינגאנצנ מיט דער בורזשואזער ליטעראטור, זיכ אָנגעהויבנ דרוקנ אויסשליסלעכ אינ דער קאָמפּרעסע, געוואָרנ טעטיק אינ דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג. איצט לערער אינ די פּראָלעטארישע קינדער־שולנ אונ אינעמ יידישנ ארבעטער־אוניווערסיטעט.

אינ בוכ־פאָרמ דערשינענ: „לידער" (1922); „ראכאמא" אונ אנדערע לידער (1925); „נישט געשטויגנ, נישט געפלויגנ" (קינדער מייַסעס, 1928); „ציגל" (דערציילונגענ, 1929); האָט איבערגעזעצט: „קינדער פונ רעוואָליוציע" פונ אנא לויז סטראָנג (די געשיכטע פונ דער דזשאָנ ריד קינדער־קאָלאָניע אינ ראטנפארבאנד); „טוירד דעגריי" פונ עמאנועל לעווינ (וויאזוי מע פּייַניקט ארעסטירטע אינ אמעריקאנישע טורמעס); „דזשאָרדזשיא ניגער" פונ דזשאָנ ל. ספּיוואק (נעגער־אינקוויזיציעס אינ די דאָרעמ־שטאטנ). די אלע איבערזעצונגענ האָבנ זיכ געדרוקט אינ פאָרזעצונגענ אינ דער „פרייַהייַט". ער האָט אויכ אָנגעשריבנ א רייי מאסנשפּילנ אונ איינאקטערס, ווי „האָרעפּאשניקעס" (וועגנ דער יידישער קאָלאָניזאציע אינ ראטנפארבאנד); „פלאקאטנ" (וועגנ די רעוואָליוציאָנערע קאמפנ אינ אמעריקע) אונ אנד. האלט בא פארענדיקנ א ראָמאנ פונ די מילכאָמע־יאָרנ.

צעטל פונ דורכגעלאָזענע

די 77 ביאָ־ביבליאָגראפיעס, וואָס איכ האָב איבערגעגעבנ, שעפּנ נאָכ ווייַט ניט אויס דעמ „פּראָלעטפּענ"־פראָנט אינ אמעריקע. אָפיציעלע מיטגלידער איז אינ „פּראָלעטפּענ" פאראנ אומגעפער אזא צאָל (ארומ 80). אינדערעמעסנ אָבער דארפ מענ צומ צעטל „פּראָלעטפּעניקעס" צורעכענענ נאָכ א גרויסע צאָל בעלעטריסטנ אונ פּובליציסטנ.

איבער פארשיידענע סיבעס האָבנ מיר ניט געקענט שרייַבנ וועגנ אלע אנדערע. וועגנ אסאכ פונ זיי האָב איכ ניט געקענט קריגנ די נייטיקע מאטעריאלנ. איכ האָב אויכ ניט געשריבנ וועגנ א צאָל פּובליציסטנ אונ בעלעטריסטנ, וואָס האָבנ זיכ שפּעטער באזעצט אינ ראטנפארבאנד. דאָס זייַנענ: שאכנע עפּשטיינ, לעאָנ טאלמי, דאָוויד מאניעוויטש, ב. בורגינ אונ י. וואטענבערג. איינִיקע פונ זיי האָבנ, אלס רעדאקטערס אונ מיטארבעטער פונ דער „פרייַהייַט", אלס בעלעטריסטנ אונ קריטיקער, געשפּילט אנ אָנגעזעענע ראָליע אינ דעמ אמעריקאנישנ „פּראָלעטפּענ"־פראָנט. זיי זייַנענ אלע אויכ מיטגלידער פונ דער פּארטיי.

איכ האָב ניט געהאט קיינ מאטעריאל וועגנ דעמ שטענדיקנ מיטארבעטער פונ דער „פרייַהייַט" — סאָל הערצ; איכ האָב אויכ ניט געהאט קיינ מאטעריאל וועגנ די אקטיווע מיטארבעטער פונ דער „פרייַהייַט", די אָנגעזעענע פּארטיי־טוער: י. סולטאנ, ווילִיאמ ווייַנער, אלעקסאנדער ביטעלמאנ, י. בודיש, ה. קאסטרעל, אָדער אזעלכע, ווי לויִס הייַמאנ, בענ גאָלד, י. באָרוכאָוויטש, וואָס באטייליקנ זיכ אָפּט מיט ארטיקלנ אינ דער „פרייַהייַט", ספּעציעל איבער יוניאָנ־פראגעס. ס'איז בא מיר

איך ניט געווען קיין מאַטעריאַל וועגן די „פרײַהײַט"־מיטאַרבעטער ר. זאַלצ־מאַן, נ. שטיינבערג, י. קאַציק, וויליאַם באַום און אַנדערע, וועלכע זײַנען מיטגלידער פון דער פּאַרטיי און אָנגעזעענע טוער אין דער רע־וואָליוציאָנערער באַוועגונג.

צום אַמעריקאַנישן פּראָלעטפּען־פּראָנט קאָן מען אויך צורעכענען דעם זייער באַגאַבטן פּראָלעטאַרישן שריפטשטעלער זיסקינד ליעוו, וואָס האָט געשריבן אַלע זײַנע ווערק דירעקט פאַר דער אַמעריקאַנישער קאָמפּרעסע, ווי אויך דאַוויד בערגעלסאָן, וועלכער איז אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון דער אַמעריקאַנישער קאָמפּרעסע, און נאָך אַ ריי שטענדיקע אויסלענדישע קאָרעספּאָנדענטן פון דער „פרײַהײַט".

„פּראָלעטפּען" אין ציפערן

צום סאָף וועלן מיר אַפּגרונט פונעם געבראַכטן מאַטעריאַל פּרוּוון געבן אין ציפערן אַ „סוואָדקע" פונעם „פּראָלעטפּען".

1. צאָל מיטגלידער — 77. (אַ פולשטענדיקער צעטל פונעם „פּראָלעט־פּען"־פּראָנט וואָלט געציילט באַ 130 נעמען).

2. פון וועלכע לענדער שטאַמען זיי? — 59 פון געוועזענעם רוס־לאַנד (אויסער פּוילן), די מערהײַט פון אוקראַיִנע, 9 פון פּוילן, 6 פון גאַליציע, איינער פון רומעניע, איינער פון בוקאָווינע.

3. צאָל בעלעטריסטן — 63 (אַ טייל פון די בעלעטריסטן זײַנען גלײַכ־צײַטיק פּובליציסטן). אַזעלכע, וואָס מע קען אויך רעכענען פאַר פּראָפעסיאָ־נעלע זשורנאַליסטן, איז פאַראַן אַרום 20. דערצו דאַרף מען צוגעבן נאָך אַ 25 בעלעטריסטן און אַן ענלעכע צאָל פּובליציסטן, וואָס זייערע ביאָגראַפיעס זײַ־נען דאָ ניט געגעבן.

4. סאָציאַלע אָפּשטאַמונג — 33 שטאַמען פון אַרבעטער (מערסטנס שנײַדער און שוסטער), 20 — פון קליינבירגער, 7 — פון גרעסערע סאָחרים און פאַבריקאַנטלעך, 6 פון ראַבאָנים און קלייקוידעש. די סאָצאָפּשטאַמונג פון די אַנדערע איז מיר ניט געלונגען פעסטצושטעלן.

5. סאָציאַלע לאַגע (באַשעפטיקונג פריִער) — 61 זײַנען געווען אַר־בעטער. פון די אַנדערע זײַנען געווען: 6 לערער, עטלעכע פּראָפעסיאָנעלע רעוואָליוציאָנערן, 1 צייג־דאָקטער. באַשעפטיקונג איצטער: — 31 אַרבעטער, 20 לערער, 8 אַרבעטן אויף פאַרשיידענע פּאָסטנס אין דער באַוועגונג, 11 — אַלס פּראָפעסיאָנעלע זשורנאַליסטן, 1 דאָקטער, 1 שוישפּילערן. די באַשעפ־טיקונגען פון די אַנדערע איז מיר אומבאַקאַנט.

6. בילדונגס־שטאַנד (סיסטעמאַטישע שולבילדונג). מיטלשול — 18, הויכ־שול — 20, קונסט־אַקאַדעמיעס — 2, די איבעריקע — אויטאָדידאַקטן.

7. מיטגלידער פון דער קאָמפּאַרטיי — 45 (מיט די דורכגעלאָזטע וואָלט זיך דער פּאַרטייִשער באַשטאַנד פאַרגרעסערט סײַ אַבסאָליוט און סײַ פּראָפּאָרציאָנעל לעגאַבע די אומפּאַרטייִשע).

8. עלטער. ביז 32 יאָר — 25, ביז 36 — 11, ביז 42 — 18, ביז 50 און העכער — 21.

9. וויפל ביכער שוין ארויסגעגעבן און צוגעגרייט צום דרוק? פּראָזע — 85, לידער — 41, דראמעס — 21, איבערגעזעצטע ביכער פון אנדערע שפּראכן — 32 (אכוץ צענדליקער בראָשורעס).

10. וויפל ארויסגעגעבן זיינט דער גרינדונג פונעם „פּראָלעטפּען״? — פּראָזע — 10, לידער — 8, דראמעס — 4. וויפל גרייט צום דרוק? — פּראָזע — 33, לידער — 25, דראמעס — 14.

פארלאג־פּראָבלעם

די לעצטע ציפערן סיגנאליזירן וועגן אן אָנגעוויטעקטער פראגע אינעם „פּראָלעטפּען״ — דאָס איז דער פארלאג־וועזן. ס'פעלט קימאט אינגאנצן א פארלאג, וואָס זאָל ארויסגעבן בעלעטריסטישע ווערק. דער „פּרייהייט״־פארלאג איז זייער באגרענעצט לויט זיינע פינאנציעלע מעגלעכקייטן, ער גיט זעלטן ארויס א בעלעטריסטיש בוך, סיידן פון גאָר א בארימטן שרייבער, וועגן מע ווייסט פון פריער, אז דאָס בוך וועט זיך שנעל פארקויפן, און מע וועט צו דעם ניט צולייגן. און דער פארלאג פון דעם אינטערנאציאָנאלן ארבעטער־אָרדן גיט ארויס בלויז טעקסט־ביכער, כרעסטאָמאטיעס, אנטאָלאָגיעס און פּאָליטיש־געזעלשאפטלעכע ווערק.

דערפון נעמט זיך אזא פאקט, וואָס זינט דער „פּראָלעטפּען״ עקזיסטירט האָט מען ארויסגעגעבן סאכאקל א וואָסערע 20 ביכער, בעת די שרייבער האָבן גרייט צום דרוק העכער 70 ביכער. די שרייבער קומט אויס אליין ארויסצוגעבן זייערע ביכער. דאָס איז פארבונדן מיט גרויסע הוצאָעס, און זייער ווייניק שרייבער האָבן די נייטיקע פינאנציעלע מיטלען דערצו.

און זאָל מען דערפון ניט מאכן דעם אויספיר, אז די שרייבער, וואָס האָבן אָפּגעדרוקט מער ביכער, שטייען העכער פון די אנדערע, וואָס האָבן ווייניקער געדרוקט, אז מע האָט זיי דערפאר אָפּגעגעבן דעם פאָרצוג. אָפט איז דאָס אָפּדרוקן א ביכל ניט מער ווי א רעזולטאט פון פערזענלעכער איניציאַטיוו און אקשאָנעסדיקייט מיצאד די שרייבער אָדער זייערע נאָענטע פריינט, און דאָס באווייזט בעשומויפן ניט, אז אפ די ווערק איז דאָ א גרעסערער נאָכפרעג באם ארבעטער־לייענער, אָדער אז זיי זיינען בעסערע ווערק. דער מאנגל אין א פארלאג טאָרמאָזירט די אנטוויקלונג פון דער פּראָלעטארישער ליטעראטור אין אמעריקע. דער „פּראָלעטפּען״ וועט דארפן אָנעמען ערנסטע מיטלען צו לייזן די פארלאג־פּראָבלעם.

קיעוו, יאנואר — סענטיאבער, 1933 י.

אינהאלט

זײַט

I. אפּנהעג צום „פּראָלעטפּען" 7

די ייִדישע בורזשואזע פּרעסע אין אמעריקע 12

„די פֿרײַהײַט" — „מאָרגן־פֿרײַהײַט" 18

דער „יונגער ארבעטער־שרײַבער־פֿאַריין" 28

דער זשורנאַל „יונג־קוזניע" 32

דער זשורנאַל „יוגנט" 46

די פּראָלעטאַרישע שרײַבער־גרופּע „יוניאָן סקווער" 53

דער „פֿרײַהײַט"־שרײַבער־פֿאַריין 66

II. דער פֿאַרבאַנד פֿון פּראָלעטאַרישע שרײַבער אין אמעריקע

„פּראָלעטפּען" 79

לייוויק־אַרע 105

זאַמלבוך „יוניאָן סקווער" 153

דעקלאַראַציע פֿון „פּראָלעטפּען" 169

„דער סיגנאַל" 184

III. ביאָ־ביבליאָגראַפֿיע פֿון די „פּראָלעטפּען"־מיטגלידער 193